STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09529

TOGBUKH FUN A MEYDL

Anne Frank

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנא פראַנק
טאָגבוך פון אַ מיידל

פון דער פאָרשטעלונג „אַנאַ פראַנק"
אין יוסף בולאָף'ס יידישן טעאַטער אין ישראל

אנא פראנק

טאגבוך פון א מיידל

14 יוני 1942 — 1 אויגוסט 1944

פֿאַרלאַג „מנורה" תל־אביב

תשי"ח — 1958

יידיש: יהושע שילוני (שלייען)

ANNE FRANK
The Diary of a Young Girl
First published in 1947 in Holland, by Contact, Amsterdam, under the title 'Het Achterhuis', and published in English by Constellation Books, London.

Printed in Israel

אַלע רעכט געזיכערט
פאַרן ביכער פאַרלאַג „מנורה" (מ. זאַנשיין)
תל־אביב, תשי״ח.

דפוס „א ר ז י", ת״א־יפו. טלפ. 83331

איך האָף אַז איך קאָן פאַר דיר עפענען
מיין גאַנץ האַרץ, — אַזוי ווי איך האָב
נאָך פאַר קיינעם נישט געעפנט. איך
פאַרהאָף, אַז דו וועסט מיר זיין אַ
אָנלען און אַ שטיצע.

12 יוני 1942 — אַנאַ פראַנק

דער טאָג־בוך

זונטיק, 14 יוני 1942

פרייטיק, דעם 12 יוני האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף שוין אַרום 6 אין דערפרי; און ס'איז נישט קיין וווּנדער — עס איז געווען מיין געבורטסטאג. אָבער 6 אַ זייגער טאָר איך נאָכנישט אויפשטיין, בין איך דעריבער געווען געצוווּנגען איינצוהאַלטן מיין נייגיריקייט ביז אַ פערטל פאַר זיבן. מער האָב איך נישט געקענט. כ'בין אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער, דאָרט האָט מיך באַגעגנט מאַרטיע (די קאַץ) מיט אַ פריינטלעך געזיכט. עטלעכע מינוט נאָך זיבן בין איך געגאַנגען צו מיינע עלטערן און דאַן אינם וווין־צימער כדי אויפצוּוויקלען די מתנות וואָס איך האָב באַקומען. דיך האָב איך דערזען פאַר אַלץ, ביסט געווען פאַר מיר טייערער ווי אַלע מיינע מתנות. אויף מיין טיש האָב איך געפונען אַ בינטל רויזן, צוויי צווייגלעך רויטע בלומען און אַ וואַזאָן; נאָך אַנדערע בלומען זענען אָנגעקומען אין משך פון טאָג. פון מיין טאַטן און מאַמען האָב איך באַקומען זער פול, אויך אַ סך באַקאַנטע אונזערע האָבן מיך געצערטעלט. כ'האָב אויך באַקומען, צווישן אַנדערן די „קאַמערא אובסקורא" *, אַ געזעלשאַפטס־שפּיל, פּול זיסיקייטן, שאָקאָלאַד, אַ ווערטער־רעטעניש, אַ שפּילקע, „האָלענדישע לעגענדעס און דער־ציילונגען" פון יאָזעף קאַהאַן, „דייזיס אורלויב אין די בערג", אַ פּרעכטיק בוך, און אַביסל געלט. איצט וועל איך מיר קענען קויפן „די לעגענדעס פון גריכנלאַנד און רוים". וווּנדערבאַר!

נאָכהער איז געקומען ליס מיך נעמען אין שול אַריין. בעת דער פּויזע, האָב איך מכבד געווען די לערער און שילער מיט פּוטער־קיכלעך און דערנאָך האָבן מיר געדאַרפט זיך אומקערן צו דער אַרבעט.

---

* דאָס בוך פון ניקאָלאַס בייטס, איינער פון די גרעסטע האָלענדישע שריפטשטעלער פון נײַנצענטן יאָרהונדערט.

איצט מוז איך ענדיקן. זיי געזונט! ווונדערלעך ביסטו אין מײַנע אויגן!

מאָנטיק, 15 יוני 1942

זונטיק נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען מײַן געבורטס־טאָג־פּײַערונג. מיר האָבן געזען אַ פילם „דער וועכטער פון לײַכט־טורעם" מיט רין־טין־טין, וואָס איז זייער שטאַרק געפעלן מײַנע קלאַס־חברים. מיר האָבן הנאה געהאַט און ס'איז געווען פײַן. געווען פיל ייִנגלעך און מיידלעך. די מוטער דערקוטשעט מיט פּראַגעס, מיט וועמען וועל איך וועלן חתונה האָבן ווען איך וועל זײַן שוין אַ דערוואַקסענע. זי שטעלט זיך גאָר נישט פאָר, אַז דער פעטער וועסל איז דער אויסדערוויילטער פון מײַן האַרץ, ווײַל זײַנערצײַט האָב איך דאָס פאַרלייקענט, אָן אַ פּינטל פון אויג אפילו. שוין יאָרן בין איך באַפרײַנדעט מיט ליס כאַסענס און סאַנע האָוטמאַן. זיי זענען געווען מײַנע בעסטע פרײַנדינס. אָבער אינצווישן האָב איך זיך באַקענט מיט אופּי דע־וואָל אין דער ייִדישער מיטל־שול. מיר פאַרברענגען פיל צײַט צוזאַמען און זי איז איצט מײַן בעסטע פרײַנדין. ליס פאַרברענגט איצט פיל אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַנדער מיידל און סאַנע באַזוכט אַן אַנדער שול, זי האָט דאָרט אירע פרײַנדינס.

שבת, 20 יוני 1942

עטלעכע טעג האָב איך נישט געשריבן, ווײַל כ'האָב געוואָלט נאָך גוט דורכטראַכטן דעם גאַנצן ענין פון שרײַבן אַ טאָג־בוך. פאַר אַ מיידעלע ווי איך איז אַ מאָדנע איבער־לעבונג צו שרײַבן אַ טאָג־בוך. נישט בלויז צוליב דעם וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געשריבן, נאָר ווײַל איך האָב געקלערט, אַז שפּעטער וועלן סיי איך און סיי עמיצער אַנדערש ניט האָבן קיין אינטערעס פאַר די פאַרצייכענונגען פון אַ דרײַצניעריק שול־מיידל. אָבער דאָס איז אייגנטלעך נישט וויכטיק. איך האָב חשק צו שרײַבן, און מער נאָך — זיך אויסצורײדן פון האַרצן וועגן פאַרשידענע זאַכן, ברייט און גרונטלעך.

„דאָס פּאַפּיר איז געדולדיקער ווי דער מענטש". אין אָט דעם ווערטל האָב איך מיך דערמאָנט אין איינעם אַ טאָג, זיצנדיק פּאַרזונקען אין אַ לייכטער פּאַרטרויערטקייט, דעם קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף דער האַנט — און זיך געלאַנגווייליקט, נישט גע־ווּסט, צי זאָל איך אַרויסגיין אָדער בלייבן אין שטוב (דער סוף איז געווען אַז כ׳בין געבליבן זיצן אויף מיין פּלאַץ, פּאַרזונקען אין אומעטיקע מחשבות). באמת, דאָס פּאַפּיר איז געדולדיק; און ווייל כ׳האָב נישט בדעה איבערצוגעבן דעם אין קאַרטאָן איינ־געהילטן העפט, וואָס טראָגט דעם הויכן נאָמען „טאָג־בוך", עמיצן אין דער וועלט אין די הענט אַריין, סיידן עס וועט קומען אַ טאָג און איך וועל האָבן אַן אמתן פריינט אָדער פריינדין — אויב אַזוי, קען דאָך אייגענטלעך די זאַך קיינעם נישט אָנגיין. און אַזויאַרום בין איך דערגאַנגען צום שמערצלעכן פּונקט, צו דער אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך דער גאַנצער ענין טאָג־בוך; כ׳האָב נישט קיין פריינדין.

דאָס דאַרף אויפגעקלערט ווערן — ווייל קיין מענטש אויף דער וועלט וועט נישט גלויבן, אַז אַ דרייצניעריק מיידל פילט זיך איינזאַם אויף דער וועלט; און ס׳איז טאַקע נישט ריכטיק; כ׳האָב טייערע עלטערן און אַ זעכצניעריקע שוועסטער, כ׳האָב בסך־הכול אַרום דרייסיק באַקאַנטע און פריינדינס, אָדער אַזעלכע וואָס מען רופט פריינדינס, — און כ׳האָב אַ סך פּאַרערער וואָס האָבן אינטערעס פאַר מיר, און אויב זיי האָבן אין שול־קלאַס, קיין אנדער ברירה נישט, זיצן זיי און קוקן אין אַ שטיקל שפּיגל־גלאָז, אבי מיך צו זען. כ׳האָב קרובים, ליבע מומעס און פעטערס, און אַ גוטע היים. עס פעלט מיר, אייגנטלעך, גאָרנישט — אַ חוץ אַן אמת׳ע פריינדין.

אַלע מיינע באַקאַנטע זענען זייער ווויל צום אונטערהאַלטן זיך מיט זיי און פאַרברענגען די צייט, אָבער כ׳קען בלויז שמועסן מיט זיי וועגן נישט וויכטיקע ענינים. אביסל מער זיך דער־נענטערן צו זיי, אויפעפענען דאָס האַרץ — דאָס קען איך נישט, און דאָס איז טאַקע די צרה, אפשר פעלט מיר די פעיקייט צו דערוועקן צוטרוי; יעדנפאַלס, אַזאַ איז די ווירקלעכקייט און ס׳איז מיר אוממעגלעך זי צו ענדערן.

פון דאַנען שטאַמט — דער טאָג־בוך. און כּדי צו שטאַרקן אין מיין פאַנטאַזיע די אידייע פון אַ פריינדין נאָך וועלכער איך טו לעכצן שוין אַזאַ לאַנגע צייט, האָב איך באַשלאָסן זיך נישט צו באַגנוגנען מיט פאַרצייכענען די פאַקטן און פאַסירונגען, ווי ס׳טוט יעדער מענטש. כ׳וויל אַז אָט דער טאָג־בוך זאָל זיין פאַר מיר די פריינדין; איך וועל זי רופן קיטי.

קיינער וועט נישט פאַרשטיין קיין וואָרט פון דעם וואָס כ׳וועל דערציילן קיטין, אויב כ׳וועל צוגיין גלייך, צום ענין. דאַרף איך דעריבער געבן אַן אַריינפיר און דערציילן בקיצור די געשיכטע פון מיין לעבן, הגם איך טו עס אָן גרויסן חשק.

מיין פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט מוטער אַלט־זייענדיק זעקס און דרייסיק יאָר, די מוטער איז אַלט געווען 25 יאָר. מיין שוועסטער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1926 אין פראַנקפורט אַם מיין און איך בין געבוירן געוואָרן דעם 12 יוני 1929. ווייל מיר זענען יידן, האָבן מיר עמיגרירט אין יאָר 1933 קיין האָלאַנד, און מיין פאָטער האָט באַקומען די שטעלע פון אַ דירעקטאָר אין דער אַקציעס־געזעלשאַפט „טראַוויס". אָט די געזעלשאַפט איז ענג פאַר־בונדן מיט דער געזעלשאַפט „קילען און שותפים", וואָס געפינט זיך אינעם זעלבן בנין, ווי אויך מיין פאָטער איז אַ שותף אין איר.

כ׳האָב געהאַט אויך גענוג שרעק אין מיין לעבן, ווייל אונזערע קרובים וואָס זענען געבליבן אין דייטשלאַנד האָבן געליטן פון היטלערס אַנטי־יידישע געזעצן. אין יאָר 1938 זענען צוויי ברידער פון מיין מוטער אַנטלאָפן, נאָך די פּאָגראָמען אין דייטש־לאַנד און אָנגעקומען בשלום אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיין אַלטע באָבע איז געקומען צו אונז, אַלט זייענדיק 73 יאָר. נאָך מאַי 1940 זענען אַוועק די גוטע צייטן; צוערשט איז געקומען די מלחמה, נאָכדעם די קאַפּיטולאַציע, דאַן די דייטשע אָקופּאַציע און די רדיפות קעגן יידן. איינער נאָכן אַנדערן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די אַנטי־יידישע געזעצן. יידן מוזן טראָגן דעם מגן־דוד־צייכן. יידן מוזן איבערגעבן דער מאַכט זייערע פאָר־רעדער (ראָווערן). יידן איז פאַרבאָטן צו פאָרן אין טראַמווייען און אין אויטאָבוסן. יידן טאָרן נישט איינקויפן נאָר בלויז צווישן די שעהן פון דריי ביז פינף, און נאָר אין יידישע געוועלבער

וואָס טראָגן די אויפשריפט „יידיש געשעפט־הויז". יידן טאָרן נישט זיך באַווייזן אין די גאַס נאָך אַכט אין אָוונט, נישט זיצן אין זייער אייגענעם גאָרטן, אויך נישט אינם גאָרטן פון זייערס אַ שכן. ס'איז פאַרבאָטן פאַר יידן צו באַזוכן טעאַטער, קינאָ און אַנדערע פאַרוויילונגס־פּלעצער. יידן איז נישט דערלויבט זיך צו פאַרנעמען עפנטלעך מיט ספּאָרט, קומען אין שווים באַסיינען, טעניס־פּלעצער, האָקיי־פעלדער אָדער אַנדערע ספּאָרט־פּלעצער. ס'איז נישט דערלויבט קיין יידן צו באַזוכן הייזער פון קריסטן. יידן מעגן לערנען בלויז אין יידישע שולן. און נאָך ענלעכע באַגרענצונגען.

אַזוי איז אונזער לעבן פול געוואָרן מיט פאַרבאָטן — דאָס טאָרן מיר נישט טון און יענץ קענען מיר נישט טון. יאָפּי פלעגט מיר שטענדיק זאָגן: „כ'האָב שוין מורא עפּעס וואָס צו טון, טאָמער איז עס פאַרבאָטן". מ'האָט, אַלזאָ, זייער און זייער שטאַרק באַגרענעצט אונזער פרייהייט; אָבער מ'האָט נאָך, ווי עס איז, געקענט דערטראָגן די לאַגע.

די גרויס־מוטער איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1942. קיין מענטש ווייסט נישט, וויפיל איך טראַכט וועגן איר און ווי שטאַרק איך האָב זי ליב נאָך איצט.

נאָך אין יאָר 1934 בין איך געגאַנגען אין קינדערגאָרטן פון דער מאָנטעסורי שול, און נאָכדעם ווייטער געלערנט אין דער דאָזיקער שול. אין דער זעקסטער קלאַס (ב) האָב איך געלערנט ביי דער שול־לייטערין פרוי ק. ביים ענדע פון שול־יאָר בין איך געקומען זיך מיט איר געזעגענען און מיר האָבן ביידע געוויינט. אין יאָר 1941 האָט מען מיך אַריבערגעפירט, אינאיינעם מיט מיין שוועסטער מארגאָט, אין דער יידישער מיטל־שול; זי אין דער פירטער קלאַס און איך אין דער ערשטער קלאַס.

אין אונזער משפחה זענען מיר פיר נפשות, אונער לאַגע איז נאָך, ווי עס איז, דערטרעגלעך; און אַזוי קום איך ביזן היינטיקן טאָג.

שבת, 20 יוני 1942

טייערע קיטי.

אַט הויב איך אָן. אין אַן אַנגענעמע שטילקייט. דער פּאַטער און די מוטער זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, אויך מאַרגאָט איז אַוועק מיט אייניקע פריינט שפּילן פּינג־פּאָנג ביי אַ חברטע.

אויך איך שפּיל די לעצטע צייט זער פיל פּינג־פּאָנג. צוליב דעם וואָס פּינג־פּאָנג שפּילער האָבן ליב אייז־קרעם, באַזונדערס זומער, און דער פּינג־פּאָנג דערוואַרעמט שטאַרק, ענדיקט זיך די שפּיל געוויינלעך מיט אַ באַזוך אין דעם נאָענטן אייז־קרעם געוועלב, פון די וואָס די יידן איז דערלויבט אין זיי איינצוקויפן: „דעלפי" אָדער „אאזא". מיר קוקן שוין נישט מער צו האָבן גענוג געלט אין קעשענע; אין „אאזאַ" געפינען זיך געוויינלעך פול מענטשן, שטענדיק קען מען צווישן זיי אויפזוכן אַ גוט־האַרציקן מאַן פון אונזער גרויסן באַקאַנטן־קרייז, אָדער אַ פּאַר־ערער, און די טראַקטירן אונז מיט מער אייז־קרעם, וויפיל מיר זענען אומשטאַנד אויפצועסן אין אַ וואָך צייט.

ועסט זיך אודאי וווּנדערן וואָס כ׳רעד וועגן פּאַרערער, הגם כ׳בין דאָך אַזוי יונג. אָבער דאַכט זיך מיר, אַז אין אונזער שול איז אוממעגלעך פּטור צו ווערן פון אָט דער צרה. ווען אַ יונגל פרעגט מיך צי מעג ער מיך באַגלייטן אַ היים אויף זיין פאַר־ראַד (ראָווער), און דערביי גייט ער אַריין אין אַ שמועס בין איך זיכער — אין ניין פאַלן פון צען — אַז דער יונגער מענטש איז איינער פון די, וואָס האָט די באַלעסטיקנדיקע געוווינהייט זיך אָנצעצינדן מיט אַ פלאַמיקע ליבע פונם ערשטן בליק, און שוין נישט מער אַראָפּ־נעעמען קיין אויג פון מיר. נאָך אַ געוויסער צייט לעשט זיך אויס דער פלאַם־פייער פון זיך אַליין, באַזונדערס צוליב דעם וואָס איך לייג נישט קיין אכט אויף זיינע הייסע בליקן: איך פאָר מיר מיין וועג און דריי מיט די פּעדאַלן, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. און אויב זיי גייען אַביסל צו ווייט, הויבן אָן צו פּלוידערן וועגן „שמועסן מיטן פּאַטער", דריי איך פּלוצלונג אויס דאָס פאַר־ראַד, עס פאַלט אַראָפּ מיין שול־טעקע, און אָט דער יונגערמאַן מוז, פאַרשטייט זיך, צוליב דרך ארץ, אַראָפּ פון זיין פאַר־ראַד און אויפ־

הויבן מיין שול־טעקע. און ביז ער דערלאַנגט זי מיר אין האַנט אַריין, רייד איך שוין אויף אַן אַנדער טעמע.

די זענען די נאַיווערע צווישן זיי. ס'איז אָבער פאַראַן אַזעלכע וואָס שיקן מיר קושן פונדערווייטנס אָדער פּרובירן מיך אָנכאַפּן ביים אָרעם, אַט די גיב איך צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן במחילה, אַ טעות געהאַט. איך גיי אַראָפּ פון מיין פאַר־ראַד און דערקלער, אַז איך בין מוותר אויף זייער געזעלשאַפט. אָדער איך מאַך אַן אָנשטעל אַז איך בין באַליידיקט, און זאָג זיי אויסדריקלעך, אַז זיי קאָנען זיך גיין.

אַט אַזוי האָב איך געלייגט דעם יסוד פאַר אונזער פריינד־שאַפט, ביז מאָרגן!

דיין, אַ נ אַ

זונטיק, 21 יוני 1942

די גאַנצע ערשטע קלאַס (ב) ציטערט; די סיבה — בקרוב דאַרף פאָרקומען אַ לערער־פאַרזאַמלונג. אַ האַלבע קלאַס גייט אין געוועט, ווער ס'וועט בלייבן און ווער ס'וועט אריבער. מיפּ דע־יונג און איך האָבן גרויס הנאה פון אונזערע צוויי שכנים וואָס זיצן הינטער אונז, ווים און זשאַק. דאָס גאַנצע פעריען־געלט זייערס האָבן זיי אריינגעלייגט אין די געוועטן. „גייסט אריבער", „נישט אמת", „יאָ אמת" — פון אינדערפרי ביזן אָוונט. אפילו די בעטנדיקע בליקן פון מיפּ און מיינע כעס־אויסברוכן קאָנען זיי נישט ברענגען צום שווייגן.

ווען מען זאָל מיך פרעגן, וואָלט איך געזאָגט אַז אַ פערטל בערך פון אַלע שילער פון מיין קלאַס דאַרפן בלייבן; אַזעלכע נאַראָנים איז דאָ צווישן זיי. אָבער די לערער זענען די גרעסטע קאַפּריר־טוערס אויף דער וועלט, און אפשר וועלן זיי דאָס מאָל טוען קאַפּריר צום גוטן און זיך נישט האַלטן אין דער שטרענגער ליניע פון מידת־הדין.

כ'בין נישט אַזוי שטאַרק באַזאָרגט וועגן מיינע חברטעס און וועגן מיר; מיר וועלן ווי ס'איז אַריבער. בלויז אין חשבון בין איך נישט אַזוי זיכער. מילא, מירן לעבן וועלן מיר זען. דער־ווייל גיבן מיר צו מוט איינע דער אַנדערער.

בכלל גיב איך מיר אַן עצה מיט די לערער און לערערינס. זייער צאָל איז 9 — זיבן לערער און צוויי לערערינס. הער קעפּלער, דער אַלטער אַלגעברא־לערער, איז אַ געוויסע צייט געווען בייז אויף מיר, ווייל איך פּלוידער צופיל. ער האָט אָנגעשריגן אויף מיר עטלעכע מאָל, ביז ער האָט מיר ענדלעך געגעבן אַ שטראָף — צו שרייבן אַ חיבור אויף די טעמע: „די פּלאַפּלערין". אַ פּלאַפּלערין! — וואָס קען מען דען שרייבן וועגן דעם? — אָבער, ס'איז נאָך דאָ גענוג צייט צו זאָרגן דערפאַר. כ'האָב דאָס פאַרצייכנט אין שול־טאָג־בוך, אים אַריינגעלייגט אין מיין שול־טעקע און זיך באַמיט אויפצופירן שטיל און רואיק.

אין אָוונט, ווען כ'האָב געענדיקט מאַכן די אויפגאַבן איז מיין בליק געפאַלן אויף דער נאָטיץ וועגן חיבור.

כ'האָב געביסן דאָס הענטל פון מיין פילפעדער און נאָכגעטראַכט וועגן דער טעמע. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער קען שרייבן סתם נאַרישקייטן, איבערלאָזן גרויסע בלויזן צווישן איין וואָרט און צווייטן. די קונץ באַשטייט אָבער אין דעם, ווי אויסצוגעפינען איבערצייגנדיקע אַרגומענטן פאַר דעם, אַז דאָס ריידן איז אַ נויטווענדיקייט. כ'האָב געקלערט און נאָכגעטראַכט און פּלוצים איז געקומען דער געדאַנק. כ'האָב באַלד אויסגעפילט די דריי זייטלעך פון דער אויפגאַבע און בין געווען צופרידן. מיינע אַרגומענטן זענען געווען אַז דאָס ריידן איז אַ ווייבערישער כאַראַקטער־שטריך, און אַז כ'בין גרייט צו מאַכן אַן אָנשטרענג און אַביסל מיך צוימען, אָבער קיינמאָל וועט זיך מיר נישט איינגעבן זיך אָפּצוגעוויינען פון ריידן, ווייל מיין מוטער רעדט אויך אַ סך, פונקט ווי איך, אפשר נאָך מער, און אַ כאַראַקטער־שטריך וואָס קומט בירושה קען מען נישט אויסוואָרצלען.

הער קעפּלער איז זייער צופרידן געווען פון די אַרגומענטן וואָס כ'האָב געבראַכט אין מיין חיבור, אָבער ווען כ'האָב נישט אויפגעהערט צו פּלוידערן אויך בעת דער ווייטערדיקער לעקציע האָט ער געפאָדערט איך זאָל אָנשרייבן אַ צווייטן חיבור. דאָס מאָל איז די טעמא געווען: „אַן אומפאַרבעסערלעכע פּלאַפּלערין". אויך דאָס דאָזיקע ווערק האָב איך ריכטיק אויסגעמייסטערט; און אין משך פון צוויי לעקציעס האָט קעפּלער נישט געהאַט קיין גרונט

זיך צו באַקלאָגן אויף מיר. אויף דער דריטער לעקציע איז ער ווידער אַרויס פון די כלים. „אַנאַ, וועסט שרייבן אַלס שטראָף פאַר דער פּלוידעריי — אַ חיבור אויף די טעמע: „קוואַ, קוואַ, קוואַ, האָט געזאָגט מאַדאַם קאַטשקע״. די גאַנצע קלאַס האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי מיטצולאַכן מיט אַלע איבריקע אין דער קלאַס, הגם איך האָב שוין נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן אויף דער טעמע פון פּלוידעריי: כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי אויסצוקלערן עפּעס נייעס, זער אָריגינעלס. דער צופאַל איז מיר געקומען צו הילף. מיין פריינדין סאַנע, אַ גוטע דיכטערין, האָט פאַרגעשלאָגן צו פאַרפאַסן פאַר מיר אַ חיבור אין פערזן, פון אָנהויב ביז צום סוף. כ׳האָב מיך זייער געפרייט. קעפּלער האָט געוואָלט מיך אויף חוזק אויסשטעלן מיט די נאַרישע טעמע, האָב איך דעריבער באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין אים מיט דעם דאָזיקן ליד און אים מאַכן צו לייטיש געלעכטער.

דאָס ליד איז געווען וווּנדערבאַר. ס׳האָט דערציילט וועגן מוטער קאַטשקע און פאָטער שוואַן און דריי קליינע קאַטשקעלעך וואָס האָבן אַזוי פיל גערעדט, ביז דער פאָטער האָט זיי צעביסן און זיי דערהרגעט. קעפּלער האָט פאַרשטאַנען דעם שפּאַס, האָט פאַרגעלייענט דאָס ליד הויך פאַר דער גאַנצער קלאַס, און האָט נאָך צוגעגעבן אויפקלערונגען. שפּעטער האָט ער דאָס געטון אויך אין עטלעכע אַנדערע קלאַסן.

זייט דעמאָלט מעג איך פּלוידערן און קעפּלער באַשטראָפט מיך נישט. פאַרקערט, ער שפּאַסט איבער מיין פּלוידעריי.

דיין, אַ נ אַ

מיטוואָך, 24 יוני 1942

טייערע קיטי,

מ׳קען שטאַרבן פאַר היץ. אַלע האַלטן אין איין שוויצן. און אין דער דאָזיקער היץ מוז איך גיין אומעטום צופוס. ערשט איצט פאַרשטיי איך די וויכטיקייט פון אַ אויטאָבוס, באַזונדערס פון אַן אָפענעם וואַגאָן. אָבער אָט דער תענוג עקזיסטירט שוין נישט

מער פאַר יידן — מיר מוזן גיין צופוס. נעכטן, בעת דער מיטאָג־פויזע, האָב איך באַדאַרפט צוגיין צו יאַן לויקענסטראַט, דעם ציין־דאָקטאָר. פון דער שולע אין סטאַדסטימערטויגען. ביז אַהין איז דער וועג אַ וויטער. נאָכמיטאָג בין איך שיער נישט איינגעדרימלט געוואָרן בעת דער לעקציע. ס'איז גוט וואָס מענטשן ווייזן אַרויס פאַרשטענדניש און גיבן דיר עפּעס צו טרינקען — די קראַנקן־שוועסטער ביים ציין־דאָקטאָר איז באמת געווען אַ גוטע פרוי.

דאָס איינציקע פאַרקער־מיטל מיט וועלכן די יידן מעגן זיך נאָך באַנוצן איז דאָס פּראָם־שיפל. עס איז פאַראַן אַ קליין שיפל וואָס קורסירט איבער דער יוסף איזראעלס'קאַדע. ווען מיר האָבן געפרעגט דעם שיפער, צי ער איז גרייט אונז אַריבערצופירן, האָט ער תיכף מסכים געווען. באמת, עס איז נישט די שולד פון די האָלענדער, וואָס דער גורל פון די יידן איז אַזאַ שווערער.

הלוואי וואָלט איך נישט באַדאַרפט גיין אין דער שולע. אין די פּסח־פעריען האָט מען אַוועקגעגעבעט מיין פאָר־ראַד; דעם פאָר־ראַד פון דער מוטער האָט דער פאָטער געגעבן אויסצובאַהאַלטן ביי קריסטן. עס איז גוט, וואָס די גרויסע פעריען זענען שוין נאָענט; אין אַ וואָך אַרום וועל איך אויסגעליזט ווערן פון מיינעליידן.

נעכטן האָט פּאַסירט אַ פיינע זאַך. איך בין פאַרבייגעגאַנגען די פאָר־רעדער שטעלע און פלוצים דערהערט ווי איינער רופט מיך ביים נאָמען. כ'האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען אַ שיינעם בחור, וועמען כ'האָב געזען אַנומלט אין אָוונט ביי מיין חברטע עווא. ער האָט זיך דערנענטערט, אַביסל שעמעוודיק, און זיך פאָרגעשטעלט. ער הייסט האַרי גאָלדבערג. כ'בין געווען אַביסל איבעראַשט, און נישט געוווסט וואָס אַזוינס פאַרלאַנגט ער. אָבער די זאַך איז באַלד אויפגעקלערט געוואָרן. האַרי וויל מיך באַגלייטן אין שולע אַריין. „אויב דו דאַרפסט סיווי גיין דעם זעלבן וועג, וועלן מיר גיין צוזאַמען" — האָב איך געענטפערט און מיר זענען געגאַנגען ביידע. האַרי איז שוין אַ זעכצניעריקער און קען דערציילן שפּאַסיקע זאַכן וועגן פאַר־שידענע ענינים. אויך היינט אינדערפרי האָט ער געוואַרט אויף מיר, און איך נעם אָן, אַז אויך להבא וועט אַזוי זיין.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 30 יוני 1942

טייערע קיטי,

ביז היינט האָב איך באמת נישט געהאַט קיין צייט דיר צו שרייבן. דאָנערשטיק נאָכמיטאָג זענען מיר געווען ביי באַקאַנטע. פרייטיק נאָכמיטאָג האָבן מיר געהאַט געסט און אַזוי האָבן די שטערונגען געדויערט ביז היינט. די וואָך האָב איך מיך נענטער באַקאַנט מיט האַרין, און ער האָט מיר דערציילט פיל וועגן זיין לעבן; ער איז געקומען קיין האָלאַנד אָן זיינע עלטערן און ער וווינט ביי זיין זיידן און באָבען. זיינע עלטערן זענען אין בעלגיע.

האַרי האָט געהאַט אַ מיידל, פאַני. איך קען זי ווי אַ צעקראַכענע און לאַנגווייליקע. פון דעם טאָג אָן זינט ער האָט זיך באַקענט מיט מיר, האָט האַרי ענטדעקט אַז ער דרימלט איין אין דער געזעלשאַפט פון פאַנין. דין איך אים, הייסט עס, פאַר אַ מיטל קעגן שלאָף. באמת, קיינמאָל קען אַ מענטש נישט וויסן צו וואָס ער קאָן אַלץ נוצן.

שבת־צו־נאַכטס האָט יאָפּי גענעכטיקט ביי אונז, אָבער זונטיק נאָכמיטאַג איז זי אַוועק צו ליס, און איך האָב מיך שרעקלעך געלאַנגווייליקט. האַרי האָט געזאָלט קומען אין אָוונט צו מיר, אָבער פאַר זעקס האָט ער טעלעפאָנירט צו אונז. כ׳בין צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און ער האָט געזאָגט: „דאָס איז האַרי גאָלדבערג, קען מען ריידן מיט אַנאַ?"

„יאָ, האַרי, אַנאַ רעדט".

„גוטן אָוונט", אַנאַ וואָס מאַכסטו?"

„גוט, א דאַנק".

„איך מוז דיר זאָגן, צום באַדויערן, אַז כ׳וועל נישט קאָנען קומען היינט אין אָוונט צו דיר, איך וויל אָבער עפּעס ריידן מיט דיר. מעג איך קומען אין אַ צען מינוט אַרום?"

„יאָ, גוט, אויף ווידערזען!!!"

„אויף ווידערזען, איך קום באַלד".

כ׳האָב אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

כ׳האָב שנעל איבערגעביטן דאָס קליידל און אַביסל אין אָרדענונג געמאַכט די האָר. נאָכהער בין איך געשטאַנען ביים פענצטער און געווען זייער נערוועז. ענדלעך איז ער געקומען. וווּנדערבאַר! אָבער איך האָב נישט אַראָפּגעלאָפן פון אַלע

טרעפּ — כ׳האָב געוואַרט רואיק ביז ער האָט אָנגעקלונגען. כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען, און ער איז גלייך צוגעטרעטן צום ענין.

„קוק, אַנאַ, מיין באָבע זאָגט, אַז דו ביסט צו יונג, כ׳זאָל קענען גיין שפּאַצירן מיט דיר סטאַביל און זי הייסט מיר גיין אין הויז פון וואַן לויר. אָבער דו ווייסט אפשר, אַז איך האָב אויפגעהערט אַרומגיין מיט פאַנין!"

„ניין, ווי אַזוי? איר האָט זיך צוקריגט?"

„ניין, פאַרקערט, כ׳האָב געזאָגט פאַנין, אַז סיווי קומען מיר נישט אויס צווישן זיך, איז גלייכער מיר זאָלן אויפהערן גיין צוזאַמען. אָבער פאַני וועט שטענדיק זיין געוווּנטשן ביי אונז, און איך האָף אַז אויך איך וועל זיין געוווּנטשן אין איר הויז. איך האָב אָנגענומען אַז פאַני גייט מיט אַ צווייטן בחור, און אַזוי טאַקע האָב איך מיך באַנומען לגבי איר. אָבער דאָס איז נישט געווען ריכטיק, און מיין פעטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף מיך פאַרענטפערן און אַנטשולדיקן ביי פאַנין. דאָס האָב איך נישט געוואָלט טון. דעריבער האָב איך איבערגעריסן דעם גאַנצן ענין. אָבער דאָס איז געווען בלויז איינע פון אַ סך אַנדערע סיבות. די באָבע וויל איך זאָל גיין צו פאַנין און נישט צו דיר, אָבער דאָס פאַלט מיר אפילו נישט איין. עלטערע מענטשן האָבן צייטנווייז פאַרעלטערטע באַגריפן, און איך קאָן מיך נישט נוהג זיין לויט די דאָזיקע באַגריפן. איך דאַרף טאַקע די הילף פון מיינע גרויס-עלטערן, אָבער אין אַ געוויסער הינזיכט נויטיקן זיי זיך אויך אין מיין הילף".

„פון היינט אָן וועל איך זיין פריי יעדן מיטוואָך אין אָוונט, ווייל איך דערצייל מיינע גרויס-עלטערן אַז איך גיי אויף אַ לעקציע פון העלף-שניצעריי; אין דער אמתן, גיי איך אין אַ קלוב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. כ׳טאָר עס נישט טון, ווייל מיינע גרויס-עלטערן זענען שטאַרק קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. כ׳בין אויך נישט קיין פאַנאַטישער ציוניסט, אָבער דער ענין רעדט מיר צום האַרצן, און כ׳האָב אַ געוויסן אינטערעס דערפאַר. אָבער אין דער לעצטער צייט זעט דאָרט זייער נעבעכדיק אויס און כ׳האָב באַשלאָסן אויפהערן צו גיין אַהין. מיטוואָך גיי איך אַהין דאָס לעצטע מאָל. און דאַן וועל איך גיין מיט דיר יעדן מיטוואָך אין אָוונט, שבת נאָכמיטאָג, שבת צונאַכטס, זונטיק נאָכמיטאָג און אפשר אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן".

„אָבער אויב דיינע גרויס־עלטערן זענען קעגן דעם, קענסטו דאָך דאָס נישט טון הינטער זייער רוקן?"

„מען קאָן נישט אָ מענטשן אויפצווינגען ליבע".

גראַד אין דעם דאָזיקן מאָמענט זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען נעבן דער בוכהאַנדלונג וואָס געפינט זיך אין עק פון דער גאַס און דאָרט איז געשטאַנען פעטער וועסעל מיט נאָך צוויי אַנדערע בחורים; עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַ לענגערע צייט, וואָס ער האָט מיך באַגריסט און דאָס האָט מיר באמת הנאה געטון.

האַרי און איך האָבן אַרומגעקרייזט פיל הייזער־בלאָקן, און דער סוף איז געווען אַז מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן אין אָוונט, פינף מינוט פאַר זיבן, וועל איך וואַרטן אויף אים פאַר זיין הויז.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 3 יולי 1942

טייערע קיטי,

נעכטן איז האַרי געווען ביי אונז, כדי צו באַקענען זיך מיט מיינע עלטערן. כ'האָב געקויפט קעז־קוכן און זיסוואַרג, געווען אויך טיי און געבעקס. אָבער האַרי און איך האָבן נישט געוואָלט סתם זיצן איינער נעבן אַנדערן אויף שטולן. מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן און ער האָט מיך אָפּגעפירט אַהיים ערשט צען מינוט נאָך אַכט. דער פאָטער איז זער בייז געווען און געזאָגט אַז מ'טאָר זיך נישט אומקערן אַהיים אַזוי שפּעט, ווייל עס איז אַ סכנה פאַר יידן צו באַווייזן זיך אויף דער גאַס נאָך אַכט אַ זייגער. איך האָב געמוזט צוזאָגן, אַז להבא וועל איך צוריקקומען אַהיים צען מינוט פאַר אַכט.

אויף צומאָרגן בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו אים. מיין פריינדין יאַפּי גיט מיר שטעכיקע אַנצוהערענישן וועגן ענין האַרי. כ'בין נישט פאַרליבט אין אים, באמת נישט. און וואָס איז דען אַז איך האָב פריינט? קיינער וועט נישט זען קיין שלעכטס אין דעם אַז איך האָב מיינס אַ פריינט אָדער אַ „באַגלייטער" ווי מיין מוטער רופט אים.

װאָס האָט מיר דערציילט, אַז האַרי איז געװען בײַ איר אײנמאָל אין אָװנט און זי האָט אים געפרעגט: „װער געפעלט דיר בעסער, פאַני צי אַנאַ?" און ער האָט געענטפערט: „דאָס גײט דיך נישט אָן". אָבער װען ער איז אַרױסגעגאַנגען פון שטוב (נאָכדעם װי זײ האָבן דעם אָװנט שױן צװישן זיך קײן װאָרט נישט אױסגעביטן) האָט ער געזאָגט: „אַנאַ" זײ געגריסט און דערצײל נישט קײנעם". און ער איז אַװעק.

לױט אַלע סימנים איז האַרי פאַרליבט אין מיר און דאָס איז זײער פײן. מאַרגאָט װאָלט געזאָגט אױף אים: „ער איז אַ װױלער בחור", אַזאַ איז אױך מײן מײנונג און נאָך מער: אױך מײן מוטער הערט אים נישט אױף צו לױבן. אַ שײנער בחור (יעדנפאַלס אַ שײן פּנים), אַ בחור מיט דרך־ארץ און גוטע מאַנ־ יערן, אַ פײַנער בחור; עס פרײט מיך װאָס האַרי געפעלט אַלעמען אין אונזער הױז. אױך ער האָט זײ גערן. אָבער ער איז בײַ דער מײנונג, אַז מײנע פרײַנדינס זענען קינדער, און ער האָט רעכט.

דײַן, אַנאַ

זונטיק אינדערפרי, 5 יולי 1942

טײַערע קיטי,

די איבערגאַנגס־צערעמאָניע איז פאַרגעקומען אין יידן־טעאַ־ טער. עס איז געשען װי איך האָב מיר געװונטשן. מײַן צײַגניש איז לחלוטין נישט שלעכט. איך האָב אײן נישט־גענוגנד, אַ פינף פון אַלגעבראַ, צװײ זעקסער און אין אַלע אַנדערע קעגנשטאַנדן זיבן און אַכט. בײַ אונדז אין שטוב האָט מען זיך געפרײט, אָבער אין הינזיכט פון שול־צײַגנישן זענען מײַנע עלטערן אַנדערש װי אַנדערע עלטערן. זײ נעמען זיך נישט זײער איבער דערמיט, צי איך ברענג גוטע צײַגנישן אָדער שלעכטע. נאָר אױף אײן זאַך לײגן זײ אַכט: כ'זאָל זײן געזונט, כ'אָל נישט זײן צופיל חוצפה'דיק און איך זאָל מיך װײלן; אױב די זאַכן זענען צופרידנשטעלנדיק, איז אַלץ אין אָרדנונג. איך בין אָבער אַבסאָלוט אַנדערש פון דעם אַלעמען. איך װיל נישט זײן קײן שלעכטע שילערין. מ'האָט מיך אױפגענומען אין דער מיטלשול אױף אַ תנאי, װײל אײגנטלעך האָב איך נאָך באַדאַרפט פאַרבלײבן אין דער זיבעטער קלאַס פון

דער מאָנטעסאָרי שול. אָבער ווען מ׳האָט געצוואונגען אַלע יידישע קינדער איבערצוגיין אין יידישע שולן, האָט דער שול-לייטער מסכים געווען, נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, אָנצונעמען מיך און מיין חברטע ליס אויף אַ תנאי און כ׳וויל נישט ענטווישן דעם שול-לייטער. אויך מיין שוועסטער האָט באַקומען איר צייג-ניש און, ווי תמיד, אַ גלענצנדיקע. וואָלט געווען ביי אונז איינגע-פירט לויב־אָטעסטאַטן, וואָלט זי זיכער עס באַקומען. זי איז זייער געלערנט!

אין דער לעצטער צייט זיצט דער פאָטער פיל אין דער היים. אין געשעפט האָט ער שוין נישט וואָס צו טון; עס איז אַוודאי אַן אומאַנגענעם געפיל פאַר אַ מענטשן צו זען אַז ער איז אַן איבריקער. הער קאַפּהויז האָט איבערגענומען די לייטונג פון „טראַוויס״, און הער קראַלער איז באַשטימט געוואָרן אַלס לייטער פון „קאָלען און שותפים״. מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען מיר האָבן שפּאַצירט צו-זאַמען אויף דעם קליינעם פּלאַץ נעבן אונזער הויז, האָט דער פאָטער אָנגעהויבן ריידן וועגן אַ באַהעלטעניש. ער האָט געזאָגט, אַז עס וועט אונז אודאי זיין שווער צו לעבן אָן יעדער פאַר-בינדונג מיט דער וועלט, כ׳האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם — „יאָ, אַנאַ״, האָט ער געענטפערט, „דו ווייסט אודאי, אַז שוין באַלד איבער אַ יאָר פירן מיר אַריבער קליידער, עסנוואַרג און מעבל צו פרעמדע מענטשן, מיר ווילן נישט, אַז אונזער פאַרמעגן זאָל אַריינפאַלן אין אין די הענט פון די דייטשן, אָבער ווייניקער פון אַלץ ווילן מיר, אַז זיי זאָלן אונז אַליין פאַנגען און ערגעץ אַוועקפירן. האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן אַליין אַוועקצוגיין און נישט וואַרטן ביז זיי וועלן קומען אונז נעמען״.

„אָבער פאָטער, ווען וועט דאָס זיין?״ ער האָט גערעדט מיט אַזאַ ערנסטקייט, אַז איך בין אַזש אויפגעציטערט געוואָרן.

דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן, מיר וועלן שוין דעם ענין דער-ליידיקן. האָב הנאה פון דיין זאָרגלאָז לעבן, כל זמן דו קענסט פון דעם הנאה האָבן״. דאָס איז געווען אַלץ. אַך, הלוואי וואָלט נאָך אַוועק אַ לענגערע צייט ביז אָט די טרויעריקע נבואה וועט מקויים ווערן!

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 8 יולי 1942

טייערע קיטי,

עס דאַכט זיך מיר ווי ס'וואָלטן שוין יאָרן אַוועק פון זונטיק אינדערפרי ביז היינט. אַזוי פיל זאַכן האָבן אין דער צייט פּאַסירט — גלייך ווי די וועלט וואָלט זיך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָבער איך לעב נאָך, קיטי, ווי דו זעסט — און דאָס איז דער עיקר, זאָגט דער פּאָטער.

יאָ, איך לעב נאָך, אָבער פרעג נישט ווו און ווי אַזוי. כ'מיין, אַז היינט פאַרשטייסטו נישט אפילו איין וואָרט פון דעם וואָס איך שרייב, און דעריבער איז בעסער אַז איך זאָל דיר דערציילן קודם־כל וואָס עס האָט פּאַסירט זונטיק נאָכמיטאָג.

אַרום דריי אַ זייגער (האָרי איז די רגע אַוועק, כדי שפּעטער צוריק צו קומען) האָט עמיצער אָנגעקלונגען ביי דער טיר. איך האָב נישט געהערט דעם קלונג, ווייל איך בין געזעסן רואיק אין אַ לען־שטול אויף דער ווערענדע און געלייענט ביים ליכט פון דער זון. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן מאַרגאָט ביי דער קיך־טיר, זער אָן אויפגערעגטע. „ס'איז געקומען אַ באַפעל פאַרן פּאָטער צו קומען אין דער ס. ס.", האָט זי שטיל געזאָגט. די מוטער איז שוין אַוועק צו הער וואַן דאַן (וואַן דאַן איז אַ גוטער פריינט און אַן אַרבעטס־חבר פון פּאָטער). כ'האָב מיך זייער דערשראָקן. אַ צושטעלונגס־באַפעל — אַלע ווייסן וואָס דאָס באַדייט. כ'האָב שוין געזען אין מיין פאַנטאַזיע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און איזאָלאַציע־קאַמערן — און מיר וועלן לאָזן דעם פּאָטער גיין אַהין? „פאַרשטייט זיך, אַז ער גייט נישט", האָט מיר אויפגעקלערט מאַרגאָט, בעת מיר זענען געזעסן ביידע אין צימער און געוואַרט אויף דער מוטער.

„די מוטער איז געגאַנגען צו וואַן דאַן כדי מיט אים צו באַשליסן, צי זאָלן מיר מאָרגן אַוועק אין אונזער באַהעלטעניש. די פאַמיליע פון וואַן דאַן וועט גיין אין באַהעלטעניש צוזאַמען מיט אונז — מיר וועלן זיין אינאיינעם זיבן מענטשן". מיר זענען געבליבן שטיל זיצן, האָבן נישט געקענט מער רעדן. די מחשבות וועגן פּאָטער, וואָס ווייסט נאָך נישט וואָס אים דערוואַרט — ער איז געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו אַלטע לייט אין דער „יאָדסע אינוואַלידע" (מושב זקנים), דאָס אויסקוקן אויף דער מוטער, די

היך, די געשפּאַנטע נערוון, דאָס אַלץ האָט אונז אויפגעצוווּנגען אַ שווייגן.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלונג. „דאָס איז האַרי״, האָב איך געזאָגט. „עפּן נישט״ האָט מיך אויפגעהאַלטן מאַרגאָט; אָבער דאָס איז געווען איבריק, ווייל מיר האָבן געהערט די מוטער און הער וואַן דאַן רעדן אונטן מיט האַרין. און נאָכהער זענען זיי אַריינגעגאַנגען און פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר. יעדעס מאָל ווען מ׳האָט אָנגעקלונגען, זענען מיר רואיק אַראָפּגעגאַנגען, מאַרגאָט אָדער איך, צו זען צי איז עס דער פאָטער. אנדערע מענטשן האָט מען נישט אַריינגעלאָזט.

מאַרגאָטן און מיר האָט מען געהייסן אַרויסגיין פון צימער. וואַן דאַן האָט געוואָלט ריידן מיט דער מוטער ביחידות. ווען מיר זענען געוועןביידע, מאַרגאָט און איך, אין אונזער שלאָף צימער, האָט זי מיר דערציילט, אַז נישט דער פאָטער ווערט גערופן צו שטעלן זיך אין ס. ס. נאָר זי, מאַרגאָט. כ׳האָב מיך ווידער דערשראָקן און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. מאַרגאָט איז זעכצן יאָר אַלט; וועט מען דען שיקן יונגע מיידלעך אַליין? עס איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי זאָל נישט גיין; די מוטער אַליין האָט עס געזאָגט, און אויך דער פאָטער האָט אודאי געקלערט פון דעם, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַ באַהעלטעניש.

אַ באַהעלטעניש... ווו וועלן מיר זיך באַהאַלטן, אין שטאָט, אין דאָרף, אין אַ שטוב, אָדער אין אַ ליימיק הייזל? ווען? ווי אַזוי? ווו...? דאָס זענען געווען פראַגן וואָס איך האָב נישט געטאָרט פרעגן און דאָך זענען זיי יעדעסמאָל ווידער אויפגעשווומען אין געדאַנק. מאַרגאָט און איך האָבן אָנגעהויבן פּאַקן אין דער שילער־טעקע די סאַמע נויטיקסטע חפצים. דאָס ערשטע האָב איך פאַרפּאַקט דאָס טאָג־בוך, אָט דעם אין קאַרטאָן איינגעבונדענעם העפט, און דאַן האָר־נאָדלען, נאָז־טיכלעך, לער־ביכער, אַ קעמל, אַלטע בריוו; די סאַמע נאַרישסטע זאַכן האָב איך אַריינגעלעגט אין דער טעקע. אָבער איך האָב נישט קיין חרטה אויף דעם; זכרונות זענען ביי מיר חשובער ווי קליידלעך.

אַרום פינף אַ זייגער איז דער פאָטער ענדלעך אַהיימגעקומען. מיר האָבן טעלעפאָנירט צום הער קאָפּהויז און אים געפרעגט, צי ער קען קומען צו אונז אין אָוונט. וואַן דאַן איז אַוועק און געברענגט

מיפּן. מיפּ אַרבעט אין פּאַטערס געשעפט זינט יאָר 1933; זי איז געוואָרן אונזער גוטע פריינדין. אַזוי אויך איר נייער מאַן, הענק. מיפּ איז געקומען, גענומען מיט זיך אין אַ טעקע שיך, קליידלעך, בלוזקעס, וועש און זאָקן און צוגעזאָגט צו קומען ווידער אין אָוונט. נאָכהער האָט געהערשט אַ שטילקייט אין אונזער וווינונג. קיינער פון אונז פיר האָט נישט געוואָלט עסן. עס איז געווען זייער הייס און אַלץ איז געווען מאָדנע אומהיימלעך. אונזער גרויס צימער אויבן, האָבן מיר פאַרדונגען איינעם מיטן נאָמען כאַודסמיט, אַ גרוש אין די דרייסיקער יאָרן; דעם אָוונט האָט ער, אַ פּנים, נישט געהאַט וואָס צו טון, איז ער געבליבן ביי אונז ביז אַרום צען, און מ׳האָט נישט געקאָנט פון אים פּטור ווערן. אַ זייגער עלף זענען געקומען מיפּ און הענק וואַן סאַנטן. ווידער זענען נעלם געוואָרן שיך, זאָקן, ביכער און וועש אין דער טעקע פון מיפּ און אין די טיפע קעשענעס פון הענקן; אַ האַלבע שעה פאַר האַלבע נאַכט זענען זיי אויך אַוועק. כ׳בין געווען טויט־מיד, און הגם כ׳האָב געוווסט, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט וואָס איך שלאָף אין מיין בעט, בין איך גלייך איינגעשלאָפן. האַלב זעקס אינדערפרי איז אַריינגעקומען די מוטער מיך אויפוועקן. צום גליק איז די היץ אַביסל קלענער געוואָרן ווי זי איז געווען זונטיק, און אין משך פון גאַנצן טאָג איז געגאַנגען אַ וואַרעמער רעגן. אַלע פיר האָבן מיר זיך אָנגעטון, איין שיכט בגדים איבער דער אַנדערער, — אַ שטייגער ווי מיר וואָלטן גיין נעכטיקן אין אַ אייז־קאַסטן — און דאָס אַלץ כדי מיר זאָלן קענען מיט זיך מיטנעמען וואָס מער מלבושים. קיין ייד אין אונזער לאַגע וואָלט נישט געוואַגט אַרויס־צוגיין פון שטוב טראָגנדיק אין האַנט אַ וואַליזע אָנגעפילט מיט קליידער. איך האָב אויף מיר אַרויפגענומען צוויי העמדער, דריי פּאָר אונטערהויזן, אַ קליידל און אויף דעם נאָך אַ האַלב־קלייד, אַ בלוזקע, אַ זומער־מאַנטל, צוויי פּאָר זאָקן, גאַנצע שיך, אַ היטל אַ סוועטער און נאָך אַנדערע זאַכן. כ׳בין שיער נישט דערשטיקט געוואָרן נאָך איידער מיר זענען אַרויס פון שטוב, אָבער קיינער פון אונז האָט מיך וועגן דעם נישט געפרעגט.

מאַרגאָט האָט נאָך אָנגעפילט איר רוק־זאַק מיט ביכער, גענומען איר פאַר־ראַד און געפאָרן נאָך מיפּן אַזעלכע מרחקים וואָס איך האָב נאָך נישט געקענט. ווייל איך האָב נאָך נישט געוווסט,

ווו עס וועט זיין אונזער געהיימער, מיסטעריעזער וווין־פּלאַץ. אַרום האַלב זיבן האָבן מיר אויך פאַרשלאָסן די טיר הינטער אונז; עס איז מיר מער ניט געבליבן ווי זיך צו געזעגענען מיט מאַרטיע, מיין קליין קעצל, פאַר וועלכן מ׳האָט באַזאָרגט אַ גוטע אכסניה ביי די שכנים. אַזוי האָבן מיר אויפגעשריבן אויף אַ קליין צעטל וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט פאַר הער כאָודסמיט.

אין קיך — אַ פונט פלייש פאַר דער קאַץ, דאָס געשיר פון פרישטיק־עסן אויפן טיש, די בעטן נישט פאַרבעט; דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטן אַנטלאָפן פּלוצים. אָבער דער איינדרוק וואָס עס וועט מאַכן איז אונז שוין ווייניק אָנגעגאַנגען. מיר האָבן געוואָלט אוועק פון דאָרט, זיך אָפּטראָגן באַצייטנס און אָנקומען בשלום; נישט מער.

פאַרזעצונג מאָרגן.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 9 יולי 1942

טייערע קיטי,

אַזוי זענען מיר געגאַנגען אין גאַס־רעגן — דער פאָטער, די מוטער און איך — יעדער איינער באַלאָדן מיט אַ שול־טעקע און אַ געפלאָכטן איינקויף־קוישל, איבערגעפילט מיט פאַרשידענע חפצים.

די אַרבעטער וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט אין די פרימאָרגן שעהן האָבן געקוקט אויף אונז מיט בליקן פון רחמנות; עס איז געווען קענטיק, אַז זיי באַדויערן וואָס זיי זענען נישט אומשטאַנד אונז פאָרצולעגן עפּעס אַ פאַרקערס־מיטל; דער געלער שטערן וואָס מיר האָבן געטראָגן בולט אויף אונזערע בגדים האָט גערעדט פאַר זיך אַליין.

נאָכדעם ערשט ווען מיר זענען געווען אין גאַס, האָבן מיר דער פאָטער און די מוטער דערציילט, ביסלעכווייז, אַלע פּרטים פון דעם פּלאַנירטן באַהעלטעניש. זינט פיל חדשים האָט מען פון דער שטוב אַרויסגענומען חפצים און קליידער וויפיל עס האָט זיך געלאָזט, און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מיר האָבן זיך געגרייט אַריבערצוגיין אין באַהעלטעניש דעם 16 יולי, נאָר צוליב

דעם צושטעלונגס־רוף האָבן מיר געמוזט צואײַלן אונזער אַריבער־גיין אין באַהעלטעניש מיט אַ צען טאָג. דעריבער האָבן מיר זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ ווייניקער איינגעאָרדענטן ווינאָרט. דאָס באַהעלטעניש איז געווען אינם בנין וווּ עס האָבן זיך געפֿונען דעם פֿאָטערס ביוראָ. דער וואָס קאָן נישט נעענטער די ענינים, וועט אודאי שווער זײַן די פּרטים צו פֿאַרשטיין, מוז איך דעריבער עס גענויער אויפֿקלערן. ביים פֿאָטער האָבן נישט געאַרבעט קיין סך מענטשן. הער קראַלער, קאָפּהויז, מיפּ און עלי פֿאָסען, די דריי און צוואַנציק יעריקע מאַשין־שרײַבערין, און אַלע האָבן געוווּסט וועגן אונזער קומען אַהין. אין מאַגאַזין האָבן געאַרבעט הער פֿאָסען, עלי׳ס פֿאָטער און צוויי באַדינער; זיי, האָבן מיר גאָרנישט דער־ציילט.

איך וועל שילדערן דעם בנין. אונטן, אין פּאַרטער, אַ גרויסער זאַל, וואָס דינט אַלס מאַגאַזין. ביי דער טיר פֿון מאַגאַזין — אַן אַרײַנגאַנגס־טיר אין שטוב אַרײַן. הינטער דער דאָזיקער טיר איז דאָ נאָך אַ טיר און הינטער דער טיר אַ טרעפּן־רוים (א). אַז מ׳גייט אַרויף אויף די טרעפּ, קומט מען צו צו אַ גלאָז טיר. דאָס גלאָז איז מאַט און האָט אַמאָל געטראָגן אַן אויפֿשריפֿט מיט שוואַרצע אותיות „ביוראָ”. דאָס איז דאָס גרויסע פֿאָדערשטע ביוראָ; עס איז זייער גרויס, שטאַרק באַלויכטן און פֿאַרלייגט מיט פֿיל זאַכן. אין די טאָג־שעה׳ן אַרבעטן דאָרט עלי, מיפּ און הער קאָפּהויז. דורך אַ קליינעם צימער — וווּ עס געפֿינט זיך אַ פֿייער־קאַסע, אַ גאַרדעראָב און אַ גרויסער שאַנק — גייט מען אַרײַן אין דעם הינטערשטן ביוראָ; דאָס ביוראָ איז קליין און פֿינצטערלעך. דאָרט זענען אַמאָל געזעסן הער קראַלער און הער וואַן דאַן; איצט זיצט דאָרט בלויז הער קראַלער. מ׳קען צוקומען צום ביוראָ פֿון קראַלען אויך דורך דעם קאָרידאָר, אָבער בלויז דורך דער גלאָז טיר, וואָס לאָזט זיך לייכט עפֿענען פֿון אינעווייניק, אָבער נישט פֿון דרויסן.

פֿונם ביוראָ פֿון הער קראַלער גייט מען אַדורך דעם לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, דעם קוילן־מאַגאַזין, מ׳גייט אַרויף פֿיר טרעפּ און מ׳קומט צו צו דעם פּרעכטיקסטן פּלאַץ אינם גאַנצן בנין — דאָס פּריוואַטע ביוראָ. סאָלידע טונקעלע מעבל, לינאָלעאום

און טעפּיכער אויפן דיל, ראַדיאָ, אַ שענער לאָמפּ, אַלץ פון ערשטן סאָרט. נעבן דעם צימער איז אַ גרויסע, גערוימע קיך, און איר איז פאַראַן אַ קעסל פאַר וואַרעם וואַסער און צוויי גאַז־קראַנען. נעבן דער קיך — אַ טואַלעט־צימער. דאָס איז דער צווייטער שטאָק.

פונם אונטערשטן קאָרידאָר פירן אַרויף הילצערנע טרעפּ (ב). ביי דער ענדע פון די טרעפּ, אויבן, איז דאָ אַ קליינער שטעג, וואָס מ׳רופט אים „דער דורכגאַנג“. רעכטס פון דורכגאַנג און לינקס זענען דאָ טירן. דורך דער טיר פון לינקס גייט מען אַריין אין פאָדערשטן טייל פון הויז; אין דעם טייל זענען פאַראַן מאַגאַ־

דער פּלאַן פון הויז



א. ערשטער שטאָק   ב. צווייטער שטאָק   ג. דריטער שטאָק

זינען און בוידעמס. פון דעם צווייטן טייל פון פאָדערשטן בנין פירט אַ זייער לאַנגע און אויסגעהוילטע שורה פון טרעפּ (פון יענעם מין האָלענדישע טרעפּ, וואָס זענען ווי לכתחילה אַזוי געבויט געוואָרן אַז מ׳זאָל אויף זיי דעם קאַרק צוברעכן), צו דער צווייטער טיר אין גאַס אַרויס (ג).

פון דער טיר רעכטס קומט מען אַריין אינם הינטערשטן טייל פון בנין. קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן, אַז הינטער אָט דער פשוטער און גרויער טיר פאַרבאָרגן זיך אַזויפיל צימערן. פאַר דער טיר — אַ שוועל. מ׳גייט אַרויף אויף דער שוועל און מ׳גייט אַריין אינווייניק.

קעגנאיבער דער דאָזיקער טיר אַ שורה פון אויסגעהוילטע טרעפּן (3); אויף לינקס אַ קורצער קאָרידאָר וואָס פירט צום צימער, וואָס איז געווען באַשטימט צו זיין דאָס שלאָף־און וווין־צימער פון דער פאַמיליע פראַנק. נעבן אים — אַ קלענערער צימער, דאָס שלאָף־און אַרבעטס־צימער פון ביידע פרייליגס פראַנק. רעכטס פון די טרעפּ איז דאָ אַ צימער אָן אַ פענצטער. דאָרט איז אַ וואַש־באַסיין און אַ טואַלעט אין אַ געשלאָסענע קאַמער. און נאָך אַ טיר וואָס פירט אין מאַרגאַט׳ס און אין מיין צימער.

דער וואָס גייט אַרויף די טרעפּ און עפנט די טיר וואָס ביים שטעג אויבן, שטייט אַ פאַרוווּנדערטער, וואָס אין אַזאַ אַלט הויז, אויפן ברעג פון קאַנאַל, איז פאַראַן אַזאַ גרויס, געריימיק און ליכטיק צימער. אין דעם צימער איז דאָ אַ גאַז־אויוון (מיר האָבן עס צו פאַרדאַנקען דעם אומשטאַנד, וואָס ביזאַהער האָט דאָס צימער געדינט אַלס אַ לאַבאָראַטאָריע) און אַ וואַש־באַסיין. אָט דאָס צימער ווערט באַנוצט איצט אַלס קיך און שלאָף־צימער פאַר דעם פאַרפאָלק וואַן דאַן, אויך אַלס אַ בשותפותדיקער וווין־פּלאַץ, און אַלס עס און אַרבעט־צימער.

אַ קלייניקער דורכגאַנגס־צימער וועט דינען אַלס וווין־פּלאַץ פאַר פּעטער וואַן דאַן. אויך אין דעם טייל פון בנין, ווי אינם פאָדערשטן טייל, איז דאָ אַ בוידעם־שטיבל און איבער דעם — דער בוידעם. אַזוי אַרום קענסטו איצט אונזער וווּנדערלעך באַהעלטעניש אינגאַנצן.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 10 יולי 1942

טייערע קיטי,

עס איז זייער ווארשיינלעך אַז איך האָב דיך נישקשה׳דיק געלאַנגווייליקט מיט דער לאַנגער שילדערונג פון אונזער דירה, אָבער איך מיין, אַז דו דאַרפסט וויסן וווהין איך בין אַריינגעפאַלן.

אין איצט דער המשך פון מיין דערציילונג; ווייל זי איז נאָך נישט פאַרענדיקט. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פרינסענבראַכט, האָט אונז מיפ גלייך אַריינגעפירט אין אונזער באַהעלטעניש. זי האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער אונז און מיר זענען געבליבן אליין. מאַרגאָט, וואָס איז געפאָרן אויפן פאָר־ראַד, איז געקומען אַ סך פריער, און האָט שוין געוואַרט אויף אונז. אונזער ווינצימער און אַלע אנדערע צימערן זענען פול געווען מיט חפצים און פאַרשידענע זאַכן — ממש נישט צו באַשרייבן! אַלע קאַרטאָן־שאַכטלעך, וואָס זענען אין משך פון חדשים געשיקט געוואָרן אינם ביוראָ זענען געלעגן אויף די דילן, און אויף די בעטן. דאָס קליינע צימערל איז געווען פול מיט בעט־צייג, קישנס און איבער־בעטן ביז צום סופיט. מ׳האָט געמוזט באַלד זיך נעמען צו דער אַרבעט און לייגן יעדע זאַך אויף זיין אָרט, כדי מיר זאָלן זיך קענען לייגן שלאָפן אין אָוונט אויף געהעריק אויפגעבעטע בעטן. די מוטער און מאַרגאָט זענען נישט געווען אומשטאַנד צו רירן מיט אַן אבר. זיי זענען געלעגן אויף די נישט אויפגעבעטע בעטן, מיד און אומגליקלעך. אָבער איך און דער פאָטער, די צוויי אָרדנונגס־היטער אין דער פאַמיליע, האָבן געוואָלט גלייך זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אין משך פון טאָג האָבן מיר געעפנט פושקעס, אָנגעפילט די אלמערס, צוגעריכט און זויבער געמאַכט, אַזוי, אַז אין אָוונט זענען מיר אַנידערגעפאַלן אויף די זויבערע בעטן טויט־מידע. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר קיין לעפל וואַרעם געקעכץ נישט גענומען אין מויל אַריין, אָבער דאָס האָט אונז גאַרנישט געשטערט. די מוטער און מאַרגאָט זענען געווען צו שטאַרק אויפגערעגט זיי זאָלן קענען עסן, דער פאָטער ווידער און איך זענען געווען צופיל באַשעפטיקט מיט אַרבעט.

דינסטיק אינדערפרי האָבן מיר אָנגעהויבן דאָרט ווו מיר האָבן

איבערגעריסן מאַנטיק אין אָוונט. עלי און מיפּ האָבן געבּרענגט די צוטיילונגען אויף אונזערע שפּייז־קאַרטן, דער פאָטער האָט פאַריכט די פענצטער פאַרדונקלונג וואָס האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט, מיר האָבן געשייערט די דילן אין דער קיך, און ווידער זענען מיר געווען באַשעפטיקט פון אינדערפרי ביז אין אָוונט. ביז מיט־וואָך האָב איך כמעט קיין צייט נישט געהאַט זיך אָפּצוגעבן אַ רעכנונג וועגן דער גרויסער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין לעבן. ערשט דעמאָלט, צום ערשטן מאָל זינט מיר זענען געקומען אין אונזער באַהעלטעניש, האָב איך, ענדלעך, געהאַט אַ פרייע מינוט דיר איבערצוגעבן וועגן די פּאַסירונגען, און פאַר זיך אַליין קאָנקרעטיזירן דאָס, וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט און וואָס עס דערוואַרט מיך נאָך.

דיין, אַנאַ

שבת, 11 יולי 1942

טייערע קיטי,

דער פאָטער, די מוטער און מאַרגאָט קענען זיך נאָך נישט צוגעוווינען צום קלינגען פון וועסטערטאַרען־גלאָק, וואָס זאָגט אָן יעדע פערטל שעה די צייט. איך האָב זיך באַלד צוגעוווינט. דאָס קלינגען איז מיר געפעלן; באַזונדערס ביינאַכט איז דער קלונג פאַר מיר ווי אַ געטרייער פריינט. ווילסט אודאי וויסן ווי איך פיל מיך אין מיין באַהעלטעניש. קען איך דיר בלויז זאָגן, אַז איך ווייס עס נאָך אַליין נישט. איך דענק, אַז אין דעם בנין וועל איך מיך קיינמאָל נישט פילן ווי אינדערהיים. איך וויל אָבער דערמיט נישט זאָגן, אַז איך האָב פיינט די היים. כ׳פיל מיך ווי איינער וואָס איז אַרויסגעפאָרן אויף די פעריען־טעג אין אַ פּענסיאָן פון אַ באַזונדערן מין. דאָס איז אַביסל אַ מאָדנער צוגאַנג צו דעם גאַנצן ענין באַהעלטעניש, אָבער אזוי איז עס. אַט דאָס הויז איז אַן אידעאַל באַהעלטעניש. הגם עס איז פייכט אין אים און עס שטייט שוין אַביסל איינגעבויגן אויף אַ זייט. אודאי איז אין גאַנץ אַמסטערדאַם נישטאָ אַזאַ באַקוועמער פּלאַץ פאַר מענטשן וואָס דאַרפן זיך אויס־באַהאַלטן, און אפשר אויך אין גאַנץ האָלאַנד.

אונזער קליין צימער מיט די נאַקעטע ווענט האָט אין אָנהויב

אויסגעזען זייער אומעטיק; אבער א דאנק דעם פאטער, וואס האט באצייטנס געברענגט מיינע זאמלונגען פון פילם־שטערנס און אנזיכטס־קארטלעך, בין איך געווען אימשטאנד, נאכן אפשמירן מיט קליי די ווענט, זיי צו פארוואנדלען אין איין גרויס בילד. אזוי זעט דאס צימער אויס, אביסל מער פריילעכער, און נאכדעם ווי עס וועט קומען די פאמיליע וואן דאן, וועלן מיר מאכן אביסל וואנט־שענקלעך און אנדערע באצירונגען פון האלץ וואס געפינט זיך אויפן בוידעם.

מארגאט און די מוטער זענען שוין אביסל געקומען צו זיך. נעכטן האט די מוטער געוואלט קאכן אן ארבעס־זופ, דאס ערשטע מאל, נאר אזוי ווי זי איז אראפ אונטן, האט זי זיך אביסל פארעדט און דערווייל פארגעסן אין דער זופ. די זופ איז פארברענט געווארן און די ארבעס זענען געווען שווארץ ווי קויל; ס׳איז געווען אוממעגלעך אפצוקראצן פון טאפ.

הער קאפהויז האט מיר געבראכט דאס „יוגנט־בוך". נעכטן ביינאכט זענען מיר זאלבעפיר אראפ אין פריוואטן ביורא און מיר האבן אויפגעכאפט א ראדיא־אוידיציע פון ענגלאנד. איך האב אזוי מורא געהאט אז עמיצער זאל אונז נישט כאפן ביים ראדיא הערן, אז כ׳האב ממש זיך געבעטן ביים פאטער ער זאל ארויסגיין מיט מיר. די מוטער האט פארשטאנען מיין שרעק און איז געגאנגען מיט מיר. אויך ביים טוען אנדערע זאכן זענען מיר אין גרויסער שרעק, ווייל די שכנים קענען אונז הערן אדער זען. באלד דעם ערשטן טאג האבן מיר אויפגענייט די פארהאנגען. אייגנטלעך קאן מען זיי נישט אנרופן פארהאנגען, ווייל זיי זענען בלויז לייכטע שטיקלעך שטאף פון פארשידענע פארבן און מוסטערן, וואס דער פאטער און איך האבן זיי צונויפגעהאפטן צוזאמען, א באזונדערע פאכמענישקייט. מיר האבן צוגעפעסטיקט די „פראכט־פארפוצונגען" צו די פענצטער מיט שטעקנס, און מיר וועלן זיי נישט אראפנעמען ביז צום ענדע פון אונזער באהעלטעניש־צייט.

רעכטס פון אונזער הויז — איז א גרויס געשעפטס־הויז, לינקס — א מעבל־טישלעריי; נאך די ארבעט־שעהן איז קיינער נישטא אין את די בנינים, אבער פון דארט קען אונז עמיצער באמערקן. דעריבער האבן מיר פארבאטן מארגאטן צו הוסטן ביי־

נאַכט, הגם זי איז זייער פּאַרקילט. מיר צווינגען זי צו שלינגען אַ סך קאַפּעין.

איך פרײַ מיך זייער מיט דעם באַלדיקן קומען פון דער פאַמיליע וואַן דאַן. זיי וועלן קומען דינסטיק. ס'וועט זיין פיל אַנגענעמער און ס'וועט נישט הערשן אַזאַ שטילקייט. ווייל די טויטע שטילקייט ברענגט מיך צו נערוועזיטעט אין די אָוונטן און נעכט. הלוואי וואָלט עמיצער פון אונזערע באַשיצער געקענט שלאָפן דאָ.

איך קאָן דיר נישט שילדערן, ווי ווייט דערדריקנדיק איז דער געדאַנק, אַז מיר וועלן קיינמאָל נישט קאָנען אַרויס פון דאַנען, און כ'האָב אויך מורא מ'זאָל אונז נישט ענטדעקן — דאָן וואָלטן מיר באַקומען אַ קויל. דאָס איז נישט אַזאַ דערמונטערנדיקע אויס-זיכט.

אין די טאָג־שעהן מוזן מיר גיין אויף די שפּיץ־פינגער און ריידן שטיל, ווייל די מענטשן וואָס אַרבעטן אין מאַגאַזין טאָרן אונז נישט הערן.

אַט רופט מען מיך.

דיין, אַ נ אַ

פרייטיק, 14 אויגוסט 1942

טייערע קיטי,

אַ גאַנצן חודש האָב איך דיך פאַרנאַכלעסיקט. עס איז באמת נישטאָ געגוג נייעס, דיר צו קענען דערציילן יעדן טאָג עפּעס שפּאַ־סיקעס. די פאַמיליע וואַן דאַן איז געקומען דעם 13 יולי. מיר האָבן גערעכנט אַז זיי וועלן קומען דעם 14, אָבער צוליב דעם וואָס די דייטשן האָבן צווישן 13 און 16 פאַרשפּרייט אַ גרויסע פּאַניק און געשיקט צושטעלונגס־באַפעלן צו אַלץ מער און מער מענטשן, האָבן זיי געקלערט אַז עס איז בעסער צו קומען מיט אַ טאָג פריער איידער צו פאַרשפּעטיקן. אינדערפרי, אַרום האַלב 10 (מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן פרישטיק עסן), איז אַרייגעקומען פעטער, דער זון פון וואַן דאַן וואָס איז נאָך נישט אַלט קיין זעכצן יאָר, אַ גענוג שעמעוו־דיקער און לאַנגווייליקער בחור, פון זיין געזעלשאַפט וועלן מיר וויניק הנאה האָבן. ער האָט געברענגט זיין קאַץ (מושי) מיט זיך, די פרוי און הער וואַן דאַן זענען געקומען אין אַ האַלבע שעה אַרום.



פּרינסענבראַכט, די גאַס וווּ עס געפינט זיך ה׳ פראַנקס אַמטן־הויז

עס האָט אונז אויסגעזען זייער קאָמיש, ווען מיר האָבן געזען ווי די פרוי האָט געבראַנגט אַ נאַכט־טאָפּ אין אַ שאַכטל פון היטלעך. „אַן אַ נאַכט־טאָפּ פיל איך מיך נישט אינדערהיים" — האָט זי דער־קלערט. און גלייך האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם טאָפּ אויף זיין שטענ־דיקן אָרט אונטערן בעט. הער וואַן דאַן האָט נישט געבראַנגט קיין טאָפּ. דאַקעגן אָבער האָט ער געהאַלטן אַ צונויפגעלייגט טיי־טישל אונטערן אָרעם.

שוין דעם ערשטן טאָג האָבן מיר געגעסן צוזאַמען, און נאָך דריי טעג האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר זענען געוואָרן איין גרויסע פאַמיליע. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַמיליע וואַן דאַן האָט אונז נאָך פיל דערציילט וועגן די געשעענישן פון דער וואָך אין דער „קולטור־וועלט", צווישן אַנדערן האָבן מיר געוואָלט וויסן, וואָס עס איז געשען אין אונזער דירה, און וואָס האָט פּאַסירט מיט הער כאודסמיט.

הער וואַן דאַן האָט דערציילט:

„מאָנטיק אינדערפרי, אַ זייגער ניין, האָט צו אונז טעלעפאָנירט הער כאודסמיט און געפרעגט, צי קען איך קומען צו אים אויף עטלעכע מינוט. כ'בין באַלד אַוועק און געפונען דעם הער כאודסמיט אין אַ צושטאַנד פון גרויסער אויפרעגונג. ער האָט מיר געוויזן אַ צעטל וואָס די פאַמיליע פראַנק האָט פאַר אים איבער־געלאָזט, און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַריינטראָגן די קאַץ צו די שכנים, אַזוי ווי מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט. הער כ. האָט מורא געהאַט, אַז מ'וועט מאַכן אַ רעוויזיע אין שטוב, און דעריבער זענען מיר אַדורכגעגאַנגען אַלע צימערן, זיי געבראַכט אַביסל אין אָרדנונג אוּן אַראָפּגענומען דאָס געשיר פון טיש.

„פּלוצים האָב איך ענטדעקט אַ נאָטיץ־ביכל אויפן שרייב־טיש און דאָרט איז געווען אויפגעשריבן אַן אַדרעס אין מאַסטריכט. הגם כ'האָב געוווּסט אַז דער אַדרעס איז איבערגעלאָזט געוואָרן בכוונה, האָב איך געמאַכט אַן אַנשטעל אַז איך בין זייער איבעראַשט און דערשראָקן, און איך האָב שטאַרק געבעטן דעם הער כ. ער זאָל פאַרברענען דאָס אומגליקלעכע צעטל.

„די גאַנצע צייט האָב איך געטענה'ט, אַז איך האָב קיין אַנונג נישט וויאַזוי איר זענט פאַרשוווּנדן, ווי נאָר איך האָב דערזען

דאָס צעטל, איז מיר גלייך איינגעפאַלן אַ ווונדערלעכער געדאַנק. „הער כאודסמיט" — האָב איך געזאָגט, „עס דאַכט זיך מיר, אַז איך ווייס איצט וואָס עס באַדייט דער דאָזיקער אַדרעס. כ׳דערמאָן זיך איצט, אַז בערך מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז געווען ביי אונז אין ביוראָ אַ הויכער אָפיציר, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ יוגנט־פריינט פון הער פראַנק. ער האָט אים פאַרשפּראָכן צו העלפן אין אַ נויט־לאַגע, און האָט אים דערציילט אַז ער וווינט איצט אין מאַסטריכט. איך גלויב, אַז דער דאָזיקער אָפיציר האָט געהאַלטן זיין וואָרט, און אַז ער וועט ברענגען די פאַמיליע פראַנק אויף וועלכן עס איז אופן קיין בעלגיע און פון דאָרט אין דער שווייץ. דו קענסט עס דערציילן דיינע באַקאַנטע, אויב עמיצער וועט פרעגן אויף דער פאַמיליע פראַנק, פאַרשטייט זיך, אַז דו דאַרפסט נישט דערמאָנען דעם נאָמען מאַסטריכט".

„נאָכדעם בין איך אַוועק. דער גרעסטער טייל באַקאַנטע האָבן שוין געהערט אָט די דערציילונג, ווייל איך אַליין האָב אין דער צווישנצייט שוין געהערט די אויפקלערונג פון פאַרשידענע מענטשן".

די דערציילונג האָט אונז אויסגעוויזן זייער קאָמיש. מיר האָבן נאָך מער געלאַכט פון דער פאַנטאַזיע פון מענטשן, ווען הער וואַן דאַן האָט אונז דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע זיינע באַקאַנטע. איין פאַמיליע האָט אונז געזען זאַלבעפיר פאָרן אויף אונזערע פאָר־רעדער אין אַ באַגינען שעה, און איין פרוי האָט געוווסט אויף זיכער צו דערציילן, אַז מ׳האָט אונז אַרויפגענומען אין מיטן דער נאַכט אויף אַ מיליטערישן אויטאָ.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 21 אויגוסט 1942

טייערע קיטי,

אונזער „אונטערגרונט" איז ערשט איצט געוואָרן אַן אמתדיק באַהעלטעניש. הער קראַלער האָט געפונען פאַר נויטיק אַוועקצושטעלן אַ שאַנק פאַר דער טיר צו אונזער באַהעלטעניש (ווייל אין דער לעצטער צייט האַלט מען אין איין זוכן אין די הייזער געגנבטע פאָר־רעדער). אָבער עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ שאַנק וואָס דרייט זיך אויף אַן אַקס און עפנט זיך ווי אַ טיר.

הער פֿאַסען האָט אינסטאַלירט דאָס מעבל שטיק. מ'האָט אים אינצווישן דערציילט וועגן די זיבן באַהאַלטענע און ער איז גרייט אונז צו העלפֿן מיט אַלץ וואָס ער קען. איצט, ווען מיר ווילן אַראָפּ־גיין, מוזן מיר זיך פֿריער איינבויגן און אַ שפּרונג טון, ווייל די שוועל איז נישטאָ. נאָך דריי טעג זענען מיר אַלע אַרומגעגאַנגען מיט צעביילטע שטערנס, ווייל יעדער איינער פֿון אונז האָט זיך אָנגעשטויסן מיטן קאָפּ אין דער נידריקער טיר. איצט האָבן מיר צוגעקלאַפּט צו דער טיר אַ זעקעלע אָנגפּילט מיט האָלץ־זעגעכץ. מיר וועלן זען צי דאָס וועט העלפֿן.

איך לערן נישט קיין סך; ביז סעפּטעמבער דערלויב איך מיר צו געניסן פֿון וואַקאַציע. שפּעטער וועט דער פֿאָטער זיין מיין לערער, ווייל איך האָב פֿאַרגעסן פֿיל פֿון דעם וואָס כ'האָב געלערנט אין שולע.

עס זענען נישטאָ קיין סך ענדערונגען אין אונזער לעבן. איך און הער וואַן דאַן קריגן זיך תמיד, אָבער מיין שוועסטער מאַרגאָט האָט ער גערן. די מוטער באַציט זיך צו מיר ווי כ'וואָלט געווען אַ קינד, און דאָס איז פֿאַר מיר אומדערטרעגלעך. אָבער אַ חוץ דעם איז די לאַגע אַביסל בעסער געוואָרן. פּעטער געפֿעלט מיר נאָך אַלץ נישט. ער איז אַ לאַנגווייליקער בחור. דער ליידיקגייער ליגט אַ גאַנצן טאָג אויפֿן בעט, באַשעפּטיקט זיך אַביסל מיט טישלעריי, און באַלד דרימלט ער ווידער איין. וואָס פֿאַר אַ נאַר!

דאָס וועטער איז זייער שיין, און טראָץ אונזער לאַגע — נוצן מיר עס אויס ווי ווייט מעגלעך: מיר ליגן אויפֿן בוידעם אויפֿן צוזאַמענגעלייגטן בעטל, דאָרט וווּ די זון שיינט אַריין צו אונז דורכן אָפֿענעם פֿענצטער.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 2 סעפּטעמבער, 1942

טייערע קיטי,

הער און פֿרוי וואַן דאַן האָבן זיך היינט מוראדיק געקריגט. זינט איך לעב האָב איך נאָך אַזוינס נישט געזען — מיין פֿאָטער און מוטער וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן צו שרייען איינער אויפֿן אַנדערן. די סיבה איז געווען אַזאַ נישטיקע, אַז ס'איז נישט כדאי

אפילו אויף דעם איין וואָרט צו פֿאַרלירן. אָבער יעדער פֿירט זיך לויט זיין שטייגער.

קלאָר, אַז דאָס איז נישט אנגענעם פֿאַר פֿעטערן — און ער איז תמיד אינדערמיט. קיינער באַציט זיך נישט צו אים ערנסט, ווייל ער איז זייער געפּיעשטשעט און פֿויל. נעבכטן איז ער געווען זייער באַזאָרגט, ווייל די צונג איז ביי אים געווען בלוי אנשטאָט רויט; אָבער די זעלטענע דערשיינונג איז באַלד פֿאַרשוואונדן. היינט האָט ער אַרומגעוויקלט דעם האַלז מיט אַ טיכל, ווייל דער קאַרק איז ביי אים פֿאַרשטאַרט, און אויסער דעם באַקלאָגט זיך דער העָר אויף אישיאַס אין רוקן. אויך פֿון האַרץ, נירן און לונגען־שטערונגען ליידט ער. ער איז אַן אמתער היפּאָכאָנדער (אַזוי רופֿט מען עס — נישט אמת?)!

די באַציונגען צווישן דער מוטער און פֿרוי וואַן דאַן זענען נישט קיין איבריק גוטע; ס׳פּעלט זיי נישט קיין סיבות פֿאַר קריגעריי און אויפגערעגטן וואָרט־אויסטויש. אַ קליינער ביישפּיל: די פֿרוי האָט אַרויסגענומען פֿון בשותפותדיקן וואַש־אַלמער אַלע אירע ליילעכער, אויסער דריי. זי האָלט, אַ פּנים, אַז די מוטערס וועש קען נוצן פֿאַר דער גאַנצער פֿאַמיליע. זי וועט האָבן אַן אומ־אנגענעמע איבעראַשונג ווען זי וועט געוויר ווערן אַז די מוטער האָט אויך געטון דאָסזעלבע.

אַ חוץ דעם איז די פֿרוי ברוגז. הלמאי באַנוצט מען זיך מיט איר טיש־באַשטעק און כלים און נישט מיט אונזערע. זי וויל תמיד וויסן, וואָס האָבן מיר געטון מיט אונזערע טעלער. זיי געפינען־זיך אַ סך נענטער ווי זי קלערט; זיי שטייען אויפן בוידעם, פֿאַרפּאַקט אין קאַרטאָן־שאַכטלעך, הינטער אַ הויפן רעקלאַמע־מאַטעריאַל. אַזוי לאַנג ווי מיר זענען אין באַהעלטעניש, וועלן מיר נישט קענען צו־קומען צו די טעלער, און עס איז גוט אַזוי. אַלע מאָל טרעפט זיך מיר עפּעס; נעכטן האָב איך צובראָכן אויף פּיצלעך אַ זופּ־טעלער פֿון פֿרוי וואַן דאַן. „אוי ווי!" האָט זי געשריגן אַ שטאַרק צו־כעסטע, „אפשר וואָלסטו פֿאַרזיכטיקער געווען? ס׳איז די איינציקע זאַך וואָס איז מיר נאָך געבליבן". הער וואַן דאַן איז די לעצטע צייט ליב צו מיר ווי אַ קעצל. מילא. זאָל ער טון ווי עס געפֿעלט אים. די מוטער האָט מיר ווידער אַריינגעזאָגט אַ פּאַרציע מוסר היינט

אינדערפרי; איך קאָן דאָס נישט לײדן. אונזערע באַגריפן זענען לחלוטין קעגנזעצלעכע. דער פֿאָטער איז ווײל, הגם עס טרעפֿט, אַז ער ברוגזט זיך אָן אויף מיר, אויף אַ פֿינף מינוט.

פֿאַריגע וואָך האָט פּאַסירט אַ קלײן געשעעניש אין אונזער מאַנאָטאָנעם לעבן: צוליב אַ בוך וועגן פֿרויען — און צוליב פּעטערן. דאַרפֿסט וויסן, אַז מאַרגאָט און פּעטער מעגן לײענען כמעט אַלע ביכער וואָס הער קאָפּהויז באַרגט אונז, אָבער דאָס בוך, אויף אַ פֿרויען־טעמע, האָבן די דערוואַקסענע דאָך רעזערווירט בלויז פֿאַר זיך. דער ענין האָט גלײך דערוועקט נײַגיריקײט בײַ פּעטערן. וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבאָטענע זאַכן קאָנען דען זײַן אין דעם דאָזיקן בוך? ער האָט עס בגניבה אָוועקגענומען בײַ זײַן מוטער בעת זי איז געווען פֿאַרטון אין אַ שמועס אונטן, און איז אַרויף מיט זײַן טראָפֿײ אויפֿן בוידעם. עטלעכע טעג איז אַלץ אָוועק כשורה. פֿרוי וואַן דאַן האָט גוט געוווּסט וואָס ער טוט, אָבער זי האָט אים נישט אויסגעגעבן. ביז הער וואַן דאַן האָט אויפֿגעדעקט דעם ענין. ער איז געווען בײז, אָוועקגענומען בײַ אים דאָס בוך און געמײנט אַז מיט דעם איז דער ענין דערלײדיקט. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קײן חשבון ווי גרויס איז די נײַגיריקײט פֿון זײַן זון. יענער האָט זיך כלל נישט איבערגענומען מיט דער תּקיפֿות׳דיקער אויפֿפֿירונג פֿון זײַן פֿאָטער.

פּעטער האָט דאָך געוואָלט ענדיקן לײענען דאָס אינטערעסאַנטע בוך. אינצווישן האָט פֿרוי וואַן דאַן געפֿרעגט מײַן מוטער וואָס איז איר מײנונג וועגן דעם ענין. די מוטער האָט געזאָגט, אַז זי האַלט, אַז דאָס בוך איז נישט פּאַסיק פֿאַר מאַרגאָטן, אָבער אין גרעסטן טײל פֿון די אַנדערע ביכער האָט זי קײן שעדליכקײט נישט געפֿונען.

„עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד, פֿרוי וואַן דאַן, צווישן מאַרגאָט און פּעטער“, האָט געזאָגט די מוטער. „ראשית איז מאַרגאָט אַ מײדל, און מײדלעך זענען שטענדיק מער אַנטוויקלט ווי ײנגלעך. און צווײטנס, מאַרגאָט האָט שוין געלײענט אַ סך ערנסטע ביכער און זי זוכט נישט קײן זאַכן וואָס זענען פֿאַר איר פֿאַרבאָטן. און דריטנס, מאַרגאָט איז אַ סך מער אַנטוויקלט און פֿאַרשטענדיק, ווײל זי האָט געלערנט פֿיר יאָר אין אַ מיטל־שול“. די פֿרוי וואַן דאַן האָט מסכים געווען, זי האָט אָבער צוגעגעבן, אַז אין פּרינציפּ איז עס נישט

ריכטיק צו געבן יונגע קינדער ביכער וואָס זענען באַשטימט פֿאַר דערוואַקסענע.

אינצווישן האָט פּעטער אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס קיינער האָט נישט אַכטונג געגעבן נישט אויפֿן בוך און נישט אויף אים. אין אָוונט, אַרום האַלב אַכט, בעת די גאַנצע פֿאַמיליע איז געווען אין פּריוואַטן ביוראָ און געהערט ראַדיאָ, האָט פּעטער נאָכאַמאָל גענומען זיין „אוצר" און אַרויף אויפֿן בוידעם. אַרום האַלב ניין האָט ער באַדאַרפֿט צו זיין אונטן, נאָר אַזוי־ווי דאָס בוך איז געווען זער שפּאַנענד, האָט ער פֿאַרגעסן די שעה און איז ערשט אַראָפּ דעמאָלט, ווען דער פֿאָטער איז שוין געווען אין דער וווינונג.

ס'איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן וואָס דעמאָלט איז געשען! אַ פּאַטש, אַ שטויס, אַ שלעפּ, און ס'בוך איז געלעגן אויפֿן טיש און פּעטער אויפֿן בוידעם. אַזוי איז געווען בעת די פֿאַמיליע האָט זיך געזעצט עסן מאָלצייט. פּעטער איז געבליבן אויבן און קיינער האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. אַלס שטראָף האָט ער געדאַרפֿט גיין שלאָפֿן אָן נאַכטמאָל. מיר זענען געזעסן און געגעסן, פֿריילעך שמועסנדיק צווישן זיך, און פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ שאַרפֿן פֿייף. אַלע האָבן אַוועקגעלייגט די גאָפּלען און געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן, מיט בלייכע און איבערגעשראָקענע פּנימער און דאַן האָבן מיר דערהערט פּעטערס שטים, וואָס האָט אַריינגעשריגן דורכן קוימען: „בשום אופֿן וועל איך נישט אַראָפּגיין". הער וואַן דאַן איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין פּלאַץ, זיין סערוועט איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן דיל, און מיט אַ פֿלאַם־פֿייערדיק רויט געזיכט האָט ער געשריגן: „אָבער איצט איז שוין גענוג". דער פֿאָטער האָט אים אָנגענומען פֿאַרן אָרעם, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר שרעקלעכע זאַכן, און צוזאַמען זענען ביידע הערן אַרויף אויפֿן בוידעם. נאָך אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און פֿוס־שטויסן איז פּעטער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין זיין צימער, די טיר איז נאָך אים צוגעשלאָסן געוואָרן און מיר האָבן פֿאָרגעזעצט דאָס עסן. פֿרוי וואַן דאַן האָט געוואָלט איבערלאָזן אַ שטיקל ברויט פֿאַרן טייערן זון, אָבער דער הער האָט זיך איינגעעקשנט. „אויב ער וועט נישט בעטן אַנטשולדיקונג תיכף ומיד, מעג ער שלאָפֿן אויפֿן בוידעם".

מיר האָבן פּראָטעסטירט און געזאָגט, אַז דאָס נישט עסן דאָס

מאָלצייט איז אַ גענוגנדיקע שטראָף. מיר האָבן געזאָגט, אַז פעטער קען זיך צוקילן און מיר וועלן נישט קענען ברענגען קיין דאָקטאָר.

פעטער האָט זיך נישט פאַרענטפערט, נישט געבעטן קיין ענטשולדיקונג, ער איז ווידער אַרויף אויפן בוידעם. הער וואַן דאַן האָט זיך מער נישט אַריינגעמישט. אָבער אינדערפרי האָט ער געזען פעטערן שלאָפן אין זיין בעט. אַ זייגער זיבן איז פעטער ווידער געווען אויפן בוידעם, אָבער דער פאָטער האָט אים געבעטן ער זאָל אַראָפגיין, און ער האָט מסכים געווען. פאַרזויערטע פנימער און עקשנות'דיקע שווייגעניש אין משך פון דריי טעג; שפעטער איז אַלץ ווידער אַריין אין פריערדיקן טראַנס.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 21 סעפטעמבער 1942

טייערע קיטי,

היינט וועל איך דיר דערציילן אַלגעמיינע נייעס פון אונזער באַהעלטעניש. מיט דער פרוי וואַן דאַן איז שווער אויסצוהאַלטן. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל באַקום איך פאַרווורפן פון אויבן פאַר דעם וואָס איך פלוידער אָן איבערייס. יעדעס מאָל זוכט זי אויס אַ פרישע סיבה אונז אויפצורעגן; איצט וויל זי נישט מער וואַשן די טעפ, אויב ס'איז נאָך געבליבן אין זיי אַ סימן פון עסן. אנשטאָט אַרויסצונעמען די רעשטלעך עסן פון די טעפ אין אַ גלעזערנער שיסל, ווי מ'האָט געטון ביז איצט, לאָזט זי זיי איבער אין די טעפ ביז זיי ווערן קאַליע. און נאָך דעם נעכסטן מאָלצייט, ווען מ'דאַרף וואַשן דאָס געשיר, נעמען זיך אַמאָל צונויף זיבן טעפ פאַר מאַרגאַטן צו וואַשן אויף אַמאָל, און דאַן זאָגט פרוי וואַן דאַן: „מאַרגאָט, מאַרגאָט, האָסט דאָך אַזוי פיל אַרבעט!"

איך העלף צו דעם פאָטער צונויפשטעלן דעם יחוס־בריוו פון זיין משפחה, און דערביי דערציילט ער מיר עפעס־וואָס איבער יעדן איינעם און דאָס אינטערעסירט מיך זייער.

הער קאָפהויז ברענגט פאַר מיר יעדע צווייטע וואָך עטלעכע ביכער פאַר מיידלעך. איך בין באַגייסטערט פון דער סעריע: „יאָפ סער הויל". און בכלל האָב איך שטאַרק הנאה פון סיסי וואַן מאַרקסוועלד. דאָס בוך „זומער שגעון" האָב איך שוין געלייענט

פיר מאָל, און איך לאָז נאָך אַלץ פון די קאָמישע סיטואַציעס אין דעם בוך.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים. איך גיב אָפּ אַ סך צייט פּאָר פּראַנצויזיש און לערן אויס יעדן טאָג פינף צייטווערטער וואָס זייער קאָניוגאַציע איז אַנדערש פון די געוויינלעכע כללים. פּעטער נעמט לערנען די ענגלישע לעקציעס מיט אַ שווערן זיפץ. אייניקע לער־ביכער זענען ערשט איצט אָנגעקומען. אַ מענגע העפטן, בליי־שטיפטן, מעקערס און צעטלעך האָב איך מיטגעבראַכט פון דער שטוב. אַמאָל הער איך די „שטים פון אראַניע״ — די האָלענדישע אוידיציע פון לאָנדאָן. נישט לאַנג צוריק האָט געשמועסט דער פּירשט בערנאַרד. ער האָט דערציילט, אַז אין יאַנואַר וועט ביי זיי געבוירן ווערן אַ קינד. דאָס איז פיין. דאָ וווּנדערן זיי זיך וואָס איך בין אַזוי טריי דעם הויז אראַניע.

צוריק מיט אייניקע טעג האָט מען אויף מיר געזאָגט אַז איך בין נאָך אַ גרויס נאַרעלע, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אויף צומאָרגנס האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער גאַנצער ענערגיע. כ׳האָב נישט קיין חשק צו זיצן אין דער ערשטער קלאַס ווען איך וועל אַלט זיין 14 אָדער 15 יאָר.

און נאָך האָט מען געזאָגט אויף מיר, אַז מ׳גיט מיר כמעט נישט קיין ערנסטע זאַכן צום לייענען. די מוטער לייענט איצט דאָס בוך: „הערן, פרויען און קנעכט״. מיר איז נישט דערלויבט עס צו לייענען (מארגאטן, יאָ), ביז איך וועל זיין אַביסל מער אַנטוויקלט, ווי מיין באַגאַבטע שוועסטער. שפּעטער האָט מען גערעדט וועגן מיין אומוויסנהייט אויפן געביט פון פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע, וואָס איך ווייס גאָרנישט פון דעם. אפשר וועל איך אין אַ יאָר אַרום קלוגער ווערן (די שווערע ווערטער האָב איך אויפ־געזוכט באַלד אין ווערטערבוך פון קונען).

איך בין מיט שרעק געוווירר געוואָרן, אַז כ׳האָב אויפן ווינטער נישט מער ווי איין קלייד מיט לאַנגע אַרבל און דריי זשאַקעטלעך. דער פאָטער האָט מיר דערלויבט צו שטריקן אַ סוועטער פון ווייסער שאָף־וואָל; די וואָל איז נישט זייער שיין, אָבער זי וואַרעמט — און דאָס איז וויכטיקער. כ׳האָב נאָך אַביסל קליידער ביי פרעמדע

מענטשן, אָבער מיר וועלן דאָס קאָנען אָפּנעמען ערשט נאָך דער מלחמה, אויב זיי וועלן נאָך זיין דאָרט.

צוריק מיט אייניקע מינוט, בעת כ׳האָב געשריבן עפּעס וועגן פרוי דאַן וואַן, איז זי צופעליק צוגעקומען צו מיר. איך האָב גלייך צוגעמאַכט דאָס טאָג־בוך.

„אַנאַ, מעג איך אריינקוקן ?"

„ניין, מאַדאַם".

„נאָר אויפן לעצטן בלעטל ?"

„אויך נישט, מאַדאַם".

איך האָב מיך, פאַרשטייט זיך זייער דערשראָקן, ווייל דוקא אויף דעם בלעטל באַשרייב איך זי און נישט אַזוי גינסטיק פאַר איר.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 25 סעפּטעמבער 1942

טייערע קיטי,

נעכטן אין אָוונט בין איך אַרויפגעגאַנגען אויבן אויף אַ „באַזוך" ביי דער פאַמיליע וואַן דאַן, אַביסל צו כאַפּן אַ שמועס. אַמאָל איז דאָרט זייער אנגענעם. מיר עסן נאַפטאַלין־קיכלעך (דאָס שאַכטל איז געשטאַנען אין קליידער־שאַנק און עס איז פול מיט נאַפטאַלין) און מיר טרינקען לימאַנאַד.

דער שמועס איז אַריבערגעגאַנגען אויף פּעטערן. כ׳האָב דערציילט, אַז פּעטער האָט אַ טבע צו גלעטן מיינע באַקן. דאָס רעגט מיך אויף, כ׳האָב נישט ליב קיין בחורים מיט לאַנגע הענט.

זיי האָבן געפרעגט, ווי דער שטייגער איז פון עלטערן, אויב איך קען נישט גערן האָבן פּעטערן, ווייל ער האָט מיך אויך גערן. כ׳האָב מיר געטראַכט אין האַרצן „גאָט אין הימל!" און זיי האָב איך געענטפערט: „אָך, ניין!" — שטעלסט עס דיר פאָר!

כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז פּעטער איז אַביסל שווערלעך, און אַז איך האַלט, אַז ער איז שעמעוודיק, ווייל אַזעלכע זענען אַלע בחורים וואָס זענען נאָך נישט געגאַנגען מיט מיידלעך.

איך מוז זאָגן, אַז דער באַהעלטעניש־קאָמיטעט (די מענער־אָפּטיילונג) ווייזט אַרויס גרויס דערפינדערישקייט. הער וואָס מ׳האָט דערפינדן איצט, כדי צו דערמעגלעכן דעם הער וואַן דייק, דעם

הויפּט־רעפּרעזענטאַנט פון „טראַוויס", אַ גוטער פריינט, ביי וועמען אונזער פאַרמעגן איז באַהאַלטן, צו באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן אונזער לאַגע! זיי קלאַפּן אָפּ אויף דער שרייב־מאַשין אַ בריוו צו אַן אַפּטייקער אין דרום־זילאַנד, איינער פון אונזערע קונדן, און מ׳בעט אים, אַז ער זאָל שיקן דאָס בייגעלייגטע צעטל מיטן קאָנווערט אַלס תשובה. אויף דעם קאָנווערט צייכנט דער פאָטער אָן דעם אַדרעס. ווען דער קאָנווערט קומט אָן פון פון זילאַנד, נעמט מען אַרויס פון אים דאָס צעטל און אנשטאט דעם לייגט מען אַריין אַ קורצן בריוו מיט דער האַנטשריפט פון פאָטער. אַזוי קען וואַן־דייק לייענען דעם בריוו אָן שום חשד. זיי האָבן געוויילט דווקא זילאַנד, ווייל ס׳איז נאָנט קיין בעלגיע, און מ׳קאָן מיינען, אַז דער בריוו איז פון דאָרט אַריבערגעשמוגלט געוואָרן, און אויך צוליב דעם וואָס קיינער טאָר נישט פאָרן אַהין אָן אַ באַזונדערע דערלויבניש.

דיין, אַ נ אַ

1942 זונטיק, 27 סעפּטעמבער

טייערע קיטי,

כ׳האָב מיך געקריגט מיט דער מוטער, און דאָס נישט צום ערשטן מאָל. צום באַדויערן, זענען די באַציאונגען צווישן אונז נישט זייער קיין גוטע, און אויך מיט מאַרגאָט קאָן איך נישט אויסקומען. הגם אין אונזער פאַמיליע קומט עס קיינמאָל נישט צו קיין אויסברוכן, איז די לאַגע נישט זייער אנגענעם פאַר מיר. דער כאַראַקטער פון מאַרגאָט און פון דער מוטער איז מיר אַזוי פרעמד. כ׳פאַרשטיי זיך שוין בעסער מיט מיינע פריינדינס איידער מיט מיין מוטער, באמת אַ שאָד!

אָפּט שמועסן מיר וועגן פּראָבלעמען פון נאָך דער מלחמה — אַ שטייגער, אַז מען טאָר נישט ריידן מיט גרינגשעצונג וועגן באַדינערינס. מיר געפעלט עס נישט, פּונקט ווי דער אונטערשיד צווישן „מאפּראָו" און „ייפראָו" לגבי פאַרהייראַטע פרויען*.

* אַ בכבודיקע פרוי רופט מען אין האָלאַנד „מאפּראָו", פרויען פון דער אָרעמער באַפעלקערונג רופט מען „ייפראָו" (פרייליין) אפילו זיי זענען פאַרהייראַט.

פרײ װאָן דאָן איז זער פילבאַר און איז װידער אין אַ שלעכטע שטימונג, זי האַלט אין איין באַהאַלטן אירע פּריװאַטע חפצים. אַ שאָד װאָס די מוטער רעאַגירט נישט אויף יעדן פאַרשװינדן פון חפצים װאָס געהערן צו װאָן־דאָן מיט באַהאַלטן חפצים פון פאַמיליע פראַנק.

עס זענען פאַראַנען מענטשן װאָס האָבן אַ באַזונדער פאַרגניגן צו דערציען נישט בלויז זייערע אייגענע קינדער, נאָר אויך די קינדער פון זייערע באַקאַנטע. צו דעם מין געהערט די פאַמיליע װאָן־דאָן. מאַרגאָט דאַרף מען נישט דערציען, װייל זי איז די פאַר־קערפּערונג פון גוטסקייט, ליבנסווירדיקייט און קלוגשאַפט. דער־פאַר האָב איך שוין צוגענומען איר חלק אין שטיפערישקייט. נישט איינמאָל פליען ביים טיש שטראָף־װערטער פון איין זייט און חוצפּהדיקע ענטפערס פון דער צווייטער זייט. פאָטער און מוטער נעמען זיך אָן פאַר מיר מיט גרויס ברען, אָן זיי װאָלט איך נישט געקענט אויסהאַלטן דעם געראַנגל מיט אַזאַ מוט. הגם מ׳וואָרנט מיך תמיד, אַז איך דאַרף צוימען מיין צונג, זיך נישט אַריינמישן אין קיין זאַך, און אַז איך דאַרף זיין מער צוריקגעהאַלטן, געלינגט עס מיר זעלטן. און װען דער פאָטער זאָל נישט זיין געבענטשט מיט אַזוי פיל געדולד, װאָלט איך שוין לאַנג פאַרלוירן די האָפענונג נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון מיינע עלטערן, װעלכע זענען כלל נישט אַזוי עקסטרעם.

אַז איך נעם בלויז אַ קליין ביסל גרינװאַרג, װאָס איך האָב נישט ליב, און אנשטאָט דעם עס איך קאַרטאָפל, קען נישט װאָן דאָן, און באַזונדערס זיין פרוי, צוקוקן שווייגנדיק צו אָט דער פירונג מיינע.

„נעם נאָך אַביסל גרינס, אַנאַ״, באַמערקט זי גלייך.

„ניין, אַ דאַנק, מאַדאַם״, ענטפער איך. כ׳האָב גענוג קאַרטאָפל״.

„גרינס איז גוט פאַרן געזונט. אויך דיין מוטער זאָגט אַזוי. נעם נאָך אַביסל״. הערט זי נישט אויף מיך צו בעטן, ביז דער פאָטער מישט זיך אַריין און שטיצט אונטער מיין אָפּזאָג.

און דאַן ברעכט די מאַדאַם אויס מיט טענות: „האָסטו באַדאַרפט זיין ביי אונז אין שטוב. דאָרט האָט מען לפּחות געוווסט ווי צו דערציען קינדער. דאָס איז נישט קיין דערציונג. אַנאַ איז זייער

צעפּיעשטשעט. איך וואָלט אָזעלכעס נישט דערלויבט, ווען אַנאַ וואָלט געווען מיין טאָכטער..."

אַזוי הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך שטענדיק דער ווערטער־שטראָם אירער: „ווען אַנאַ וואָלט געווען מיין טאָכטער". מילא, גוט וואָס כ׳בין נישט איר טאָכטער.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום ענין דערציאונג. נעכטן איז שטיל געוואָרן נאָך די לעצטע ווערטער פון דער מאַדאַם. און דאַן האָט דער פאָטער געענטפערט: „לויט מיין מיינונג איז אַנאַ גענוג גוט דערצויגן, יעדנפאַלס האָט זי זיך שוין אויסגעלערנט נישט צו ענטפערן אויף אייערע מוסר־רייד. און וואָס איז שייך צום גרינס עסן, קוקט אַריין אין אייער אייגענעם טעלער".

פרוי וואַן דאַן האָט געזען אַז זי איז דורכגעפאַלן, און דווקא אויף אַ שענדלעכן אופן. ווייל זי אַליין באַגנוגענט זיך מיט אַ קליינ־טשיקע פּאָרציע גרינס. די מאַדאַם האָט זיך אַ תירוץ פאַר איר צעפּיעש־טשעטקייט: זי טענהט, אַז אויב זי עסט צופיל גרינס פאַרן שלאָפן, באַקומט זי צירות. אויב אַזוי, איז דאָך בעסער זי זאָל זיך נישט אַריינמישן אין מיינע עס־געוווינהייטן. קאָמיש, ווי לייכט עס איז דער פרוי וואַן דאַן רויט צו ווערן. איך דוקא נישט. און דאָס פאַרדריסט איר זייער אין דער טיפעניש פון איר האַרץ.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 28 סעפּטעמבער 1942

טייערע קיטי,

מיין נעכטיקער בריוו איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, ווען כ׳בין געווען געצוווּנגען איבערצורייסן דאָס שרייבן. כ׳קאָן נישט איינהאַלטן מיין חשק צו דערציילן דיר נאָך וועגן איין קריגעריי, אָבער איידער איך הויב דאָס אָן, אָט איז נאָך עפּעס:

לויט מיין מיינונג איז עס זייער לעכערלעך, אַז דערוואַקסענע מענטשן צעקריגן זיך אַזוי לייכט און אַזוי אָפט איבער זאַכן וואָס האָבן גאָר קיין חשיבות נישט. ביז איצט האָב איך געקלערט, אַז קריגעריי איז אַ שלעכטע אייגנשאַפט פון קינדער, אַז מ׳געוויינט זיך אָפּ פון דעם אין לויף פון יאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז אַמאָל איז פאַראַן אַ גרונט פאַר „ממשותדיקע" קריגעריי, אָבער די אַלע

שטעכווערטלעך און צאַנקערייען חזרן זיך איבער יעדן טאָג, וואָלט איך אייגנטלעך שוין באַדאַרפט זיין צוגעוווינט דערצו. אָבער עס איז נישט אַזוי, און ווי עס ווייזט אויס, וועט עס נישט זיין. אַזוי לאַנג ווי כמעט אין יעדן ויכוח (דאָ זאָגט מען ויכוח און נישט קריגעריי) דערמאָנט מען מיין נאָמען. קיין שום גוטע מידה געפינט מען נישט אין מיר; מ׳ווענט מיך און מ׳משפט מיך, מיין אויפֿ־פירונג, מיין כאַראַקטער, מיינע מאַניערן — איינס נאָכן אַנדערן, פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. און זיי ווילן נאָך, אַז איך זאָל אַריבערגיין מיט שווייגן איבער אַ זאַך צו וועלכער איך בין כלל נישט געוווינט: האַרבע ווערטער און געשרייען אויף מיין חשבון. אָבער דאָס קען איך נישט טון! ס׳פּאַלט מיר כלל נישט איין צו ענטפערן מיט שווייגן אויף די אַלע באַליידיקונגען. איך וועל זיי נאָך ווייזן, אַז אַנאַ פראַנק איז נישט אַ קליין קינד, און זיי וועלן זיך וווּנדערן און פאַרמאַכן זייערע גרויסע מיילער, ווען איך וועל זיי אויפקלערן, אַז עס איז גלייכער פאַר זיי אָנצוהויבן מיט דערציען זיך אַליין אַנשטאָט מיך צו דערציען. וואָס פאַר אַ באַנעמען זיך! ממש ווי ווילדע! איך בין אַזש דערשטוינט יעדעס מאָל פון דער אומגעוויינלעכער גראָבקייט און דער עיקר... פון דער טפשות (פרוי וואַן דאַן), אָבער מיטן מאָמענט ווען איך וועל מיך צו דעם צוגעוווינען — און דאָס וועט זייער שנעל קומען — וועל איך זיי ענטפערן אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און דעמאָלט וועלן זיי ענדערן זייער באַציאונג צו מיר.

בין איך דען באמת אַזוי נישט איידל אין מיין באַנעמען זיך מיט מענטשן, איינגעעקשנט, חוצפהדיק, נאַריש און פויל א. א. וו. א. א. ו., ווי מ׳זאָגט אויף מיר אויבן? נאַרישקייטן! איך ווייס זייער גוט אַז איך האָב אַ סך חסרונות און פעלערן, אָבער זיי איבער־טרייבן נישט ווייניק.

ווען דו וואָלסט געוווּסט, קיטי, ווי איך ווער אויפגעקאָכט בעת דעם אויסטויש פון אָט די זידלערייען און זלזולים! און עס וועט לאַנג נישט דויערן, ביז דער אין מיר איינגעהאַלטענער כעס וועט אויסברעכן און אַרויס אין דרויסן.

אָבער גענוג דערפון. איך קלער אַז כ׳האָב דיר שוין גענוג געלאַנגווייליקט מיט מיינע קריגערייען. און פונדעסטוועגן קען

איך מיך נישט איינהאַלטן און דיר נישט איבערגעבן אַן אינטערע־סאַנטן ויכוח וואָס האָט זיך געפירט ביים טיש.

צוליב עפּעס אַ סיבה האָבן מיר דערמאָנט, דורך אגב, די גרויסע באַשיידנקייט פון פּים (פּים איז אַ צערטלעכער צונאָמען פון פּאַטער). דאָס איז אַ באַקאַנטער פאַקט וואָס ווערט דורך אַלע־מען באַשטעטיקט. אָבער די מאַדאַם, וועלכע קען נישט אַנדערש, נאָר יעדן שמועס אַרויספירן אויף איר אייגענער פּערזאָן, זאָגט פּלוצלונג אזוי: „אויך איך בין זייער באַשיידן, אַ סך מער ווי מיין מאַן".

האָסטו שוין אַמאָל אַזויגס געהערט? שוין אָט די באַמערקונג אַליין איז גענוג צו באַווייזן ווי גרויס עס איז איר באַשיידנקייט! הער וואָן דאַן, וואָס האָט געפונען פאַר נויטיק צו רעאַגירן אויף דעם וואָס זי האָט געזאָגט אויף אים, האָט געענטפערט רואיק: „איך פּרוביר אפילו נישט צו זיין באַשיידן. אין מיין לעבן האָב איך מיך איבערצייגט, אַז מענטשן בעל־גאוה'ניקעס דערגרייכן מער ווי באַשיידענע לייט". און ווענדנדיק זיך צו מיר האָט ער געזאָגט: „זיי נישט באַשיידן, אַנאַ, עס איז נישט כדאי".

די מוטער האָט אַבסאָלוט מסכים געווען מיט דער מיינונג. אָבער פראוי וואָן דאַן האָט געפונען פאַר נויטיק, אויף איר שטייגער, צוצוגעבן עפּעס אייגנס צו אָט דעם דערציאונגס־ויכוח. דאָס מאָל האָט זי זיך נישט געווענדעט צו מיר, נאָר צו מיינע עלטערן, און געזאָגט: „וואָס פאַר אַ משונהדיקע וועלט־אַנשויאונג איר האָט, אויב איר קענט אַזאַ זאַך זאָגן אַנאַ'ן. ווען איך בין געווען יונג, איז אַלץ געווען אַנדערש. און איך בין זיכער, אַז אויך איצט איז עס אַנדערש אומעטום, אַ חוץ אין אייער מאָדערנער פאַמיליע". דערמיט האָט זי געמיינט דאָס מאָדערנע דערציאונגס־סיסטעם, וועלכעס די מוטער האָט פאַרטיידיקט ביי אייניקע געלעגנהייטן.

דאָס פּנים פון דער מאַדאַם איז רויט געוואָרן ווי אַ צוויקל פון גרויס אויפרעגונג. די מוטער אָבער האָט זיך נישט אויפ־געדעגט. און ווער עס ווערט רויט, ווערט נאָך מער אויפגערעגט צוליב דעם, און דער סוף איז אַז ער פאַרשפּילט. די מוטער וואָס האָט נישט קיין טבע רויט צו ווערן, האָט שוין געוואָלט ענדיקן דעם ויכוח, זי האָט געקלערט אַ ווייל און האָט געענטפערט:

„פרוי וואַן דאַן, אויך איך האַלט אַז עס איז גלייכער צו זיין אַביסל וויניקער באַשיידן. אייער מאַן, אַגאַ און איך זענען אמת נישט קיין בעל־גאוהניקעס, אָבער מיר לאָזן זיך נישט טרעטן אויף די הינעראויגן".

פרוי וואַן דאַן: „מאַדאַם, איך פאַרשטיי אייך נישט, כ'בין באמת זייער באַשיידן. ווי אַזוי קאָנט איר זאָגן אויף מיר, אַז איך בין נישט באַשיידן?"

די מוטער: „אודאי זענט איר נישט קיין בעל־גאוה'ניצע, אָבער קיינער וועט נישט זאָגן אויף אייך, אַז איר זענט דוקא אַ באַ־שיידענע".

פרוי וואַן דאַן: „כ'וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן מיט וואָס בין איך נישט באַשיידן! ווען איך זאָל דאָ נישט זאָרגן פאַר מיר, וואָלט קיינער פאַר מיר נישט געזאָרגט, און איך וואָלט געשטאָרבן פאַר הונגער. פונדעסטוועגן בין איך באַשיידן נישט וויניקער פון אייער מאַן".

קעגנאיבער אַזאַ לעכערלעכן פאַרענטפערן זיך האָט זיך די מוטער נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן און דאָס האָט זייער פאַרדראָסן די מאַדאַם, וואָס האָט פאַרגעזעצט איר שיינע רעדע מיט אַ לאַנגער סעריע פון שיינע דייטש־האָלענדישע און האָלענדיש־דייטשע אויסדרוקן, ביז די געבוירענע רעדנערין האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין די רייד, אַז זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און געוואָלט אַרויסגיין פון צימער. און דעמאָלט איז איר בליק געפאַלן אויף מיר. און דו האָסט געמעגט זען וואָס עס איז געשען! — אויף מיין מזל האָב איך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, פון מיטלייד און איראָניע, — אין דעם אויגנבליק ווען די מאַדאַם האָט געווענדעט דעם רוקן צו אונז — נישט מיט אַ פריער באַרעכנטער כוונה, נאָר אונטערן איינפלוס פון איר ווערטער־שטראָם, האָט די מאַדאַם זיך צוריק אומגעקערט און געעפנט אַ מענה־לשון אויף דייטש, מיט נידריקע און גראָבע אויסדרוקן, פונקט ווי אַ דיקע, רויט־פנימדיקע פיש־פאַרקויפערין. ס'איז געווען פשוט, אַ תענוג, זי אָנצוקוקן. ווען איך וואָלט געקאָנט מאָלן, וואָלט איך זי געמאָלט אין אָט דער פּאָזע — אַזוי לעכערלעך איז געווען אָט דאָס קליינע און נאַרישע באַשעפעניש!

אָבער איין זאַך האָב איך געלערנט, נעמלעך: מ׳קען נישט גוט דערקענען קיין מענטשן ביז מען קריגט זיך נישט מיט אים ווי עס דאַרף צו זיין. ערשט דעמאָלט קאָנסטו אַרויסזאָגן דיין מיינונג וועגן זיין כאַראַקטער!

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 29 סעפּטעמבער 1942

טייערע קיטי,

משונה׳דיקע זאַכן פּאַסירן ביי אונז אין באַהעלטעניש! שטעל דיר פֿאָר: אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין וואַנע, וואַשן מיר זיך אין אַ שיסל, און אַזוי ווי אין ביורא (כ׳מיין דעם גאַנצן אונטערשטן שטאָק) איז דאָ וואַרעם וואַסער, גייען מיר אַלע זיבן, לויט אַ ריי, געניסן פון אָט דעם פאַרגעניגן.

אָבער אַזוי ווי מיר אַלע זיבן זענען אַזוי פאַרשידן איינער פון צווייטן, און אויך דערפאַר וואָס דער ענין שעמעוודיקייט איז שאַרפער ביי אַ טייל פון אונז ווי ביי די אַנדערע, האָט יעדער אויסגעוויילט פאַר זיך אַ באַזונדערן וואַש־פּלאַץ. פּעטער וואַשט זיך אין קיך, הגם די קיך האָט אַ גלעזערנע טיר. ווען ער גרייט זיך צו וואַשן, מאַכט ער אַ באַזוך ביי יעדן איינעם פון אונז באַזונדער, און איז מודיע, אַז אין משך פון אַ האַלבער שעה טאָר מען נישט אַדורכגיין פאַרביי דער קיך. אָט דאָס מיטל האַלט ער פאַר גענוגנד. הער וואַן דאַן וואַשט זיך אויבן. ער האַלט, אַז צוליב דער וואַש־זיכערקייט אין זיין צימער איז פאַר אים כדאי די מי פון אַרויפטראָגן דאָס וואַרעמע וואַסער אויף אַלע טרעפּ. די מאַדאַם וואַשט זיך דערוויַיל בכלל נישט; זי וואַרט ביז זי וועט זיך אַנטשליסן וועלכער פּלאַץ פּאַסט איר אַמבעסטן. דער פאָטער וואַשט זיך אין פּריוואַטן ביוראָ; די מוטער טוט עס אין קיך, הינטער דעם פאַראַוואַן פון באַק־איווון. מאַרגאָט און איך האָבן אויסגעקליבן דאָס פאָדערשטע ביוראָ אַלס וואַש־פּלאַץ. שבת נאָכמיטאָג לאָזן מיר אַראָפּ די פאָרהאַנגען און באָדן זיך אין דער פינצטער, און דער וואָס וואַרט אויף די ריי זיך צו וואַשן, קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַלט אין פאָרהאַנג אויף די משונהדיקע מענטשן אין דער גאַס.

זינט דער פאַרגאַנגענער וואָך געפעלט מיר נישט מער אָט דאָס

באַדע־צימער; כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן אַ מער באַקוועם אָרט. פּעטער האָט מיר געגעבן דעם געדאַנק אָוועקצושטעלן מיין שיסל אין דעם גרויסן טואַלעט־צימער פון ביוראָ. דאָרט קאָן איך זיצן, אָנצינדן ליכט, פאַרשליסן די טיר, אַרויסגיסן דאָס וואַסער אָן עמיצנס הילף — און איך בין געשיצט קעגן אַריינקוקן. זונטיק האָב איך דאָס ערשטע מאָל מיך באַנוצט מיט מיין שיינעם באַדע־צימער, און הגם עס זעט אויס משנוה׳דיק, געפעלט מיר דער פּלאַץ בעסער ווי יעדער אַנדערער.

אין דער פאַרגאַנגענער וואָך האָט אונטן געאַרבעט אַן אינ־סטאַלאַטאָר, וואָס איז געקומען איבערשטעלן די וואַסער־רערן און קאַנאַליזאַציע פון טואַלעט־צימער אין ביוראָ. מ׳האָט עס געמאַכט כּדי די רערן זאָלן נישט איינפרירן צוליבן קאַלטן ווינטער. דער באַזוך פון אינסטאַלאַטאָר איז נישט געווען פאַר אונז באַזונדערס אָנגענעם. נישט בלויז צוליב דעם וואָס מ׳האָט נישט געטאָרט אויסגיסן דאָס וואַסער אין באַסיין אין משך פון די טאָג־שעהן, נאָר אויך דערפאַר וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט באַנוצן דאָס טואַלעט־צימער. עס איז אמת, נישט שיין צו דערציילן וואָס מיר האָבן געטון כּדי בייצוקומען די דאָזיקע שטערונג; אָבער איך בין נישט אַזאַ שעמעוודיקע, און בין גרייט צו דערציילן אויך וועגן דעם.

זינט מיר זענען געקומען דאָ אַהער זיך אויסצובאַהאַלטן האָבן דער פּאָטער און איך געזאָרגט פאַר אַן ערזאַץ פון אַ נאַכט־טאָפּ: צוליב אויספעלן פון אַזאַ כּלי האָבן מיר מקריב געווען אַ גלעזער־נעם סלוי פאַר דעם צוועק. אַט אַזעלכע סלויעס, וואָס זענען באַשטימט פאַר פּרוכט־קאָנסערוון. האָבן מיר אַריינגעבראַכט אין צימער, אין די טעג ווען דער אינסטאַלאַטאָר האָט געטון זיין אַרבעט און אין די טאָג שעהן, האָבן מיר אין זיי געהאַלטן די אומריינקייטן. דאָס איז גאָרנישט געווען אַזוי שרעקלעך פאַר מיר; ערגער איז געווען דאָס וואָס אין משך פון גאַנצן טאָג האָב איך גע־מוזט זיצן שטיל און רואיק. מ׳האָט נישט געטאָרט אַ וואָרט אַרויסריידן. האָסט קיין אַנונג נישט ווי שווער דער ענין איז געווען פאַר פריילין קוואַ־קוואַ. אויך אין געוויינלעכע טעג מוזן מיר ריידן שטיל; אָבער בכלל נישט צו ריידן און זיך נישט אַ ריר צו

טון — דאָס איז צען מאָל ערגער. נאָך דריי לאַנגע טעג זיצן איז דער אונטערשטער טייל פון מיין קערפּער געוואָרן פּלאַטשיק און פאַרהאַרטעוועט, פון פיל זיצן, און עס האָט מיר ווי געטון. אוונט־גימנאַסטיק האָט געהאָלפן קעגן דעם ווייטיק.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 1 אָקטאָבער 1942

טייערע קיטי,

נעכטן האָב איך מיך מוראדיק דערשראָקן. אַרום אַכט אַ זייגער האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ לאַנגער קלינג. כ׳בין געווען זיכער אַז עמיצער קומט — דו ווייסט שוין ווער. אָבער אַלע האָבן געזאָגט אַז דאָס זענען אודאי יונגע שטיפערס אָדער דער בריוו־טרעגער; איך האָב מיך אַביסל באַרואיקט.

די טעג זענען דאָ געוואָרן זייער שטילע. לעווין, אַ יידישער קליינער אַפּטייקער און כעמיקער, אַרבעט פאַר הער קראַלער אין קיך. ער קען דעם גאַנצן בנין זער גוט, און דעריבער האָבן מיר תמיד מורא, טאָמער וועט אים איינפאַלן גיין אַ קוק טון אין דער אַלטער לאַבאָראַטאָריע. מיר זענען שטיל ווי מייזלעך. ווער עמען וואָלט געקענט איינפאַלן מיט דריי חדשים צוריק, אַז אַנאַ, וואָס איז רירעוודיק ווי קוועקזילבער, וועט קענען זיצן אַזוי פיל שעהן אָן באַוועגונג?

דעם 29 איז געווען דער געבורטסטאָג פון פרוי וואַן־דאַן. הגם די פייערונג איז נישט געווען אַזוי באַזונדערס פּרעכטיק, האָבן מיר איר דערלאַנגט בלומען, קליינע מתנות און מכבד געווען מיט גוטע מאכלים. רויטע נעלקען פון איר מאַן, דאָס איז, ווייזט אויס, אַ פאַמיליע־טראַדיציע. און אַז מיר שמועסן שוין וועגן מאַדאַם וואַן־דאַן, קען איך דיר זאָגן, אַז עס פאַרדריסט מיך אויף איר, ווייל זי פּרוווט מאַכן אַ פלירט מיטן פאָטער. זי גלעט אים די באַקן און די האָר, הויבט אויף אַביסל צו הויך איר קלייד, רעדט כלומרשט קלוגע ווערטער און פּרוווט אַזוי אַרום צוציען די אויפמערקזאַמ־קייט פון פאָטער. עס איז זייער גוט וואָס זי איז נישט שיין און נישט סימפּאַטיש אין די אויגן פון פּים. ער רעאַגירט נישט אויף איר חנדלען זיך צו אים. איך בין זייער אייפערזיכטיק, ווי דו ווייסט,

און איך וועל נישט מסכים זיין צו אַזעלכע זאַכן. די מוטער מאַכט נישט אַזעלכע שטיק מיט הער וואַן־דאַן, איך האָב עס געזאָגט אַפֿן דער פֿרוי וואַן־דאַן.

פּעטער קען אויך צייטנווייז פֿריילעך זיין. עס איז פֿאַראַן איין זאַך וואָס ער האָט גערן גלייך ווי איך: זיך פֿאַרשטעלן, און אַרויס־רופֿן גרויס געלעכטער. ער איז דערשינען אָנגעטון אין אַ זייער קורץ קליידעל פֿון זיין מוטער, און איך אין זיין אַנצוג. ער האָט אָנגעטון אַ פֿרויען היטעלע און איך אַ היטל מיט אַ דאַשעק. די דערוואַקסענע האָבן זיך געקייקלט פֿון געלעכטער און מיר האָבן הנאה געהאַט נישט ווייניקער פֿון זיי.

עלי האָט געקויפֿט אין „ביענקארף״* נייע האַלב קליידלעך פֿאַר מאַרגאָט און פֿאַר מיר. דער שטאָף איז אַ געמיינער, פּונקט ווי אַ זאַק, דער פּרייז איז 24 פֿלאָרין און 7 מיט א האַלבן פֿלאָרין. וואָס פֿאַר אַן אונטערשיד אַנטקעגן דעם וואָס איז געווען פֿריער.

נאָך עפּעס שיינס: עלי האָט באַשטעלט אין עפּעס אַ געזעל־שאַפֿט סטענאָגראַפֿיע־לעקציעס דורך קאָרעספּאָנדענץ פֿאַר מאַר־גאָט, פּעטער און פֿאַר מיר. וועסט זען: אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר זיין גרויסע קענער פֿון סטענאָגראַפֿיע. יעדנפֿאַלס, איך האַלט, אַז עס איז זייער אינטערעסאַנט זיך אויסצולערנען אַזאַ סאָרט געהיים־שריפֿט.

דיין, אַנאַ

שבת, 3 אָקטאָבער 1942

טייערע קיטי,

נעכטן האָבן מיר ווידער געהאַט אַ צוזאַמענשטויס. די מוטער איז זייער בייז געווען און דערציילט דעם פֿאָטער אַלע מיינע חטאים. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, אויך געוויינט און נאָך פֿריער האָב איך געהאַט אַ שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק. צום סוף האָב איך געזאָגט דעם פֿאָטער, אַז איך האָב אים פֿיל מער ליב ווי די מוטער. און ער האָט געענטפֿערט, אַז דאָס וועט איבערגיין; אָבער איך גלויב נישט אין דעם. איך

* אַ גרויס וואַרן־הויז.

צווינג מיך צו זיין רואיק לגבי דער מוטער. דער פּאָטער זאָגט, אַז ווען די מוטער ליידט פון קאָפּ־ווייטיק אָדער פילט זיך נישט גוט, דאַרף איך אַליין איר פאַרשלאָגן צו טון עפּעס פאַר איר, אָבער דאָס וועל איך נישט טון.

איך לערן פלייסיק פראַנצויזיש און לייען איצט דאָס בוך:

„La Belle Nivernaise„

דיין, אַ נ אַ

פרייטיק, 9 אָקטאָבער 1942

טייערע קיטי,

היינט האָב איך שלעכטע און טרויעריקע נייעס. אונזערע באַקאַנטע יידן נעמט מען אַרויס פון די הייזער גרופּנווייז. די געסטאַפּאָ באַגייט זיך נישט מיט אָט די מענטשן מיט קיין זיידענע הענטשקעס: מען פירט זיי אין וואַגאָנען פאַר בהמות קיין וועסטערברוק, אַ גרויסער יידן־לאַגער אין דרענטא. די באַדינגונגען אין וועסטערברוק זענען גרויליקע. הונדערטער מענטשן האָבן בלויז איין וואַש־שטוב, און עס זענען פאַראַן צו ווייניק קלאָזעטן. די שלאָף־שטובן זענען גע־מישטע, מענער, פרויען און קינדער שלאָפן צוזאַמען. הערט מען דעריבער וועגן גרויסער צעלאָזנקייט, און פיל פרויען און מיידלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט אַ לענגערע צייט, זענען שוואַנגער.

אַנטלויפן פון דאָרט קאָן מען נישט: דעם רוב פון די מענטשן דערקענט מען לויט זייערע אָפּגעראַזירטע קעפּ און אַ סך אויך צוליב זייערע יידישע געזיכטס־שטריכן.

אין אויב אין האָלאַנד איז אַזוי, וואָס זשע וועט זיין זייער גורל אין יענע ווייטע און באַרבאַרישע מקומות וווהין זיי ווערן פאַרשיקט? מיר נעמען אָן, אַז דער גרעסטער טייל ווערט אויסגעמאָרדעט. דער ענגלישער ראַדיאָ זאָגט, אַז מען דערשטיקט זיי מיט גאַזן. מעגלעך, אַז דאָס איז די שנעלסטע שיטה צו דערמאָרדן מענטשן. איך בין אינגאַנצן צעמישט. מיפּ דערציילט די אַלע זאַכן אין אַ דערשיטערנדער פאָרם, און איז אַליין אינגאַנצן אויפגעציטערט. דאָ נישט לאַנג צוריק איז אַן אַלטע הינקנדיקע יידישע פרוי געזעסן פאַר דער טיר פון איר שטוב; מ׳האָט איר געזאָגט אַז זי זאָל וואַרטן אויף דער געסטאַפּאָ

וואָס איז אָוועק ברענגען אַן אויטאָ זי אָוועקצופירן. די אָרעמע זקנה איז געוועזן דערשראָקן צוליב דער גרויסער שיסעריי אויף ענגלישע עראָפּלאַנען, וואָס זענען פאַרבייגעפלויגן אין דעם מאָמענט, און אויך צוליב די אויגן־שווינדלענדיקע פּראָזשעקטאָרן, און דאָך האָט מיפּ נישט געוואָגט די אַלטע אין שטוב אָריינצונעמען, און קיין מענטש וואָלט עס נישט געוואָגט צו טון, די דייטשן קאַרגן נישט קיין שטראָפן.

אויך עלי איז זייער נידערגעשלאָגן: איר בחור מוז פאָרן קיין דייטשלאַנד. זי האָט מורא, אַז די אַעראָפּלאַנען וואָס פליען איבער אונזערע הייזער זאָלן נישט אַראָפּוואַרפן זייער באָמבן־לאַדונג, — וואָס דערגרייכט, צייטנווייז, אַ מיליאָן קילאָגראַם, — אויף דירק׳ס קאָפּ. און די שפּאַס־ווערטלעך ווי, אַז „קיין גאַנצן מיליאָן וועט ער זיכער נישט באַקומען", אַדער „איין באָמבע איז אויך גענוג פאַר אים", האָלט איך פאַר געשמאַקלאָז. דירק איז נישט דער איינציקער וועמען מען צווינגט צו גיין. יעדן טאָג גייען אָפּ פון דאַנען וואַגאָנען אָנגעפילט מיט יונגע מענטשן. אויפן וועג, ווען זיי בלייבן שטיין אויף עפּעס אַ סטאַציע, פּרווון אייניקע פון זיי אַראָפּצוגיין בגניבה און זיך אויסבאַהאַלטן: אָבער וויניקע געלינגט עס.

איך האָב מיין קלאָג־בריוו נאָך נישט פאַרענדיקט. האָסט געהערט אַמאָל וועגן ערובניקעס? דאָס איז דאָס נייעסטע שטראָף־מיטל פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן. דאָס איז די סאַמע שרעקלעכסטע זאַך וואָס דו קאָנסט דיר נאָר פאָרשטעלן. מ׳אַרעסטירט אָנגעזעענע בירגער, אומשולדיקע מענטשן, און זיי וואַרטן אויף זייער אורטייל. ווען עמיצער פירט אויס אַ סאַבאָטאַזש־אַקט און מ׳קען דעם שול־דיקן נישט געפונען, שטעלט די געסטאַפּאָ — גאַנץ איינפאַך — פינף ערובניקעס צו דער וואַנט. זייער אָפט ברענגען די צייטונגען ידיעות וועגן טויט פון אָט די מענטשן. וועגן דעם פאַרברעכן מעלדעט מען ווי וועגן עפּעס אַן „אומפאַל מיט מענטשלעכע קרבנות". אַ שיין פאָלק זענען זיי, די דייטשן. און שטעל דיר פאָר, אַז איך אַליין האָב אַמאָל אָנגעהערט צו דעם דאָזיקן פאָלק! אָבער ניין, היטלער האָט שוין לאַנג צוגענומען ביי אונז די בירגערשאַפט.

און אייגנטלעך, קאָן דאָך נישט זיין אויף דער וועלט קיין גרעסערע שנאה ווי די צווישן דייטשן און יידן.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 16 אָקטאָבער 1942

טייערע קיטי,

איך בין זייער באַשעפטיקט. אַט איצט האָב איך איבערגעזעצט אַ קאַפּיטל פון „LaBelle Nivernaise" איך האָב מיר פאַרצייכנט אייניקע ווערטער, געמאַכט אַ צרה'דיקע אַריטמעטישע אויפגאַבע און דריי זייטלעך פראַנצויזישע גראַמאַטיק. ס'איז מיר נמאס געוואָרן צו באַשעפטיקן זיך יעדן טאָג מיט אַריטמעטיק. אויך דער פאָטער זאָגט, אַז דאָס איז שרעקלעך, און איך קאָן אַריטמעטיק אפשר בעסער פון אים, אָבער בעצם זענען מירביידע נישט קיין גרויסע בעלי חשבון. און נישט איינמאָל מוזן מיר בעטן מאַרגאָט זי זאָל אונז אַרויסהעלפן. אין סטענאָגראַפיע פאַרנעם איך דעם ערשטן פּלאַץ פון אונז אַלע דריי.

נעכטן האָב איך געענדיקט דאָס בוך „די אַנגרייפער". עס איז אַ פיין בוך, אָבער לגמרי נישט ווי „יאָפּ טער הויל".

איך האַלט בכלל, אַז סיסי וואַן מאַרקסוועלא שרייבט וווּנדערבאַר. איך וועל געבן אירע ביכער אויך מיינע קינדער.

די מוטער, מאַרגאָט און איך זענען ווידער די סאַמע בעסטע פריינדינס און אַזוי איז טאַקע פיל אַנגענעמער. נעכטן זענען מיר געלעגן ביידע אין איין בעט, מאַרגאָט און איך. עס איז געווען זייער ענג, אָבער זייער פריילעך. זי האָט מיר געפרעגט, צי זי מעג לייענען מיין טאָג־בוך. כ'האָב געזאָגט: „געוויסע פראַגמענטן מעגסטו לייענען", און כ'האָב זי געבעטן, אַז זי זאָל מיר דערלויבן אַריינקוקן אויך אין איר טאָגבוך, און זי האָט מיר דערלויבט. נאָכהער האָבן מיר אָנגעהויבן ריידן וועגן דער צוקונפט. כ'האָב זי געפרעגט, וואָס זי וויל זיין; אָבער זי וויל עס מיר נישט אויפדעקן. זי מאַכט דערפון אַ גרויסן סוד. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי קלערט וועגן אַ קאַריערע פון אַ לערערין. כ'ווייס נישט צי עס איז גוט,

אָבער איך נעם אָן אַז יאָ. אייגנטלעך טאָר איך נישט זיין אַזאַ נייגיריקע!

היינט בין איך געלעגן אויפן בעט פון פעטער, נאָכדעם ווי איך האָב אים אַראָפּגעטריבן פון דאָרט. ער איז געוואָרן זייער אין כעס, אָבער מיר אַרט עס נישט. ער וואָלט געמעגט זיין אַביסל מער ליבנסווירדיקער צו מיר, ווייל נעכטן האָב איך אים געגעבן אַ מתנה אַן עפּל.

כ'האָב געפרעגט מאַרגאָטן, צי האַלט זי מיך פאַר אַ מיאוסע. זי האָט געזאָגט, אַז איך זע אויס אַ גענוג פריילעכע און כ'האָב שיינע אויגן. דאָס איז אַביסל נישט קלאָר, נישט אַזוי?

ביז צום קומענדיקן מאָל.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 20 אָקטאָבער 1942

טייערע קיטי,

מיין האַנט ציטערט נאָך, הגם עס זענען שוין אַריבער צוויי שעה, זינט מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן. דאַרפסט וויסן, אַז מיר האָבן פינף מינימאַקס־אַפּאַראַטן קעגן אַ שריפה. מיר האָבן געוווסט, אַז עס דאַרף עמיצער קומען וואָס זאָל אָנפילן די אַפּאַראַטן, אָבער קיינער האָט אונז נישט פאָרויס געוואָרנט אַז דער טישלער וועט קומען (ווי אַזוי רופט מען דעם מענטשן וואָס מאַכט אַזאַ ארבעט?).

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מיר האָבן נישט געזאָרגט צו זיין שטיל, ביז איך האָב דערהערט פון דרויסן, (קעגן דער טיר פון אונזער שאַנק) אַ קלאַפּ פון אַ האַמער. כ'האָב מיך גלייך דער־מאָנט אינם טישלער און כ'האָב געוואָרנט עלי'ן וואָס האָט געגעסן אויבן, אַז זי טאָר נישט אַראָפּגיין. איך און דער פאָטער זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער טיר, כדי צו הערן ווען דער מענטש וועט אַוועקגיין. נאָכדעם ווי ער האָט געאַרבעט אַ פערטל שעה, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם האַמער אין דרויסן און דאָס איבריקע געצייג אויף אונזער אַלמער (אַזוי האָט זיך אונז געדאַכט) און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מיר זענען אַלע בלייך

געוואָרן. צי האָט ער באמת אונז דערהערט און געקומען באַזוכן אונזער געהיימען ווין־פּלאַץ? אַזוי האָט זיך אונז געדאַכט. מיר האָבן געהערט קלאַפּן, ציען, שטופּן און אַוועקשלעפּן עפּעס פאַר דער טיר. איך בין שיער נישט אין אָנמאַכט געפאַלן פון געדאַנק, אַז אָט דער דאָזיקער פרעמדער קאָן נאָך ענטדעקן אונזער גוטע באַהעלטעניש. און איך האָב געקלערט, אָט איז מיין סוף געקומען, און דעמאָלט האָב איך דערהערט דעם הער קאפהויז'ס קול: „עפנט מיר, איך בין עס". מיר האָבן גלייך געעפנט. די אַקס וואָס האָט געהאַלטן אויף זיך די טיר־שאַנק, און וואָס נאָר פאַרטרויטע מענטשן האָבן געוווּסט ווי איר צו באַוועגן פון דרויסן, איז עפּעס קאַליע געוואָרן; דעריבער האָט מען נישט געקאָנט קומען אונז מודיע זיין וועגן טישלערס קומען. דערווייל איז דער מענטש אַראָפּגעגאַנגען און קאָפּהויז האָט געוואָלט רופן עלי'ן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען צו עפענען די טיר־שאַנק.

איך קאָן דיר זאָגן, אַז עס איז מיר היפּש גרינגער געוואָרן. אָט דער מענטש וואָס האָט געזאָלט פרווון זיך אַריינרייסן צו אונז, איז אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעוואַקסן אין אַן אומגעהויער פאַר־זעעניש, אַ פאַשיסט וואָס קיין ערגערער קען שוין נישט זיין.

מילא, גוט וואָס אויך דאָס מאָל זענען מיר ניצול געוואָרן פון אַ צרה.

דערווייל האָבן מיר שטאַרק הנאה געהאַט דעם לעצטן מאָנטיק. מיפּ און הענק האָבן ביי אונז גענעכטיקט. מאַרגאָט און איך זענען געגאַנגען שלאָפן די נאַכט ביי אונזערע עלטערן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער פאַמיליע וואַן סאַנטען. דאָס עסן איז געווען ווונדער־לעך געשמאַק. עס איז געווען אַ קליינע שטערונג. דער לאָמפּ פון פאָטער האָט גורם געווען צו אַ קורץ־שלוס און פּלוצים זענען מיר געבליבן זיצן אין דער פינצטער. וואָס קאָן מען טון? עס זענען געווען נייע קאָרקעס אין שטוב, אָבער מ'האָט זיי באַדאַרפט אַריינ־שטעקן אין דער טאַפּל וואָס געפינט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל אינם גרויסן פינסטערן מאַגאַזין, און אין אָוונט איז עס נישט אַזאַ אָנ־גענעמע אַרבעט. דאָך זענען די מענער אַרויסגעגאַנגען טון די אַרבעט, און נאָך אַרום צען מינוט האָבן מיר שוין געקאָנט מוותר זיין אויף די ליכטלעך.

היינט בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. הענק האָט באַדאַרפט אוועקגיין אַ זייגער האַלב ניין. ס'האָט געגאָסן אַ שטאַרקער רעגן און מיפ האָט זיך געפרייט וואָס זי דאַרף נישט פאָרן אויפן פאַר־ראַד צו דער אַרבעט. נאָך אַ פיינעם פרישטיק זענען זיי אַוועק דער אַרבעט.

אויך עלי וועט קומען די צווייטע וואָך אויף אַ נאַכט־באַזוך.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 29 אָקטאָבער 1942

טייערע קיטי,

איך בין זייער באַזאָרגט; דער פאָטער איז קראַנק. ער האָט הויכע היץ און אַ רויטן אויסשיט אויף דער הויט; דאַכט זיך אַז ער האָט מאָזלען. שטעל דיר פאָר, מיר קאָנען אפילו קיין דאָקטאר נישט רופן! די מוטער באַמיט זיך, אַז דער פאָטער זאָל שוויצן. אפשר וועט דאָס העלפן די היץ זאָל אַראָפּפאַלן.

היינט אינדערפרי האָט מיר מיפ דערציילט, אַז מ'האָט אַרויס־גענומען די גאַנצע מעבל פון דער פאַמיליע וואַן דאַן. מיר האָבן עס נאָך נישט דערציילט דער פרוי וואַן דאַן, ווייל סיי־ווי איז זי זייער נערוועז די לעצטע צייט און מיר האָבן קיין חשק נישט צו הערן פרישע קלאָגערייען וועגן די שיינע סערוויסן און פרעכטיקע שטילן וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין שטוב. מיר זענען אויך געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן כמעט אַלע אונזערע שיינע זאַכן, ס'וועט אונז דען עפּעס העלפן אַז מיר וועלן קלאָגן אויף דעם?

אין דער לעצטער צייט דערלויבט מען מיר צו לייענען אַביסל ביכער פאַר דערוואַקסענע. איך לייען איצט „די יוגנט יאָרן פון עוואַ", פון ניקאָ וואַן סוכטעלען. לויט מיין מיינונג איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשיד צווישן אָט די ביכער און די ראָמאַנען פאַר מיידלעך. עס איז אמת, דאָרט זענען פאַראַן דערציילונגען וועגן פרויען וואָס פאַרקויפן זייערע קערפּער צו פרעמדע מענער אויף די גאַסן. זיי פאַרלאַנגען פאַר דעם זייער פיל געלט. איך וואָלט מיך געשעמט. און נאָך דערציילט זיך דאָרט, אַז עוואַ האָט באַקומען די

מענסטרואַציע. אוי, וואָלט איך שוין געוואָלט דאָס האָבן; עס זעט מיר אויס צו זיין זייער וויכטיק.

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען פון גרויסן שאַנק די דראַמעס פון געטע און שילער. ער וויל זיי פאַרלייענען פאַר אונז יעדן אָוונט מיר האָבן שוין אָנגעהויבן מיט „דאָן קאַרלאָס".

גלייכצייטיק מיט דעם האָט די מוטער באַשלאָסן מיר צו געבן איר געבעט־בוך. כדי זי צופרידנצושטעלן האָב איך געלייענט אייניקע געבעטן אין האָלענדישער שפּראַך. זיי זענען געוויס שיין; אָבער מיר זאָגן זיי גאָרנישט. פאַרוואָס צווינגט זי מיך אַזוי פרום צו זיין?

מאָרגן וועלן מיר דאָס ערשטע מאָל איינהייצן אין אויוון. איך נעם אָן, אַז עס וועט זיין אַ סך רויך אין צימער. דעם קוימען האָט מען שוין לאַנג נישט גערייניקט. לאָמיר האָפן אַז אַלץ וועט פונקציאָנירן ווי געהעריק.

דיין, אַנאַ

שבת, 7 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

די מוטער איז זייער נערוועז, און פאַר מיר איז עס תמיד געפערלעך. איז עס בלויז אַ צופאַל, וואָס פאָטער און מוטער שרייען קיינמאָל נישט אויף מאַרגאָטן און שטענדיק בין איך די שולדיקע אין אַלעמען? נעכטן אין אָוונט, צום ביישפּיל, האָט מאַרגאָט געלעזן אַ בוך מיט פּרעכטיקע אילוסטראַציעס. זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון איר פּלאַץ כדי אַרויפצוגיין אויבן און אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויף אַ ווייל פון האַנט, מיט דער דעה פאָרצוזעצן דאָס לייענען, ווען זי וועט צוריק קומען. כ'האָב נישט געהאַט וואָס צו טון, האָב איך גענומען דאָס בוך און געקוקט אויף די בילדער. מאַרגאָט איז צוריק געקומען און דערזען „איר" בוך אין מיין האַנט, האָט זי פאַרקנייטשט דעם שטערן און געבעטן איך זאָל איר צוריקגעבן דאָס בוך. כ'האָב געוואָלט נאָך אַביסל זיך איינקוקן אין די בילדער, מאַרגאָט איז אין כעס געוואָרן. די מוטער האָט זיך גלייך אַריינגעמישט און געזאָגט: „מאַרגאָט לייענט דאָס בוך, גיב

עס איר״. דער פֿאָטער איז אַריין אין צימער, ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער ער האָט געזען אַז עס געשעט עפּעס אַן אומרעכט מאַרגאַטן און ער האָט מיך גלייך אָנגעשריגן: „כ׳וואָלט געוואָלט זען וואָס דו וואָלסט געטון, ווען מאַרגאַט וואָלט געבלעטערט אין דיין בוך!״

כ׳האָב מיך גלייך אונטערגעגעבן, אַוועקגעלייגט דאָס בוך און בין אַרויס פֿון צימער. זיי זאָגן, אַז איך האָב מיך באַליידיקט. אָבער דער אמת איז, אַז איך האָב מיך כלל נישט באַליידיקט און אפילו נישט ביז געווען, נאָר באַדויערט.

עס איז נישט געווען ריכטיק מצד דעם פֿאָטער אַרויסצוגעבן אַן אורטייל, נישט ווייסנדיק וועגן וואָס ס׳איז די קריגעריי. איך וואָלט אַוועקגעגעבן דאָס בוך מאַרגאַטן נאָך גיכער, ווען דער פֿאָטער און די מוטער וואָלטן זיך נישט אַריינגעמישט, און ווען זיי נעמען נישט אונטער זייער שוץ מאַרגאַטן, גלייך ווי עס וואָלט איר געשען די גרעסטע עוולה.

אויב די מוטער איז שטענדיק אויף דער זייט פֿון מאַרגאַטן, איז עס פֿאַר מיר נישט קיין איבעראַשונג. זי און מאַרגאַט פֿאַר־טיידיקן תמיד איינע די אַנדערע. כ׳בין שוין צו דעם אַזוי ווייט געוווינט, אַז איך בין שוין אינגאַנצן גלייכגילטיק צו די פֿאַר־וווּרפֿן פֿון דער מוטער, און די שטימונגען פֿון מאַרגאַט.

כ׳האָב זיי ליב נאָר דערפֿאַר וואָס זיי זענען די מוטער און מאַרגאַט. נישט אַזוי דער פֿאָטער. אויב ער באַרעכטיקט מער מאַר־גאַטן, איז צופֿרידן פֿון אירע מעשׂים, לויבט זי און גלעט זי, עסט עס מיך אינווייניק. ווייל איך האָב ליב דעם פֿאָטער ביז צו שגעון. ער איז מיין גרויסע ליבע, און קיינעם אויף דער וועלט האָב איך נישט ליב אויסער דעם פֿאָטער.

ער פֿילט עס נישט, אַז זיין באַציאונג צו מאַרגאַט איז אַנדערש ווי צו מיר. אמת, מאַרגאַט איז די קלוגע, די ליבע, די שיינע און גוטע, אָבער איך האָב אויך רעכט צו אַביסל אַן ערנסטערע באַ־ציאונג. כ׳בין שטענדיק געווען דער קלאָון און די שטיפֿעריין אין דער פֿאַמיליע; שטענדיק האָב איך באַקומען אַ דאָפּלטע שטראָף פֿאַר מיין אויפֿפֿירונג — דער פֿאָרוווּרף אַליין פֿאַר זיך און דאָס געפֿיל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג וואָס האָט זיך דערוועקט אין מיר. איצט

קאָן איך מיך שוין מער נישט באַגנוגנען מיט אויבערפלעכעלכער ליבנסווירדיקייט, אָדער מיט די בלויז כלומרשט־ערנסטע שמועסן מיט מיר. איך פאָדער פון פאָטער עפּעס אַזוינס וואָס ער איז נישט אומשטאַנד מיר צו געבן.

איך בין נישט אומפאַרגינעריש לגבי מאַרגאַט, כ׳האָב קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין קנאה לגבי איר. איך בין נישט אייפערזיכ־טיק אויף איר חכמה און שיינקייט, אָבער איך וואָלט וועלן דעראָ־בערן אמתע ליבע ביים פאָטער, נישט בלויז צוליב דעם וואָס איך בין זיין טאָכטער, נאָר ווי אַנאַ אַלס אַזעלכע.

איך בין צוגעבונדן צום פאָטער, ווייל ער איז דער איינציגער וואָס האַלט אויף אין מיין האַרצן די לעצטע רעשטלעך פון משפּחה־געפיל. דער פאָטער פאַרשטייט נישט, אַז איך האָב אַמאָל אַ באַדערפעניש אויסצורײדן דאָס האַרץ וועגן דער מוטער. ער וויל וועגן דעם נישט ריידן; ער מיידט אויס יעדן שמועס וואָס האָט עפּעס אַ שייכות צו דער מוטער. און דאָך, די מוטער, ביי אַלע אירע פעלערן, דריקט אויף מיין האַרץ מער פון אַלעמען. איך ווייס נישט ווי כ׳האָב מיך אויפצופירן מיט איר. איך קאָן דאָך איר נישט פאַרוואַרפן איר אָפּגעלאָזנקייט, איר שטעכיקייט, איר אייגנע־שפּאַרטקייט. איך קאָן אָבער אויך נישט גלויבן, אַז שטענדיק בין איך די שולדיקע.

די מוטער און איך זענען גרונטלעך פאַרשידענע מענטשן, און דאָס מוז ברענגען צו צוזאַמענשטויסן. איך וויל מיך נישט מאַכן פאַר קיין ריכטערין איבער דעם כאַראַקטער פון דער מוטער, ווייל איך בין נישט קאָמפּעטענט צו אורטיילן. איך קוק אויף איר ווי אויף אַ מוטער. אָבער פאַר מיר איז זי נישט „די״ מוטער. איך דאַרף אליין זיין פאַר זיך אַ מוטער. כ׳האָב מיך ווי סעפּאַרירט פון זיי; איך לעב מיר פאַר זיך אַליין, און מיר׳ן נאָך זען צו וואָס כוועל דערגרייכן. דאָס אַלץ פליסט אַרויס פון פאַקט, וואָס אין מיין פאַנטאַזיע זע איך אַ מוסטער פון אַ פרוי און אַ מוטער, און איך געפין נישט אפילו אַ סימן פון אָט דעם מוסטער אין דער פרוי, וואָס כ׳האָב די פליכט צו רופן מוטער.

שטענדיק נעם איך מיר פאַר נישט צו לייגן קיין אַכט אויף דעם שלעכטן ביישפּיל פון דער מוטער. איך וויל זען אין איר

בלויז אירע מעלות, און דאָס וואָס איך געפין נישט אין איר, זוך איך ביי מיר אַליין. אָבער עס געלינגט מיר נישט און דאָס ערגסטע פון אַלץ איז דאָס, וואָס דער פאָטער און די מוטער פאַרשטייען נישט, אַז זיי לאָזן איבער אַ ליידיקייט אין מיין לעבן און איך בין דעריבער בייז אויף זיי. איז דען דאָ עמיצער וואָס קאָן אינגאַנצן צופרידנשטעלן זיינע קינדער?

אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז גאָט וויל מיך שטעלן פאַר אַ נסיון, אַזוי איצט און אַזוי נאָכהער. איך מוז זיך באַמיען צו זיין גוט מיט אייגענע כוחות, אָן ביישפּילן און אָן עמיצנס עצות. אויב דאָס וועט מיר געלינגען, וועל איך נאָכהער זיין שטאַרקער.

ווער אַ חוץ מיר וועט לייענען שפּעטער אָט די בריוו?

ווער אויסער מיר וועט מיך טרייסטן? ווייל זייער אָפט נויטיק איך זיך אין טרייסט. זייער אָפט בין איך נישט גענוג שטאַרק. איך האָב מער דורכפאַלן ווי הצלחות. איך ווייס עס און איך פּרוביר יעדעס מאָל, אַלע מאָל אויפסניי, מיך אַליין אויסצובעסערן.

עס איז נישטאָ קיין סטאַבילקייט אין זייער באַציאונג צו מיר. אין איינעם אַ טאָג איז אַנאַ אַ מענטש מיט שכל און מעג אַלץ וויסן, און אויפצומאָרגנס הער איך, אַז אַנאַ איז נישט מער ווי אַ קליין נאַריש לעמעלע וואָס ווייסט גאָרנישט, און עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט אויסגעלערנט מי־יודע וואָס פון אירע ביכער. כ׳בין שוין נישט קיין קינד און אַ שפּיל־מיידעלע, וואָס מ׳קען אויסלאַכן אַלע אירע אויפטוען. כ׳האָב מיר מיינע אייגענע אידעאַלן, געדאַנקען און פּלענער, איך ווייס נאָר נישט ווי זיי אויסצודריקן. באמת, אַזוי פיל מחשבות קומען אויף אין מיין האַרץ אין אָוונט, ווען איך בין אַליין, אָדער אויך אין די טאָג־שעהן, ווען איך מוז דולדן מענטשן וואָס זענען מיר נמאס געוואָרן און וואָס טייטשן תמיד אויס מיינע כוונות נישט ווי געהעריק. דעריבער קער איך מיך ווידער אום תמיד צו מיין טאָג־בוך. ס׳איז דער אויסגאַנגס־פּונקט און אויך דער ענד־פּונקט, ווייל קיטי איז תמיד געדולדיק, און איך בין נישט זיכער, צו טראָץ אַלעמען וועל איך אויסהאַלטן, געפינען מיין וועג און איינשלונגען מיינע טרערן. הלואי וואָלט איך געקאָנט זען די רעזולטאַטן שוין איצט. הלואי

וואָלט איך זוכה געווען, כאָטש איין מאָל, צו דער דערמונטערונג פון אַ מענטשן וואָס האָט מיך באמת ליב.

נעם עס מיר נישט פאַר אומגוט; כ'בעט דיך, זע אין מיר אַ מענטשן וואָס קאָן אויך אַמאָל אַרויס פון די כלים.

דײַן, אַנאַ

מאָנטיק, 9 נאָוועמבער 1942

טײַערע קיטי,

נעכטן איז געווען פעטער'ס געבורטסטאָג; ער איז אַלט געוואָרן 16 יאָר. די מתנות זענען געווען שיינע. צווישן אַנדערן האָט ער באַקומען אַ בערזע־שפּיל, אַ ראַזיר־אַפּאַראַט, און אַ צינדער. נישט צוליב דעם וואָס ער רויכערט אַזוי פיל, לגמרי נישט, סתם פאַר פוץ.

די גרעסטע איבעראַשונג האָט אונז געבראַכט הער וואַן דאַן; ער האָט אונז דערציילט נאָכמיטאָג, אַז די ענגלענדער האָבן געלאַנדעט אין טוניס, אַלזשיר, קאַזאַבלאַנקא און אראַן. „דאָס איז דער אָנהויב פון סוף", האָבן אַלע געזאָגט. אָבער טשערטשיל, דער בריטישער פּרעמיער־מיניסטער, וואָס האָט, ווײַזט אויס, געהערט די זעלבע ווערטער אין ענגלאַנד, האָט געזאָגט: „אָט די לאַנדונג איז אַ גרויסער אויפטו, אָבער מ'קאָן נישט זען אין איר דעם אָנהויב פון סוף. כ'וואָלט געזאָגט, אַז זי באַצייכנט דעם סוף פון אָנהויב". פאַרשטייסטו דעם אונטערשיד? עס איז אָבער דאָ אַ גרונט פאַר אָפּטימיזם. סטאַלינגראַד, די רוסישע שטאָט וואָס פאַרטיידיקט זיך שוין דרײַ חדשים, האָט זיך נאָך נישט אונטערגעגעבן די דײַטשן.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו די ענינים אין אונזער באַהעלטעניש. איך דאַרף דיר שרײַבן עפּעס וועגן אונזערע פּראָוויזאַציע־ענינים. דאַרפסט וויסן, אַז מיר האָבן אויבן נישקשהדיקע נאַשערס. אונזער ברויט ברענגט אונז אַ ווױלער בעקער, אַ באַקאַנטער פון קאָפּהויז. פאַרשטייט זיך, אַז מיר באַקומען נישט דעם קוואַנטום וואָס מיר פלעגן באַקומען בײַ אונז אינדערהיים, אָבער עס גענוגט אונז. שפּײַז־קופּאָנען קויפן מיר אויפן שוואַרצן מאַרק. זייער פּרײַז האַלט אין איין שטײַגן. פון 27 פלאָרין איז שוין דערגאַנגען ביז 33 פלאָרין. פאַר אַ שטיקל געדרוקט פּאַפּיר!

כדי מיר זאָלן האָבן אין שטוב אַזוינס וואָס לאָזט זיך קאָנסערווירן, האָבן מיר געקויפט אַ חוץ 150 פּושקעס גרינוואַרג־קאָנסערוון, נאָך 270 פונט אַרבעס און בעבלעך. נישט דאָס גאַנצע קוואַנטום איז באַשטימט פאַר אונז; מיר האָבן גענומען אין באַטראַכט אויך די ביורא־לייט. די אַרבעס א. ד. ג. האָבן מיר אויפגעהאנגען אין זעקלעך אין דעם קליינעם קאָרידאָר אונזערן (פון אינוויינִיק) אויף אַ האָקן אין דער וואַנט. צוליב דער שווערער וואָג האָבן זיך אויפגעטרענט אייניקע נעט פון די זעק. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אַרויפצוטראָגן אונזערע ווינטער־זאַפּאַסן אויפן בוידעם, און די אַרבעט פון אַרויפטראָגן האָבן מיר איבערגעגעבן פּעטערן. פינף פון די זעקס זעק זענען בשלום אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויבן, און ווען פּעטער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויפטראָגן דעם זעקסטן זאַק, האָבן זיך פּלוצים געעפנט די אונטערשטע נעט אין זאַק, און אַ רעגן, ניין, אַ האָגעל פון ברוינע בעבלעך, איז געפאַלן אין דער לופט און זיך אַראָפּגעשיט פון אַלע טרעפּ. אין זאַק איז געווען אַרום 50 פונט און דער רעש האָט פאַרטויבט די אויערן; אונטן האָט מען געמיינט, אַז דאָס גאַנצע אַלטע הויז פאַלט איין אויף זייערע קעפּ. (צום מזל איז נישט געווען קיין פרעמדער מענטש אין הויז). פּעטער האָט זיך תחילת דערשראָקן, אָבער ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער דערזעענדיק מיך שטיין אויף די אונטערשטע טרעפּ, ווי אַ קליינער אינזל צווישן די כוואַליעס בעבלעך, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צו די קנעכל פון מיינע פיס. מיר האָבן גלייך גענומען צונויפקלייבן די בעבלעך, אָבער זיי זענען גלאַטיק און קליין, און פאַרקייקלען זיך אין אַלע ווינקעלעך און לעכער. יעדעס מאָל ווען עמיצער פון אונז גייט איצט אַראָפּ פון די טרעפּ, בויגט ער זיך איין און ברענגט נאָכהער אַ פולן הויפן בעבלעך אַ מתנה דער פרוי וואַן דאַן.

כ׳האָב דיר שיעור נישט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דעם פאָטערס קראַנקהייט איז שוין כמעט אינגאַנצן אַוועק.

דיין, אַנאַ

פּ. ס. די רגע איז געקומען אַ ראַדיאָ־ידיעה, אַז אַלזשיר איז געפאַלן. מאַראָקאָ, קאַזאַבלאַנקאַ און אָראַן זענען שוין זינט אייניקע טעג אין די הענט פון די ענגלענדער. איצט וואַרט מען אויף טוניס.

דינסטיק, 10 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה: מיר האַלטן ביים אויפנעמען אַן אַכטן לאָקאַטאָר אין אונזער באַהעלטעניש! און ריכטיק, מיר האָבן שטענדיק געזאָגט אַז עס איז דאָ פּאַראַן אַ פּלאַץ און עסן נאָך פאַר אַן אַכטן מענטשן. אָבער מיר האָבן נישט געוואָלט שוין מער באַלעסטיקן די הערן קאפהויז און קראַלער. אָבען ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון דרויסן אַלץ מער גרויל־ידיעות וועגן דעם וואָס מ׳טוט מיט די יידן, האָט זיך דער פּאַטער באַראַטן מיט די צוויי פריינט זיינע און זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז עס איז אַן אויסגעצייכנטער פּלאַן. „די סכנה וואָס דראָט זיבן איז פּונקט אַזוי גרויס ווי די וואָס דראָט אַכט״, און מיט רעכט.

נאָכדעם ווי דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן, האָבן מיר גענומען זוכן אין געדאַנק צווישן אַלע אונזערע באַקאַנטע איינעם אַ זעלבסטשטענדיקן מענטשן, ער זאָל זיך קאָנען צופּאַסן צו דער פאַמיליע באַהאַלטענע ביי אונז. עס איז נישט געווען אַזוי שווער צו געפינען עמיצן. נאָכדעם ווי דער פּאַטער האָט נישט מסכים געווען אויפצונעמען קיינעם פון די קרובים פון וואַן דאַן, איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף איינעם אַ דענטיסט, זיין נאָמען איז אַלבערט דיסעל, וועמענס פרוי איז, אויף איר מזל, אין אויסלאַנד. ער איז באַקאַנט אַלס שטילער מענטש, און לויט אַן אויבערפלעכלעכע באַקאַנטשאַפט געפעלט ער דער פאַמיליע וואַן דאַן און אויך אונז, אַלס סימפּאַטישער מענטש. אויך מיפּ קען אים, אַזוי אַז זי קאָן דערליידיקן מיט אים דעם גאַנצן ענין פון זיין אויסבאַהאַלטן, אַז ער וועט קומען וועט ער נעכטיקן ביי מיר אין צימער אנשטאט מאַרגאָט, און זי וועט שלאָפן אויף דעם צונויפגעלייגטן בעטל.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 12 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

דיסעל איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד, ווען מיפּ האָט אים דערציילט, אַז זי האָט אַ באַהעלטעניש פאַר אים. זי האָט אים

שטאַרק געבעטן, אַז ער זאָל קומען ווי מעגלעך פריער, אויב מעג־לעך, שוין שבת. ער האָט געזאָגט אַז ער צווייפלט, צי ער וועט עס קענען טוען, ווייל ער דאַרף ברענגען אין אָרדנונג זיין קאַרטאָטעק, באַהאַנדלען צוויי פּאַציענטן און אָפּשליסן דעם חשבון אין דער קאַסע. מיר זענען נישט געווען צופרידן דערפון, וואָס ער וואַרט אַזוי לאַנג. אַט די אַלע צוגרייטונגען וועלן פאָדערן אַן אויפקלערונג פאַר פיל מענטשן, וואָס עס איז בעסער זיי זאָלן נישט וויסן דעם סוד. מיפּ וועט אים פרעגן, צי קאָן ער נישט דערליידיקן די ענינים אַזוי, אַז ער זאָל דאָך קומען צו אונז שבת.

דיסעל האָט געזאָגט אַז ניין; ער וועט קומען מאָנטיק. איך האַלט אַז עס איז אומפאַרשטענדלעך וואָס ער איז נישט מסכים גלייך אויף יעדן פאַרשלאָג. אויב מ'וועט אים כאַפּן אין גאַס וועט ער סיידוי נישט קאָנען ברענגען אין אָרדנונג די קאַרטאָטעק, שליסן דעם חשבון אין קאַסע און באַהאַנדלען זיינע פּאַציענטן. צו וואָס, אַלזאָ, זאָל מען דאָס אָפּלייגן? איך מיין אַז עס איז אַ נאַריש־קייט מצד דעם פאָטער וואָס ער האָט דערצו מסכים געווען.

קיין אַנדערע נייעס זענען נישטאָ.

דיין, אַ נ אַ

דינסטיק, 17 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

דיסעל איז געקומען. אַלץ איז אַריבער בשלום. עלף אַ זייגער האָט אים מיפּ געזאָגט, דאַרף ער שטיין אויף אַ געוויסן פּלאַץ פאַר דעם אריינגאַנג אין דער פּאָסט, און דאָרט וועט וואַרטן אויף אים אַ מענטש וואָס וועט אים ווייזן דעם וועג. דיסעל איז געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ פּינקטלעך צו דער צייט. הער קאָפּהויז, וואָס דיסעל קאָן אים, איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געזאָגט אַז דער מענטש קאָן נאָכנישט קומען און אים געפרעגט, צי קאָן ער קומען אויף אַ קורצער ווייל אין ביוראָ, צו מיפּ. קאָפּהויז איז אַרויף אויפן טראַמוויי און געפאָרן צוריק אין ביוראָ אַריין און דיסעל איז געגאַנגען דעם זעלבן וועג צופוס. צען מינוט פאַר האַלב צוועלף האָט דיסעל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון ביוראָ. מיפּ האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אויסטון זיין מאַנטל, מ'זאָל נישט

קאָנען זען דעם צייכן פון מגן־דוד, און האָט אים אַריינגעפירט אין פּריוואַטן ביוראָ. קאַפּהויז האָט אים דאָרט באַשעפטיקט, ביז די פּרוי וואָס רוימט אויף אין ביוראָ איז אָוועקגעגאַנגען. מיטן אויס־רייד, אַז דאָס פּריוואַטע ביוראָ איז שוין נישט פריי, האָט זי אַרויפגעפירט דיסעלן אויבן, געעפנט דעם דריי־שאַנק און אַריינ־געגאַנגען מיט דיסעלן, וואָס איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער.

מיר זענען געזעסן ביי וואַן דאַן אַרום טיש, און געוואַרט אויף אונזער שותף צום באַהעלטעניש. מיר האָבן צוגעגרייט קאָניאַק און קאַפּע אויף כיבוד. צוערשט האָט אים מיפּ אַריינגעפירט אין אונזער וווינצימער ער האָט גלייך דערקענט אונזער מעבל, אָבער עס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן אַז מיר זענען אויבן, איבער זיין קאָפּ. און ווען מיפּ האָט עס אים דערציילט, איז ער שיער נישט געפאַלן אין אָנמאַכט פון גרויס איבעראַשונג. מיפּ האָט אים אָבער נישט געגעבן קיין צייט אין דעם אריינצוקלערן, און האָט אים גלייך אַרויפגעפירט.

דיסעל איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול און אייניקע מינוט האָט ער אויף אונז געקוקט און דאָס מויל נישט געעפנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּלייענען דעם אמת פון אונזערע פּנימער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען: „אָבער... אָבער... איר זענט נישט אין בעלגיע? דער מיליטער... מאַן... איז נישט גע־קומען?... דער אויטאָ... דאָס אַנטלויפן איז נישט געלונגען?"...

מיר האָבן אים אויפגעקלערט דעם גאַנצן ענין און אים געזאָגט, אַז מ׳האָט פאַרשפּרייט די געשיכטע וועגן אָפיציר און אויטאָ, כדי צו פאַרווישן די שפורן, אָפּצונאַרן די דייטשן, אין פאַל ווען זיי וועלן אונז זוכן. ווידער איז דיסעל ווי שטום געבליבן פון דערשטוינונג איבער דעם ראַפינירטן אויפטו, און ער איז נישט געווען אומשטאַנד עפּעס צו טון ווי נאָר אַרומקוקן זיך מיט פאַרווונדערונג. שפּעטער איז ער געגאַנגען באַקוקן אונזער פיינע און פּראַקטיש איינגעאָרדנטע באַהעלטעניש.

מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. ער האָט זיך געלייגט אַביסל שלאָפן און נאָכהער מיט אונז געטרונקען טיי. ער האָט גע־בראַכט אין אָרדנונג און געלייגט אויף דעם פּאַר אים צוגעטיילטן פּלאַץ, דאָס ביסל זאַכן וואָס מיפּ האָט נאָך פריער באַוויזן צו

ברענגען, און אָנגעהויבן זיך פילן ווי ביי זיך. באַזונדערס נאָכדעם ווי מיר האָבן אים געגעבן אין די הענט אריין דעם רעגולאַמין (שאפונג פון וואן דאן):

פּראָספּעקט און וועג־ווייזער פון באַהעלטעניש.

ספעציעלער אַנשטאַלט פאַר צייטווייליקן גאַסטן פון יידן א. ד. ג.

אַפן אַ גאַנץ יאָר.

שיינע אומגעגנט, שטיל, אַן וועלדלעך, אין האַרץ פון אַמסטער־דאם, אַן פּריוואַטע שכנים. מ׳קאָן צוקומען אַהין מיט די טראַמ־ווייען 13 און 17, ווי אויך מיט אויטאָ און פאַר־ראַד. אין באַזונדערע פאַלן ווען די דייטשן דערלויבן נישט צו באַנוצן זיך מיט אָט די פאַרקערס מיטלען, קאָן מען קומען אויך צופוס.

דירה־געלט: אומזיסט.

דיעטעטישע קיך: אַן פעטס.

פליסנדיק וואַסער — אין באַדע־צימער (צום באַדויערן, נישטאָ קיין וואַנע) און לענג־אויס פון פאַרשידענע אויסערלעכע און אינער־לעכע ווענט.

מאַגאַזינען — גרויסע פאַר סחורות פון אַלע מינים.

אַן אייגענע ראַדיאָ־צענטראַלע, וואָס האָט אַ דירעקטע פאַר־בינדונג מיט לאָנדאָן ניו־יאָרק און תל־אביב און פיל אַנדערע ראַדיאָ־סטאַציעס. אָט דער דאָזיקער אַפּאַראַט שטייט צו דער דיס־פּאָזיציע פון אַלע איינוווינער פון זעקס אַ זייגער אין אָוונט. עס זענען נישט פאַראַן קיין סטאַציעס וואָס דאָס הערן זיי איז פאַר־באָטן. דייטשע סטאַציעס, זענען דערלויבט, נאָר בשעת דער אוידי־ציע פון קלאַסישער מוזיק א. ד. ג.

רו שעהן: פון צען אַ זייגער אין אָוונט ביז האַלב אַכט אינ־דערפרי. זונטיק ביז 10 מיט אַ פערטל. געמנדיק אין אַכט די באַדינגונגען, זענען איינגעפירט אויך רו־שעהן בייטאָג, לויט די אָנווייזונג פון דער לייטונג. עס דאַרפן געגעוי אָפּגעהיט ווערן די רו־שעהן, צוליב טעמים פון עפנטלעכער זיכערקייט!!!

אורלויב: ביז אַ ספּעציעלע מעלדונג ווערן אָפּגערופן אַלע אורלויבן, ווי ווייט זיי זענען פאַרבונדן מיט באַשעפטיקונג מחוץ פונם הויז.

שפראַכן: מ'מוז צו יעדער צייט ריידן שטיל. אַלע קולטור שפּראַכן זענען דערלויבט. ס'הייסט דייטש — נישט.

גימנאַסטישע איבונגען: יעדן טאָג.

לעקציעס: סטענאָגראַפיע — יעדע וואָך איין לעקציע, שריפט־לעך. ענגליש, פראַנצויזיש, אריטמעטיק און געשיכטע — צו יעדער צייט און אין יעדער שעה.

באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר קליינע הויז־חיהלעך:

גוטע און געטרייע באַהאַנדלונג (מיטן אויסנאַם פון זשוקעס און אַנדערע קריכערס, פאַר וועלכע עס איז נויטיק אַ ספּעציעלע דערלויבניש).

מאָלצייט־שעהן: פרישטיק, יעדען טאָג, אויסער זונטיק און יום־טוב אינדערפרי ניין אַ זייגער. זונטיק און יום־טוב — האַלב צוועלף.

מיטאָג־עסן: בייטאָג פון איינס מיט אַ פערטל ביז דרייפערטל צוויי.

אָוונט־עסן: קאַלט און/אָדער וואַרעם, אָן אַ באַשטימטער שעה (עס איז אָנבעלאַנגט אין די נייעס אוידיציעס).

פאַרפליכטונג לגבי דער אפראוויזאַציע־אָפּטיילונג: יעדער איינוווינער איז פאַרפליכטעט שטענדיק צו זיין גרייט מיטצוהעלפן ביי דער אַרבעט אין ביוראָ.

וואַשן: זונטיק פון ניין אַזייגער אָן שטייט די שיסל צו דער דיספּאָזיציע פון גאַנצן בני־בית מ'קען זיך וואַשן אין טואַלעט צי־מער, אין קיך, אין פּריוואַטן ביוראָ, אָדער אין פאָדערשטן ביוראָ, לויט אַ פרייען אויסוואַל.

שאַרפע געטראַנקען: בלויז לויט אַ צייגניש פון דאָקטאָר.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 19 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

ווי מיר האָבן אַלע פאָרויסגעזען, איז דיסעל אַ ליבער מענטש. ער האָט, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען צו זיין מיין שותף צום קליינעם צימער. דעם אמת געזאָגט: בין איך נישט זייער צופרידן

דערמיט וואָס אַ פרעמדער מענטש באַנוצט זיך מיט מיינע זאַכן, אָבער מ׳מוז עפּעס מקריב זיין פאַר דעם גוטן ציל. און אַט דעם קליינעם קרבן ברענג איך גערן. „אויב מיר האָבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען אַ מענטשן, איז אַלעס איבריקע אַ נעבן־זאַך" — זאָגט דער פאָטער, און ער האָט רעכט.

שוין דעם ערשטן טאָג נאָך זיין קומען האָט מיך דיסעל גע־פרעגט וועגן פאַרשידענע זאַכן, ווי אַ שטייגער: ווען קומט די פרוי וואָס רוימט אויף אין שטוב, ווען קאָן מען זיך וואַשן, ווען קאָן מען גיין אין טואַלעט. כ׳האָב אפשר געלאַכט, אָבער אין באַ־העלטעניש זענען די זאַכן נישט אַזוי פּשוט. אין די טאָג־שעהן טאָר מען נישט מאַכן קיין טומל, כדי מען זאָל אונז נישט הערן אונטן, ווייל אויב עס איז דאָ אין דער נאָענט אַ פרעמדער מענטש, ווי די פרוי וואָס רוימט אויף, דאַרפן מיר זיין נאָכמער פאָרזיכטיק. איך האָב דאָס גענוי אויפגעקלערט דעם הער דיסעל, אָבער איין זאַך האָט מיך איבעראַשט — עס קומט אים אָן זייער שווער צו באַנעמען און צו געדענקען דאָס אַלץ. ער פרעגט צוויי מאָל וועגן יעדע זאַך און געדענקט עס שפּעטער נישט. אפשר וועט דאָס פאַריבערגיין, אפשר איז ער בלויז אַ ביסל צומישט פון גרויס איבעראַשונג.

אַחוץ דעם איז אַלץ אין אָרדנונג. דיסעל האָט אונז פיל דער־ציילט וועגן דער אויסן־וועלט, פון וועלכער מיר זענען אָפּגעריסן שוין אַזאַ לאַנגע צייט. זיין דערציילונג איז געווען זייער אַ טרויע־ריקע. אומצייליקע פריינט און באַקאַנטע זענען געגאַנגען דעם שרעקלעכן גורל אַנטקעגן. יעדן אָוונט פאָרן פאַרביי די גרינע אָדער גרויע מיליטערישע אויטאָס. די דייטשן קלינגען אָן אין יעדער טיר און פרעגן, צי עס זענען דאָ יידן אין הויז. אויב יאָ, נעמען זיי מיט זיך די גאַנצע פאַמיליע וואָס געפינט זיך דאָרט. קיינער קאָן נישט אַנטרינען פון זיין גורל, סיידן ער באַהאַלט זיך אויס. אָמאָל קומען זיי מיט גרייטע ליסטעס אין די הענט, און קלינגען נאָר דאָרט, וווּ זיי ווייסן אַז זיי וועלן אַנטרעפן אַ רייכן רויב. נישט איינמאָל באַ־צאָלט מען אויסקויף־געלט, אַזויפיל און אַזויפיל פאַר אַ קאָפּ. ס׳איז ענלעך צו אַ שקלאַפן־פאַנג, ווי עס פלעגט פאָרקומען אַמאָל. אָבער עס איז בכלל נישט קיין שפּאַס. די זאַך איז צו ערנסט. אין



דאָס הויז וואָס זיין הינטער־טייל האָט געדינט אַלס מקום מקלט פאַר אַכט,
וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן

די אָונטן, ווען עס ווערט פינצטער, זע איך, נישט איינמאָל רייען פון אומשולדיקע מענטשן מיט וויינענדיקע קינדער, זיי גייען און גייען אויפן באַפעל פון עטלעכע אויסוואורפן — מ׳שלאָגט זיי און מ׳פייניקט זיי ביז זיי פאַלן כמעט אַנידער. מ׳האָט אויף קיינעם קיין רחמנות נישט: זקנים, קינדער, שוואַנגערע פרויען, קראַנקע — אַלע, אַלע גייען מיט אינם טויטן־צוג.

ווי גוט איז אונז דאָ, ווי גוט און רואיק.

מיר וואָלטן געקאָנט נישט קיין אַכט לייגן אויף אָט די ליידן, ווען מיר וואָלטן נישט געזאָרגט פאַר די אַלע וואָס זענען אונז אַזוי טייער, אָט די אַלע וואָס מיר קאָנען זיי נישט העלפן.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַ שלעכטע, ווייל איך ליג אין אַ וואַרעם בעט, בעת מיינע טייערסטע פריינדינס ליגן ערגעץ אין דרויסן. אַ ציטערניש נעמט מיך אַרום, ווען איך דערמאָן מיך אין די אַלע וואָס איך בין געווען אַזוי צוגעבונדן צו זיי, און איצט זענען זיי הפקר אין די הענט פון די גרויליקסטע תליינים אין דער וועלט.

און דאָס אַלץ ווייל זיי זענען יידן!

דיין, אַנאַ

פרייטיק 20 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

קיינער פון אונז ווייסט נישט, ווי מיר באַדאַרפן זיך באַציען צו אָט די אַלע זאַכן. ביז איצט איז ווייניק דערגאַנגען צו אונז פון דעם וואָס מ׳טוט מיט די יידן, און מיר האָבן געקלערט, אַז עס איז גלייכער פאַר אונז מיר זאָלן זיך האַלטן פריילעך ווי ווייט מעגלעך. ווען מיפּ האָט פון צייט צו צייט דערציילט עטוואָס וועגן דעם שרעקלעכן גורל פון איינעם פון אונזערע באַקאַנטע, האָבן די מוטער און פרוי וואַן דאַן אויסגעבראַכן אין אַ געוויין — אַזוי אַז מיפּ האָט באַשלאָסן זיי מער גאָרנישט צו דערציילן אָבער ווען דיסעל איז געקומען, זענען מיר אים באַפאַלן מיט פראַגן, און דאָס וואָס ער האָט דערציילט איז געווען אַזוי דערשיטערנדיק, אַזוי באַרבאַריש, אַז מיר האָבן זיינע ווערטער נישט געקאָנט פאַרגעסן.

פאַרשטייט זיך, אַז וויבאַלד דער ערשטער איינדרוק איז אַוועק, שפּאַסן מיר ווידער, און רייסן זיך ווידער אַרום איינער מיטן צווייטן. ס׳וועט אונז גאָרנישט העלפן, נישט אונז און נישט די אין דרויסן, אויב מיר וועלן זיין פאַרזאָרגט און פאַרטרויערט ווי מיר זענען איצט. און וואָס האָט עס דען פאַר אַ זין צו פאַרוואַנדלען אונזער באַהעלטעניש אין אַ טרויער־הייל?

ביי אַלץ וואָס איך טו דערמאָן איך מיך אין די אַנדערע, אין יענע וואָס זענען שוין מער נישטאָ. און ווען איך ברעך אויס אין אַ געלעכטער, ווערט מיין לאַכן ווי פאַרשטומט אינדערמיט, און איך שטיי אַ צעמישטע און טראַכט מיר אין האַרצן, אַז עס איז אַ בושה וואָס איך בין אַזוי פריילעך. אָבער צו דאַרף איך וויינען אַ גאַנצן טאָג? ניין, דאָס קאָן איך נישט, דער טרויער וועט אַוודאי פאַר־איבערגיין.

צו אָט דער צרה איז צוגעקומען נאָך אַן אַנדערע, אָבער דאָס איז לגמרי אַ פּערזענלעכע צרה, און איז גאָרנישט מיט נישט אַנטקעגן דעם וואָס כ׳האָב דיר ערשט דערציילט. פונדעסטוועגן קאָן איך נישט דיר נישט דערציילן, אַז די לעצטע צייט פיל איך מיך אַזוי איינזאַם, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַזאַ גרויסע ליידיקייט אַרום מיר. צוריק מיט אַ צייט פלעג איך נישט טראַכטן וועגן דעם — מיינע קליינע שפּילן און מיינע פריינדינס האָבן אָנגעפילט מיין גאַנץ וועזן. איצט טראַכט איך וועגן טרויעריקע זאַכן, אָדער כ׳קלער וועגן זיך אַליין. און סוף־כל־סוף האָב איך ענטדעקט, אַז דער פאָטער, הגם ער איז זייער ליבהאַרציק, קאָן נישט זיין פאַר מיר אַן ערזאַץ פאַר מיין פריערדיקער וועלט. אָבער צו וואָס זאָל איך דיך באַלעסטיקן מיט אָט די נאַרישע רייד? איך ווייס אַז איך בין אומדאַנקבאַר, קיטי, אָבער נישט איינמאָל לייד איך אַז מ׳שרייט אָן אויף מיר צופיל, און דערביי דערמאָן איך מיך אין אַלע אַנדערע צרות!

דיין, אַ נ אַ

שבת, 28 נאָוועמבער 1942

טייערע קיטי,

מיר פאַרברויכן צופיל עלעקטרע, און האָבן שוין איבער־

געשטיגן דעם קוואַנטום וואָס איז פאַר אונז באַשטימט. דער רע־זולטאַט איז: אַ שטאַרקע רעדוקציע פון פאַרברויך, און אַ סכנה אַז מ׳זאָל אונז אָפּשניידן דאָס ליכט. שטעל דיר פאָר: צוויי וואָכן אָן ליכט — אָן אַנגענעמע פּערספּעקטיוו, וואָס? אָבער ווער ווייסט? אפשר וועלן מיר האָבן מזל! פון פיר אַזייגער אָדער פון האַלב פינף אָן ווערט פינצטער און מ׳קאָן שוין מער נישט לייענען. מיר פאַרברענגען די צייט מיט אַלערליי נאַרישקייטן — רעטעניש, גימנאַסטישע איבונגען אין דער פינצטערניש, ריידן ענגליש אָדער פראַנצויזיש, קריטיקירן ביכער — אָבער אין משך פון דער צייט הויבט אָן אַלץ צו ווערן לאַנגווייליק. נעכטן אין אָוונט האָב איך דערפינדן אַ נייע פאַרווײַלונג: דורך אַ לאָרנעטע קוק איך אַריין אין די באַלויכטענע צימערן פון די שכנים הינטערן הויז. אין די טאָג־שעהן טאָרן מיר נישט אָוועקרוקן די פאָרהאַנגען, אפילו נישט אויף אַ סענטימעטער, אָבער אין דער פינצטערניש קאָן עס נישט שאַטן.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז שכנים קאָנען זיין אַזוי אינטערעסאַנט ווי אונזערע פון קעגנאיבער. אייניקע פון זיי האָב איך געזען בשעת דעם מאָלצייט־עסן; איין פאַמיליע האָט געדרייט אַ פילם, און דער דענטיסט פון אַנטקעגן האָט פונקט באַהאַנדלט אַן אַלטע, איבערגעשראָקענע פרוי.

הער דיסעל, דער מענטש, וואָס מ׳פלעגט תמיד אויף אים זאָגן, אַז ער קאָן זיך אומגיין מיט קינדער און האָט גערן קינדער, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ דערציער פון אַלטן דור, און ער האַלט אין איין פרעדיקן לאַנג־לאַנגע רעדעס, וועגן פיינע זיטן און גוטע אויפפירונג.

אַזוי ווי אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן דאָס זעלטענע(!) גליק צו האָבן זיין „עקסעלענץ״ אַלס שותף אין מיין ענגן צימערל, און אַזוי־ווי איך האָב באַקומען אַ שם אַזאַ, אַז פון די דריי יונגע מענטשן איז מיין דערציאונג די סאַמע ערגסטע — דאַרף איך מאַכן נישט קיין קליינע אָנשטרענגונגען, כדי זיך אַרויסצודרייען פון די פאַר־וווּרפן און באַמערקונגען וואָס האַלטן זיך אין איין איבערחזרן נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל, און מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ טויבע.

און דאָס אַלץ וואָלט נאָך נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווען

דער חער וואָלט נישט געווען אַזאַ גרויסער באַריידער און ווען ער וואָלט נישט אויסגעווײלט דוקא די מוטער, כדי מיך צו באַריידן פאַר איר.

נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען פון אים אַ היפּשע פּאַרציע, איבערחזרט די מוטער ווידעראַמאָל די באַהאַנדלונג, אַזוי אַז איך ווער געוואָרפן פון איין שטורעם צום אַנדערן. און אויב דאָס מזל שפּילט מיר צו, קומט נאָך פרוי וואַן דאַן אין אַ פינף מינוט אַרום און פאָדערט פון מיר אַ באַריכט פון מיינע מעשים — אַזוי אַרום ברעכט אויס דער שטורעם אויף מיר אויך פון אויבן.

באמת, זאָלסט נישט מיינען אַז עס איז אַזאַ לייכטע זאַך צו זיין דער צענטער פון נישט־דערצויגנקייט אין אַ שטרענגער פאַמי־ליע פון אויסבאַהאַלטענע. אין אָוונט ווען איך ליג אין בעט און קלער וועגן אַלע זינד און חסרונות מיינע וואָס מ'האָלט מיר אין איין פאַרוואַרפן, ווער איך אַזוי צעמישט פון די אַלע באַשולדי־קונגען, אַז איך ברעך אויס אין אַ געלעכטער אָדער אין אַ געוויין, לויט מיין געמיט.

און דעמאָלט דרימל איך איין מיט דעם מאָדנעם געפיל, אַז איך וויל זיין אַנדערש ווי איך בין, אָדער אַנדערש פון דעם וואָס איך וויל זיין, אָדער איך וויל מיך אויפפירן אַנדערש ווי איך וויל, אָדער אַנדערש ווי איך טו. מיין גאָט! איצט צעמיש איך שוין דיך אויך. האָב נישט קיין פאַראיבל, איך האָב אָבער נישט ליב אויס־צומעקן דאָס וואָס איך האָב אָנגעשריבן, און מ'טאָר אויך נישט קאַליע מאַכן קיין פּאַפּיר אין צייטן פון גרויסן מאַנגל. איך קאָן דיר בלויז ראָטן זאָלסט נישט לייענען נאָכאַמאָל דעם פריער־דיקן זאַץ, און באַזונדערס, זאָלסט זיך נישט פאַרטיפן אין אים — וועסט סיי ווי נישט דערגיין דעם גאַנצן מיין פון אים.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 7 דעצעמבער 1942

טייערע קיטי,

חנוכה און דער יום־טוב פון הייליקן ניקאָלאַס זענען אויס־געפאַלן הײ־יאָר כמעט צוזאַמען. עס איז בלויז געווען אַן אונטער־

שיד אין איין טאָג. אויף חנוכה האָבן מיר נישט געמאַכט קיין באַזונדערע הכנות — נאָר אַביסל קליינע מתנות און די ליכטלעך. אַזויווי עס הערשט אַ מאַנגל אין ליכט, צינדן מיר זיי אָן בלויז אויף צען מינוט; אָבער דאָס איז גענוג, דער עיקר, אַז עס זאָל נישט אויספעלן קיין געזאַנג. הער וואַן דאַן האָט אויסגעמייסטערט אַ חנוכה־לעמפל פון האָלץ, אַזוי, אַז אויך דאָס איז געווען אין אָרדנונג.

דער אָוונט פון הייליקן ניקאָלאַס, וואָס איז אויסגעפאַלן שבת, איז געווען אַ סך שענער. עלי און מיפ האָבן אונז געמאַכט ניי־גיריק; זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט געסודעט מיטן פאָטער, אַזוי אַז מיר האָבן חושד געווען אַז מען גרייט עפּעס צו.

אַכט אַ זייגער אין אָוונט זענען מיר אַלע אַראָפּגעגאַנגען פון די הילצערנע טרעפּ, אַדורכגעגאַנגען דעם פינצטערן קאָרידאָר (איך האָב געציטערט און געבעטן גאָט, מיר זאָלן שוין זיין צוריק אויבן בשלום) און מיר זענען אַרויף אינם קליינעם צימער. דאָרט האָבן מיר געקאָנט אָנצינדן ליכט, ווייל אין דעם צימער זענען נישטאָ קיין פענצטער. נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָס געטון, האָט דער פאָטער געעפנט דעם גרויסן שאַנק. „אַך, ווי שיין!" האָבן מיר אַלע אויס־געשריגן. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער קויש, דעקאָרירט מיט פאַרשידנפאַרביק פּאַפּיר, און אויף אים די מאַסקע פון שוואַרצן פעטער *.

מיר האָבן באַלד אַרויפגעטראָגן דעם קויש אין אונזער באַ־העלטעניש. עס זענען געווען אין אים מתנות פאַר יעדן איינעם פון אונז, מיט אַ געהעריקן פערז דערצו.

איך האָב באַקומען אַ לאַלקע וואָס דינט אַלס טאַש פאַר קלייני־קייטן, דער פאָטער האָט באַקומען אונטערהאַלטערס פאַר ביכער א. א. וו. א. א. וו. יעדנפאַלס איז עס געווען אַ וווּנדערבאַרער געּ־דאַנק, און אַזויווי קיינער פון אונז האָט נאָך זינט ער לעבט נישט געפייערט דעם יום־טוב פון הייליקן ניקאָלאַס, איז עס געווען אַ זער געלונגענע פּרעמיערע.

דיין, אַנאַ

---

* לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע — דער נעגער־דינער פון הייליקן ניקאָלאַס, וואָס ברענגט די מתנות פאַר די קינדער.

דאָנערשטיק, 10 דעצעמבער 1942

טייערע קיטי,

הער וואַן דאַן האָט זיך אַמאָל באַשעפטיקט מיטן האַנדל פון ווורשט, פלייש און געווירצן. דער פאָטער האָט אים באַשעפטיקט אין זיין האַנדלס־הויז צוליב זיינע קענטענישן אין דעם פאַך. אויך איצט ווייזט ער ארויס זיין פאַכמענישקייט אין ווורשטן און דאָס ברענגט דווקא נוצן.

מיר האָבן איינגעקויפט אַ סך פלייש (אויפן שוואַרצן מאַרק, פארשטייט זיך) כדי צו האַלטן עס אויף יעדן נויט־פאַל. עס איז געווען זייער אַנגענעם צו זען ווי מ׳האָט דורכגעלאָזט די שטיקלעך פלייש, צוויי אָדער דריי מאָל, אין דער פלייש־מאַשין. ווי מ׳האָט אויסגעמישט די אַלע געווירצן מיט דעם הויפן געמאָלענעם פלייש און אַנגעפילט די ווורשטן מיט דער הילף פון אַ לעיעק. דעם ווורשט צום פרעגלען האָבן מיר געגעסן נאָך דעמזעלבן טאָג צו מיטאָג, מיט געזויערט קרויט. אָבער דעם העלדערלאַנד־ווורשט, וואָס מ׳ברויך אים פריער אַ לענגערע צייט צו טרוקענען, האָבן מיר אויפגעהאָנגען אויף אַ לאַנגן שטעקן, וואָס איז צוגעבונדן געוואָרן מיט צוויי שטריקלעך צום סופיט. ווער עס איז אַריינגעקומען אין צימער און האָט געזען די ווורשט־אויסשטעלונג האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. עס האָט באמת זער קאָמיש אויסגעזען.

אין צימער האָט געהערשט אַזאַ אומאָרדנונג, וואָס איז שווער צו באַשרייבן. הער וואַן דאַן האָט אָנגעטון דאָס פאַרטוך פון זיין פרוי און איז געשטאַנען, — ווי ברייט און דיק ער איז — (ער זעט אויס דיקער ווי ער איז באמת) און האָט זיך געפּאָרעט מיטן פלייש. זיינע מיט בלוט פאַרפלעקטע הענט, דאָס רויטע געזיכט זיינס און דאָס פאַרשמירטע פאַרטוך, האָבן אים געגעבן דעם אויס־זען פון אַ קצב. די פרוי זיינע האָט געטון עטלעכע מלאכות אין איינער און דערזעלבער צייט: זי האָט געלערנט האָלענדיש פון אַ קליין ביכל, געמישט אין זופּן־טאָפּ, געקוקט אויפן פלייש, און געקרעכצט און געקלאָגט אויף דער אויבערשטער ריפּ וואָס זי האָט צעבראָכן. דאָס איז אַ שטראָף פאַר אַן עלטערע (!) פרוי וואָס מאַכט נאַרישע גימנאַסטישע איבונגען, כדי פּטור צו ווערן פון איבריקן שמאַלץ פון איר הינטן.

דיסעל האָט געהאַט אַן ענטצינדונג אין אויג, און ער איז גע־
זעסן ביים אויוון און צוגעלעגט באַנדאַזשן פון באָבונג צום אויג.
פּים איז געזעסן אויף אַ בענקל, באַלויכטן פון אַ דינעם זונען־שטראַל
וואָס איז אַריינגעדרונגען אין צימער, און האָט זיך אַלע מאָל איבער־
געררוקט פון איין אָרט אויפן צווייטן, געליטן, ווייזט אויס פון זיין
רעוומאַטיזם, ווייל ער איז געזעסן מיט אַזאַ נעבעכדיק פּנים און
זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט פון הער וואן דאן. ער האָט אויס־
געזען פּונקט ווי אַן׳אַלטער קאַליקע פון אַ מושב־זקנים. פּעטער
האָט זיך געשפּילט מיט זיין קעצל; די מוטער, מארגאָט און איך
האָבן געשיילט קאַרטאָפל. אָבער אייגנטלעך האָט קיינער פון אונז
נישט געטון זיין אַרבעט ווי געהעריק, ווייל מיר האָבן אַלע געקוקט
אויף וואן דאן דעם ווורשטן מאַכער.

דיסעל האָט דאָ ווידער באַניט זיין פּראַקטיק אַלס דענטיסט.
לאָמיר דיר דערציילן וויאַזוי עס איז פאָרגעקומען די ערשטע
באַהאַנדלונג. ס׳וועט דיך זיכער זייער ווילן. די מוטער איז דעמאָלט
געווען באַשעפטיקט מיט פּרעסן. און די פרוי וואן דאן איז
געווען דער ערשטער קרבן. זי איז געזעסן אויף אַ שטול אינמיטן
צימער. דיסעל האָט מיט גרויס חשיבות אויסגעליידיקט זיין קעסטל,
האָט געבעטן אַ ביסל קעלניש וואַסער אַלס דעזינפעקציע־מיטל
און אַביסל וואַזעלין אנשטאט וואַקס.

ער האָט אַריינגעקוקט דער פרוי אין מויל אַריין, אָנגערירט
אַ פאָדערשטן און אַ הינטערשטן צאָן, די פרוי האָט זיך יעדעסמאָל
איינגעקאָרטשעט ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים פאַלן אין אָנמאַכט, און
זי האָט געלאָזט הערן געבראָכענע טענער. נאָך אַ לאַנגן אונטערזוכן
(געווען לאַנגדויערנדיק בלויז פאַר דער פּאַציענטין וואן דאן, אָבער
האָט באמת נישט געדויערט מער ווי 2 מינוט) האָט דיסעל אָנגעהויבן
אויסצוקראַצן אַ קליין לעכל אין צאָן. אָבער ניין, דאָס קומט נישט
אין פראַגע — די פרוי האָט געפאָכעט מיט די אָרעמס און געקאָפּעט
מיט די פיס, אַזוי אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דיסעל אַרויס־
געלאָזט פון האַנט דעם בוירער... און ער איז געבליבן שטעקן אין
מויל פון פרוי וואן דאן.

און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע פאָרשטעלונג! די
פרוי האָט געפאָכעט מיט די אָרעמס, געוויינט (אויף וויפיל מען קאָן

ווייַנען ווען מען האָט אַ בוירער אין מויל), געפּרוווט אַרויסשלעפּן דאָס געצייַג פון מויל, אָבער ביי אַלע אירע אָנשטרענגונגען האָט זי עס אַרייַנגעשטעקט נאָך טיפער. הער דיסעל איז געשטאַנען ביי דער זייט, האָט זיך רואיק צוגעקוקט, די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די לענדן. אַלע איבעריקע צושויער האָבן געלאַכט און נישט געקאָנט זיך באַרואיקן. עס איז געווען אַ געמיינהייט — ווייל איך בין זיכער אַז איך וואָלט נאָך מער געשריגן.

נאָך פיל דרייען זיך, קאַפּען, שרייען און הילף־רופן איז דער פרוי וואָן דאַן געלונגען אַרויסצובאַקומען דעם בוירער פון מויל, און הער דיסעל האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען.

ער האָט עס געטון אַזוי שנעל, אַז די פרוי האָט נישט באַוויזן אָנצוהויבן אויפסניי, אָבער ער האָט דערביי געגאָסן פון אַזאַ מיט־הילף וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. צוויי מיטהעלפער (דאָס איז נישט ווייניק), — הער וואָן דאַן און איך — האָבן געטון די אַרבעט אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן. דאָס אַלץ איז געווען ענלעך צו אַ בילד פון מיטלאַלטער. די אויפשריפט: „אַ זנאַכער ביי דער אַרבעט״.

אינצווישן האָט די פּאַציענטן נישט אַרויסגעוויזן קיין סך גע־דולד: זי האָט געמוזט אַלע מאָל כאַפּן אַ קוק אויף „איר״ זופּ און אויף „איר״ עסן.

איין זאַך איז זיכער: נישט אַזוי גיך וועט פרוי וואָן דאַן ווידער מסכים זיין זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון הער דיסעל!

דיין, אַנאַ

זונטיק, 12 דעצעמבער 1942

טייערע קיטי.

איך זיץ מיר אַזוי אָנגענעם אין פּאָדערשטן ביוראָ און קוק אַרויס אין דרויסן דורך אַ שפּאַרע אינעם שווערן פּאָרהאַנג. עס איז בין־השמשות, אָבער גענוג ליכטיק כדי צו קאָנען שרייבן.

עס איז משונהדיק צו אָבסערווירן די מענטשן וואָס לויפן אַרום. עס דאַכט זיך אַז אַלע איילן זיך, און נאָך אַ ווייל וועלן זיי

זיך אוסגליטשן. וואָס אָנבעלאַנגט די ציקליסטן, זיי באַוועגן זיך אַזוי שנעל, אַז מ׳קאָן זיי נישט נאָכפאָלגן. איך באַוויז נישט אפילו צו זען וויאַזוי עס זעט אויס דער מענטש אויפן פאַר־ראַד.

די מענטשן אין דער סביבה זעען נישט אויס צו זיין זייער סימפאַטיש, באַזונדערס זענען די קינדער אַזוי שמוציק, אַז איך וואָלט זיי אפילו מיט אַ צוועגגל נישט אָנגערירט. דאָס זענען די קינדער פון אָרעמען שטאָדט־פערטל, מיט פאַרסמאַרקעטע נעזער; איך פאַרשטיי כמעט נישט זייער דיאַלעקט.

נעכטן נאָכמיטאָג בין איך געווען דאָ מיט מארגאט בעת מיר האָבן זיך געוואַשן און דעמאָלט האָב איך געזאָגט: „ווען מיר זאָלן אַרויפציען מיט אַ ווענדקע די קינדער וואָס גייען דאָ פאַרביי, איינס נאָכן אַנדערן, וואָלטן מיר זיי אריינגעלייגט אין שיסל און געהעריק אָפגעוואַשן, פאַריכט זייערע מלבושים און נאָכדעם זיי ווידער פרייגעלאָזט, דעמאָלט...״ דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מאַר־גאט און געזאָגט: „דעמאָלט וואָלטן זיי צומאָרגנס זיך ווידער אויסגעשמירט און ווידער צעריסן די בגדים ווי געווען״.

אָבער וואָס פלוידער איך סתם אַזוי. עס זענען דאָ פאַראַן נאָך אַנדערע זאַכן וואָס מ׳קאָן אָבסערווירן: אויטאָמאָבילן, שיפן און דער רעגן. איך הער פאָרן דעם טראַמוויי און דאָס קוויטשן פון די רעדער, און דאָס הייטערט מיך אויף.

אונזערע געדאַנקען זענען מאָנאָטאָן, אַזוי ווי אונזער לעבן איז מאָנאָטאָן. זיי דרייען זיך תמיד ווי אַ קאַרוזעלע פון די יידן צום עסן און פון עסן צו דער פאָליטיק. אגב, אַז מיר ריידן פון יידן: נעכטן האָב איך געזען צוויי יידן דורך דער שפאַרע, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ וועלט־ווונדער. דאָס איז געווען אַן אומגליקלעך געפיל: פונקט ווי איך וואָלט פאַראַטן אָט די מענטשן און איצט פאָלג איך זיי נאָך אין זייער אומגליק. דאָ אַקוראַט אַנטקעגן, אַנקעגן אַ קליין הויז־שיפל וואָס אין איר ווױנט אַ שיפער מיט זיין פרוי און קינדער. זיי האָבן אַ קליין הינטל. דאָס הינטל קענען מיר בלויז לויטן בילן און לויט דעם שפיץ פון זיין עק וואָס מיר קאָנען זען בעת ער לויפט אַרום אין דעם שיפל.

אַ שאָד! עס האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן און דער גרעסטער

טייל פון די מענטשן באַהאַלטן זיך אונטער זייערע שירעמס. איך זע נישט מער ווי רעגן־מאַנטלען, און אַמאָל אַ קאַפּ־שיידל צוגע־דעקט מיט אַ היטל. אייגנטלעך ברויך איך נישט צו זען מער ווי דאָס. איך קען שוין די אַלע ווייבער, אָנגעדראָלענע פון קאַרטאָפל, אָנגעטון אין אַ רויטן אָדער גרינעם מאַנטל. די שיך־קנאָפּל זענען אויסגעריבן און אויפן אָרעם טראָגן זיי אַ קויש צום איינקויפן. זיי האָבן אומעטיקע אָדער האַרציקע פּנימער, לויט דעם געמיט פון זייערע מענער.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 22 דעצעמבער 1942

טייערע קיטי,

דאָס באַהעלטעניש איז געוווּיר געוואָרן מיט שמחה, אַז אויף ווייַנאַכט וועט יעדער איינער באַקומען אַ פערטל פונט פּוטער. די צייטונג שרייבט, אמת, אַז מ'באַקומט אַ האַלב פונט, אָבער דאָס איז בלויז פאַר אָט די גליקלעכע מענטשן וואָס באַקומען זייערע שפּייז־קאַרטן פון דער מלוכה, און נישט פאַר יידן וואָס געפינען זיך אין באַהעלטעניש, וואָס צוליב דעם יקרות קויפן זיי בלויז פיר שפּייז־קאַרטן (אויפן שוואַרצן מאַרק) אנשטאָט אַכט.

מיר האָבן אַלע באַשלאָסן, אַז מען זאָל באַקן עפּעס אויף פּוטער. היינט איינדערפרי האָב איך צוגעגרייט קיכלעך און צוויי טאָרטן. עס איז דאָ אַ סך אַרבעט און די מוטער האָט מיר פאַר־באָטן צו לערנען אָדער לייענען ביז מיר וועלן פאַרענדיקן די שטוב־אַרבעט.

די פרוי וואן דאן ליגט אין בעט צוליב איר פאַרוווּנדעטער ריפּ, זי קרעכצט אין משך פון גאַנצן טאָג, באַקומט באַנדאַזשן איינעם נאָכן אַנדערן, און איז נישט צופרידן מיט קיין שום זאַך. איך וועל מיך פרייען ווען זי וועט ווידער קומען צו זיך, זיך שטעלן אויף די פיס און אַליין זויבער מאַכן אירע זאַכן — ווייל איין זאַך מוז מען מודה זיין: זי איז זייער פלייסיק און זויבער, און אויך פריילעך, אַזוילאַנג ווי זי פילט זיך גוט פיזיש און גייסטיק.

אפשר הער איך וועניק „ששש" אין די טאָג־שעהן, האָט איצט

דער הער, מיין שותף צום צימער, באַשלאָסן אויך ביינאַכט צו זאָגן אַלעמאָל „ששש...״ ער האַלט אַז איך טאָר מיך אַפילו נישט אויסדרייען אין בעט. כ'האָב נישט בדעה אַכט צו לייגן אויף זיינע טענות, און דאָס צווייטע מאָל וועל איך אים צוריקגעבן: „ששש...״

ער רעגט מיך אויף באַזונדערס זונטיק, ווייל דעמאָלט צינדט ער אָן ליכט זייער פרי און מאַכט גימנאַסטיק. אין די אויגן פון אַ געפּייניקט און אומגליקלעך מיידל ווי איך בין עס, זעט עס אויס אַז די זאַך ציט זיך שעהן לאַנג, ווייל די בענקלעך (וואָס פאַר־לענגערן מיין קורץ בעטל) שאָקלען זיך די גאַנצע צייט אונטער מיין איינגעדרימלטן קאָפּ. נאָכדעם ווי ער ענדיקט די איבונגען מיט עטלעכע שטאַרקע הענט־באַוועגונגען, הויבט דער הער אָן זיך שיין צו מאַכן. זיינע אונטערהויזן הענגען אויף אַ האַק און דאָס צווינגט אים צו גיין אַהין און צוריק. אָבער ער פאַרגעסט דעם קראַוואַט אויפן טיש. און ער גייט ווידער פאַרביי, רוקט און שטופּט אַוועק די בענקלעך, אַלעמאָל פונדאַסניי.

אָבער עס איז גלייכער איך זאָל מיך נישט באַקלאָגן אויף אַלטע נודניקעס, עס וועט סיי־ווי גאַרנישט העלפן. און אַלע מיינע נקמה־פּלענער — ווי אַ שטייגער אַרויסנעמען דאָס עלעקטרישע לעמפּל, פאַרשליסן די טיר, באַהאַלטן די בגדים — בין איך גע־צוווּנגען אויפצוגעבן צוליב שלום.

אַך, איך ווער אַזוי פאַרנונפטיק! דאָ איז פאַרשטאַנד דער עיקר. אַ מענטש דאַרף תמיד וויסן ווי צו האַרכן, האַלטן ס'מויל, מיטהעלפן, זיין ליבנסווירדיק, נאָכגעבן און ווער ווייסט וואָס נאָך. איך האָב מורא אַז איך נוץ אויס מיין שכל, וואָס איז סייווי נישט געווען איבעריק גרויס, אין אַ צו שנעלן טעמפּאָ, און עס וועט מיר גאָר־נישט בלייבן פון אים אויף די טעג פון נאָך דער מלחמה.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 13 יאַנואַר 1943

טייערע קיטי,

היינט בין איך ווידער אויפגערעגט, און דעריבער האָב איך נישט געקאָנט ענדיקן קיין זאַך ווי ס'געהער צו זיין.

אין דרויסן איז די לאַגע אַ מוראַדיקע. טאָג און נאַכט שלעפּט מען אָט די דאָזיקע אומגליקלעכע, וואָס האָבן נישט מער מיט זיך ווי אַ רוק־זאַק און אַביסל געלט. אויך אָט דאָס ביסל אָרעמקייט זייערס רויבט מען אָוועק ביי זיי אויפן וועג. מ׳צערייסט פאַמיליעס, מ׳טיילט פונאַנדער מענער, פרויען און קינדער.

קינדער קומען אַהיים פון דער שולע און טרעפן נישט די עלטערן. פרויען וואָס גייען אַרויס עפּעס איינקויפן, קומען אַהיים, טרעפן דאָס הויז צוגעשלאָסן און די פאַמיליע איז פאַרשוווּנדן.

אויך די קריסטן אין האָלאַנד זענען אין גרויס שרעק. מ׳שיקט אָוועק זייערע קינדער קיין דייטשלאַנד. אַלע האָבן מורא. און יעדע נאַכט פליען אַדורך הונדערטער עראָפּלאַנען איבער האָלאַנד, זיי פליען אין די דייטשע שטעדט און צעאַקערן דאָרט די ערד מיט זייערע באָמבעס, און יעדע שעה פאַלן אין רוסלאַנד און אין אַפריקע הונדערטער, טויזנטער מענטשן. קיינער קאָן נישט שטיין ביי דער זייט. די גאַנצע וועלט איז אַריינגעמישט אין דער מלחמה, און הגם עס האָט זיך געבעסערט די לאַגע פון די פאַרבינדעטע, זעט מען נאָכנישט דעם סוף.

און מיר — אונזער לאַגע איז בעסער ווי די לאַגע פון מיל־יאָנען אַנדערע מענטשן. מיר זיצן דערווייל רואיק און זיכער און עסן אויף אונזער געלט. מיר זענען אַזוי עגאָאיסטיש, אַז מירריידן וועגן די טעג פון נאָך דער מלחמה, און מיר פרייען זיך מיט די נייע קליידער און שיכוואַרג וואָס מיר וועלן זיך קויפן אין דער צוקונפט, בעת מיר וואָלטן אייגנטלעך באַדאַרפט שפּאָרן יעדן גראָשן, כדי צו קאָנען העלפן נאָך דער מלחמה אַנדערע מענטשן, און ראַטעווען וואָס עס איז נאָך מעגלעך צו ראַטעווען.

די קינדער גייען דאָ אין אַ דין העמדל, און מיט הילצערנע סאַנדאַלן אויף די פיס, אָן אַ מאַנטל, אָן אַ היטל, אָן זאָקן, און קיינער קומט זיי נישט צו הילף. די מאָגנס זייערע זענען ליידיק, און זיי קייען מייערן, לויפן פון זייער וווינונג אין דער קאַלטער גאַס אַרויס, און קומען אַריין אין שולע, אין אַ נאָך מער קאַלטער קלאַס. יאָ, האָלאַנד איז געקומען צו אַזאַ געפאַלענער מדרגה, אַז פיל קינדער פאַרהאַלטן די דורכגייער אין גאַס און בעטלען אַ שטיקל ברויט.

איך וואָלט דיר געקאָנט נאָך שעהן לאַנג דערציילן וועגן די גרויסעליידן וואָס די מלחמה האָט געברענגט, אָבער דאָס דער־שלאָגט מיך נאָך מער. ס׳איז אונז מער נישט געבליבן ווי רואיק צו וואַרטן ביז אַט די יסורים וועלן נעמען אַ סוף. עס וואַרטן יידן אַזיווי עס וואַרטן קריסטן, עס וואַרט די גאַנצע וועלט, און פיל וואַרטן אויף זייער טויט.

דיין, אַ נ אַ

שבת 30 יינואר 1943

טייערע קיטי,

איך זיד אַזש פאַר כעס, און איך טאָר עס נישט אַרויסווייזן. כ׳וואָלט געוואָלט קאָפּען מיט די פיס, שרייען, טרייסלען די מוטער ווי עס געהער צו זיין, וויינען און איך ווייס נישט וואָס נאָך, צוליב די שטעכיקע ווערטער, די חוזק בליקן, די באַשולדיקונגען וואָס טרעפן אין מיר ווי פיילן פון אַ בויגן, טאָג איין טאָג אויס, פיילן וואָס ס׳איז אַזוי שווער זיי אַרויסצונעמען פון מיין לייב.

כ׳וואָלט געוואָלט אויסשרייען פאַר דער מוטער, פאַר מארגאָט, וואַן דאַן, דיסעל און אויך פאַר דעם פאָטער: „לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיר שלאָפן כאָטש איין נאַכט — און דאָס קישן מיינס זאָל נישט זיין פייכט פון טרערן, די אויגן זאָלן נישט ברענען און דער קאָפּ זאָל מיר נישט צופּלאַצט ווערן. לאָזט מיך אַוועקגיין פון דאַנען, אַוועק פון אַלעמען, אַוועקגיין פון דער וועלט!“

איך קאָן אָבער נישט. איך קאָן זיי נישט ווייזן מיין פאַרצווייפ־לונג; איך קאָן נישט אויסשטעלן פאַר זייערע אויגן די וואונדן וואָס זיי זענען מיר גורם. כ׳קאָן נישט איבערטראָגן זייער רחמנות און זייער בייסנדיקן חוזק, ווייל אויך דאָס וואָלט מיך געברענגט צום שרייען. אַלע זאָגן, אַז איך בין נישט נאַטירלעך, ווען איך רייד, לעכערלעך ווען איך שווייג, חוצפּהדיק ווען איך ענטפער אָפּ, כיטרע ווען איך האָב אַ ריכטיקן געדאַנק, פויל ווען איך בין מיד, עגאָ־יסטיש ווען איך עס אַביסל צופיל, און נאַריש, פּחדנותדיק און איבערגעשפּיצט א. א. וו. א. א. וו. אַ גאַנצן טאָג הער איך נישט מער ווי דאָס, אַז איך בין אַ קינד אַן אומדערטרעגלעכס — און הגם איך לאַך און מאַך דעם אָנשטעל, אַז עס אַרט מיך נישט, פיל

איך מיך שווער געטראָפֿן, און איך וואָלט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל מיר געבן אַן אַנדער כאַראַקטער, נישט אַזאַ כאַראַקטער וואָס העצט אויף קעגן מיר אַלע מענטשן.

אָבער דאָס איז אוממעגלעך. מיין כאַראַקטער איז אַזאַ ווי ער איז מיר געגעבן געוואָרן, און איך קאָן נישט זיין שלעכט; איך פיל עס; איך באַמי מיך זיי צופרידנצושטעלן אַ סך מער ווי זיי מיינען. איך פּרוביר לאַכן ווען איך בין אויבן, ווייל איך וויל זיי ניט ווייזן ווי שטאַרק עס זענען מיינעליידן.

נישט איינמאָל האָב איך געזאָגט דער מוטער אָפֿן אין פּנים אַריין, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געוועגדעט צו מיר מיט נישט קיין באַרעכטיקטע טענות: „ס'אַרט מיך כלל נישט וואָס דו זאָגסט, לאָז מך צורו; איך בין דאָך אַזעלכע וואָס לאָזט זיך נישט פאַרבעסערן". פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ חוצפּהניצע. אַ צוויי טאָג האָט מען מיך איגנאָרירט און נאָכ-הער איז אַלץ פּלוצים פאַרגעסן געוואָרן, און מען האָט זיך ווידער געפירט מיט מיר ווי מיט יעדן אַנדערן.

איך קאָן נישט זיין היינט זער ליב און מאָרגן זיי וואַרפן מיין שנאה אין פּנים. איך האַלט בעסער פון גאָלדענעם מיטל-וועג ווו עס איז כלל קיין גאָלד נישטאָ. איך שווייג און דעק נישט אויף מיינע געדאַנקען, און איך פּרוביר מיך באַציען צו זיי מיט דער זעלבער גרינגשעצונג ווי זיי טוען עס מיר.

אַך, הלואי וואָלט איך עס געקאָנט.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 5 פעברואר 1943

טייערע קיטי,

הגם איך האָב דיר שוין אַ לענגערע צייט נישט געשריבן וועגן די קריגערייען, האָט זיך אָבער גאָרנישט געענדערט אין אָט דער הינזיכט. הער דיסעל האָט זיך פריער באַציגן מיט גרויס ערנסט צו די קריגערייען, אָבער איצט האָט ער זיך שוין צוגעוווינט צו זיי און פּרוווט שוין נישט מער זיך אַריינצומישן.

מאַרגאָט און פּעטער זענען כלל נישט קיין „יונגע" מענטשן; ביידע זענען אַזוי טרוקן און שטיל. איך, דאַקעגן, בין זייער בולט,

און איך מוז תמיד הערן: „מאַרגאַט און פּעטער טוען נישט אַזעלכע זאַכן; לערן פון זיי". דאָס איז שרעקלעך אין מיינע אויגן.

איך בין זיך מודה פאַר דיר, אַז איך שטרעב כלל נישט צו זיין ווי מאַרגאַט. לויט מיין מיינונג איז זי צופיל שוואַך און גלייכגילטיק, לאָזט זיך איבעריידן פון יעדן איינעם און גיט אין אַלעמען נאָך. איך וויל זיין אַ מענטש מיט אַ ביסל אַ שטאַרקערן כאַראַקטער! אָבער אָט די געדאַנקען באַהאַלט איך פאַר מיר. מ'וואָלט חוזק געמאַכט פון מיר, ווען איך וואָלט מיך פאַרטיידיקט מיט אַזאַ טענה.

ביים עסן איז די אַטמאָספערע, ס'רוב, אַ געשפּאַנטע, און עס איז גוט וואָס די זופּן־עסער צוימען מערסטנטייל די אויסברוכן. די זופּן־עסער זענען די וואָס קומען צו אונז פון ביוראָ אויף אַ באַזוך און מיר זענען זיי מכבד מיט אַ טעלער־זופּ.

היינט נאָכמיטאָג האָט הער וואַן דאַן ווידער געטענהט, אַז מאַרגאַט עסט צו ווייניק, „מסתמא כדי אָפּצוהיטן די שלאַנקע ליניע" — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן איראָנישן טאָן. די מוטער, וואָס פאַרטיידיקט תמיד מאַרגאַטן, האָט אַ זאָג געטון גאַנץ הויך: „דיינע נאַרישע פּלאַפּלערייען האָבן זיך מיר שוין צוגעגעסן".

פרוי וואַן דאַן איז רויט געוואָרן ווי אַ צוויקל, און דער הער האָט געקוקט פאַר זיך און געשוויגן. זער אָפט לאַכן מיר איבער דעם אָדער יענעם; דאָ נישט לאַנג האָט פרוי וואַן דאַן געזאָגט: אַזעלכע אויסטערלישע נאַרישקייטן! זי האָט דערציילט וועגן איר יוגנט, וואָס פאַר אַ גוטע באַציאונג עס האָט געהערשט צווישן איר און איר פאָטער און וויאַזוי זי האָט געפלירטעוועט מיט מענער. „איר ווייסט", האָט זי געזאָגט — דער פאָטער פלעגט מיר זאָגן, אַז ווען אַ מאַן ווערט צופיל אַגרעסיוו דאַרף איך אים זאָגן: מיין הער, איך בין פון אַ בעסערע היים. און דעמאָלט פאַרשטייט ער דעם ווונק. מיר האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. גלייך ווי מיר וואָלטן געהערט אַ גוטן וויץ.

אויך פּעטער, הגם ער שוויגט בדרך כלל, רופט אַרויס אַמאָל אַ געלעכטער. ער האָט זייער ליב פרעמדווערטער, אָבער נישט תמיד ווייסט ער זייער באַדייט.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג — צוליב אַ באַזוך אין ביוראָ, האָבן מיר נישט געקאָנט גיין אין טואַלעט־צימער — האָט ער דערפילט

אַ דרינגענד באַדערפעניש צו גיין אַהין, אָבער ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט דאָס וואַסער. כדי אונז צו וואָרנען, האָט ער אויפֿגעהאנגען אַ צעטל אויף דער טיר פֿון טואַלעט: ס. וו. פּ.. ער האָט פאַרשטייט זיך, געמיינט דערמיט צו זאָגן: „פּאַרזיכטיק גאַז", אָבער ער האָט געקלערט, אַז ס. וו. פּ. מאַכט אַ בעסערן איינדרוק. ער האָט קיין אנונג נישט געהאַט פֿון דעם, אַז דער באַדייט פֿון די ראשי־תּיבֿות איז „ביטע".

דיין, אַנאַ

שבת, 27 פעברואר 1943

טייערע קיטי,

פּים וואַרט יעדן טאָג אויף אַן אינוואַזיע פֿון די פאַרבינדעטע. טשערטשיל איז קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אַנטצינדונג און ער קומט ביסלעכווייז צו זיך. גאַנדי, דער אינדישער פרייהייטס־קעמפער, האָט ווידער אָנגעהויבן אַ הונגער־שטרייק.

פרוי וואַן דאַן טענהט, אַז זי איז פאַטאַליסטיש. אָבער ווער שרעקט זיך מער פֿון אַלע אַז מ'שיסט? פּעטראָנעלאַ.

הענק האָט אונז געבראַכט דעם פאַסטאָרן־בריוו פֿון די בישאָפֿן צו די גלויביקע אין די קירכעס. ער איז זייער שיין און געשריבן אין אַ דערמונטערנדיקער פאָרם. „זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט, האָלענדער! זאָל יעדער קעמפן מיט זיין געווער פאַר דער פרייהייט פֿון לאַנד, פאָלק און רעליגיע! העלפט, וואַקלט אייך נישט!" אָט די ווערטער רופן אויס די פּרעדיקער אויף די קירכן־אמבאָנעס. וועלן זיי העלפן? יעדנפאַלס, נישט אונזערע גלויבנס־גענאָסן.

שטעל דיר פאָר וואָס פאַר אַ נייע אומגליק עס איז אויף אונז געקומען. דער אייגנטימער האָט פאַרקויפט דאָס הויז, און נישט מודיע געווען וועגן דעם, — נישט קאָפּהויזן און נישט קראַלערן. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז געקומען דער נייער בעל־הבית מיט אַן אַרכיטעקט אָנצוקוקן דאָס פאַרמעגן זיינס. אויף אונזער מזל איז הער קאָפּהויז געווען אין הויז און ער האָט די הערן געוויזן אַלץ אויסער דעם הינטערשטן טייל פֿון הויז. ער האָט זיך פאַרענטפערט

מיטן תירוץ, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם שליסל ביי זיך אין שטוב. דער נייער ווירט האָט נישט געשטעלט מער קיין פראַגן. ער זאָל כאָטש מער נישט צוריקקומען און וועלן זען דעם הינטערשטן טייל פון הויז, דעמאָלט וואָלט אונזער לאַגע געווען זייער שלעכט!

דער פאָטער האָט פאַר מאַרגאָט און מיר אויסגעליידיקט אַ קאַרטאָטעק־שאַכטל און עס אָנגעפילט מיט קאַרטלעך. דאָס וועט זיין אונזער קאַרטאָטעקע פאַר ביכער — מיר וועלן אין איר פאַר־צייכענען די ביכער וואָס מיר האָבן געלייענט, די מחברים א. ד. ג. פאַר פרעמד־ווערטער האָב איך מיר צוגעגרייט אַ באַזונדער נאָטיץ־העפט.

די באַציאונגען צווישן מיר און דער מוטער זענען אין דער לעצטער צייט געוואָרן בעסער, אָבער עס איז נישטאָ קיין אינטימ־קייט צווישן אונז. מאַרגאָט איז פאַרעטעריש מער ווי שטענדיק און דער פאָטער פאַרבאָרגט עפּעס פאַר מיר, אָבער ער איז תמיד ליב.

אַ נייע פאַרטיילונג פון פּוטער און מאַרגאַרין ביים טיש! יעדער באַקומט וואָס עס געהערט אים אויף זיין טעלער. לויט מיין מיינונג מאַכט נישט די פאַמיליע וואַן דאַן די פאַרטיילונג אויף אַן אָרנטלעכן אופן. אָבער מיינע עלטערן האָבן מורא פאַר אַ קריגעריי און זאָגן גאָרנישט. אַ שאָד, אַזעלכע מענטשן דאַרף מען אָפּצאָלן מיט דעמזעלבן.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 10 מאַרץ 1943

טייערע קיטי,

נעכטן אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ קורץ־שלוס, און אַ חוץ דעם האָט מען געשאָסן אָן אויפהער. כ׳האָב מיך נאָך נישט אָפּ־געוווינט פון פּחד פאַר שיסן פון אַעראָפּלאַנען און כמעט יעדע נאַכט גיי איך אַריין צום פאָטער און בעט; אַזוי ווערט מיר גרינגער. דאָס איז אמת זייער קינדיש, אָבער דו וואָלסט עס נישט געזאָגט, ווען דו וואָלסט דערמיט געפּרווט געוואָרן. די האַרמאַטן דונערן אַזוי, אַז דער מענטש הערט נישט וואָס ער אַליין רעדט. מאַדאַם

וואַן דאַן, די פּאַטאַליסטין, האָט שיער נישט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און זי האָט געזאָגט מיט אַ זייער איבערגעשראָקענער שטים: „עס איז אַזוי נישט אנגענעם, אוי, זיי שיסן אַזויפיל". ס'הייסט: „איך האָב אַזוי מורא".

ביים ליכט זעט עס נישט אויס אַזוי שרעקלעך ווי אין דער פינצטער. כ'האָב געציטערט ווי אין פיבער און איך האָב מיך געבעטן ביים פאָטער, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל אָנצינדן דאָס ליכט. אָבער ער האָט זיך פאַרעקשנט און מיר זענען געבליבן אין דער פינצטער. פּלוצים האָט מען אָנגעהויבן שיסן פון מאַשין־געווער און דאָס איז צען מאָל ערגער ווי אַ שיסעריי פון האַרמאַטן. די־מוטער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און טראָצדעם וואָס דער פאָטער האָט זיך געבייזערט, האָט זי אָנגעצונדן דאָס ליכט. און האָט אָפּגעענטפערט ענערגיש: „אַנאַ איז נישט קיין אויסגעדינטער זעלנער".

כ'האָב דיר שוין דערציילט וועגן די אַנדערע שרעקענישן פון פרוי וואַן דאַן? דאַכט זיך אַז גאָרנישט. כדי דו זאָלסט זיין אינפאָר־מירט וועגן די אַלע אויסטערלישע איבערלעבענישן אין באַהעל־טעניש, דאַרפסטו אויך דאָס וויסן. איינמאָל ביינאַכט האָט זיך דער מאַדאַם אויסגעדאַכט, אַז זי הערט גנבים אַרומגיין אויפן בוידעם. זי האָט דערהערט טריט און האָט זיך אַזוי דערשראָקן אַז זי האָט אויפגעוועקט איר מאַן. פּונקט אינם דאָזיקן מאָמענט זענען די גנבים פאַרשוואונדן, און דאָס איינציקע גערויש וואָס הער וואַן דאַן האָט געהערט איז געווען דאָס שטאַרקע האַרץ־קלאַפּן פון דער פּאַטאַליסטין. „אוי, פּוטי (דאָס איז דער ליבע־צונאָמען פון הער וואַן דאַן), מען האָט אודאי צוגעגנבעט די ווורשטן און די אַרבעס מיט די בעבלעך אונזערע. און פּעטער — צי מיינסטו אַז פּעטער ליגט נאָך אין זיין בעט?"

„פּעטערן האָט מען זיכער נישט אַוועקגעגנבעט, שרעק זיך נישט און לאָז מיך שלאָפן".

אָבער ער האָט שוין מער נישט געקאָנט שלאָפן. פון גרויס שרעק האָט אויך פרוי וואַן דאַן נישט געקאָנט איינשלאָפן. עטלעכע נעכט שפּעטער האָט דער גאַנצער אויבערשטער שטאָק זיך אויפגעכאַפּט צוליב אַ געטומל פון שדים. פּעטער איז אַרויף אויפן בוידעם מיט

אַ לאַמטערן אין דער האַנט און — בררר... וואָס אַזעלכעס איז אַנט־לאָפן פאַר אים? שטשורעס, אַ מאַסע גרויסע שטשורעס! וויבאַלד מיר האָבן זיך דערוויסט ווער עס זענען די גנבים, האָבן מיר באַשטימט פאַר מושי איר נאַכטלעגער אויפן בוידעם, און זינט דעמאָלט האָבן זיך נישט אומגעקערט די נישט־געבעטענע געסט, יעדנפאַלס נישט ביינאַכט.

איינמאָל אין אָוונט, מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איז פּעטער אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם, כדי אַראָפּצונעמען אַביסל אַלטע צייטונגען. כדי אַראָפּצוגיין פון די טרעפּ האָט ער געמוזט זיך גוט אָנהאַלטן אין דער ראַם פון דער טיר. ער האָט דאָרט אַנידער־געלייגט זיין האַנט, נישט קוקנדיק ווו, און... ער איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ פון גרויס פּחד און ווייטאָק. די האַנט זיינע האָט פּונקט אָנגעטראָפן אויף אַ שטשור וואָס האָט אים אַ ביס געטאָן אין אָרעם. דאָס בלוט האָט דורכגענעצט די פּיזשאַמע זיינע און ער איז אַראָפּ צו אונז בלייך ווי אַ ליילעך און מיט ציטערנדיקע קני. ס'איז נישט קיין וווּנדער, עס איז נישט אַזאַ גרויס פאַרגניגן אַ גלעט צו טון אַ גרויסן שטשור — און געביסן צו ווערן איז אודאי שרעקלעך.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 12 מאַרץ 1943

טייערע קיטי,

מעג איך דיר פאָרשטעלן: מוטער פראַנק, וואָס קעמפט פאַר קינדער! ספּעציעלע פּוטער־צוטיילונג פאַר די יונגע, מאָדערנע יוגנט־פּראָבלעמען — אויף אַלע געביטן קעמפט די מוטער דעם קאַמף פון דער יוגנט, און נאָך אַ נישקשהדיקע געקריגעריי דער־גרייכט זי דאָס איריקע.

אַ סלוי מיט קאָנסערווירטע צונג איז קאַליע געוואָרן. אַ פיינע סעודה פאַר מושי און מאָפּי.

מאָפּי קענסטו נאָך נישט, הגם זי איז שוין געווען דאָ, איידער מיר זענען געקומען אַהער זיך באַהאַלטן. זי איז די קאַץ פון מאַגאַזין און ביורא און זי פאַרטרייבט די שטשורעס פון די סחורות. עס

איז פאַראַן אַן איינפאַכער פירוש פאַר איר פאָליטישן נאָמען *
אַ געוויסע צייט האָט די געזעלשאַפט געהאַט צוויי קעץ: איינע פאַר די ביוראָס און איינע פאַרן בוידעם. נישט איינמאָל האָבן זיך די ביידע באַגעגנט, און דער ענין האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שטאַרקער גערייסעריי. די מאַגאַזין־קאַץ איז תמיד געווען דער אָנגרייפער און די בוידעם־קאַץ איז געווען שטענדיק דער זיגער. ווי אין דער פּאָליטיק. אַזוי האָט מען באַשלאָסן צו רופן די מאַגאַזין־קאַץ מיטן נאָמען דייטשלאַנד אָדער מאַפּי, און די בוידעם־קאַץ — מיטן נאָמען ענגלאַנד אָדער טאָמי. שפּעטער האָט מען באַזייטיקט טאָמי, און מאַפּי דינט אונז פאַר אַ פאַרוויילונגס־מיטל ווען מיר גייען אַראָפּ.

מיר האָבן אין דער לעצטער צייט געגעסן אַזוי פיל ברוינע און ווייסע בעבלעך, אַז איך קאָן שוין מער נישט קוקן אויף זיי. אַז איך טראַכט בלויז וועגן זיי ווערט מיר נישט גוט. דאָס פאַרטיילן ברויט אין אָוונט האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. דער פאָטער האָט נאָר וואָס געזאָגט, אַז זיין שטימונג איז נישט קיין געהויבענע. ער האָט ווידעראַמאָל אַזעלכע אומעטיקע אויגן — נעבעך!

איך בין ממש צוגעשמידט צום בוך „אַ קלאַפּ אין טיר” פון אינאַ בודיע־בעקער. דער פאַמיליע־ראָמאַן איז אָנגעשריבן מיט אומגעוויינלעכן טאַלאַנט. דער אונטערגרונט — עס רעדט זיך דאָרט וועגן מלחמה, וועגן שרייבערס און עמאַנציפּאַציע פון פרויען — געפעלט עס מיר נישט אַזוי שטאַרק; און דעם אמת געזאָגט, אינטערעסירט ער מיך אויך נישט אַזוי.

שרעקלעכע באָמבאַרדירונגען אויף דייטשלאַנד. הער וואַן דאַן איז אין אַ שלעכטער שטימונג. די סיבה: דער מאַנגל אין ציגאַרעטן. דער ויכוח איבער דער פראַגע, צי מ׳זאָל עסן אָדער נישט עסן די גרינוואַרג־קאָנסערוון, האָט זיך פאַרענדיקט צום גונסטן פון אונזער פאַרטיי.

קיין שום שוך איז שוין נישט גוט אויף מיר, אויסער הויכע סקי־שיך, וואָס זענען נישט אַזוי באַקוועם צו טראָגן אין שטוב. אַ פאָר שטרוי־סאַנדאַלן וואָס האָבן געקאָסט 6.50 פלאָרין האָב איך

* „מאַף” איז ביי די האָלענדער אַ חוזק־צונאָמען פאַר דייטשן, ווי ביי די פראַנצויזן „באָש”.

נישט געקאָנט טראָגן מער ווי אַ וואָך צייט, און שפּעטער האָט מען זיי נישט געקאָנט מער באַנוצן. אפשר וועט מיפּ עפּעס באַקומען אויפן שוואַרצן מאַרק. איך מוז אָפּשערן דעם פאָטער. פּים זאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועט ער נישט גיין צו קיין אַנדערן שערער — אַזוי ווייט איז ער צופרידן פון מיין אַרבעט. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס אָפט שער איך אים אָפּ אַ שטיקל אויער, צוזאַמען מיט די האָר.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 18 מאַרץ 1943

טייערע קיטי,

טערקיי איז אַריין אין קריג. די געמיטער האָבן אויפגעלעבט. מ׳וואַרט מיט שפּאַנונג אויף דער נייעס־אוידיציע.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 19 מאַרץ 1943

טייערע קיטי,

די אַנטוישונג איז געקומען אין אַ שעה אַרום נאָך דער שמחה. טערקיי איז נאָך נישט אין קריג. דער מיניסטער דאָרט האָט בלויז גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז בקרוב וועט מען מבטל מאַכן די נייטראַליטעט. אויפן דאַם־פּלאַץ איז געשטאַנען אַ צייטונגס־פאַרקויפער וואָס האָט געשריען: „טערקיי ביי דער זייט פון ענג־לאַנד!״. מ׳האָט צעכאַפּט ביי אים די צייטונגען. אַזוי אַרום איז אויך צו אונז דערגאַנגען די דערפרייענדיקע בשורה.

די באַנקנאָטן פון 500 און 1000 פלאָרין זענען אַרויס פון אומ־גאַנג. דאָס איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר אַלע סוחרים פון שוואַרצן מאַרק און זייערסגלייכן, אָבער נאָך מער פאַר די מענטשן וואָס האָבן אַנדער „שוואַרץ״ געלט און פאַר די וואָס באַהאַלטן זיך אויס. ווער עס וויל טוישן אַ טויזנט־פלאָרין באַנקנאָט, דאַרף אויפקלערן און געבן נאָכוויזן וויאַזוי ער האָט אים באַקומען. שטייערן קאָן מען נאָך באַצאָלן מיט די דאָזיקע באַנקנאָטן, אָבער אויך דאָס וועט אויפהערן די קומענדיקע וואָך.

דיסעל האָט באַקומען אַ נייע דריל־מאַשין מיט אַ פּעדאַל, עס דערנענטערט זיך מיין ריי צו אונטערזוכן די ציין.

דער פירער פון אַלע דייטשן האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פאַרוואונדעטע זעלנער. עס איז געווען זייער אַ טרויעריקע אוידיציע. די פראַגן און תשובות זענען געווען מער־ווייניק אַזעלכע:

„מיין נאָמען איז היינריך שעפעל".

"ווו ביסטו פאַרוואונדעט געוואָרן?"

„ביי סטאַלינגראַד".

„וואָס פאַראַ וואונדן?".

„צוויי פאַרפרוירענע פיס און אַ צעבראָכענער געלענק אין לינקן אָרעם".

אָט אין אַזאַ נוסח האָט דער ראַדיאָ טראַנסמיסירט די אַזוי גרויליקע פרעמיערע.

עס האָט אויסגעזען, אַז די פאַרוואונדעטע שטאָלצירן מיט זייערע וואונדן — און דער וועמענס וואונדן זענען שווערערע פאַרדינט אַ לויב. איינער פון זיי איז אַזש פאַרשטומט געוואָרן פון גרויס עמאָציע וואָס מ'האָט אים דערלויבט אויסצושטרעקן זיין האַנט דעם פירער (אויב ס'איז אים נאָך געבליבן אַ האַנט).

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 25 מאַרץ 1943

טייערע קיטי,

די מוטער, דער פאָטער, מאַרגאָט און איך זענען געזעסן נעכטן אין אָוונט צוזאַמען; פּלוצים איז אַריינגעקומען פעטער און האָט עפּעס איינגערוימט דעם פאָטער אין אויער. כ'האָב עפּעס דערהערט וועגן „אַ פאַס וואָס איז אַראָפּגעפאַלן" און אַז „עמיצער האָט געפּרוווט עפענען די טיר". אויך מאַרגאָט האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, אָבער זי האָט זיך באַמיט מיך צו באַרואיקן. איך בין בלייך געוואָרן, פאַרשטייט זיך, ווי קרייד און איך בין געווען זייער נערוועז ווען כ'האָב געזען ווי דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און איז אַרויסגעגאַנגען מיט פעטערן.

אַלע דריי זענען מיר געזעסן און געוואַרט. עס זענען נישט אַריבער קיין צוויי מינוט, און עס איז אַרויפגעקומען די פרוי וואַן דאַן, וואָס איז געווען אונטן אין פּריוואַטן ביוראָ און האָט זיך צו־

געהערט צו דער ראַדיאָ־אוידיציע. זי האָט דערציילט אַז פּים האָט זי געבעטן צו פאַרמאַכן דאָס ראַדיאָ און אַרויפגיין שטיל אין באַהעל־טעניש. די צרה איז אָבער, אַז ווען מען וויל גיין שטיל, סקריפּען די טרעפּ נאָך העכער. עס זענען אַריבער נאָך פינף מינוט, און עס זענען אַריינגעקומען פּעטער און פּים, בלייך ביז צום שפּיץ־נאָז, און אונז דערציילט זייערע איבערלעבונגען.

זיי זענען געזעסן אונטן, אויף די אונטערשטע טרעפּ, און גע־וואַרט — צוערשט אָן יעדן רעזולטאַט. פּלוצים האָבן זיך דערהערט צוויי שטאַרקע קלעפּ, גלייך ווי עס וואָלטן זיך צוגעשלאָסן צוויי טירן אין הויז. מיט איין שפּרונג איז פּים געווען אויבן און פּעטער איז געלאָפן וואָרנען דיסלען, וואָס איז נאָך לאַנגע הכנות און פיל גערויש אויך אַרויף אויבן. איצט האָבן זיי אויסגעטון די שיך און אַרויף העכער אַ שטאָק, צו דער פאַמיליע וואן דאן. דער הער איז געווען צוגעקילט און איז געלעגן אין בעט, און מיר זענען געשטאַנען אַלע אַרום זיין געלעגער און האָבן דערציילט אין דער שטיל וועגן אונזער פאַרדאַכט.

יעדעסמאָל ווען הער וואן דאן האָט אַ הוסט געטון, האָבן מיר געמיינט, די פרוי וואן דאן און איך, אַז מיר באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק פאַר שרעק. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז עמיצער פון אונז איז געפאַלן אויפן געניאַלן געדאַנק, מ'זאָל אים געבן אַביסל קאָדעאין. דער הוסט האָט גלייך אויפגעהערט.

מיר זענען געזעסן און געוואַרט, אָבער מיר האָבן גאָרנישט געהערט, און מיר האָבן געקלערט, אַז ווען די גנבים האָבן דערהערט טריט אין הויז, האָבן זיי באַשלאָסן צו אַנטלויפן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס דער ראַדיאָ אונטן איז געווען אָנגעשטעלט אויף ענג־לאַנד און די בענקלעך זענען געווען אויסגעשטעלט אַרום ראַדיאָ־אַפּאַראַט. מיר האָבן מורא געהאַט טאָמער האָבן די גנבים אויפגעע־בראָכן די טיר און די מענטשן פון דער בירגער־וואַך וועלן דאָס באַמערקן, און וועלן וועגן דעם מעלדן דער פאָליציי. אַט דאָס קאָן ברענגען צו זייער אומאנגענעמע רעזולטאַטן. הער וואַן דאן איז דערי־בער אויפגעשטאַנען, אָנגעטון דעם מאַנטל, גענומען דעם הוט אויפן קאָפּ און געגאַנגען מיט דעם פאָטער, וואָס איז מיט גרויס פאַרזיכט אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ. פּעטער איז זיי נאָכגעגאַנגען, ער איז

געוועו באוואפנט — צוליב זיכערקייט — מיט אַ שווערן האַמער. די פרויען אויבן, צווישן זיי מאַרגאָט און איך, האָבן געוואַרט אין שפּאַנונג אַ פינף מינוט, ביז די מענער זענען צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז אין הויז איז פולשטענדיק שטיל.

מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו עפענען קיין קראַנען און נישט אַראָפּצולאָזן קיין וואַסער אין דער טואַלעט. אָבער צוליב דעם וואָס די אויפרעגונג איז געווען זייער שטאַרק, האָט עס אויך געווירקט אויף די מאָגנס פון אַלע אונזערע באַהעלטעניש־לאָקאַטאָרן. קאָנסט דיר שוין פאָרשטעלן וואָס פאַראַ לופט דאָרט איז געווען, נאָכדעם ווי מיר אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן דערליידיקט דאָרט אונזערע געברויכן.

אין אַזעלכע פאַלן נעמען זיך ס׳רוב צונויף אַ סך אומגליקן אינאיינעם; אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל. ערשטנס, דער גלאָק פון וועסטערטאָרן האָט נישט געקלונגען, און ער פלעגט דאָך אונז תמיד באַרואיקן. צווייטנס, אַן אָוונט פריער איז הער פאַסען אַרויס פון שטוב אַ סך פריער ווי תמיד און מיר זענען נישט געווען זיכער, צי עלי האָט נאָך באַקומען דעם שליסל און צי זי האָט נישט פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר פון הויז.

ס׳איז שוין שפּעטלעכער אָוונט, און מיר זענען נאָך אַלץ אין אין שרעק, הגם מיר האָבן זיך אַביסל באַרואיקט, ווייל מיר האָבן גאָרנישט געהערט פון אַכט אַזייגער אָן, זינט דער גנב איז אַריינגע־דרונגען אין הויז, ביז האַלב עלף. נאָכדעם ווי מיר האָבן מער אַריינגעקלערט אינם ענין, האָט זיך אונז געדאַכט, אַז עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, דאָס אַ גנב זאָל איינברעכן אין אַ הויז אין אַזאַ פריער שעה, ווען אין גאַס דרייען זיך אַרום נאָך פיל מענטשן. עמיצער האָט באַמערקט, אַז עס איז מעגלעך, דאָס דער מאַגאַזין־אַרבעטער ביי אונזערע שכנים אַרבעט נאָך — און פון שטאַרקער אויפרעגונג און אויך צוליב די דינגע ווענט, קאָן מען אַ טעות האָבן אין רעש; און די צעשפּילטע פאַנטאַזיע האָט אויך איר ראָל, אין אַזעלכע מאָמענטן פון אויפרעגונג.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט איינדרימלען. דער פאָטער, די מוטער און הער דיסעל האָבן געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, מיט אַביסל גוזמא קאָן איך זאָגן אַז איך האָב

די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אינדערפרי זענען די מענער אַראָפּגעגאַנגען און אַ צי געטון די טיר פון הויז כדי צו זען צי זי איז צוגעשלאָסן; אַלץ איז געווען אין אָרדנונג.

אַט די פּאַסירונגען וואָס האָבן אונז גורם געווען גרויס שרעק, האָבן מיר, מיט גרויס טאַלאַנט, געשילדערט פאַר אַלע ביורא אָנגעשטעלטע. אַלע האָבן גוטמוטיק חוזק געמאַכט פון אונז, אָבער עס איז לייכט צו לאַכן איבער אַזעלכע זאַכן. בלויז עלי האָט זיך באַצויגן צו דער גאַנצער אָנגעלעגנהייט מיט ערנסט.

דיין, אַנאַ

שבת, 27 מאַרץ 1943

טייערע קיטי,

די סטענאָגראַפיע לעקציעס האָבן זיך געענדיקט, און איצט הויבן מיר אָן איבונגען כדי צו פאַרגרעסערן די שנעלקייט אין שרייבן.

מיר ווערן גאונים, נישט אמת? איך וועל דיר דערציילן נאָך עטוואָס וועגן די געביטן מיט וועלכע איך הרגע די צייט (ווייל אונזער גאַנץ שטרעבן איז דאָס, אַז די טעג זאָלן וואָס גיכער אַוועק, כדי מיר זאָלן קומען נענטער צום סוף פון אונזער באַהעלטענישצייט); כ׳ האָב מיך פאַרליבט אין מיטאָלאָגיע באַזונדערס פון די געטער פון גריכנלאַנד און רוים. דאָ האַלט מען, אַז עס איז אַ פאַראיבערגייענדיקע נייגונג אַזעלכע ביי מיר. מ׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז אַ יונג מיידל זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט געצן. הייסט עס, אַז איך וועל זיין די ערשטע!

הער וואַן דאַן איז פאַרקילט. גענויער: ער פּילט אַ לייכטן קיצלען אין האַלדז. ער מאַכט דערפון אַ גאַנצן עסק. ער גורגלט באַבונג־טיי, מאַכט איינרייבונגען, שמירט די ברוסט, נאָז, ציין און צונג מיט „דעמפּא"; און אַ חוץ דעם אַלעמען איז ער אין אַ שלעכטער שטימונג.

ראַוטער, איינער פון די נאַצישע גדולים, האָט געהאַלטן אַ רעדע: „אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן די דייטשע לענדער פאַר דעם ערשטן יולי. פון ערשטן אַפּריל ביזן ערשטן מאַי ווערט גערייניקט

ווערן דער קרייז אוטרעכט (גלייך ווי מיר וואָלטן געווען זשוקעס). פונם ערשטן מאי ביזן ערשטן יוני וועלן גערייניקט ווערן די קרייזן פון צפון־האָלאַנד און דרום־האָלאַנד. ווי אַ סטאַדע בהמות, קראַנקע און פאַרוואָרלאָזטע, פירט מען די אומגליקלעכע אין די שמוציקע שעכט־הייזער. אָבער בעסער איך זאָל שווייגן וועגן דעם, ווייל אָט די געדאַנקען זענען מיר גורם בייזע חלומות.

אַן אָנגענעמע בשורה: די דייטשע אָפּטיילונג פון אַרבעטס־ביוראָ איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך סאַבאָטאַזשיסטן. מיט אייניקע טעג שפּעטער איז געקומען די ריי אויף די רעגיסטראַציע־ביוראָס. מענטשן אָנגעטוענע אין מונדירן פון דייטשע פּאָליציי־לייט, האָבן געבונדן און פאַרשטאָפּט די מיילער פון די וועכטער, און פאַרניכטעט וויכטיקע פּאַפּירן.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 1 אַפּריל 1943

טייערע קיטי,

כ׳האָב נישט קיין שטימונג פאַר שפּאַסן (זע די דאַטע); פאַרקערט, היינט קאָן איך דערמאָנען דאָס באַקאַנטע וואָרט: „דאָס אומגליק קומט נישט אַליין״.

ערשטנס, הער קאפהויז, דער מענטש וואָס מונטערט שטענדיק אויף אונזער געמיט, האָט נעכטן באַקומען אַ שווערן בלוט־שטורץ אין מאָגן, און ער דאַרף ליגן אין בעט לפּחות דריי וואָכן. צווייטנס, עלי איז קראַנק געוואָרן אויף אַ גריפּע. דריטנס, הער פאָסען גייט די קומענדיקע וואָך אין שפּיטאָל אַריין. וואַרשיינלעך האָט ער אַן אולקוס אין מאָגן און ער נויטיקט זיך אין אַן אָפּעראַציע. און פערטנס, מ׳האָט געזאָלט שמועסן וועגן וויכטיקע האַנדלס ענינים און דער פאָטער האָט נישט באַוויזן איבערצוגעבן דעם הער קראַלער די געהעריקע אינפאָרמאַציע.

די הערן וואָס מ׳האָט דערוואַרט זענען געקומען, און דער פאָטער איז געווען אויפגעבראַכט און האָט מורא געהאַט פאַרן רעזולטאַט פון די געשפּרעכן. „ווען איך וואָלט געקאָנט זיין דערביי, ווען איך וואָלט געקאָנט זיין אונטן״, האָט ער געזאָגט. „לייג זיך

אויף דעם דיל און לייג־צו אַן אויער — די הערן ווען דאָך זיצן אין פּריוואַטן ביורא, וועסטו קאָנען אַלץ הערן". דאָס געזיכט פון פאָטער האָט אויפגעלויכטן; נעכטן האַלב עלף אין דערפרי האָבן מאַרגאָט און פים (צוויי אויערן הערן מער פון איין אויער) פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס אויפן דיל. דאָס געשפּרעך האָט זיך נישט פאַר־ענדיקט אין דערפרי, אָבער נאָכמיטאָג איז דער פאָטער נישט געווען בכח פאַרצווזעצן דאָס צוהערן. ער איז געווען מיד און צעבראָכן פון דעם אומבאַקוועמען ליגן. האַלב דריי, ווען מיר האָבן דער־הערט קולות אויפן קאָרידאָר האָב איך פאַרנומען זיין פּלאַץ. אויך מאַרגאָט האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן דיל. דער שמועס איז געווען אַזוי לאַנג און לאַנגווייליק, אַז כ'האָב פלוצים איינגעדרימלט אויף דעם האַרטן און קאַלטן דיל. מאַרגאָט האָט נישט געוואַגט מיך אַ ריר צו טון פון אָרט, טאָמער וועט מען דערהערן אונטן, און אויך ריידן צו מיר האָט זי נישט געקאָנט. כבין געשלאָפן אפשר מער ווי אַ האַלבע שעה, און דאַן האָב איך מיך אויפגעכאַפּט אַ צומישטע, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב אַלץ פאַרגעסן וואָס איך האָב געהערט פון דעם וויכטיקן געשפּרעך. גוט וואָס מאַרגאָט האָט געלעגט אַכט מער פון מיר.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 2 אַפּריל 1943

טייערע קיטי,

כ'האָב מיך ווידער שווער פאַרזינדיקט.

נעכטן בין איך געלעגן אין בעט און געוואַרט אויפן פאָטער, ער זאָל קומען זאָגן מיט מיר דאָס געבעט און מיר ווינטשן אַ גוטע נאַכט, און דאַן איז אַריינגעקומען די מוטער און געפרעגט מיט זייער אַ שטילער שטים: „אַנאַ, דער פאָטער איז נאָך נישט גרייט, אפשר וועסטו זאָגן מיט מיר די תפילה?"

„ניין, מוטער", האָב איך געענטפערט.

די מוטער איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ, געשטאַנען אַ וויילע ביי מיין בעט, און דערנאָך איז זי אַוועק פּאַמעלעך צו דער טיר. פלוצים האָט זי זיך אויסגעדרייט, דאָס פּנים האָט זיך ביי איר

אויסגעקרומט, און האָט געזאָגט: „כ׳וויל נישט בייז זיין, ליבע קאָן מען נישט אויפצווינגען". טרערן זענען געווען אויף אירע באַקן ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען.

איך בין געבליבן ליגן רואיק, און כ׳האָב באַלד דערפילט, אַז עס איז געווען זייער נידריק פון מיין זייט איר אָפּצוזאָגן מיט אַזאַ גראָבקייט, און דערביי האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אַז איך האָב איר נישט געקאָנט געבן אַן אַנדערע תשובה. איך קאָן נישט זיין קיין צווייפּנימדיקע און זאָגן מיט איר די תפילה קעגן מיין ווילן. פּשוט — כ׳האָב נישט געקאָנט.

כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף דער מוטער, זייער שטאַרק רחמנות געהאַט, ווייל צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך מיך איבערצייגט, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו מיין קאַלטקייט לגבי איר. כ׳האָב געקאָנט אַראָפּלייענען דעם צער פון איר פּנים, ווען זי האָט גערעדט וועגן ליבע וואָס מ׳קאָן נישט אויפצווינגען. עס איז שווער צו זאָגן דעם אמת, און פונדעסטוועגן איז דער אמת, אַז זי האָט מיך אָפּגעשטויסן, אַז זי האָט אָפּגעטעמפּט איר ליבע צו מיר מיט איר באַליידיקנדיקע באַמערקונגען און מיט איר גראָבן אָפּשפּעטן אין אנגעלעגנהייטן, וואָס פאַר מיר זענען זיי בכלל קיין שפּאַס נישט געווען. פונקט ווי איך קאַרטשע מיך צונויף שטענדיק ווען זי וואַרפט מיר אין פּנים אַריין אירע האַרבע ווערטער, אַזוי האָט זיך אויך איר האַרץ צונויפגעקאַרטשעט, זעענדיק אַז עס איז נישטאָ מער קיין ליבע צווישן אונז.

זי האָט געוויינט אַ האַלבע נאַכט און אַן אויג נישט צוגעטון. דער פאָטער קוקט נישט אויף מיר, און ווען מיין בליק טרעפט זיך דאָך אָן מיט זיינעם, לייען איך אין זיינע אויגן: „וויאַזוי האָסטו געקאָנט זיין אַזוי שלעכט?" „וויאַזוי האָסטו געוואָגט גורם זיין דער מוטער אַזאַ עגמת נפש?"

זיי וואַרטן איך זאָל קומען מיך פאַרענטפערן, אָבער אין דעם פאַל קאָן איך מיך נישט אַנטשולדיקן — כ׳האָב געזאָגט דעם אמת. פריער אָדער שפּעטער האָט עס די מוטער באַדאַרפט וויסן. איך בין גלייכגילטיק צו די טרערן פון דער מוטער און צו די בליקן פון פאָטער. ווייל דאָס ערשטע מאָל פילן זיי אַזוינס וואָס איך פיל שטענדיק. איך קאָן בלויז מיטלייד האָבן מיט דער מוטער. זי אַליין

וועט מוזן אין דעם אַנטשיידן. איך האַלט ווייטער אין שווייגן און בלייב קאַלט. און אויך להבא וועל איך מיך נישט לאָזן אָפּ־שרעקן נישט צו זאָגן דעם אמת, ווייל וואָס מער מ׳שטויסט אָפּ דעם אמת, איז אים שווערער צו הערן.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 27 אַפּריל 1943

טייערע קיטי,

דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט געקריגערייען. די מוטער און איך, די פאַמיליע וואַן דאַן און דער פאָטער, די מוטער און די מאַדאַם וואַן דאַן — אַלע זענען אין כעס איינער אויפן אַנדערן. אַן אַנגענעמע אַטמאָספער, נישט אַזוי? די רשימה פון אַנאַ׳ס חטאים איז צוריק אַרויף אויף דער טאָג־אָרדנונג.

הער פאַסען ליגט שוין אין שפּיטאָל; הער קאָפּהויז איז אַראָפּ פון קראַנקן־בעט. דער בלוט־אויסגוס אין מאָגן איז פאַרהאַלטן געוואָרן שנעלער ווי געווײנלעך אין אַזעלכע פאַלן. ער האָט דער־ציילט, אַז די פייערלעשער האָבן אויך, פון זייער זייט, אַנגעטון שאָדן אין די רעגיסטראַציע־אַמטן; אַנשטאָט זיך צו באַגנוגענען מיט פאַרלעשן די שריפה, האָבן זיי פאַרפלייצט דעם גאַנצן בנין מיט וואַסער. איך האָב הנאה דערפון!

דער האָטעל „קאַרלטאָן" איז צעשטערט. צוויי ענגלישע אַעראָ־פּלאַנען וואָס האָבן געטראָגן אַ גרויסע לאַדונג פון צינד־באָמבעס, האָבן געטראָפן גענוי אין „אָפיצירסהיים" (דייטשע אָפיצירן־וווינונג). אַלע הייזער אינם גאָסן־ווינקל ווייזעלסטראַט־סינגעל זענען פאַר־ברענט געוואָרן. די לופט־באָמבאַרדירונגען אויף דייטשע שטעט ווערן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. ס׳איז נישטאָ קיין רו אין די נעכט; כ׳האָב שוואַרצע פלעקן אונטער די אויגן פון נישט שלאָפן. אונזער עסן איז זייער נעבעכדיק. פרישטיק — טרוקן ברויט און קאַפע־ערזאַץ. אויף מיטאָג האָבן מיר שוין זינט צוויי וואָכן שפּינאַט אָדער סאַלאַט, קאַרטאָפל וואָס זענען 20 סענטימעטער לאַנג, זייער טעם איז זיסלעך און צוגעפוילט. ווער עס וויל ווערן מאָגער, קאָן קומען צו גאַסט אין אונזער באַהעלטעניש! אויבן באַקלאָגט מען

זיך זייער אויף דעם אַלעמען, אָבער מיר מיינען אַז דאָס איז כּלל נישט אַזוי טראַגיש. אַלע מענער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה אין יאָר 1940, אָדער זענען געווען מאָביליזירט, זענען גערופן געוואָרן צו אַרבעט פאַרן פירער. ווי קריגס־געפאַנגענע. דאָס איז זיכער אַ פאַרזיכט־מיטל קעגן אינוואַזיע.

דיין, אַנאַ

שבת, 1 מאַי 1943

טייערע קיטי,

אַז איך טראַכט וועגן שטייגער פון אונזער לעבן, קום איך בדרך כּלל צום באַשלוס, אַז אַנטקעגן דעם גורל פון די איבריקע יידן, וואָס זענען נישט אַראָפּ אין אונטערגרונט, לעבן מיר אין אַ גן־עדן. און דאָך שטעל איך מיר פאָר, אַז נאָכהער, ווען דאָס לעבן וועט ווידער אַריין אין געוויינלעכן טראַנס, וועל איך מיך פרעגן, וויאַזוי האָבן געקאָנט דערגיין צו אַזאַ געפאַלענער מדרגה מענטשן ווי מיר, וואָס זענען געווען געוווינט צו זויבערקייט און אָרדנונג.

מיר זענען געקומען צו אַ געפאַלענער מדרגה אין הינזיכט פון באַנעמען זיך און זויבערקייט. זינט מיר זענען געקומען אַהער, ליגט אויפן טיש שטענדיק דאָס זעלבע צעראַטענע טישטוך, וואָס איז פון לאַנגן באַנוצן שוין נישט זייער ריין. יעדעס מאָל פּרוביר איך עס אָפּרייניקן מיט אַ שמוציקער שמאַטקע, וואָס איז לויטער לעכער, אָבער איך שייער און דער טיש בלייבט שמוציק ווי געווען. די פאַמיליע וואַן דאַן, אַ גאַנצן ווינטער שלאָפן זיי אויפן זעלבן פלאַנעל־ליילעך, וואָס מ׳קאָן דאָ נישט וואַשן — די וואַש־זייף וואָס מ׳פאַרטיילט אויף קופּאָנען איז זייער ווייניק און זייער שלעכט. דער פאָטער טראָגט צעטראָטעטע הויזן און אויף זיין קראַוואַט איז קאָנטיק דער צייכן פון דער צייט. דער קאָרסעט פון דער מוטער איז צעריסן געוואָרן פון פיל באַנוצן און מ׳קאָן נישט פאַריכטן, און מאַרגאָט גייט אַרום אין אַן ענגן ביוסטהאַלטער וואָס איז קליין אויף איר מיט צוויי נומערן.

די מוטער און מאַרגאָט האָבן זיך באַגנוגנט דעם גאַנצן ווינטער

מיט דריי אונטערלייבלעך, און מיינע אונטערלייבלעך זענען אַזוי קליין, אַז זיי דערגרייכן אפילו נישט ביז צום בויך.

דאָס זענען אַלץ זאַכן פון וועלכע מ׳קאָן אוועק קוקן, אָבער אַ סך מאָל פרעג איך מיך מיט שרעק: „אַזעלכע מענטשן ווי מיר, וואָס אונזער גאַנץ פאַרמעגן און זאַכן, פון מיינע אונטערהויזן ביז דעם פּאָטערס האָר־בערשטל, זענען אָפּגענוצט און אָפּגעריבן, ווי וועלן מיר קאָנען ווידער צוריקקומען צו אונזער מעמד פון פאַר דער מלחמה?"

נעכטן האָט מען אַזוי שטאַרק געשאָסן, אַז איך האָב צונויפ־געפּאַקט מיינע זאַכן נישט ווייניקער ווי פיר מאָל. היינט האָב איך איינגעפּאַקט אַ קליין רענצל, וווּ איך האָב אַריינגעלייגט די סאַמע וויכטיקסטע זאַכן, אין פאַל ווען מ׳וועט דאַרפן אַנטלויפן. אָבער די מוטער זאָגט ריכטיק: „וווהין ווילסטו אַנטלויפן?"

גאַנץ האָלאַנד איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר די שטרייקן וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין פאַרשידענע מקומות. עס איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד און יעדער באַקומט איין פּוטער־קופּאָן ווייניקער. שלעכטע קינדער, דאָס איז זייער שטראָף!

דיין, אַנאַ

דינסטיק 18 מאַי 1943

טייערע קיטי,

איך האָב געזען אַ גרויסע לופט־שלאַכט צווישן דייטשע און האָלענדישע אַעראָפּלאַנען. אייניקע פליער פון די פאַרבינדעטע זענען געווען געצווונגען, צו אונזער גרויס באַדויערן, אַראָפּצו־שפּרינגען פון זייערע ברענענדיקע אַעראָפּלאַנען. אונזער מילכי־קער — ער וווינט אין האלפוער — האָט געזען ביי דער זייט פון וועג פיר קאַנאַדער, וואָס איינער פון זיי האָט גערעדט אַ פליסיקן האָלענדיש. ער האָט געבעטן פייער ביים מילכיקן, צו פאַררויכערן אַ ציגאַרעט, און האָט אים דערציילט, אַז אין דער מאַנשאַפט פון אעראָפּלאַן זענען געווען זעקס מאַן. דער פּילאָט איז פאַרברענט געוואָרן און דער פינפטער פליער האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן. די גרינע פּאָליציי איז געקומען און פאַרנומען די פיר פליער, וואָס

זענען געבליבן גאַנץ. וויאַזוי קאָן מען בלייבן קאַלטבלוטיק נאָך אַזאַ אומגעהויערן שפּרונג — ווייס איך נישט.

הגם עס איז שוין גענוג וואַרעם, מוזן מיר איינהייצן אין אויוון איינמאָל אין צוויי טעג, כדי צו פאַרברענען די פסולת פון גריב־וואַרג און דאָס מיסט. מיר קאָנען נישט אַריינוואַרפן קיין שום זאַך אין מיסטקאַסטן אַריין, ווייל מיר דאַרפן שטענדיק נעמען אין באַטראַכט דעם מאַגאַזין אַרבעטער. די קלענסטע אומפאָרזיכטיקייט קאָן אונז אויסגעבן!

אַלע סטודענטן, וואָס ווילן פאַרענדיקן זייער שטודיום היי־יאָר אָדער פאָרזעצן דאָס לערנען אין קומענדיקן יאָר, מוזן אונטער־שרייבן אַ דעקלעראַציע, לויט דער פאַראָרדנונג פון דער מאַכט, אין וועלכע זיי דערקלערן, אַז זיי סימפּאַטיזירן מיט די דייטשן און זענען אַנהענגער פון דער נייער אָרדנונג. אַכציק פּראָצענט האָבן נישט מסכים געווען צו פאַרלייקענען זייער געוויסן און אנשויאונג, אָבער די רעזולטאַטן האָבן נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען. אַלע סטודענטן וואָס האָבן נישט אונטערגעשריבן מוזן אַוועק אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד. וואָס וועט בלייבן פון דער האָלענ־דישער יוגנט, אויב אַלע וועלן פאַרשיקט ווערן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד!

צוליב די שטאַרקע שיסערייען האָט די מוטער נעכטן צוגע־האַקט דאָס פענצטער. איך בין געווען ביים פאָטער אין בעט. פּלוצים איז די פרוי וואַן דאַן אַראָפּגעשפּרונגען פון איר בעט, גלייך ווי מושי וואָלט איר אַ ביס געטאָן, און באַלד האָט זיך דער־הערט אַ שטאַרקער דונער. ס׳האָט אויסגעזען ווי די צינד־באָמבע וואָלט געפאַלן נעבן מיין בעט. כ׳האָב אַ געשריי געטון: „ליכט! ליכט!" פּים האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. כ׳האָב געמיינט אַז באַלד וועט דאָס גאַנצע צימער זיין אַרומגענומען פון פלאַמען. אָבער עס איז גאָרנישט געשען. מיר זענען אַלע ארויף אויבן, כדי צו זען וואָס דאָרט איז געשען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פרוי און הער וואַן דאַן האָבן געזען אַ רויטן פלאַם דורכן פענצטער, דער הער האָט געזאָגט אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה ערגעץ נאָענט, און די פרוי וואַן דאַן האָט געמיינט, אַז אונזער הויז שטייט אין פלאַמען. ווען עס איז געקומען דער שטאַרקער דונער, איז שוין

פרוי וואן דאן געשטאַנען אויף די פיס און אירע קני האָבן געצי־טערט. אָבער עס איז גאָרנישט געשען און אַלע זענען מיר צוריק־געגאנגען אין די בעטן.

ס'איז נישט אַריבער קיין פערטל שעה און די שיסערייען האָבן ווידער אָנגעהויבן. פרוי וואן דאן איז גלייך אויפגעשטאַנען, איז אַראָפּ פון די טרעפּ און איז אַריין אין צימער פון הער דיסעל, כדי דאָרט צו געפינען די רו, וועלכע זי האָט נישט געפונען נעבן איר מאַן. דיסעל האָט זי מקבל פּנים געווען: „קום אין מיין בעט, מיידעלע!" און אַלע האָבן מיר אויסגעשאָסן אין אַ הילכיק געלעכ־טער. דאָס האַרמאַטן־פייער האָט אונז שוין מער נישט געשטערט — אונזער שרעק איז פאַריבער.

דיין, אַנאַ

זונטיק, 13 יוני 1943

טייערע קיטי,

דאָס ליד, וואָס דער פאָטער האָט פאַרפאַסט לכבוד מיין גע־בורטסטאָג, איז אַזוי שיין, אַז איך מוז עס אויך דיר איבערגעבן. צוליב דעם וואָס פּים שרייבט זיינע פערזן אין דייטש, האָט זיי מאַרגאָט געמוזט איבערזעצן. ווערסט אַליין אורטיילן לויט דעם טייל וואָס איך ברענג דאָ, צי מאַרגאָט האָט עס נישט געמאַכט מיט גרויס דערפאָלג. נאָכן דורכפירן דעם סך־הכל פון די פאַסירונגען אין משך פון יאָר, זאָגט זיך אין ליד:

די יינגסטע פון אַלע ביסטו, אָבער שוין נישט קליין;
דיין לעבן אין דעם יאָר נישט אָנגענעם געווען,
לערער און דערציער דיר געוואָרן איבערדריסיק,
געפריידיקט האָבן זיי דיר געניג און איבערפליסיק,
„מיר האָבן אַלץ שוין געזען, לערן פון אונזער רעקוויזיט!
ווער, ווי מיר ווייסן אַלץ, וואָס מ'טאָר און וואָס ניט?"
אַזוי ווידערהאַלט זיך דאָס לידל פון פרי ביז שפּעט,
די אייגענע פעלער — קיינער נישט זעט,
נאָר קעגן יענעם — איבערטרייבט מען די מאָס,
מ'וואַרפט אים די חטאים פאַר דער נאָז.

דײַנע עלטערן זײַ מוחל, נישט אײנמאָל געװען בלינד,
נישט געזען, אױב אומרעכט געשעט זײער קינד.
ניט געקאָנט זיך קריגן מיט דער גאַנצער װעלט,
קײן ברירה: אַזױ האָט עס שױן דער גורל באַשטעלט.
אַזאַ איז דער טרױער אױף דײַן חלק געװעזן,
שלינג אַראָפּ די פּיל — װי אַ חלום אַ בײזן,
טו עס, ס'זאָל דער שלום צװישן אונז הױזן.
דײַנע טעג אין באַהעלטעניש — נישט אַװעק אױף פּוסט.
לערנען אַ פּאַך — גײט אױך נישט אומזיסט.
געלײענט ביכער, דעם לאַנגװײַל פֿאַרטריבן,
אַמאָל אױך געקריגט זיך — און געשריבן...
אָבער עס איז דאָ נאָך צו לעזן אַן אַנדער פּראָבלעם:
„איך האָב נישט װאָס אָנצוטון, כ'בין אין אַ קלעם —
ענג געװאָרן מײַנע קלײדער, די הױזן פֿאַרשװוּנדן,
דאָס העמד װי אַ פֿאַרטוך, ביז צו די לענדן;
און דער פֿוס גײט אין שוך נישט אַרײַן —
װאָס קאָן איך טון? עס העלפֿט נישט קײן געװײן".

עס איז געװען נאָך אַ טײל װעגן עסן, װאָס מאַרגאָטן איז נישט געלונגען אים איבערצוזעצן אין גראַמען, דעריבער האָב איך אים אײנגאַנצן דורכגעלאָזט. צי מײנסטו נישט, אַז דאָס ליד לכבוד מיר איז זײער שײן? אַלע האָבן מיך זײער געצערטלט; כ'האָב באַקומען שײנע זאַכן, צװישן אַנדערן אַ דיק בוך אױף די טעמע, װאָס איז מיר אַממײסטן באַליבט: די מיטאָלאָגיע פֿון גריכנלאַנד און רױם. און איך קאָן מיך נישט באַקלאָגן אױף מאַנגל פֿון זיסװאַרג. יעדער האָט געגעבן זײַן צושטײער פֿון זײַנע לעצטע זאַפּאַסן. אַלס די ייִנגסטע אין דער פֿאַמיליע פֿון די באַהאַלטענע, האָב איך זוכה געװען צו אַזאַ כּבֿוד װאָס איך בין אים נישט װערט.

דײַן, **אַנאַ**

דינסטיק, 15 יוני 1943

טײַערע קיטי,

אמת, עס האָט פּאַסירט זײער פֿיל, אָבער אין אַלגעמײן האַלט

איך, אַז מיין נישט אינטערעסאַנטע פּלוידעריי לאַנגווייליקט דיך זייער און דו ביסט צופרידן, אַז דו באַקומסט נישט פון מיר אַזוי פיל בריוו, דעריבער וועל איך דיר איבערגעבן די נייעס בקיצור.

הער פאַסען איז נישט אָפּערירט געוואָרן אויפן אולקוס. ער איז שוין געלעגן אויפן אָפּעראַציע־טיש, און מען האָט געעפנט זיין מאָגן, האָבן די דאָקטוירים דערזען, אַז ער האָט אַ ראַק, און דאָס אין אַזאַ צושטאַנד, אַז עס האָט קיין זין נישט אים צו אָפּערירן. האָט מען ווידער פאַרמאַכט דעם בויך, אים געהאַלטן דריי וואָכן אין בעט, געגעבן אים גוט עסן און דאַן אים אַהיים געשיקט. איך האָב גרויס מיטלייד מיט הער פאַסען, איך באַדויער זייער, וואָס מיר קאָנען נישט אַרויסגיין אין גאַס, כ׳וואָלט געגאַנגען אים באַזוכן און אים אַביסל פאַרווײַלן. פאַר אונז איז עס אַן אומגליק, וואָס דער גוטער הער פאַסן דערציילט אונז נישט מער וואָס עס טוט זיך אין מאַגאַזין. ער איז געווען אונזער הויפּט־העלפער אין די ענינים פון פאַרזיכטיקייט און ער פעלט אונז שטאַרק.

דעם צווייטן מאָנאַט קומט אונזער ריי איבערצוגעבן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אין הויז פון הער קאָפּהויז איז באַהאַלטן אַ קליינער ראַדיאָ, וועלכן מיר וועלן באַקומען אנשטאָט דעם גרויסן „פיליפּס“. עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר מוזן אָפּגעבן דעם שיינעם אַפּאַראַט, אָבער מען טאָר נישט ריזיקירן. דעם קליינעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט וועלן מיר אַרויפשטעלן אויבן. יידן וואָס באַהאַלטן זיך אויס, וואָס קויפן פאַר באַהאַלטן געלט אויפן שוואַרצן מאַרק, דאַרפן זיך באַגנוגענען מיט אַ קליינעם געהיימען ראַדיאָ.

אַלע זוכן איצט עפּעס אַן אַלטן אַפּאַראַט, וואָס זיי זאָלן קאָנען אָפּגעבן דער דייטשער מאַכט, אנשטאָט דעם אייגענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס דינט פאַר זיי ווי אַ קוואַל פון דערמונטערונג. און באמת, ווען די נייעס פון דרויסן ווערט אַלץ ערגער און טרויעריקער, שעפּן מיר טרייסט פון דער וואונדערלעכער שטים פון ראַדיאָ און זאָגן צו זיך: „נישט פאַרצווייפלען! הויבט די קעפּ, עס וועלן נאָך קומען אַנדערע צייטן!“

דיין, אַנאַ

זונטיק, 11 יולי 1943

טייערע קיטי,

לאמיר זיך אומקערן צו דער פראגע פון דערציאונג. איך מוז דיר זאגן, אַז איך מאַך ספּעציעלע אָנשטרענגונגען צו זיין גוטהאַרציק און באַליבט און אַלץ צו טון אויף אַזאַ אופן, אַז דער רעגן פון פאַרוווּרפן זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לייכט רעגענדל. עס איז גענוג שווער צו אינסצעניזירן אַ מוסטער־אויפפירונג לגבי מענטשן וואָס דו האָסט נישט ליב אָבער איך האָב מיך איבערצייגט, אַז איך טו פיל מער אויף מיט מאַכן אַן אָנשטעל, ווי מיט מיין זאָגן יעדן איינעם אָפן מיין מיינונג (הגם קיינער פרעגט נישט מיין מיינונג און קיינער רעכנט זיך נישט מיט איר).

נישט איינמאָל פאַרגעס איך מיין ראָל און ווען איך זע עפּעס אַן עוולה, קאָן איך נישט איינהאַלטן מיין כעס, און דעמאָלט רעדט מען ווידער אין משך פון פיר וואָכן וועגן דעם מיידל, וואָס איז די גרעסטע חוצפה׳ניצע אין דער וועלט! צי מיינסטו נישט, אַז אַמאָל בין איך ווערט, מען זאָל מיט מיר מיטלייד האָבן? ס׳איז גוט, וואָס איך באַקלאָג זיך נישט און האָב נישט קיין טענות, אַנדערש וואָלט איך אינגאַנצן פאַרזויערט געוואָרן און נישט געקאָנט אָפּהיטן מיין גוטע שטימונג.

איך האָב איצט באַשלאָסן אַ ביסל איבערצורייסן מיט דער סטענאָגראַפיע דאָס דויערט שוין אַ זייער לאַנגע צייט. ראשית, וויל איך ווידמענען מער צייט די אַנדערע קענטשאַנדן, און צווייטנס, צוליב מיינע אויגן. ס׳איז אַ ביטער עסק. כ׳בין געוואָרן קורצ־זיכטיק, און איך דאַרף שוין פון לאַנג ברילן (בררררר... כ׳וועל זיכער אויסזען ווי אַ סאָווע!) אָבער דאָס לעבן אין באַהעלטעניש, ווי באַוווּסט... נעכטן האָט דאָס גאַנצע הויז גערעדט וועגן אַנאַ׳ס אויגן — די מוטער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז פרוי קאַפּהויז זאָל גיין מיט מיר צו אַן אויגן־דאָקטאָר. ווען כ׳האָב עס דערהערט, האָב איך זיך זייער דערשראָקן; עס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט.

אַרויסצוגיין אין גאַס... שטעל דיר פאָר, אין גאַס אַרויס! עס איז מיר שווער די זאַך אפילו אין דער פאַנטאַזיע פאָרצושטעלן. תחילת האָב איך מיך דערשראָקן אויף טויט, און נאָכהער האָב איך מיך דערפרייט ממש. אָבער די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט. נישט

אַלע אינסטאַנצן וואָס האָבן צו באַשליסן אין דעם ענין, האָבן גלייך מסכּים געווען אויף דעם. צוערשט דאַרף מען גוט דורכטראַכטן די אַלע שוועריקייטן און סכּנות, הגם מיפּ האָט באַלד געוואָלט גיין מיט מיר.

כ׳האָב מיך צוגעאיילט און אַרויסגענומען מיין גרויען מאַנטל פונעם שאַנק, אָבער ער איז געווען אַזוי קליין אויף מיר, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך פּרוּוו אָנטאָן דעם מאַנטל פון מיין קליין שוועסטערל. איך בין באמת נייגעריק צו זען, צי עס וועט עפּעס ארויסקומען פון אָט דעם פּלאַן: איך צווייפל זייער אין דעם. אינצווישן האָבן די ענגלענדער געלאַנדעט אין סיציליע, און דער פּאָטער גלויבט שוין ווידער אין אַ „שנעלן סוף".

עלי גיט מיר און מאַרגאָטן פיל ביוראָ־אַרבעט: מיר פילן זיך ביידע זייער חשוב און גוט. יעדער איינער קאָן אַריינלייגן בריוו אין אַ קאַרטאָטעק און פירן דאָס פאַרקויף־בוך, מיר מאַכן עס מיט מוסטערהאַפטער פּינקטלעכקייט.

מיפּ איז ווי אַן אייזל וואָס איז באַלאָדן מיט אַ סך משׂא: כמעט יעדן טאָג געלינגט איר צו אַנטדעקן אַביסל גרינוואַרג און זי ברענגט אונז דאָס אין אַ גרויסן נעץ־קויש. יעדן שבת ברענגט זי אונז פינף ביכער פון דער ליי־ביבליאָטעק. פּונקט ווי קליינע קינדער, וואָס וואַרטן אויף אַ מתנה, וואַרטן מיר מיט אומגעדולד אויפן שבת, ווייל דעמאָלט דערהאַלטן מיר די ביכער.

אַנדערע מענטשן קאָנען נישט וויסן, וואָס אַזעלכעס עס זענען ביכער פאַר אַרעסטאַנטן ווי מיר. לייענען, לערנען און צוהערן ראַדיאָ — קיין אַנדערע פאַרווייַלונגען האָבן מיר נישט.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 13 יולי 1943

טייערע קיטי,

נעכטן נאָכמיטאָג האָב איך געפרעגט דיסעלן — נאָכדעם ווי כ׳האָב גענומען דערלויבניש פון פאָטער — אויב ער וועט מסכּים זיין, און צי די זאַך געפעלט אים (זער טאַקטפול, נייז?), אַז איך זאָל באַנוצן דעם קליינעם טיש אין אונזער צימער צוויי מאָל

אין דער וואָך אויך נאָכמיטאָג צווישן די שעהן פיר ביז האַלב זעקס. איך זיץ דאָרט יעדן טאָג פון האַלב דריי ביז פיר — ווען דיסעל שלאָפט — אָבער אין די איבריקע שעהן פון טאָג טאָר איך נישט באַנוצן דעם טיש און דאָס צימער. אינוויייניק אינם אַלגעמיינעם צימער, איז נאָכמיטאָג די ענגשאַפט זייער גרויס, און עס איז אוממעגלעך דאָרט צו אַרבעטן; און אין דערזעלבער צייט וויל אויך דער פאָטער ביי זיין שרייב־טיש אַרבעטן.

מיין ביטע איז דעריבער געווען לאָגיש און די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מיט דער גאַנצער העפלעכקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך. און וואָס, מיינסטו, האָט געענטפערט דער געלערנטער הער דיסעל? „ניין". גראָב און איינפאַך: „ניין". דער כעס האָט געברענט אין מיר, כהאָב מיך נישט געוואָלט באַגנוגנען מיט דעם ענטפער, און כ׳האָב אים געפרעגט — פאַרוואָס „ניין". אָבער דאַן איז אַראָפּ אויף מיר אַ רעגן פון שטראָף־רייד:

„איך דאַרף אויך אַרבעטן, און אויב איך קאָן נישט אַרבעטן נאָכמיטאָג, קאָן איך בכלל נישט אַרבעטן. איך מוז ענדיקן וואָס איך דאַרף נאָך לערנען — אַנדערש וועט מיין גאַנצע מי זיין אומזיסט. דו טוסט דאָך נישט קיין ערנסטע אַרבעט. אָט די מיטאָלאָגיע איז דאָך נישט קיין ממשותדיקע אַרבעט, און אויך שטריקן אָדער לייענען איז נישט קיין אַרבעט. איך זיץ ביי דעם טיש און וועל ווייטער דאָרט זיצן. מיין ענטפער איז געווען: „הער דיסעל, מיין אַרבעט איז זייער אַן ערנסטע; נאָכמיטאָג קאָן איך ערגעץ־אַנדערש נישט אַרבעטן. איך בעט דיך מיט דער גאַנצער העפלעכקייט, זאָלסט נאָכאַמאָל נאָכטראַכטן וועגן מיין בקשה".

און זאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער האָט די באַליידיקטע אַנאַ אויסגעדרייט דעם רוקן צום געלערנטן דאָקטאָר און האָט זיך באַנומען צו אים גלייך ווי ער וואָלט געווען בלויז לופט. איך האָב געקאָכט פון כעס; כ׳האָב מיר געטראַכט אין האַרצן, אַז דיסעל איז אומהעפלעך (דאָס איז ריכטיק) און אַז איך בין זייער העפלעך. אין אָוונט, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו ריידן מיט פים, האָב אים דערציילט וועגן דער תשובה פון דיסעלן, און געפרעגט זיין עצה, וואָס איצט צו טון, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט רעזיגנירן, נאָר אַליין דעם ענין דערליידיקן. פים

האָט מיר געזאָגט, ווי אַזוי כ׳האָב מיך אויפצופירן, ער האָט מיך אָבער געוואָרנט, אַז עס איז בעסער איך זאָל וואַרטן ביז מאָרגן, ווייַג כ׳בין זייער אויפגערעגט.

די עצה האָב איך אָפּגעוואָרפן, און נאָכן אָפּוואַשן דאָס געשיר, האָב איך געוואָרט אויף הער דיסעל. פּים איז געווען מיט אונז אין צימער, און דעריבער האָב איך מיך געפילט אַ סך זיכערער. כ׳האָב געזאָגט: „הער דיסעל, עס דאַכט זיך מיר, אַז איר האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט מיין בקשה, אָבער איך בעט אייך, אַז איר זאָלט זי נישט גרינגשעצן״. דיסעל האָט ליבלעך געשמייכלט און געזאָגט: „איך בין גרייט צו יעדער צייט און יעדע רגע צו שמועסן מיט דיר וועגן דער אָנגעלעגנהייט, הגם פּאַקטיש איז דער ענין שוין דערליידיקט״.

איך האָב פאַרגעזעצט און דיסעל האָט מיר יעדעס מאָל איבער־געריסן. „צום אָנהויב, ווען איר זענט געקומען אַהער, האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז דאָס צימער איז פאַר אונזביידע. ווען עס זאָל זיין אַ גערעכטע פאַרטיילונג, וואָלט איר געקאָנט באַנוצן דאָס צימער אין די פאַרמיטאָג־שעהן און איך וואָלט געקאָנט אַרבעטן יעדן טאָג נאָכמיטאָג! אָבער איך פאַרלאַנג נישט אַזויפיל, מיין איך, אַז די בקשה מיר צו געבן דאָס צימער צוויי מאָל אין דער וואָך אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז נישט איבערטריבן״.

דיסעל איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. „האָסט נישט וואָס צו ריידן וועגן רעכט. און ווו וועל איך בלייבן? איך וועל בעטן הער וואַן דאַן, ער זאָל מיר מאַכן אַ קליינע צעלע אויפן בוידעם, איך זאָל קאָנען דאָרט זיצן. כ׳האָב דאָך נישט קיין אָרט, ווו כ׳זאָל קאָנען רואיק אַרבעטן. מיט דיר מוז מען תּיך שטענדיק קריגן. ווען דיין שוועסטער מאַרגאָט וואָלט געקומען צו מיר מיט אַזאַ פאַרלאַנג, — און זי האָט אודאי אַ געגנונדיקע סיבה דערצו, — וואָלט מיר אפילו נישט איינגעפאַלן איר אָפּצוזאָגן. אָבער דו...״

און דאַן האָט ער ווידער גערעדט וועגן מיטאָלאָגיע און שטריקן, און אַנאַ האָט זיך ווידער באַליידיקט, אָבער זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן און געלאָזט דיסעלן ענדיקן: „אָבער מיט דיר

איז דאָך אוממעגלעך צו ריידן. ביסט אַ שרעקלעכע עגאָיסטקע. דיך אַרט נישט אַז אַלע מוזן מוותר זיין, אַבי דו דערגרייכסט דאָס דייניקע. אַזאַ מיידל האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. אָבער סוף־כל־סוף וועל איך דאָך מוזן טון וואָס דו ווילסט, אַנדערש וועל איך מוזן שפּעטער הערן, אַז אַנאַ פּראַנק איז דורכ־געפאַלן ביים עקזאַמען, ווייל הער דיסעל האָט איר נישט געוואָלט געבן דעם טיש".

און אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן, ביז ער האָט מיך ענדלעך פאַרפּלייצט מיט אַזאַ מבול מיט ווערטער, אַז איך בין שוין נישט געווען מער בכח אַלעס צו הערן. אַ מאָמענט האָב איך מיר געטראַכט: איך וועל אים געבן אַ פּאַטש, ער זאָל פליען צו דער וואַנט מיט אַלע זיינע פאַלשע טענות". אָבער אין אַ רגע אַרום האָב איך מיר געזאָגט: „באַרואיק זיך, אַט דער טיפּ איז נישט ווערט זאָלסט זיך אויפרעגן צוליב אים".

צום סוף איז דער שטורם אַריבער און הער דיסעל איז אַרויס פון צימער — זיין פּנים האָט אויסגעדרוקט כעס און נצחון צו־זאַמען, די טאַשן פון זיין מאַנטל זענען געווען פול מיט עסנ־וואַרג. איך בין געלאָפן צום פאָטער און אים דערציילט אַלץ וואָס ער האָט נישט געהערט. פים האָט באַשלאָסן זיך דורכצוריידן מיט דיסעלן נאָך דעם זעלבן אָוונט, און אַזוי האָט ער טאַקע געטון. זייער געשפּרעך האָט געדויערט מער ווי אַ האַלבע שעה. דער פאַרלויף פון געשפּרעך איז געווען בערך אַזאַ: פריער האָט מען געשמועסט וועגן דעם, צו אַנאַ דאַרף זיצן ביים קליינעם טיש אָדער נישט. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער און דיסעל האָבן שוין אַמאָל גערעדט אויף דער טעמע, אָבער דעמאָלט האָט ער לפּנים צוגעגעבן רעכט דיסעלן, ווייל ער האָט זיך נישט גע־וואָלט שטעלן אויף דער זייט פון אַ יונג מיידל קעגן אַ דער־וואַקסענעם. אָבער שוין דעמאָלט האָט דער פאָטער געהאַלטן, אַז דיסעל איז אומגערעכט. אַזוי איז דער ויכוח ווייטער געגאַנגען; דער פאָטער האָט מיך פאַרטיידיקט קעגן דער באַשולדיקונג אין עגאָיזם, און אויך געגומען אין שוץ מיין „נישט וויכטיקע" אַרבעט, און דיסעל האָט זיך אומאויפהערלעך געברוגז'ט.

אָבער דער סוף איז געווען, אַז דיסעל איז געווען געצוווּנגען

נאָכצוגעבן, און ס'איז מיר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו אַרבייטן צוויי מאָל אין דער וואָך אָן שטערונג ביז פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג. דיסעל האָט אויסגעזען זייער אויפגערעגט, נישט גערעדט מיט מיר צוויי טעג, און דאָך האָט ער זיך געזעצט ביים קליינעם טיש פון פינף אַ זייגער ביז האַלב זעקס... ווי אַ קינד ממש.

אַ מענטש וואָס איז שוין אַלט געוואָרן 54 יאָר, און האָט נאָך אַזעלכע קליינלעכע געוווינהייטן, איז ער אודאי מיט זיי געבוירן געוואָרן און האָט נישט קיין שום האָפנונג, אַז ער זאָל זיך פון זיי אָפּגעוויינען.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 16 יולי 1943

טייערע קיטי,

ווידער גנבים, אָבער דאָס מאָל אויף אַן אמת!

היינט איינדערפרי אַ זייגער זיבן, ווען פעטער איז, ווי תמיד, געגאַנגען אין מאַגאַזין אַריין, האָט ער דערזען אַז די טיר פון מאַגאַזין איז אָפן; אויך די הויפּט טיר פון הויז איז געווען אָפן. ער האָט וועגן דעם מודיע געווען מיין פאָטער, וועלכער האָט אויף גיך אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אין פּריוואַטן ביוראָ אויף אַ דייטשער סטאַציע און פאַרשלאָסן די טיר. דאַן זענען זיי ביידע אַרויף אויבן.

באַלד איז געגעבן געוואָרן דער געוויינלעכער באַפעל: נישט עפענען קיין קראַן (ס'הייסט נישט וואַשן זיך), אַלע זאָלן זיין שטיל, ענדיקן אַלץ ביז אַכט אַ זייגער און קיינער זאָל נישט גיין אין דער טואַלעט... אַלע זענען געווען צופרידן וואָס מיר זענען גוט געשלאָפן ביינאַכט און מיר האָבן גאָרנישט געהערט. אַרום האַלב צוועלף איז געקומען הער קאָפּהויז און דערציילט, אַז די גנבים האָבן איינגעבראָכן די דרויסנדיקע טיר מיט אַן אייזערנעם שטאַנג און נאָכדעם איינגעבראָכן אויך די מאַגאַזין־טיר. אָבער אין מאַגאַזין איז נישט געווען אַ סך צו גנבענען, און דעריבער האָבן זיי געפּרוווט זייער מזל אין שטאָק וואָס איז איבער דעם מאַגאַזין.



הינטער דער אקטן־שאַנק געפינט זיך דער איינגאַנג פון באַהעלטעניש

זיי האָבן צוגעגנבעט צוויי קאַסעטן. אין זיי איז געווען 40 פלארין, פּאָסט־ביכלעך און טשעק־ביכלעך — און דאָס סאַמע ערגסטע: אַלע קופּאָנען אויף הונדערט פונפציק קילאָ צוקער.

הער קאַפּהויז האַלט, אַז די גנבים זענען פון דער זעלבער באַנדע, וואָס איז דאָ געווען מיט זעקס וואָכן צוריק, און האָבן דעמאָלט געפּרוווט אויפברעכן אַלע דריי טירן; דעמאָלט איז עס זיי נישט געלונגען.

דער פאַל האָט ווידעראַמאָל אַרויסגערופן אויפרעגונג ביי אַלע. אָבער עס זעט אויס, אַז אָן אויפרעגונג גייט עס נישט אין אונזער באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס די שרייב מאַשינען און די קאַסע זענען געווען אין קליידער־שאַנק, ווייל יעדן אָוונט נעמט מען זיי אַרויף צו אונז אויבן.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 19 יולי 1943

טייערע קיטי,

זונטיק איז געווען אַ שווערע באָמבאַרדירונג אויף צפון־אַמסטערדאַם. מ׳זאָגט אַז דער חורבן איז דאָרט גאָר אַ מוראדיקער. גאַנצע גאַסן זענען חרוב געוואָרן און עס וועט נאָך אַוועק פיל צייט, ביז מ׳וועט אַרויסנעמען פון אונטער די חורבות די מענטשן וואָס זענען דאָרט באַגראָבן געוואָרן. ביז איצט זענען דאָ 200 הרוגים און אומציילִיקע פאַרוווּנדעטע; די שפּיטעלער זענען איבער־פולט. מ׳הערט וועגן קינדער וואָס בלאָנקען זיך אַרום איבער די רויכערנדיקע חורבות און זוכן זייערע עלטערן.

איך ציטער נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך דאָס מוראדיקע דונערן פונווייטן; ס׳איז געווען פאַר אונז דער צייכן פון דער־נענטערונג פון חורבן.

דיין, אַנאַ

פרייטיק 23 יולי 1943

טייערע קיטי,

לאָמיר דיר דערציילן, וואָס איז דער ערשטער ווונטש פון די אַכט באַהאַלטענע, אין מאָמענט ווען זיי וועלן מעגן אַרויסגיין.



די אַקטן־שאַנק וואָס דרייט זיך אויף איר אַקס, איז אָפן„ פון הינטן זעט זיך
דער אַריינגאַנג פון באַהעלטעניש, די טרעפּן פירן אין ווינונגס־חדר
פון די פאַרשטעקטע

מאַרגאָט און הער וואַן דאַן חלומען קודם כל וועגן אַ וואַרעמע וואַנע, פול ביז איבער די ברעגעס, ווו זיי זאָלן קאָנען זיצן אַ האַלבע שעה. פרוי וואַן דאַן וויל גיין עסן קרעם־קוכן. דיסעל טראַכט בלויז וועגן זיין פרוי לאָטיע; די מוטער וויל אַ גלאָז גוטע קאַפע, און דער פאָטער וויל קודם גיין באַזוכן דעם הער פאָסען. פעטער וויל גיין אין שטאָדט אַריין זען קינאָ, און איך וועל נישט וויסן וואָס צו טאָן פון גרויס גליק.

איך בענק באַזונדערס נאָך אַן אייגענער דירה, קאָנען פריי זיך באַוועגן און לערנען נאָכאַמאָל אין אַ שולע.

עלי האָט אונז פאָרגעשלאָגן צו קויפן פרוכטן. די פרייזן זענען שפּאָט־ביליק. וויינטרויבן פינף פלאָרין אַ קילאָ, אַפּריקאָסן 0.70 פל. אַ פונט, פערשקעס — 5.50 פל. אַ קילאָגראַם. אַרבוזן — 1.50 פל. — און מ׳שרייבט נאָך אין די צייטונגען יעדן טאָג מיט גרויסע אותיות: „דאָס העכערן די פרייזן איז ליכווע״.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 26 יולי 1943

טייערע קיטי,

נעכטן האָבן מיר געהאַט אַ שטורמישן טאָג, און מיר זענען נאָך אַלע אויפגערעגט. אייגנטלעך קענסטו פרעגן, ווען זענען מיר נישט אויפגערעגט?

אין דערפרי בשעת דעם עסן האָט מען דערהערט די ערשטע סיגנאַלן; אָבער דאָס אַרט אונז נישט, ווייל דאָס באַדייט, אַז די עראָפּלאַנען געפינען זיך איבער דעם שטח פון ים־ברעג. נאָך דעם פרישטיק בין איך געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן נאָך אַ שעה, ווייל איך האָב געהאַט קאָפּ־ווייטיק, און נאָכהער בין איך אַראָפּ־געגאַנגען. עס איז געווען בערך אַ זייגער צוויי. האַלב דריי האָט מאַרגאָט געענדיקט איר אַרבעט אין ביוראָ; זי האָט נאָך נישט באַוויזן צונויפצונעמען אירע זאַכן און די סירענעס האָבן גענומען יאָמערן. איך בין אַרויף צוזאַמען מיט איר, גוט וואָס מיר האָבן אַזוי געטון, ווייל עס זענען נישט אַריבער קיין פינף מינוט, ווי ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי, מיר זענען אַרויס

אין קאָרידאָר. דאָס הויז האָט אָנגעהויבן ציטערן און עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן די באָמבעס.

כ'האָב צוגעדריקט דעם רוק־זאַק צו זיך, דער עיקר צוליב דעם וואָס איך האָב געפילט, אַז איך מוז מיך אין עפּעס אָנהאַלטן, ווייל סײַווי האָבן מיר נישט וואַהין צו אַנטלויפן. אין סאַמע ערגסטן פאַל, אויב מיר וועלן זיין געצוווּנגען צו אַנטלויפן, וועט פאַר אונז די גאַס זיין נישט ווייניקער געפערלעך ווי די באָמבאַר־דירונג. נאָך אַ האַלבע שעה איז די אַקציע פון די אַעראָפּלאַנען שוואַכער געוואָרן, דאַקעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַקטיוויטעט אין הויז גופא. פּעטער איז געקומען פון זיין אַבסערוואַציע־פּונקט אין פאָדערשטן טייל פון בוידעם· דיסעל איז געווען אין פאָדערשטן ביורא, פּרוי וואַן דאַן האָט זיך געפילט גענוג זיכער אין פּריוואַטן ביוראָ. הער וואַן דאַן האָט אַרויסגעקוקט פון בוידעם אין גאַס ארויס, און אויך מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איז קאָרידאָר. כ'בין אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, כדי צו זען די רויך־וואָלקנס איבערן פּאָרט, וועגן וועלכע ס'האָט אונז דערציילט הער וואַן דאַן· ס'איז נישט אַריבער קיין סך צייט און מיר האָבן דערשפּירט אַ ריח פון אַ שריפה, ס'האָט אויסגעזען ווי אַ געדיכטער נעפּל הילט איין די גאַס.

הגם אַזאַ גרויסע שריפה איז נישט קיין זייער אנגענעם בילד, האָבן מיר זיך געפרייט, וואָס אַלץ איז אַריבער, און יעדער איז געגאַנגען צו זיין באַשעפטיקונג. אין אָוונט, ביים עסן, ווידער אַ אַלאַרם. דאָס עסן איז געווען זייער געשמאַק, אָבער ווען מ'האָט דערהערט דעם אַלאַרם, איז דער אַפּעטיט אַוועק. עס איז אָבער גאָרנישט געשען, און נאָך דריי־פערטל שעה איז געגעבן געוואָרן דער באַרויִקונגס־סיגנאַל. דאָס געשיר איז געשטאַנען גרייט צום וואַשן, און ווידער אַ אַלאַרם. עס האָבן אָנגעהויבן די שיסערייען אַ מאַסע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל. „גרויסער גאָט, צוויי מאָל אין איין טאָג — דאָס איז אַביסל צו פיל”, האָבן מיר אַלע געטראַכט, אָבער דאָס האָט אונז נישט געהאָלפן; ווידער איז געפאַלן אַ האָגל פון באָמבעס, דאָס מאָל פון דער צווייטער זייט פון שטאָט — לויט דער מעלדונג פון די ענגלענדער, אין סקיפּהאָל. די אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידריק, דאַן

ווידער אויפגעהויבן זיך הויך, אין דער לופט האָט זיך געהערט אַ שרעקלעך געזשומעריי. דאָס אַלץ איז געווען זייער מוראדיק. יעדע מינוט האָב איך געטראַכט: „אָט פאַלט עס, און מיר זענען געענדיקט".

איך קאָן דיר זאָגן, אַז ווען איך האָב מיך געלייגט שלאָפן אַ זייגער נײַן, האָב איך נאָך נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. כ'האָב מיך אופגעכאַפּט פונקט האַלבע נאַכט: אַעראָפּלאַנען. דיסעל האָט זיך דעמאָלט גראַדע אויסגעטון און איך האָב אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. ווי עס האָט זיך נאָר דערהערט דער ערשטער שאָס, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. צוויי שעה בין איך געווען ביים פאָטער, און די אַעראָפּלאַנען זענען נאָך אַלץ געפלויגן אין די הימלען. דאַן האָט די שיסעריי אויפגעהערט און כ'האָב געקאָנט צוריקגיין שלאָפן. אַרום האַלב דריי האָב איך איינגעדרומלט.

זיבן אַ זייגער. כ'האָב מיך פלוצים אויפגעכאַפּט פון שלאָף. הער וואָן דאַן איז געווען ביים פאָטער. אודאי נאָכאַמאָל געשען אַ גניבה, האָב איך זיך געטראַכט. „אַלץ" — האָב איך געהערט זאָגן דעם הער וואָן דאַן. כ'האָב געקלערט, אַז מ'האָט שוין אַלץ צו־געגנבעט. אָבער נײַן, עס איז געווען דווקא אַ גוטע בשורה, אַזאַ, וואָס מיר האָבן שוין נישט געהערט זינט חדשים, און אפשר נישט אין אַלע מלחמה־יאָרן. „מוסאָליני האָט זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע, דער קיסר־קעניג פון איטאַליע האָט גענומען די מאַכט אין זײַנע הענט אַריין". מיר האָבן געיובלט. נאָך די אַלע שרעק פון נעכטן, סוף־כל־סוף עפּעס אַזוינס וואָס דערמונטערט און... אַ ביסל האָפנונג. אַ האָפנונג אויף אַ סוף, אַ האָפנונג אויף שלום.

קראַלער איז אָפּגעטרעטן ביי אונז און דערציילט, אַז „פאָקערס" ווערק זענען שווער באַשעדיקט געוואָרן. אינצווישן איז בײַנאַכט געווען נאָך אַן אַלאַרם, ווי אויך אַ וואָרנונגס־סיגנאַל. איך ווער דערשטיקט פון די אָפּטע אַלאַרמען, איך בין נישט גענוג געשלאָפן, און כ'האָב נישט קיין חשק צו אַרבעטן. אָבער איצט איז דער שלאָף אַוועק פון אונז צוליב דער שפּאַנונג אין איטאַליע און צוליב דער האָפנונג, אַז דער סוף וועט קומען, אפשר נאָך דאָס יאָר...

דײַן, אַ נ אַ

דאָנערשטיק, 29 יולי 1943

טייערע קיטי,

פרוי וואַן דאַן, דיסעל און איך זענען געווען באַשעפטיקט מיט וואַשן דאָס געשיר, און עס האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס וואָס עס טרעפט כמעט קיינמאָל נישט און האָט אודאי געוועקט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, איך בין געווען זייער שטיל.

כדי אויסצומיידן לעסטיקע פראַגן, האָב איך אויף גיך אָפּ־געזוכט אַ נייטראַלע טעמע, און כ׳האָב געקלערט אַז דאָס בוך „העגרי פון יענער זייט גאַס" וועט מיר קאָנען דינען פאַר דעם צוועק. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט אין חשבון; אויב פרוי וואַן דאַן באַפאַלט מיך נישט, טוט עס דיסעל. און דער ענין איז געווען אַזאַ: הער דיסעל האָט זער רעקאָמענדירט דאָס בוך, און געזאָגט, אַז עס איז אויסגעצייכנט. מאַרגאָט און איך האָבן דאָס בוך געלייענט, און אונזער מיינונג איז געווען, אַז עס איז ווייט פון צו זיין אויסגעצייכנט. דאָס ייִנגל אין בוך ווערט געשילדערט אין אַ שיינער פאָרם, אָבער דאָס איבריקע... לאָמיר בעסער שווייגן וועגן דעם. איך האָב די געדאַנקען אַרויסגעזאָגט ביים וואַשן דאָס געשיר, און דאָס האָט מיר גורם געווען נישקשהדיקע צרות.

„ווי קענסטו פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון אַ מאַן! די פּסי־כאָלאָגיע פון אַ קינד איז נישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין(!). דו ביסט צו יונג פאַר אַזאַ בוך. אפילו אַ צוואַנציקיעריקער מאַן קאָן דאָס בוך נישט גוט פאַרשטיין". (פאַרוואָסזשע האָט ער רעקאָמענדירט דאָס בוך מאַרגאָטן און מיר?).

און איצט האָבן דיסעל און די מאַדאַם שוין ביידע צוזאַמען פאַרגעזעצט: „דו ווייסט צופיל וועגן זאַכן וואָס זענען נישט פאַר דיין עלטער. האָסט באַקומען אַ זייער שלעכטע דערציאונג. שפּעטער ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו מער שוין נישט האָבן קיין הנאה פון קיין שום זאַך. וועסט זאָגן: „וועגן דעם האָב איך שוין געלייענט אין די ביכער נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק". דאַרפסט זיך צואיילן, אויב דו ווילסט באַקומען אַ מאַן, אָדער זיך פאַר־ליבן. וועסט אודאי זיין אַנטוישט פון אַלעמען. די טעאָריע האָסטו שוין אויסגעלערנט, עס פעלט דיר נאָר בלויז די פּראַקטיק".

זיי האַלטן, ווייזט אויס, אַז גוטע דערציאונג, הייסט, מיך תמיד

אויפהעצן קעגן מיינע עלטערן, ווייל זיי טוען עס זייער אָפּט. און נישט צו דערציילן אַ מיידל אין מיין עלטער קיין שום זאַך אויף טעמעס פון „דערוואַקסענע" — דאָס איז אויך, זעט אויס, אַ טייל פון זייער אויסגעצייכנטן דערציאונגס־סיסטעם. די רעזולטאַטן פון אַזאַ סיסטעם באַווייזן זיך זייער אָפּט.

אין דעם מאָמענט בין איך געווען גרייט צו פּאַטשן די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען און געמאַכט מיך צו שפּאָט. דער כּעס האָט געברענט אין מיר, כ׳צייל שוין די טעג, ווען איך וועל שוין קאָנען פון זיי פּטור ווערן. פּרוי וואַן דאַן איז אַ באַזונדער טיפּ פאַר זיך! באמת, זי קאָן דינען פאַר אַ מוסטער... ווי מ׳דאַרף זיך נישט אויפפירן.

זי איז באַקאַנט ווי אַ בעל־גאוה׳ניצע, עגאָיסטיש, כיטרע, איז פון קיין זאַך נישט צופרידן, מ׳קאָן נאָך צוגעבן: אַ פּוסטע, קאָקעטע כּלי. זי איז ווירקלעך, אַן׳אומאָנגענעמע פּרוי. כ׳וואָלט געקאָנט שרייבן ביכער גאַנצע וועגן דער פּרוי און אפשר וועל איך עס נאָך טון. יעדער איינער קאָן אויף זיך אַרויפנעמען אַ הילע פון אויסערלעכן גלאַנץ. די מאַדאַם איז זייער האַרציק אַנטקעגן פרעמדע, באַזונדערס קעגן מענער. און דעריבער קאָן מען אַ טעות האָבן ביים אָפּשאַצן איר כאַראַקטער, ווען מ׳קאָן זי נישט אַ לענגערע צייט.

די מוטער האַלט, אַז זי איז אַזוי נאַריש, אַז עס איז נישט כּדאַי צו פאַרלירן מיט איר אַן איבריק וואָרט; מאַרגאָט זאָגט, אַז זי איז אַן אַבסאָלוטער גאָרנישט. און פּים זאָגט, אַז זי איז מיאוס (פּראָסט פּשוט, אין אַלע הינזיכטן), און איך (נאָך לאַנגן באַטראַכטן, ווייל איך האָב נישט קיין פאָראורטיילן) בין געקומען צום באַשלוס, אַז זי איז באַשאַנקען מיט די אַלע דריי אייגנשאַפטן און נאָך מיט פיל אַנדערע. זי האָט אַזוי פיל שלעכטע מידות — צו וואָס דאַרף איך זיי אַלע אויסרעכענען איינציקווייז?

דיין, אַנאַ

פּ. ס. דער לייענער ווערט געבעטן צו נעמען אין אַכט, אַז ווען די ווערטער זענען געשריבן געוואָרן, איז נאָך נישט געשטילט געוואָרן דער כּעס פון דער שרייבערין.

דינסטיק, 3 אויגוסט, 1943

טײַערע קיטי,

די פּאָליטישע נײַעס זענען אויסגעצייכנט. אין איטאַליע איז פאַרבאָטן געוואָרן די פאַשיסטישע פּאַרטיי. דאָס פאָלק קעמפט קעגן די פאַשיסטן אין פיל מקומות — אפילו דאָס מיליטער באַטייליקט זיך אין קאַמף. ווי קאָן אַזאַ מדינה פירן אַ מלחמה קעגן ענגלאַנד?

נאָר וואָס האָבן מיר געהאַט אַ דריטע באָמבאַרדירונג; כ'האָב צוזאַמענגעדריקט די ציין, כדי כ'זאָל האָבן מער מוט. פרוי וואַן דאַן, וואָס פלעגט תמיד זאָגן: „אַ שרעקלעכער סוף איז שוין בעסער פון אַ צרה וואָס נעמט גאָר קיין סוף נישט" — איז איצט דער גרעסטער פּחדן פון אַלע. היינט אינדערפרי האָט זי געציטערט און אפילו אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ווען דער מאַן האָט זי געטרייסט (זי האָט זיך ערשט נישט לאַנג איבערגעבעטן מיט אים, נאָך אַ וואָך ברוגז זײַן) האָט זי אַזוי נעבעכדיק אויסגעזען, אַז איך האָב אַזש רחמנות געהאַט אויף איר.

דאָס האַלטן קעץ האָט נישט בלויז מעלות נאָר אויך חסרונות. דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט פליי, און דער ענין ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. הער קאָפּהויז האָט צעשיט געלן פּולווער אין אַלע ווינקעלעך, אָבער דאָס מאַכט כלל נישט קיין אײַנדרוק אויף די פליי. ביי אונז רייצט דאָס די נערוון; עס דאַכט זיך אונז שטענדיק, אַז עס קיצלט אונז אונטערן אָרעם, אויף די פיס און אין אַנדערע טיילן פון קערפּער. צוליב דעם פאַרנעמען זיך פיל פון אונז מיט מאַכן גימנאַסטיק, כדי זיי זאָלן קאָנען, שטייענדיק, זען דעם קאַרק אָדער דעם הינטערשטן טייל פון זייערע פיס. מיר באַקומען איצט אונזער שטראָף פאַר נישט זײַן באַוועגלעך און עלאַסטיש — געוואָרן אַזוי פאַרשטייפט, אַז מיר קאָנען נישט אויסדרייען דעם קאָפּ ווי געהעריק. שוין לאַנג אַז מיר מאַכן נישט קיין גימנאַסטיק ממש.

דײַן, אַ נ אַ

מיטוואָך, 4 אויגוסט, 1943

טײַערע קיטי,

איצט, נאָך דעם ווי מיר זיצן אין באַהעלטעניש שוין מער פון אַ יאָר, ווייסטו שוין זייער פיל וועגן אונזער לעבן; אָבער איך

קאָן דיר נישט אַלץ דערציילן, ווייל אונזער לעבן איז אַזוי שטאַרק אַנדערש פון לעבן פון געוויינלעכע מענטשן און געוויינלעכע צייטן. כדי איך זאָל דיר דאָך געבן די מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אָנונג פון אונזער לעבן, וועל איך דיר שילדערן, פון צייט צו צייט, אַ טייל פון אַ געוויינלעכן טאָג אין אונזער לעבן. כ׳וועל אָנהויבן פון אָוונט און נאַכט:

ניין אַ זייגער אין אָוונט הויבן זיך אָן די הכנות צום גיין שלאָפן, און דאָס איז שטענדיק אַ גאַנצער עסק.

מען רוקט בענקלעך, מ׳קערט איבער בעטן, מ׳וויקלט אויף קאָלדרעס; קיין שום זאַך בלייבט נישט אויף זיין פּלאַץ, ווו עס איז געווען אין די טאָג־שעהן. מיין געלעגער איז אויף אַ קליינע סאָפע, וואָס איר לענג דערגרייכט נישט אפילו אַנדערטהאַלבן מעטער. מוז מען דעריבער פאַרלענגערן דאָס געלעגער מיט בענקלעך. אַ פעדער־בערשטל, ליילעכער, קישנס, קאָלדרעס, דאָס אַלץ ווערט אַרויס־גענומען פון דיסעלס בעט, ווו דאָס אַלץ איז „מאַגאַזינירט״ אין משך פון די טאָג־שעהן.

פון נאָענטן צימער הערט זיך אַ שרעקלעך סקריפּן: דאָס איז דאָס צוזאַמענגעלייגטע בעטל פון מאַרגאָט. און ווידער טעפּיכער און קישנס — אַלץ כדי אַביסל ווייכער צו מאַכן די האַרטע ברעטער.

פון אויבן הערט זיך אַ רעש ענלעך צו אַ דינער, אָבער דאָס איז נישט מער ווי דאָס בעט פון פרוי וואן דאן. אָט דאָס בעט רוקט מען צו ביז צום פענצטער, כדי איר „עקסעלענץ״, אָנגעטון אין אַ ראָזע שלאָפראָק, זאָל קאָנען געניסן פון פרישער, ריינער לופט.

ניין אַ זייגער: איך גיי אריין אין וואַש־צימער נאָך פּעטערן און וואַש זיך גרונטלעך. אַמאָל (נאָך אין די וואַרעמע וואָכן אָדער חדשים) בלייבט אַ קליינע פלוי שווימען אין דעם וואַש־וואַסער. נאָכדעם קומט דאָס רייניקן די ציין, קרייזן די האָר, פּוצן די נעגל, וואַטע איינגעטונקען אין טלען־וואַסער (פאַרווייסט מיינע שוואַרצע וואָנסעס) — און דאָס אַלץ אין וויניקער ווי אַ האַלבע שעה.

האַלב צען: איך נעם אַרויף אויף זיך דעם באָדע־מאַנטל, איך נעם אין איין האַנט דעם זייף, דעם נאַכט־טאָפּ, די האָר־

האַלטערס, די הויזן און די קלאַמערס און די וואַטע אין דער צווייטער האַנט, און גיי גיך אַרויס פון באַד־צימער. על־פּי־רוב רופט מען מיך צוריק, איך זאָל אַוועקרוימען די האָר־רעשטלעך, וואָס באַפּוצן די וואַש־שיסל, אין דער פאָרם פון שיינע בויגנס, און זענען בדרך כלל נישט געוווּנשן פאַר דעם וואָס דאַרף זיך וואַשן נאָך מיר.

צען אַ זייגער: מ׳מאַכט פינצטער אין די צימערן, אַ גוטע נאַכט! אין משך פון אַ פערטל שעה הערט מען דאָס סקריפּן פון די בעטן און דאָס קרעכצן פון די צעבראָכענע ספּרענזשינעס, און דאַן ווערט אַלץ שטיל (אויב די שכנים אויבן זענען נישט פאַרטון אין אַ נאַכט־קריגעריי).

האַלב צוועלף אַ זייגער: די טיר פון וואַש־צימער סקריפּעט. אַ דינער ליכט שטראַל דרינגט אַריין אין צימער. שיך־סקריפּן, אַ גרויסער מאַנטל — גרעסער פון דעם וואָס איז איינגעהילט אין אים... דיסעל קומט צוריק פון נאַכט־אַרבעט אין ביוראָ פון הער קראלער. צען מינוט רייבט ער אָפּ די שיך אויפן דיל. ס׳הערט זיך שאָרכן פון פּאַפּיר (דאָס איז עסנוואַרג וואָס ער דאַרף באַהאַלטן) און דאַן נעמט ער גרייטן דאָס בעט. נאָכדעם פאַרשווינדט ווידער דאָס געשטאַלט, אָבער יעדעס מאָל הערט מען אַ פאַרדעכטיקן גערויש פון דער ריכטונג צום טואַלעט־צימער.

דריי אַ זייגער: איך מוז אויפשטיין טוען אַ קליינע באַדערפ־ניש אין דער מעטאַל־פּושקע וואָס שטייט אונטער מיין בעט. צוליב פאָרזיכטיקייט לייג איך אונטער אַ גומי־ראָגאָזשקעלע אונטער דער פּושקע, — טאָמער רינט זי. ווען איך טו עס, האַלט איך שטענדיק איין דעם אָטעם ווייל עס הערט זיך אַזאַ גיסעריי ווי פון אַ טייך באַרג אַראָפּ. נאָכדעם ווערט די פּושקע אַוועקגעשטעלט אויף איר פּלאַץ און אַ געשטאַלט אין אַ ווייס נאַכט־העמד (אָט דאָס נאַכט־העמד וואָס רופט אַרויס יעדע נאַכט דעם כעס פון מאַרגאָט: „אַך, אָט דאָס אוממאָראַלישע נאַכט־העמד!") לייגט זיך ווידער אין בעט.

אַ פערטל שעה ליגט עמיצער און הערט זיך צו צו יעדן שאָרך פון דער נאַכט. ערשטנס, דאַרף מען זיך צוהערן, צי עס איז נישטאָ אַ גנב אונטן; און נאָך דעם דאַרף מען צולייגן אַן אויער צו די אַלערליי בעטן אויבן, אין דערבייאיקן צימער און אינם

אייגענעם צימער. לויט דעם וואָס מ׳הערט, קאָן מען זיך משער זיין ווי עס שלאָפן די שטוב־איינוווינער, אָדער ווי זיי שלאָפן נישט.

שלאָפלאָזיקייט איז נישט קיין אנגענעמע זאַך, באַזונדערס ווען מען ליידט פונם באַהעלטעניש־איינוווינער וואָס הייסט דיסעל. תחילת הער איך אַ שטימע ווי אַ פיש וואָלט געמאַכט אַן אנשטרענגונג צו אָטעמען אויף דער יבשה; דאָס ווידערהאָלט זיך אַמאָל צען, נאָכהער נעצט מען איין די ליפּן, ס׳הערט זיך אַ שטיל סמאָטשקען דערביי, דאַן קומט אַן איבערדרייען זיך אין בעט, און איבערלייגן די קישן אויף פאַרשידענע אופנים. פינף מינוט פון אַבסאָלוטער שטילקייט, און נאָכהער חזר׳ט זיך איבער דער זעלבער פּראָצעס, דריי מאָל איינס נאָכן צווייטן, און צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז דעם דאָקטאָר געלונגען ווידער איינצודרימלען אויף אַ ווייל.

אַמאָל שיסט מען ביינאַכט צווישן איינס און פיר אַ זייגער. די שיסערייען דרינגען נאָך נישט אַריין אין מיין באַוווסטזיין, אָבער איך שטיי שוין נעבן מיין בעט, פון געוווינהייט. אַמאָל חלום איך פאַרזונקען אין נישט רעגולערע פראַנצויזישע קאָניוגאַציעס, אָדער אין אַ קריגעריי אויפן אויבערשטן שטאָק. ערשט ווען דער חלום קומט צו זיין ענדע, זע איך פּלוצים אַז מ׳שיסט און איך בין נאָך אין צימער. אָבער אין אַלגעמיין קומט עס פאָר אַזוי ווי עס איז אויבן באַשריבן. איך נעם אַ קישן און אַ נאָז־טיכל, טו אָן אַ באָד־מאַנטל, נעם אויף די פיס שטעק־שיך און לויף צום פאָטער, — ווי עס האָט געשריבן מאַרגאָט אינם ליד וואָס זי האָט פאַרפאַסט לכבוד מיין געבורטס־טאָג:

„ביינאַכט, ווען עס שיסט די ערשטע קויל,
סקריפּעט די טיר, און זעט: אַ גרויל...
עס באַווייזט זיך אַ טיכל, אַ קישן, און אַ מיידל...״

אַזוי ווי איך קום צו ביז דעם גרויסן בעט, גייט מיר איבער דער ערגסטער פּחד, סיידן מ׳שיסט זייער אַ סך.

אַ פערטל פאַר זיבן: טררר.... דער וועק־זייגער, וואָס איז גרייט זיך צו לאָזן הערן יעדע שעה אין טאָג (צי מ׳בעט אים אָדער נישט). טראַך, באַנג... פרוי וואַן דאַן שטילט אים איין. קררר...

הער וואָן דאַן איז אויפגעשטאַנען, צו צוגרייטן דעם טשאַיניק — — און שנעל אין וואַש־צימער.

אַ פערטל נאָך זיבן: די טיר סקריפּעט ווידער. דיסעל קאָן שוין גיין אין וואַש־צימער. אַזוי ווי איך בין שוין אַליין אין צימער, קאָן איך שוין אַראָפּנעמען די פאַרדונקלונגס־קורטינעס... און אַ נייער טאָג הויבט זיך אָן אין באַהעלטעניש.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 5 אויגוסט 1943

טייערע קיטי,

היינט וועל איך דיר דערציילן וועגן די מיטאָג־שעהן.

האַלב איינס: דער גאַנצער עולם אונזערער אָטעמט פריי אָפּ. די מאַגאַזין אַרבעטער זענען אַהיימגעגאַנגען. אויבן הערט מען דאָס קלאַפּן פון אַ שטויב־זויגער אויף דעם איינציקן שיינעם טעפּיך פון פרוי וואַן דאַן. מאַרגאָט נעמט אַ פּאָר ביכער אונטערן אָרעם און גייט געבן לעקציעס אין דער האָלענדישער שפּראַך פאַר „צוי־ריקגעשטאַנענע קינדער" — ס'הייסט דעם הער דיסעל. פּים נעמט זיין אייביקן דיקענס און גייט זיך אַוועקזעצן ערגעץ אין אַ ווינקל, אַבי ער זאָל האָבן אַביסל רו. די מוטער גייט אַרויף אויפן אויי־בערשטן שטאָק צו העלפן אַביסל דער טיכטיקער בעל־הביתטע, און איך גיי אין באַד־צימער מיך אַביסל זויבער צו מאַכן און אויך דאָס באַד־צימער.

אַ פערטל פאַר איינס: אונזער באַהעלטעניש ווערט פולער צוערשט קומט הער וואַן ־סאַנטען, נאָכהער קאַפּהויז אָדער קראַלער, עלי און אַמאָל אויך מיפּ.

איינס אַ זייגער: אַלע זיצן געשפּאַנט און הערן זיך צו צו דער בריטער ראַדיאָ־אוידיציע. אַלע אַרום דעם קליינעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דאָס זענען די איינציקע מינוטן אין טאָג, וואָס די איינ־וווינער פון באַהעלטעניש גייען נישט אַריין אין די רייד איינער דעם אַנדערן, ווייל דאָ רעדט עמיצער וואָס אפילו הער וואַן דאַן קאָן אים נישט שטערן.

אַ פערטל נאָך איינס: די גרויסע פאַרטיילונג. אַלע געסט פון

אונטן באַקומען אַ טעפּל זופּ, און אויב עס איז דאָ מיט עפּעס צו פאַרבייסן, באַקומען זיי אויך פון דעם. אויך הער וואַן־סאַנטען איז צופרידן מיט זיין צוטייל. ער זיצט אויף דער סאָפע אָדער שפּאַרט זיך אָן אויפן שרייב־טיש. נעבן אים די צייטונג, דאָס זופּ־טעפּל און ס׳רוב אויך די קאַץ. אויב עס פעלט איינס פון די דריי, פּראָטעסטירט ער הויך. קאַפהויז דערציילט די לעצטע נייעס פון דער שטאָדט. ער איז אַן אויסגעצייכנטער קוואַל פון נייעס. קראַלער לויפט אַרויף אויף די טרעפּ, גיט אַ קורצן און שטאַרקן קלאַפּ אין דער טיר און גייט אריין רייבנדיק זיך די הענט. ער איז פריילעך, גוטהאַרציק און ריידעוודיק, אָדער שטיל און טרויעריק, אַלץ לויט זיין שטימונג.

אַ פערטל פאַר צוויי: די געסט הויבן זיך אויף פון טיש און יעדער גייט צו זיין באַשעפטיקונג. מארגאַט און די מוטער וואַשן דאָס געשיר, די פרוי און הער וואַן דאַן לייגן זיך אויף זייער סאָפע, פעטער גייט ארויף אויפן בוידעם, דער פאָטער לייגט זיך אויף דער סאָפע אונטן. דיסעל לייגט זיך אויף זיין בעט און אַנאַ גייט צו איר ארבעט. איצט קומט אַ שטילע שעה: אַזוי ווי אַלע שלאָפן, שטערט קיינער נישט איינער דעם אַנדערן. דיסעל טרוימט וועגן גוטן עסן, מ׳דערקאָנט עס אויף זיין פּנים. איך אָבסערוויר אים נישט קיין סך צייט, ווייל די צייט גייט גיך אַריבער, אין פיר אַ זייגער שטייט שוין דער פעדאַנטער דאָקטאָר מיטן זייגער אין דער האַנט, ווייל איך רוים אָפּ דעם טיש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון איין מינוט.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 9 אויגוסט 1943

טייערע קיטי,

אָט איז די פאָרזעצונג פון דער טאָג־אָרדנונג אין באַהעלטעניש. נאָך דער רו־שעה, קומט דאָס מיטאָג־עסן:

הער וואַן דאַן איז דער ערשטער אין דער ריי. ער באַקומט דער ערשטער זיין פּאָרציע עסן; ער נעמט אַ נישקשהדיקע פּאָרציע פון יעדן מאכל וואָס שמעקט אים. באַטייליקט זיך אין יעדן שמועס,

זאָגט תמיד זיין מיינונג וועגן דער דעבאַטירטער פראַגע, און ווײַבאַלד ער האָט זיין מיינונג אַרויסגעזאָגט, קאָן מען אים שוין נישט רירן פון זיין פּלאַץ. אויב עמיצער וואָגט צו האָבן אַן אַנדער מיינונג, קאָכט ער זיך גלייך אויף. ער קאָן סאָפּען ווי אַ קאַץ... עס איז בעסער מיט דעם נישט געפּרוווט צו ווערן. דער וואָס האָט זיך איינמאָל אָפּגעבריט, פּרובירט שוין נישט נאָך אַמאָל.

זיין מיינונג אַנטשיידעט, און ער ווייסט מער פון יעדן איינעם. ער איז אמת, אינטעליגענט, אָבער מיט זיין איבערגעטריבענער זעלבסטזיכערקייט, דערגייט ער צו אַ זייער הויכער מדרגה.

די מאַדאַם: אפשר איז בעסער פאַר מיר צו שווייגן. אין געוויסע טעג, באַזונדערס ווען איר שטימונג איז נישט איבעריק גוט, קאָן מען איר נישט קוקן אין פּנים אַריין. אייגנטלעך איז זי די הויפּט-שולדיקע אין אַלע ויכוחים. אויב זי אַליין דינט נישט אַלס טעמע דאַבײַ! מען קאָן זאָגן, אַז זי איז די אויפהעצערן, דאָס איז אַ אַרבעט צוגעפּאַסט פאַר איר. אָבער צו העצן קעגן פרוי פראַנק און קעגן אַנאַ'ן, קעגן פאָטער און מאַרגאָט איז עס נישט אַזוי לייכט. אַ, ניין, אַלע האַלטן פאַר בעסער צו פאַרשווייגן.

אָבער לאָמיר ריידן וועגן איר אויפפירונג ביים טיש. די מאַדאַם ווערט נישט באַעוולט, הגם עס דאַכט זיך איר צייטנווייז, אַז מ'טוט איר אַ אומרעכט. די קלענסטע קאַרטאָפל; דער גע־שמאַקסטער ביסן, דאָס בעסטע פון יעדער זאַך; איבערצוקלייבן, דאָס איז דאָס סיסטעם פון דער מאַדאַם. אַנדערע קאָנען וואַרטן אויף זייער ריי; דער עיקר זי זאָל באַקומען דאָס בעסטע שטיקל.

און דער שמועס! צי עמיצער לייגט צו אַן אויער, צי עמיצער אינטערעסירט זיך מיט אירע רייד — דאָס איז פאַר איר, זעט אויס, נישט וויכטיק. אוודאי טראַכט זי זיך אין האַרצן: „וואָס פרוי וואַן דאַן זאָגט, מוז יעדן פאַראינטערעסירן...“

אַ קאָקעטיש שמייכעלע. אַן אַנשטעל, אַז זי פאַרשטייט זיך אויס אין אַלעמען, געבן עצות יעדן איינעם — דאָס מוז דאָך אוודאי מאַכן אַ גוטן איינדרוק. אָבער אַז מ'קוקט זיך גוט צו צו איר, זעט מען וואָס עס איז באַהאַלטן אונטער דער דאָזיקער

ליבנסווירדיקייט. פליסיק, לוסטיק, קאָקעטיש, און צייטנווייז אַ געגנוג שיין פּנים — אַט האָט איר — פּעטראַנעלאַ וואָן דאַן.

דער דריטער ביים טיש: על פּי רוב הערט מען אים כמעט נישט ריידן אַ וואָרט. דער יונגער הער וואָן דאַן איז מערסטענ־טיילס שטיל און נישט אַנזעעוודיק. וואָס שייך אַפּעטיט: איז ער אַ מין לעכערדיק פאַס, וואָס פּולט זיך קיינמאָל נישט אָן, אפילו נאָך אַ זייער זעטיקער סעודה, טענהט ער מיט אַ רואיקן געזיכט, אַז ער וואָלט נאָך געקאָנט עסן צוויי מאָל אַזוי פיל.

נומער פיר — מאַרגאָט: עסט ווי אַ קליין מייזעלע, רעדט נישט בכלל. שלינגט נאָר גרינס און פרוכטן. „אַ צופּיעשטשעטע״, פּסקנט אָפּ הער וואָן דאַן. „צו ווייניק לופט און באַוועגונג״ — איז אונזער מיינונג.

נעבן איר די מוטער: אַ געזונטער אַפּעטיט; רעדט אַ סך. אָבער נישט ווי פרוי וואָן דאַן, מאַכט נישט קיין איינדרוק ווי זי וואָלט געווען די בעל־הביתטע. דער אונטערשיד? די מאַדאַם קאָכט און די מוטער וואַשט און רייניקט.

נומער זעקס און זיבן: וועגן מיר און וועגן פּאַטער וועל איך נישט ריידן קיין סך. דער פּאַטער איז דער אַממערסטן באַ־שיידענער פון אַלע ביים טיש. ער עסט נישט, ביז ער האָט זיך נישט איבערצייגט, אַז די אַנדערע האָבן שוין באַקומען זייער חלק. ער דאַרף קיין זאַך נישט. די בעסטע שטיקלעך זענען פאַר די קינדער. אַט איז אַ מוסטער אָן גלייכן, און נעבן אים דער נערוון־קנויל; די מענטשן אין אונזער באַהעלטניש.

ד״ר דיסעל: ער נעמט, קוקט נישט, עסט, רעדט נישט. און אויב מ׳מוז ריידן, איז, למען השם, נאָר וועגן עסן; דאָס איז אַ טעמע איבער וועלכער מ׳קריגט זיך נישט, העכסטנס באַרימט מען זיך אַביסל. ער שלינגט איין היפּשע פּאַרציעס, און ער זאָגט נישט קיינמאָל „ניין״, אויב מ׳גיט אים נאָך עפּעס; צי דאָס עסן איז געשמאַק, אָדער שלעכט. די הויזן אַרויפגעצויגן ביז צו דער ברוסט, אַ רויטער זשאַקעט, שוואַרצע שטעק־שיך, ברילן אין אַ האָרן־ראַם. אַזוי קאָן מען אים זען שטענדיק ביים קליינעם טיש, אַרבעט און רייסט איבער די אַרבעט נאָר צו כאַפּן אַ נאָכמיטאָג־דרימל, ער עסט און פאַרברענגט אָפּט אין דעם אים אַממייסטן

באַליבטן אָרט... דאָס טואַלעט־צימער. דריי, פיר און פינף מאָל טעגלעך שטייט עמיצער אומגעדולדיק פאַר דער טיר פון טואַלעט און קנייפּט זיך, שפּרינגט איבער פון איין פוס אויפן אַנדערן און האַלט זיך קוים איין. צי דאָס באַאומרואיקט אים? בשום אופן נישט. פון אַ פערטל נאָך זיבן ביז האַלב אַכט, פון צוויי ביז אַ פערטל נאָך צוויי, פון פיר ביז פיר מיט אַ פערטל, פון האַלב צוועלף ביז צוועלף. דאָס זענען זיינע סטאַבילע „זיץ"־שעהן. ער ענדערט זיי נישט און ער רעכנט זיך נישט מיט די תחנונים פון דעם וואָס שטייט פאַר דער טיר, וואָס וואָרנט אים, אַז אַט־אַט וועט געשען אַן אומגליק.

נומער ניין: זי געהערט נישט צו דער פאַמיליע באַהאַל־טענע, אָבער זי איז אַ היימישע, אַן אייגענע טיש־פריינדין. עלי איז באַשאָנקען מיט אַ געזונטן אַפּעטיט, קלייבט נישט איבער קיין שום זאַך. פון אַלעמען האָט זי הנאה און איז צופרידן, אויך אונז איז עס גורם צופרידנקייט, לוסטיק און פריילעך, גוטהאַרציק און שטענדיק גרייט צו העלפן — דאָס זענען אירע אייגנשאַפטן.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 10 אויגוסט 1943

טייערע קיטי,

אַ נייער געדאַנק: זיצנדיק ביים טיש רייד איך מער מיט זיך אַליין ווי מיט אַנדערע. דאָס ברענגט אַ טאָפּלטן נוצן. ראשית, אַלע זענען צופרידן, וואָס איך פּלוידער נישט אָן אויפהער, און צווייטנס, איך ברויך מיך נישט אויפרעגן צוליב זייערע מיינונגען וועגן מיר. איך האַלט נישט, אַז מיינע אָנשויאונגען זענען נאַרישע; ווי עס קלערן אַנדערע: איז דעריבער בעסער, אַז איך זאָל מיינע אנשויאונגען באַהאַלטן פאַר מיר אַליין. פונקט אַזוי בין איך מיך נוהג, ווען איך מוז עסן עפּעס אַזעלכעס וואָס כ'האָב נישט גערן. כ'נעם דעם טעלער, שטעל מיר פאָר ווי עס וואָלט געווען אַ דעליקאַטעס, קוק וואָס ווייניקער אויף דעם — און ענדיק איינס צוויי דאָס עסן. אינדערפרי, ווען איך דאַרף אויפשטיין, דאָס איז אויך נישט קיין אנגענעמע אַרבעט, — גיב איך אַ

שפרונג־אַראָפּ פון בעט, זאָג מיר אין האַרצן „אַט לייג איך מיך צוריק אַוועק", לויף צו צום פענצטער, נעם אַראָפּ די פאַרדונק־לונגס־פאַרהאַנג, שמעק אַרום ביי די פענצטער־שפּאַרעס, ביז איך אָטעם אַריין אין מיר אַביסל פרישע לופט, און וועק זיך אויף לחלוטין. איך נעם גלייך אַראָפּ דאָס איבערבעט פון געלעגער, כדי עס זאָל מיך נישט ציען זיך אַנידערצולייגן. ווייסטו ווי די מוטער רופט עס? „די קונסט צו לעבן", אַ קאָמיש וואָרט, נישט אמת?

שוין אַ וואָך צייט ווי מיר זענען אַביסל צעמישט אין היגזיכט פון צייט, ווייל מ'האָט צוגענומען דעם גלאָק פון אונזער טייערן וועסטערטאָרן אויף מלחמה־צוועקן, און מיר ווייסן נישט וויפיל עס איז דער זייגער, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. איך האָף נאָך, אַז מ'וועט עפּעס דערפינדן אַזעלכעס, וואָס זאָל דערמאָנען די איינוווינער פון דער געגנט דעם גלאָק, אַ ציגערנעם אָדער קופּערנעם גלאָק, אָדער עפּעס ענלעכעס.

אומעטום, אונטן און אויבן, וואַרפן אַלע פאַרערונגס־בליקן אויף מיינע פיס, וואָס טראָגן זעלטן־פּרעכטיקע שיך (אין די איצטיקע צייטן). מיפּ האָט זיי פאַר מיר געקויפט, געניצטע, פאַר 27.50 פל.: רויטער זאַמש מיט לעדער און אַ הויכן קנאָפּל. איך גיי ווי אויף שטאָלצן, און זע אויס אַ סך העכער ווי איך בין באמת.

דיסעל האָט שיער נישט געבראַכט אויף אונז אַ טויט־סכנה. ער האָט געבעטן מיפּ זאָל אים ברענגען אַ פאַרבאָטן בוך פול מיט זידלערייען אויפן חשבון פון מוסאָליני און היטלער. אויפן וועג האָט זי זיך צוזאַמענגעשטויסן, צופעליק, מיט אַן אויטאָ פון ס. ס. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן, האָט געטון אַ געשריי: „אויסוווּרפן" און איז ווייטער געפאָרן איר וועג. בעסער איך זאָל נישט טראַכטן וועגן דעם, וואָס וואָלט פּאַסירט ווען מ'צווינגט זי מיטצוגיין מיט זיי אין זייער אָמט אַריין.

דיין, אַ נ אַ

מיטוואָך, 18 אויגוסט 1943

טייערע קיטי,

דאָס קעפּל איבער דעם היינטיקן קאַפּיטל איז: „די געזעל־שאַפטלעכע אויפגאַבע פון טאָג: „שיילן קאַרטאָפל".

איינער ברענגט די צייטונגען, אַ צווייטער די מעסערס (באַהאַלט פאַר זיך, פאַרשטייט זיך, דאָס בעסטע מעסער), אַ דריטער די קאַרטאָפל, אַ פירטער דעם טאָפּ מיט וואַסער.

הער דיסעל הויבט אָן, ער קראַצט נישט אָפּ ווי געהעריק, אָבער ער האַלט אין איין קראַצן: כאַפּט אַלע מאָל אַ קוק רעכטס אָדער לינקס, צו זען צי אַלע קראַצן פּונקט ווי ער. ניין: „אַנאַ, קוק אַ ווייל, איך נעם דאָס מעסער אין האַנט אַזוי, איך קראַץ פון אויבן אַראָפּ! ניין, נישט אַזוי... נאָר אַזוי!"

„אַזוי איז מיר באַקוועמער, הער דיסעל", באַמערק איך באַשיידן.

„אָבער דאָס איז דאָס בעסטע סיסטעם. קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן מיר אָרט עס נישט, פאַרשטייט זיך דאַרפסט אַליין וויסן ווי".

מיר זעצן פאָר דאָס שיילן. איך כאַפּ אַ בליק אויף מיין שכן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ (אוודאי צוליב מיר), אָבער ער שווייגט.

איך קראַץ ווייטער. איך גיב אַ קוק אויף דער צווייטער זייט. דאָרט זיצט דער פאָטער. פאַרן פאָטער איז דאָס קראַצן קאַרטאָפל נישט סתם אַ קיך־מלאכה, נאָר אַ פּרעציזע אַרבייט. ווען ער לייענט, באַוויזט זיך אַ טיפער קנייטש ביי אים אויפן שטערן, אָבער ווען ער רייניקט קאַרטאָפל, אַרבעס אָדער אַנדערע גרינס, דאַכט זיך אַז קיין זאַך דרינגט נישט אַריין אין זיין באַוווסטויין. ער באַקומט אַ מין „קאַרטאָפל־פּנים" און ער וועט קיינמאָל נישט אַראָפּלאָזן אין טאָפּ אַריין אַ קאַרטאָפל, וואָס איז נישט געהעריק אָפּגעקראַצט געוואָרן; פאַר קיין פאַל נישט — וועגן דעם זאָגט עדות זיין געזיכט־אויסדרוק!

איך אַרבעט ווייטער, הויב ווידעראַמאָל אויף די אויגן אויף אַ ווייל. איצט ווייס איך שוין געגנוג. פרוי וואַן דאַן באַמיט זיך צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון הער דיסעל. פריער אָבסער־ווירט זי אים, און דיסעל מאַכט אָן אַנשטעל ווי ער זעט גאָרנישט.

נאָכהער גיט זי אַ ווונק מיט אן אויג; דיסעל ארבעט ווייטער. נאָכדעם צעלאַכט זי זיך; דיסעל קוקט נישט אויף איר. און דאַן צעלאַכט זיך די מוטער אויך; דיסעל מאַכט זיך נישט וויסנדיק; די מאַדאַם האָט געליטן אַ דורכפאַל; זי מוז עפּעס נייעס אויס־קלערן. אַ מאָמענט הערשט אַ שטילקייט. און נאָכהער זאָגט זי:

„פּוטי, טו אָן אַ פאַרטוך! מאָרגן וועל איך ווידער מוזן אַרויס־נעמען די פלעקן פון דיין אַנצוג!"

„איך שמיר מיך נישט אויס!"

ווידער אַ שטילקייט.

„פּוטי, פאַרוואָס זיצסטו נישט?"

„איך בין נישט מיד, ס'איז מיר בעסער צו שטיין". ווידער שטיל.

„פּוטי, קוק, דו שפּריצסט שוין ווידער!"

„יאָ, מוטער, איך וועל אַכט געבן". די מאַדאַם זוכט אַן אַנדער טעמע.

„זאָג, פּוטי, פאַרוואָס באַמבאַרדירן נישט די ענגלענדער?"

„ווייל ס'איז היינט אַ שלעכט וועטער, קארלי".

„אָבער נעכטן איז דאָך געווען אַ שיין וועטער, און דאָך זענען זיי נישט געפלויגן".

„לאָמיר נישט ריידן וועגן דעם".

„פאַרוואָס? טאָר מען דען נישט ריידן וועגן דעם אָדער אַרויס־זאָגן אַ מיינונג?"

„ניין".

„פאַרוואָס נישט?"

„כ'בעט דיך, שווייג אַ ביסל, מוטער".

„הער פראַנק ענטפערט תמיד זיין פרוי, ווען זי פרעגט אים עפּעס".

הער וואַן דאַן קעמפט מיט זיך; דאָס איז דער שוואַכער פּונקט ביי אים; און די מאַדאַם האַלט ווייטער אין טענהן:

„די אינוואַזיע וועט קיינמאָל נישט קומען!" הער וואַן דאַן ווערט בלייך, און ווען די מאַדאַם זעט עס ווערט זי רויט, און דאָך גיט זי צו:

„די ענגלענדער טוען גאָרנישט!" און דאָ פּלאַצט די באָמבע.

„און איצט פֿאַרמאַך שוין דאָס מויל, דאַנערוועטער, נאָך־איינמאָל!"

די מוטער האָלט קוים איין איר געלעכטער, און איך קוק פֿאַר זיך מיט אַן ערנסט געזיכט.

דאָס חזרט זיך איבער יעדן טאָג, סיידן זיי האָבן זיך ערשט נישט לאַנג געקריגט, דעמאָלט שווייגן ביידע, דער הער און די מאַדאַם.

איך מוז אַרויפֿגיין אויפֿן בוידעם, כדי צו ברענגען נאָך קאַרטאָפֿל. דאָרט זיצט פּעטער: ער נעמט אַרויס די פֿליי פֿון דער קאַץ. ער הויבט אויף די אויגן, די קאַץ נוצט אויס די געלעגנהייט, האָפּ... פֿאַרשווונדן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, אַנטלאָפֿן אין דער רינע אַריין. פּעטער זידלט זי אויס, איך צולאַך מיך און פֿאַרשווינד.

דיין, אַנאַ

פֿרייטיק, 20 אויגוסט 1943

טייערע קיטי,

פֿינקטלעך האַלב זעקס גייען די מאַגאַזין־אַרבעטער אַהיים, און דעמאָלט הויבט זיך אָן אונזער פֿרייע צייט.

האַלב זעקס: עלי קומט אונדז מודיע זיין, אַז מיר זענען פֿריי. באַלד ווערט אַלץ אויפֿגעלעבט. איך גיי נאָך אַרויף מיט עלין און זי באַקומט ס'רוב צו פֿאַרזוכן פֿון צובייסעכץ וואָס מען האָט צוגעגרייט צום אָוונטברויט.

עלי האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אַנידערצוזעצן, און די מאַדאַם הויבט שוין אָן אויסרעכענען אַלע אירע פֿאַרלאַנגען: „אַך, עלי, כ'האָב צו דיר אַ ביטע..."

עלי גיט צו מיר אַ ווונק מיטן אויג. די מאַדאַם לאָזט נישט אַדורך קיין געלעגנהייט פֿאַרצולייגן אירע פֿאַרלאַנגען יעדן איינעם וואָס קומט אַרויף צו איר. דאָס איז זיכער איינע פֿון די סיבות, וואָס קיינער האָט נישט ליב צו איר אַרויפֿצוגיין.

אַ פֿערטל פֿאַר זעקס: עלי גייט אַוועק. איך גיי אַראָפּ צוויי שטאָק, כדי צו זען וואָס עס טוט זיך, צוערשט אין קיך, נאָכהער

אין פריוואַטן ביוראָ, שפּעטער אין קוילן־סקלאַד — כדי צו עפענען דאָס קליינע טירל פאַר מושי. נאָך אַ לענגערער אינס־פּעקציע קום איך אין ביוראָ פון הער קראַלער. הער וואַן דאַן גישטערט אין אַלע שופלאַדן און טעקעס; ער זוכט די בריוו וואָס זענען אָנגעקומען במשך פון טאָג. פּעטער ברענגט דעם שליסל פון מאַגאַזין און די קאַץ, מאַפּי; פים טאַסקעט אַרויף די שרייב־מאַשין; מאַרגאָט זוכט אַ רואיק ווינקל, זי זאָל דאָרט קאָנען טון איר ביוראָ־אַרבעט; די מאַדאַם שטעלט אַרויף אַ טשייניק וואַסער אויפן גאַז־אויוועלע; די מוטער גייט אַרונטער פון די טרעפּ און ברענגט אַ פולן טאָפּ קאַרטאָפל. יעדער איינער ווייסט זיין אויפגאַבע און אַרבעט.

אין אַ קורצער ווייל אַרום קומט פּעטער צוריק פון מאַגאַזין. די ערשטע פראַגע איז — ברויט. געוויינלעך איז איינגעפּירט, אַז די פרויען לייגן אַריין דאָס ברויט אין קיך־שענקל. דאָס מאָל איז עס דאָרט נישטאָ. פאַרגעסן? פּעטער גייט זוכן אין פאָדערשטן ביוראָ. ער בויגט זיך איין פאַר דער טיר פון ביוראָ און קריכט אויף אַלע פיר, מ׳זאָל אים נישט זען אין דרויסן, גייט צו צום שטאָלענעם שאַנק, נעמט פון דאָרט דאָס רעזערווירטע ברויט און פאַרשווינדט. געניער; ער וויל פאַרשווינדן, אָבער אינצווישן איז אים מושי אַריבערגעשפּרונגען איבערן קאָפּ און זיך באַהאַלטן אונטערן שרייבטיש.

פּעטער זוכט אומעטום. האַ, אָט איז די קאַץ. ווידער קריכט ער אין ביוראָ אַריין און ציט די קאַץ פאַרן עק. מושי סאַפּעט, פּעטער קרעכצט. וואָס האָט ער געפועלט? מושי זיצט איצט ביים פענצטער און גלעט איר פעל, און מען דערקענט אין איר, אַז זי איז צופרידן וואָס עס איז איר געלונגען אַנטרונען צו ווערן פון פּעטערס הענט. כדי איר צו כאַפּן דערלאַנגט פּעטער מושי׳ן אַ שטיקל ברויט, מושי לאָזט זיך אַריינגאַרן און פּעטער פאַרשליסט די טיר.

איך שטיי די גאַנצע צייט, קוק דורך אַ שפּאַרע אין דער טיר. מיר אַרבעטן ווייטער. טיק, טיק, טיק... דריי קלעפּ, עס איז די צייט פון אוונטברויט.

דיין, אַנאַ

טייערע קיטי,

די פאַרזעצונג פון דער טאָג־אָרדנונג אין באַהעלטעניש: איינ־דערפרי, האַלב ניין אַזייגער!

מארגאָט און די מוטער זענען נערוועז: „ששש.. פּאַטער, שטיל אָן אויטאָ, שש... פּים! עס איז האַלב ניין: קום אַהער, מטאָר נישט אַראָפּלאָזן דאָס וואַסער; גיי שטיל!" די אַלע ווארנונגען זענען פאַרן פאַטער, וואָס געפינט זיך אין וואַש־צימער. פּינקטלעך האַלב ניין דאַרף ער זיין אין זיין צימער. נישט אַ טראָפּן וואַסער: און אין דער טואַלעט טאָר מען נישט אַריינגיין. און בכלל טאָר מען נישט אַרומגיין. כל זמן די ביוראָ אַרבייטער זענען נאָך נישטאָ, קאָן מען אין מאַגאַזין נאָך לייכטער דערהערן אונזערע טריט.

אויבן עפענט מען די טיר צוואַנציק מינוט נאָך אַכט, איז אין אַ ווייל אַרום דערהערט מען דריי קלעפּ אויפן דיל: אַ קאַשע פאַר אַנאַ׳ן. איך גיי אַרויף אויף די טרעפּ און נעם מיט מיר דאָס שי־סעלע פון הינטל.

אַז איך קום אין מיין צימער, מוז איך מיך צואיילן — גיכער, גיכער: זיך פאַרקעמען, אַוועקטראָגן דאָס בלעכל וואָס דינט פאַר אַ נאַכט־טאָפּ, צוריקשטעלן דאָס בעט אויפן פּלאַץ. שטיל, דער זייגער קלינגט! אויבן טוישט די מאַדאַם אירע שיך אויף שטעק־שיך: אויך דער הער טוט אָן שטעק־שיך: אַלץ איז שאַ־שטיל.

איצט דערגרייכט די פאַמיליען־אידיליע איר העכסטן פּונקט. איך וויל לייענען אדער לערנען, אַזוי אויך מארגאָט, דער פאַטער און די מוטער. דער פאַטער זיצט (און אין האַנט האַלט ער דעם אייביקן דיקענס און אַ ווערטער־בוך) אויפן ברעג פון בעט וואָס סקריפּעט און איז איינגאַנצן צעשרויפט פון עלטער, אפילו קיין לייטישע מאטראַצן האָט עס נישט: צוויי איבערבעטן איינע אויף דער אַנדערער דערפילן די דאַזיקע ראָל. „איך דאַרף זיי נישט, מ׳קאָן זיך באַגיין!"

ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן לייענען, הויבט ער שוין נישט אויף די אויגן פון בוך, נאָר יעדעס מאָל לאַכט ער און מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו דערציילן דער מוטער עפּעס פון בוך.

איר ענטפער איז: „כ'האָב איצט קיין צייט נישט". אַ רגע זעט ער אויס אַנטוישט, דאַן לייענט ער ווייטער, אין אַ מינוט אַרום, ווען עס איז ווידער דאָ עפּעס שיינס, פּרוווט ער ווידעראַמאָל: „דאָס דאַרפסטו לייענען, מוטער!"

די מוטער זיצט אויפן צוזאַמענגעלייגטן בעטל, לייענט, נייט, שטריקט אָדער לערנט — ווי אַמאָל. פּלוצים דערמאָנט זי זיך אין עפּעס. מ'דאַרף עס זאָגן עמיצן, איידער מ'וועט עס פאַרגעסן: „אַנאַ, דו ווייסט... מארגאט, פאַרצייכן מיר...!"

אין אַ ווייל אַרום הערשט ווידער אַ שטילקייט. מארגאט פאַרמאַכט איר ביכל מיט אַ קלאַפּ. דער פאָטער פאַרציט די ברעמען אין אַ קאָמישן בויגן, נעמט אַרויף דעם לייען־קנייטש אויפן שטערן און פאַרטיפט זיך ווידער אינם בוך; די מוטער הויבט אָן צו פּלוידערן מיט מארגאט, איך בין נייגיריק און לייג צו אַן אויער. מ'ציט אַריין אויך דעם פאָטער אין שמועס... עס איז ניין אַזייגער. פרישטיק!

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 10 סעפטעמבער 1943

טייערע קיטי,

יעדעסמאָל ווען איך שרייב דיר, איז אַ סימן אַז עס האָט עפּעס פאַסירט, ס'רוב אַן אומאַנגענעמע זאַך. דאָסמאָל איז דאָ אַ גוטע בשורה. מיטוואָך, דעם אַכטן סעפטעמבער אין אָוונט, זענען מיר געזעסן ביים ראַדיאָ אַזייגער זיבן, און דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן געהערט איז געווען:

איטאַליע האָט זיך אונטערגעגעבן אָן שום תנאי! אַ פערטל נאָך אַכט האָט די האָלענדישע אויסגאַבע פון לאָנדאָן אָנגעהויבן: „צוהערער, מיט אַ שעה צוריק, פּונקט ווען איך האָב געענדיקט שרייבן די טאָג־נייעס, איז אָנגעקומען די דערפרייענדיקע ידיעה וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון איטאַליע. איך קאָן אייך זאָגן, אַז קיינמאָל האָב איך נאָך נישט אַריינגעוואָרפן מיט אַזאַ הנאה מיינע פּאַפּירן אין קויש אַריין ווי היינט!" מ'האָט געשפּילט: God Save the King דעם ענגלישן הימן און דעם אינטערנאַציאָנאַל.

ווי תמיד איז אויך דאָסמאָל די האָלענדישע אוידיציע געווען דערמונטערנדיק, אָבער נישט צופיל אָפּטימיסטיש.

מיר האָבן אויך צרות צוליב הער קאפּהויז. דו ווייסט, אַז מיר אַלע האָבן אים זייער ליב, און הגם ער איז תמיד קראַנק,ליידט גרויסע ווייטיקן און טאָר נישט עסן קיין סך און נישט גיין צופיל, איז ער תמיד פריילעך און מוטיק. „אַז הער קאפּהויז קומט אַריין, שיינט די זון אויף“, האָט די מוטער דאָ נישט לאַנג צוריק געזאָגט, און זי האָט רעכט.

איצט דאַרף ער גיין אין שפּיטאָל אַריין. ער דאַרף דורכמאַכן אַ זייער נישט אָנגענעמע קישקעס־אָפּעראַציע; ער וועט דאָרט ליגן לפּחות פיר וואָכן. וואָלסט געמעגט זען, ווי ער האָט זיך מיט אונז געזעגנט, גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען סתם עפּעס קויפן.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 16 סעפּטעמבער 1943

טייערע קיטי,

די קעגנזייטיקע באַציאונגען ווערן אַלע מאָל ערגער. ביים עסן וואַגט קיינער נישט אַ מויל צו עפענען (סיידן צום עסן), ווייל וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, רופט עס אַרויס אַ רוגז אָדער ווערט אויס־געטייטשט נישט ווי עס דאַרף צו זיין. יעדן טאָג נעם איך וואַלע־ריאַן־פּילן קעגן שרעק און דעפּרסיע, אָבער עס העלפט נישט; אויפצומאָרגנס איז מיין שטימונג נאָך ערגער. אַ הילכיק געלעכ־טער פון גאַנצן האַרצן וואָלט בעסער געהאָלפן ווי צען וואַלע־ריאַן־פּילן, אָבער מיר האָבן שוין כמעט ווי פאַרגעסן ווי מ׳לאַכט. צייטנווייז הויב איך אָן מורא צו האָבן, אַז פון צופיל ערנסטקייט וועל איך באַקומען אַן אויסגעצויגן פּנים, און ביים מויל איינגע־פאַלענע ווינקלען. ביי די אַנדערע איז די לאַגע נישט בעסער; אַלע האָבן מורא פאַר דעם מוראדיקן פעלז וואָס שטייט פאַר אונז: דער ווינטער.

נאָך אַ פאַקט וואָס איז נישט דערמונטערנדיק: דער מאַגאַזין־אַרבייטער וו. מ. האָט עפּעס אַ חשד וועגן באַהעלטעניש. ס׳וואָלט אונז נישט געאַרט וואָס עס קלערט וו. מ. וועגן דער לאַגע, ווען

ער וואָלט נישט געווען אַזוי נייגיריק, ווען נישט דער פאַקט וואָס ער באַגנוגענט זיך נישט מיט סתם־תירוצים, און מען קאָן צו אים נישט האָבן קיין צוטרוי.

איינמאָל האָט קראַלער געוואָלט זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק. צען מינוט פאַר איינס האָט ער אָנגעטון דעם מאַנטל און איז אַריינגעגאַנגען אין דער נאָענטער אַפּטייק. אין אַ פינף מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען, אַרויפגעגאַנגען ווי אַ גנב אויף די שטראָמע טרעפּ וואָס פירן גלייך צו אונז, און איז אַריין צו אונז אין באַהעלטעניש. אַ פערטל נאָך איינס האָט ער ווידער געוואָלט גיין, אָבער ער האָט באַגעגנט עליז, וועלכע האָט אים געוואָרנט, אַז וו. מ. זיצט אין ביוראָ. קראַלער האָט זיך אומגעקערט און געזעסן ביי אונז ביז האַלב צוויי. נאָכער האָט ער גענומען זיינע שיך אין האַנט, און בלויז אין די זאָקן איז ער דורכגעגאַנגען דאָס פאָדערשטע בוידער־שטיבל און איז פאָרזיכטיק אַראָפּ מיט די טרעפּ וואָס פירן אין גאַס אַרויס. געבליבן אַ פערטל שעה אויף די טרעפּ, כדי אויסצומיידן דאָס סקריפּן, און איז ענדלעך אָנגעקומען אין ביוראָ אַריין פון דער זייט פון גאַס.

דערווייל איז עלי פטור געוואָרן פון וו. מ. און איז געקומען זוכן קראַלערן ביי אונז, אָבער ער איז שוין נישט געווען. אין דערזעלבער צייט איז ער געזעסן אין די זאָקן אויף די טרעפּ. ווער ווייסט וואָס עס האָבן געטראַכט די מענטשן אין גאַס, ווען זיי האָבן געזען דעם דירעקטאָר פון דער פירמע אָנטון זיינע שיך אויף דער גאַס? הא, דער דירעקטאָר אין זאָקן!

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 29 סעפּטעמבער 1943

טייערע קיטי,

דער געבורטסטאָג פון פרוי וואַן דאַן. אַחוץ אַ קופּאָן אויף קעז, פלייש און ברויט, האָט מען איר אויך געגעבן אַ מתנה אַ סלוי מיט מאַרמעלאַד. פון איר מאַן, פון דיסעלן און פון אונזערע באַשיצער האָט זי באַקומען בלומען אָדער עסנוואַרג. אַזעלכע צייטן זענען היינט!

עלי האָט די וואָך געהאַט אַ נערוון־שאָק. אַזויפיל מאָל האָט מען זי געשיקט אין גאַס, און תמיד זי געבעטן זי זאָל זיך צואײַלן און נאָך עפּעס ברענגען, דאָס לויפן נאָכאַמאָל, אָדער דאָס מאַכן אַ טעות ביים אײַנקויפן האָט איר נערוועז געמאַכט. מ׳דאַרף גע־דענקען, אַז זי דאַרף נאָך ענדיקן איר ארבעט אין ביוראָ, אַז קאָפּהויז איז קראַנק און מיפּ איז צוגעקילט און געבליבן אינדער־היים, און עלי אַליין האָט זיך אויסגעלענקט אַ קנעכל אין פוס, און איז שטאַרק געקרענקט פון אַן אַנטוישטער ליבע, און איר פאָטער איז פול מיט טענות צו איר. אוודאי, עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי איז פאַרצווייפלט. מיר האָבן זי געטרייסט און געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט אונז געזאָגט אין אַן ענערגישער פאָרם, אַז זי האָט קיין צייט נישט, וואָלטן די רשימות פון די שליחות׳ן געוואָרן קירצער.

וואָן דאַן איז מיר ווידער גורם דאגות; איך זע די צייכנס פון שטורעם! דער פאָטער איז זייער בייז און איך ווייס נישט פאַרוואָס. אַך, וואָס פאַראַ נייער אויסברוך שוועבט איבער אונזערע קעפּ? ווען איך זאָל נאָר נישט זיין תמיד פאַרמישט אין אָט די אַלע קריגערייען; ווען איך וואָלט געקאָנט אַוועק פון דאַנען! זיי וועלן אונז נאָך משוגע מאַכן!

דיין, אַנאַ

זונטיק, 17 אָקטאָבער 1943

טייערע קיטי,

קאָפּהויז איז צוריקגעקומען, גאָט צו דאַנקען! ער איז נאָך אַביסל בלאַס, אָבער ער גייט אַרויס אין אַ גוטער שטימונג פאַר־קויפן קליידער פאַר הער וואָן דאַן. עס איז אַ באַדויערלעכער פאַקט, אָבער ביי הער וואָן דאַן האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט. די מאַדאַם איז נישט גרייט מוותר צו זיין אויף קיין זאַך פון דעם הויפן זשאַקעטן, קליידלעך און שיך וואָס זי האָט, און דעם הערס אַנצוג איז שווער צו פאַרקויפן, ווייל ער פאַרלאַנגט אַ צו הויכן פּרייז. מ׳קאָן נאָך נישט פאָרויסזען ווי דער ענין וועט זיך ענדיקן. די מאַדאַם וועט אוודאי מוזן רעזיגנירן פון איר פּעלץ־מאַנטל.

אין דעם ענין האָבן זיי געהאַט שוין אויבן אַ שטורמישע קרי־געריי, און איצט איז געקומען אַ תקופה פון איבערבעטן זיך — אַ צייט פון „טייערער פוטי" און „מיין ליבע קארלי".

דער קאָפּ דרייט זיך מיר אַזש פון די פיל זידלערייען אין אָט דעם בכבודיקן הויז אין משך פון לעצטן חודש. דער פאָטער גייט אַרום מיט פאַרפּרעסטע ליפּן; אַז מ'רופט אים, שטעלט ער אָן אַזעלכע איבערגעשראָקענע אויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עס וועט אים ווידער אויסקומען צו פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַ דעליקאַטן ענין. אויף דער מוטערס באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן פון פיל אויפרעגונג. מארגאט באַקלאָגט זיך אויף קאָפּ־ווייטיק, דיסעל קאָן נישט שלאָפן, די מאַדאַם גייט אַרום אָנגעבלאָזן אַ גאַנצן טאָג, און איך אַליין בין שוין אינגאַנצן צע־מישט. דעם אמת געזאָגט: אַמאָל פאַרגעס איך מיט וועמען מיר קריגן זיך און מיט וועמען מיר האָבן זיך שוין איבערגעבעטן.

די איינציקע זאַכן וואָס מאַכן מיר פאַרגעסן אָט די אַלע ענינים איז דאָס לערנען, און איך לערן פלייסיק.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 29 אָקטאָבער 1943

טייערע קיטי,

שוין ווידער געווען הילכיקע קריגערייען צווישן דעם הער און דער מאַדאַם. דער ענין איז געווען אַזאַ: ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט ביי דער משפּחה וואן דאַן. אין איינעם אַ טאָג, האָט הער קאפהויז דערציילט וועגן זיינעם אַ פריינט, אַ קירזשנער. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען דער געדאַנק ביי הער וואן דאן צו פאַרקויפן דעם פעלץ־מאַנטל פון זיין פרוי. דאָס איז אַ מאַנטל פון קראָליקעס־פוטער, און די מאַדאַם האָט עס געטראָגן אין משך פון זיבן יאָר. ער האָט באַ־קומען פאַר אים 325 פלארין, און דאָס איז אַן אָנשטענדיקער פּריין. די מאַדאַם האָט געוואָלט באַהאַלטן דאָס געלט, זי זאָל קאָנען קויפן נייע קליידער נאָך דער מלחמה, און מיט גרויס מי

האָט איר הער וואָן דאַן אויפגעקלערט, אַז דאָס געלט איז דרינ־ גענד נויטיק אין דער שטוב־ווירטשאַפט.

מ׳קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די געשרייען, טופּען מיט די פיס און זידלערייען. דאָס איז געווען שוידערלעך. מיר זענען געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אויף די אונטערשטע טרעפּ, גרייט יעדע מינוט די קריגענדיקע פּונאַנדערצורייסן, ווען עס וועט נויטיק זיין. די אַלע געשרייען, געוויינען און די גע־ שפּאַנטע נערוועזיטעט מאַכן מיך אַוי מיד, אַז אין אָונט פאַל איך אַנידער אויף מיין בעט מיט אַ געוויין און דאַנק גאָט, אַז איך האָב סוף־כל־סוף אַ האַלבע שעה פאַר מיר.

הער קאַפהויז קומט שוין ווידער נישט; דער מאָגן לאָזט אים נישט צורו. ער ווייסט נאָך נישט, צי דער בלוט־אויסגוס ביי אים האָט אויפגעהערט אָדער נישט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אויסגעזען זייער דערשלאָגן, ווען ער האָט אונז דערציילט אַז ער פילט זיך נישט גוט און ער מוז גיין אַהיים.

מיין געזונט־צושטאַנד איז, אין אַלגעמיין, נישט שלעכט, נאָר כ׳האָב נישט קיין אַפּעטיט. מ׳זאָגט מיר תמיד: „זעסט שלעכט אויס!" איך מוז זאָגן, אַז מ׳מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו היטן מיין געזונט. טרויבן־צוקער, פיש־טראָן, הייוון־טאַבלעטן און קאַל־ ציום האָט מען „מאָביליזירט" פאַר דעם צוועק.

איך באַהערש נישט מיינע נערוון, באַזונדערס זונטיק פיל איך מיך זייער אומגליקלעך. ווייל דעמאָלט איז די אַטמאָספער אין שטוב זייער דומפּיק, פאַרשלאָפן און שווער. אינדרויסן הערט מען נישט קיין צוויטשען פון אַ פויגעלע. אַ טויט־שטילקייט דריקט אויף אַלעמען, און אָט די גאַנצע לאַסט פאַלט אויף מיר, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט אַראָפּקייקלען ערגעץ אין אַן אָפּגרונט.

אין אַזאַ מאָמענט בין איך גלייכגילטיק צום פאָטער, מוטער און מאַרגאָט. איך בלאָנקע מיך אַרום פון איין צימער אין אַנדערן, גיי אַרויף אויף די טרעפּ און צוריק אַראָפּ, און איך פיל מיך ווי אַ פויגל, וואָס מ׳האָט אים אויסגעריסן די פליגל און אויסגע־ שטאָכן די אויגן — און ער שפּאַנט אַרום אין שטייג אין דער פינצטערניש וואָס הילט אים אַרום און שטויסט זיך אַלעמאָל אָן אין קראַטעס פון שטייגל. „אין דרויסן אַרויס! לופט! לאַכן!"

שרייט מיין נשמה. כ'פּרוּוו נישט ענטפערן. איך לייג מיך אויף דער סאָפע און שלאָף, כדי צו פאַרקירצן די צייט, די שטילקייט, דעם גרויליקן פחד — אָבער אַנטלויפן פון דעם איז אוממעגלעך.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 3 נאָוועמבער 1943

טייערע קיטי,

כדי צו פאַרזאָגן אונז מיט אַביסל פאַרווײלונג און בילדונג, האָט דער פאָטער באַשטעלט אַ פּראָספּעקט פון אַ בילדונגס־אַנ־שטאַלט אין לעידן. מארגאט האָט שוין פיר מאָל דורכגעקוקט דאָס דיקע בוך און האָט נישט געפונען קיין זאַך לויט איר געשמאַק און לויט איר געלט־טאַש. דער פאָטער האָט שוין מער מצליח געווען, ער האָט באַשטעלט אין דעם אַנשטאַלט אַ פּראָבע־לעקציע אין „עלעמענטאַרן לאַטייניש". און די לעקציע איז אָנגעקומען. מארגאט האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט אַ סך ענערגיע, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן די לעקציעס פאַרצוזעצן. זיי זענען געווען צו שווער פאַר מיר, הגם איך וואָלט זייער געוואָלט לערנען לאַטייניש.

כדי אויך מיר צו דערמעגלעכן אָנצוהויבן עפּעס נייעס, האָט דער פאָטער געבעטן קאפּהויזן ער זאָל ברענגען אַ ביכל פאַר קינדער, איך זאָל עפּעס לערנען פון דער עוואַנגעליע. „ווילסטו געבן אַנאַ'ן די ביבל אויף חנוכה?" האָט געפרעגט מארגאט פאַר־זאָרגט. „יאָ... המ... איך מיין, אַז דער יום טוב פון הייליקן ני־קאָלאס איז מער פּאַסיק דערצו", האָט געענטפערט דער פאָטער. „יעזוס פּאַסט זיך נישט זייער פאַר חנוכה".

דיין, אַנאַ

מאָנטיק אין אָוונט, 8 נאָוועמבער 1943

טייערע קיטי,

אויב וועסט לייענען דעם הויפן בריוו מיינע, איינעם נאָכן אַנדערן, וועסטו אָוודאי זען, אַז מיינע בריוו זענען געשריבן גע־

וואָרן בעת פאַרשידענע שטימונגען. איך אַליין בין אומצופרידן פון דעם פאַקט, וואָס דאָ, אין באַהעלטעניש, בין איך אַזוי אָפּ־הענגיק פון שטימונגען. און איך בין נישט די איינציקע אין דעם. דאָס איז אונזער אַלעמענס גורל. ווען איך לייען אַ בוך, וואָס מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, מוז איך אָרדנען מיינע געדאַנקען אויף אַ גרונטלעכן אופן, איידער איך וועל קאָנען קומען צווישן מענטשן — אַנדערש וועט מען מיינען, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען. אין איצטיקן מאָמענט, ווי דו האָסט זיך זיכער איבערצייגט, מאַך איך דורך אַ פּעריאָד פון דעפּרעסיע. איך ווייס נישט פון וואַנען עס קומט, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז די סיבה איז מיין פּחדנות, וואָס באַפאַלט מיך יעדעס מאָל אויפסניי.

היינט אין אָוונט ווען עלי איז נאָך געווען ביי אונז, האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער און הילכיקער קלונג. כ׳בין בלייך געוואָרן, באַקומען בויך־ווייטיק און האַרץ־קלאַפּעניש — דאָס אַלץ פון גרויס שרעק.

אין אָוונט, ווען איך ליג אין בעט, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַליין אין אַ צעלע, אָן דעם פאָטער און די מוטער. אַמאָל זע איך מיך וואַנדערן אויף וועגן, אָדער עס דאַכט זיך מיר, אַ שריפה האָט אויסגעבראָכן און דאָס באַהעלטעניש ווערט פאַר־ברענט, אָדער מ׳קומט מיך נעמען אין מיטן דער נאַכט. איך זע דאָס אַלץ ווי עס וואָלט באמת פאַסירט, און כ׳האָב דאָס געפיל, אַז נאָך אַביסל וועט דאָס זיין אמת!

מיפּ זאָגט נישט איינמאָל אַז זי איז אונז מקנא, ווייל מיר געניסן פון אַזאַ שטילקייט. מעגליך אַז עס איז ריכטיק, אָבער זי טראַכט אודאי נישט וועגן דעם פּחד אונזערן. איך קאָן מיר נישט פאַר־שטעלן, אַז די וועלט וועט נאָך ווידער זיין אַ געוויינלעכע וועלט פאַר אונז. איך רייד פון צייט צו צייט וועגן דעם וואָס עס וועט זיין נאָך דער מלחמה. אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז איך רייד וועגן עפּעס אַ לעגענדע, אַ חלום וואָס קאָן קיינמאָל נישט ווערן קיין ווירק־לעכקייט. און ווען איך קלער וועגן אונזער פריערדיקע היים, וועגן מיינע פריינדינס, וועגן די פאַרגניגענס פון דער שולע, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זענען געווען איבערלעבענישן פון עמעצן אַנדערש, נישט מיינע.

איך זע די אַכט נפשות אין באַהעלטעניש ווי אַ שטיקל בלויען הימל, און אַרום דעם — שוואַרצע רעגן־וואָלקנס. אַט דער קליינער און אָפּגעצוימטער קרייז, ווו מיר געפינען זיך, איז נאָך זיכער, אָבער די וואָלקנס דערנענטערן זיך צו אונז אַלץ מער און דער קרייז וואָס טיילט אונז אָפּ פון דער סכנה ווערט אַלעמאָל מער איינגעשרומפּן. און אַט זענען מיר שוין אַרומגערינגלט מיט סכנה און פינצטערניש אַזוי שטאַרק, אַז אין אונזערע אָנשטרענגונגען צו געפינען אַן אויסוועג פון דער סכנה שטויסן מיר זיך צוזאַמען קעגנזייטיק. אַלע קוקן מיר אַראָפּ, דאָרט ווו מענטשן קעמפן איינער מיטן צווייטן, און הויבן אויף די אויגן אַרויף, אַהין, ווו עס הערשט שטילקייט און רואיקייט, און אינצווישן זענען מיר איזאָלירט דורך דער מאַסע שוואַרצע וואָלקנס, וואָס לאָזן אונז נישט אַרויפגיין. זי ליגט אויף אונז ווי אַ מויער וואָס מ׳קאָן נישט אַדורכדרינגען, וואָס דראָט אונז צו דערדריקן, אָבער דערווייל איז זי צו אונז נאָכנישט צוגעקומען. און איך קאָן נישט מער ווי שרייען און וויינען: „אַך, קרייז, קרייז, ווער ברייטער! עפן זיך פאַר אונז!“

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 11 נאָוועמבער 1943

טייערע קיטי,

איך האָב אַ גוט איבערקעפּל פאַר דעם קאַפּיטל:

אַ געזאַנג פאַר מיין פולפעדער, געבענטשט זאָל זיין איר אָנדענקען.

מיין פולפעדער איז ביי מיר תמיד געווען אַ טייער פאַרמעגן; כ׳האָב זי זייער הויך־געשעצט, באַזונדערס פאַר איר דיקן שפּיץ; איך קאָן נישט שרייבן קיין שיינע שריפט, נאָר מיט אַ פעדער וואָס האָט אַ דיקן שפּיץ. מיין פולפעדער האָט געלעבט אַ לאַנג און אינטערעסאַנט פולפעדער־לעבן, און וועגן דעם וויל איך דערציילן בקיצור.

ווען איך בין אַלט געווען ניין יאָר, איז זי, די פולפעדער, אָנגעקומען צו מיר אין אַ פּאַקעט (איינגעפּאַקט אין וואַטע), באַ־

צייכנט אַלס „מוסטער אַן ווערט", פון אַאַכען, דאָס ווײַנאַרט פון מיין באַבען, וועלכע האָט מיר געשענקט די פעדער. איך בין דעמאָלט געלעגן אין בעט, קראַנק אויף גריפּע, און פעברואַר־ווינטן האָבן געיאָמערט אין דרויסן. די פּרעכטיקע פעדער איז געווען אַנגעטון אין אַ שיידל פון רויטע לעדער, און איך האָב זי גלייך געוויזן מיינע אַלע פריינדינס. איך, אַנאַ פראַנק, אַן אייגנ־טימערין פון אַ פולפעדער!

ווען איך בין אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט מען מיר דער־לויבט מיטצונעמען די פעדער אין שולע אַריין, און די לערערין האָט מיר אפילו דערלויבט צו שרייבן מיט איר.

אָבער ווען איך בין אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָב איך ווידער געמוזט באַהאַלטן מיין אוצר, ווייל די לערערין אין דער זעקסטער קלאַס האָט נישט דערלויבט צו שרייבן נאָר מיט שול־פעדערס און טינטערס.

ווען איך בין אַלט געוואָרן צוועלף יאָר און איך בין אריבער אין דער יידישער מיטל־שולע, האָט מיין פולפעדער באַקומען אַ נייעם שיידל, אַ מער בכבודיק שיידל, ווו עס איז געווען אַן אָרט אויך פאַר אַ בליישטיפט און האָט געמאַכט אַ סך גרעסערן איינ־דרוק, ווייל זי האָט זיך צוגעשלאָסן מיט אַ ריטש־ראַטש.

דרייצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען מיין פעדער איז גע־גאַנגען מיט מיר אין באַהעלטעניש. און דאָ האָב איך זי אויס־געניצט ביים שרייבן טאָגביכער און אומצייליקע חיבורים.

ווען איך בין אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָבן מיר פאַר־בראַכט דאָס לעצטע יאָר אונזערס צוזאַמען, און איצט...

פרייטיק, אַ זייגער פינף נאָכמיטאָג, בין איך אַרויסגעקומען פון מיין צימער און געוואָלט זיך זעצן ביים טיש שרייבן, אָבער איך בין מיט כח אַוועקגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר מאַרגאָט און דעם פאָטער, וואָס האָבן זיך געאיבט אין לאַטייניש. די פולפעדער איז געבליבן ליגן אויפן טיש, און די אייגענטימערין פון דער פעדער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ קליין ווינקעלע פון טיש און האָט אָנגעהויבן אָפּצורייבן בעבלעך. „אָפּרייבן בעבלעך" — איז דער טייטש דאָ — אָראָפּ־נעמען דעם שימל פון ברוינע בעבלעך.

אַ פּערטל פּאַר זעקס האָב איך געוואַשן דעם דיל, נאָכהער האָב איך צונויפגענומען דעם שמוץ אויף צייטונגס־פּאַפּיר, און צוזאַמען מיט די פּאַרפוילטע בעבלעך אַריינגעוואָרפן אין אויוון. אַ ריזיקער פלאַם איז אַרויס פון אויוון, און איך האָב מיר געטראַכט, אַז עס איז וווּנדערלעך, וואָס דער אויוון וואָס האָט פריער בלויז קוים געטליעט, איז פּלוצים אויפגעלעבט געוואָרן. אינצווישן איז געוואָרן שטיל אין צימער, די „רוימער" זענען אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב מיך געזעצט ביים טיש מיט דער דעה צו שרייבן. אָבער איך האָב געזוכט און געזוכט און נישט געפונען מיין פולפעדער. כ'האָב געזוכט נאָכאַמאָל און מאַרגאָט האָט געזוכט. די מוטער האָט געזוכט, דער פאָטער און דיסעל האָבן געזוכט — אָבער דאָס חפץ איז פאַרשוווּנדן אָן יעדן שפּור.

אפשר איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אויוון אַריין צוזאַמען מיט די בעבלעך, האָט מאַרגאָט געפּרוּווט משער זיין. „אוממעגלעך, מיידעלע מיינס", האָב איך געענטפערט.

אָבער ווען דער אָוונט איז געקומען און די פעדער האָט זיך נישט אָפּגעזוכט, האָבן מיר אַלע געזאָגט, אַז זי איז פאַרברענט געוואָרן נעמענדיק אין אַכט אַז צעלולאיד ברענט זייער לייכט.

און באמת, די טרויעריקע השערה האָט זיך באַשטעטיקט. צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער פאָטער האָט אויסגערייניקט דעם אויוון, האָט ער געפונען דעם פעדער־האַלטער אין אַ הויפן־אַש; דעם גאָלדענעם שפּיץ האָט ער נישט געפונען. „ער איז אודאי צעשמאָלצן געוואָרן און זיך אָנגעקלעפּט אין די ציגל", האָט דער פאָטער משער געווען.

עס איז מיר געבליבן בלויז איין טרייסט, הגם אַ זייער נעבעכדיקער: מיין פולפעדער איז פאַרברענט געוואָרן נאָכן טויט, און איך וואָלט געוואָלט מ'זאָל אַזוי מאַכן אויך מיט מיר!"

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 17 נאָוועמבער 1943

טייערע קיטי,

דערשיטערנדיקע געשעענישן קומען פאָר ביי אונז. אין עליס הויז איז דאָ אַ דיפטעריע־קראַנקער, און אין משך

פון זעקס וואָכן טאָר זי נישט קומען אין באַרירונג מיט אונז. דאָס באַשוועֶרט זייער, סיי אין הינזיכט פון אַריינברענגען שפּייז און סיי אין אויספירן פאַרשידענע שליחותן, שוין נישט ריידנדיק וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן אַספּעקט. קאַפּהוויז ליגט נאָך אין בעט, און שוין דריי וואָכן פאַרזוכט ער גאָרנישט אויסער מילך און קאַשע. קראַלער איז באַשעפטיקט איבערן קאָפּ.

מאַרגאָט שיקט אירע לאַטייניִשע לעקציעס אין שולע אריין און באַקומט זיי צוריק קאָרעגירטע. מאַרגאָט שרייבט אויפן נאָמען פון עלי, און דער לערער איז זייער וווּיל און וויציק. ער פרייט זיך אודאי, וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ פעאיקע שילערין.

דיסעל איז אינגאַנצן צעמישט, און קיינער פון אונז ווייסט נישט פאַרוואָס. דער ענין האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער האָט פאַרמאַכט דאָס מויל און אויפגעהערט צו ריידן מיט הער און מאַדאַם וואַן דאַן. מ׳האָט עס געקאָנט גלייך באַמערקן, און ווען דער ענין האָט געדויערט עטלעכע טעג, האָט די מוטער אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט, כדי צו וואָרנען דיסעלן פאַר דער מאַדאַם, ווייל זי קאָן אים נאָך פאַרשאַפן אַ סך אומ־אנגענעמלעכקייטן, אויב ער וועט אָנהאַלטן ווייטער דעם ברוגז.

דיסעל האָט געזאָגט, אַז הער וואַן דאַן האָט אָנגעהויבן דאָס שווייגן, און אַז ער האָט נישט בדעה צו זיין דער ערשטער וואָס וועט דאָס שווייגן איבעררייסן.

דאַרפסט וויסן, אַז נעכטן איז געווען דער זעכצעטער נאָ־וועמבער, עס איז פּונקט געוואָרן אַ יאָר זינט דיסעל איז געקומען אין באַהעלטעניש. ביי דער געלעגנהייט האָט ער צוגעטראָגן דער מוטער אַ וואַזאָן בלומען, אָבער פרוי וואַן דאַן, וואָס האָט אייניקע וואָכן געהאַלטן אין איין דערמאָנען די דאַטע, און האָט בכלל נישט געמאַכט קיין סוד פון איר מיינונג, אַז ער דאַרף אויך זי באַערן מיט עפּעס אַ געשאַנק — האָט גאָרנישט באַקומען.

אנשטאָט אונז צו דאַנקען פאַר דעם וואָס מיר האָבן אים אויס גוטהאַרציקייט אַריינגענומען צו אונז, האָט ער בכלל נישט גע־זאָגט קיין וואָרט. און ווען איך האָב אים געפרעגט דעם 16־טן אינדערפרי, צי דאַרף איך אים גראַטולירן אָדער אויסדרוקן מיטגעפיל, האָט ער געענטפערט אַז, ער וועט אָננעמען סיי גליק־

װונשן און ס'י טרייסט־װערטער. די מוטער װאָס האָט געװאָלט אויספירן די שיינע ראָל פון אַ רודף־שלומניצע, האָט גאָרנישט געפועלט, און די לאַגע איז געבליבן װי געװען.

„דער מאַן האָט אַ גרויסן גייסט,
און איז אַזוי קליין אין מעשים!"

דיין, אַנאַ

שבת, 27 נאָװעמבער 1943

טייערע קיטי,

נעכטן אין אָװנט, איידער איך בין איינגעשלאָפן, האָב איך פּלוצים דערזען פאַר מיר שטיין — ליס.

כ'האָב זי געזען שטיין פאַר מיר איינגעװיקלט אין שמאַטעס, דאָס פּנים איינגעפאַלן און אויסגעדאַרט. די אויגן אירע זענען געװען זייער גרויס, און זי האָט אַנגעשטעלט אויף מיר אַ בליק פול מיט טרויער און פאַרװורף, אַזוי אַז איך האָב געקאָנט לייענען אין אירע אויגן: „אַך, אַנאַ, פאַרװאָס האָסטו מיך פאַרלאָזט? העלף מיר. אוי, העלף מיר, נעם מיך אַרויס פון דעם גהינום!"

און איך קאָן איר נישט העלפן. איך קאָן בלויז שטיין און זען, װי אַנדערע מענטשן פייניקן זיך און שטאַרבן, און איך קאָן נישט מער װי בעטן גאָט ער זאָל זיי אומקערן צו אונז.

בלויז ליס אַליין האָב איך געזען און נישט קיין אַנדערן מענטשן, און איך װייס פאַרװאָס. װייל איך האָב איר נישט־ריכטיק געאורטיילט — אַ קינד בין איך געװען און נישט פאַרשטאַנען אירע שװעריקייטן. זי האָט זיך צוגעבונדן צו איר נייער פריינדין, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, װי איך װאָלט געװאָלט צונעמען ביי איר די דאָזיקע פריינדין. אַך, איך װייס װאָס עס האָט איבער־געלעבט דאָס אָרעמע מיידל — איך קאָן דאָך אַליין גוט דאָס דאָזיקע געפיל!

צייטנװייז האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט עפּעס װאָס פון איר לעבן, אָבער באַלד האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין עגאָיזם, צו מיינע פאַרגעניגנס און שװעריקייטן. כ'האָב מיך אויפגעפירט נישט שיין לגבי איר, און איצט איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף מיר,

איר פּנים איז בלייך און אירע אויגן בעטן זיך — אַזוי הילפסלאָז! אך, ווען איך זאָל איר קאָנען העלפן!

גאָט מיינער! מיר האָסטו געגעבן דאָ אַלץ וואָס איך גלוסט, און איר גורל איז אַזוי שרעקלעך. ליס איז דאָך געווען רעליגיעז נישט ווייניקער ווי איך, און האָט תּמיד געשטרעבט גוט צו זיין ווי איך — פאַרוואָס־זשע בין איך אויסדערוויילט געוואָרן צו לעבן, און אויף איר איז בגזר געוואָרן, אפשר, צו שטאַרבן? וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אונז ביידן? פאַר וואָס טיילט אונז אַזאַ ווייטער מרחק?

דעם אמת געזאָגט, שוין אַ סך חדשים, כמעט אַ גאַנץ יאָר, האָב איך זי פאַרגעסן. נישט אינגאַנצן, אָבער קיינמאָל האָב איך נישט געטראַכט וועגן איר אַזוי, אַז זי זאָל שטיין פאַר מיינע אויגן אין איר גאַנצן פּיין.

אך, ליס, איך האָף, אַז אויב דו וועסט בלייבן לעבן ביזן סוף פון דער מלחמה און וועסט זיך אומקערן צו אונז, וועל איך דיך קאָנען אויפנעמען און פאַרגיטיקן פאַר דעם וואָס מ׳האָט געזינדיקט קעגן דיר.

אָבער ווען איך וועל האָבן די מעגלעכקייט דיר צו העלפן, וועסטו מיין הילף נישט ברויכן ווי איצט; צי קלערט זי וועגן מיר, און וואָס פילט זי?

גוטער גאָט, זיי איר צוהילף, אַז זי זאָל נישט זיין וועניקסטנס עלנט. ווען דו וואָלסט איר געקאָנט זאָגן, אַז איך דערמאָן זי מיט ליבע און רחמנות; אפשר וואָלט דאָס זי געשטאַרקט, זי זאָל האָבן כּח איבערצוטראָגן אירעליידן.

איך טאָר נישט מער קלערן וועגן דעם, ווייל איך זע דאָך נישט קיין אויסוועג. שטענדיק זע איך פאַר מיר אירע גרויסע אויגן, זיי לאָזן מיך נישט צורו. צי איז ליס אַ גלויביקע אין האַרצן, אָדער האָט מען אויף איר אויפגעצוווּנגען דעם גלויבן?

איך ווייס נישט; כ׳האָב זי קיינמאָל וועגן דעם נישט גע־פרעגט.

ליס, ליס, ווען איך וואָלט געקאָנט דיר אַרויסנעמען פון דאָרט ווו דו געפינסט זיך, זיך טיילן מיט דיר מיט די פאַרגניגנס וואָס איך געניס. אָבער איצט איז שוין צו שפּעט; העלפן קאָן איך נישט

און דעם אומרעכט פאַריכטן קאָן איך אויך נישט. אָבער קיינמאָל וועל איך זי מער נישט פאַרגעסן און נישט אויפהערן בעטן גאָט פאַר איר.

דיין, אַ נ אַ

מאָנטיק, 6 דעצעמבער 1943

טייערע קיטי,

מיטן דערנענטערן זיך פון יום־טוב פון הייליקן ניקאָלאַס, האָבן מיר זיך נישט־ווילנדיק דערמאָנט אין דעם שיינעם קויש פון פאַר־גאַנגענעם יאָר, און איך באַזונדערס האָב געטראַכט: אַ שאָד, אויב מיר וועלן היי־יאָר איגנאָרירן דורכלאָזן דעם יום־טוב. כ'האָב אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן דעם ענין, ביז איך בין ענדלעך געקומען אויף אַ זייער פריילעכן געדאַנק.

איך האָב זיך באַראַטן מיטן פאָטער און מיט אַ וואָך צוריק זענען מיר צוגעטרעטן צו דער אַרבעט — צו פאַרפאַסן אַ ליד לכבוד יעדן איינעם פון די אַכט.

זונטיק אין אָוונט, אַ פערטל נאָך אַכט, זענען מיר דער־שינען אויבן, און מיטגעברענגט מיט אונז דעם גרויסן קויש פון די וועש פאַרפוצט מיט בילדער און פאַפּירענע קייטן פון בלויען און ראָזיקן קאָפּיע־פּאַפּיר. אויפן קויש האָבן מיר אַרויפגעלייגט אַ ברייטן פאַס פּאַק־פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען צוגעטשעפּעט אַ בריוו. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, זעענדיק די גרויס און פאַרנעם פון דעם סיורפּריז.

כ'האָב אַראָפּגענומען דאָס צעטל פונם פּאַק פּאַפּיר און גע־לייענט:

הקדמה

דער ניקאָלאַס יום־טוב האָט זיך אויך היי־יאָר צו אונז אומגעקערט,
זיין עכאָ איז אויך אַריינגעדרונגען אין אונזער באַהעל־טעניש־אונטערערד.
אָבער, צום באַדויערן, דאָס מאָל מיט ווייניקער גליק,
נישט אַזוי שיין און פרעכטיק, ווי מיט אַ יאָר צוריק.

דעמאָלט געהאָפט נאָך, די ליידן וועלן נעמען אַן ענדע,
געקלערט: ווען מיר ווילן — איז עס קיין לעגענדע —
מיר׳ן פייערן היי־יאָר, קינדער און עלטערן,
דעם ניקאָלאס יום־טוב ווי פרייע מענטשן.
דאָך האָבן מיר געוואָלט אין דעם טאָג געדענקען;
אָבער ווייל עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ מער פאַר געשענקען,
האָבן מיר געפונען אַן ערזאַץ פאַר גרויס און קליין,
זאָל יעדער וואָס גיכער אַ קוק טון אין שוך אַריין.

(דאָן האָבן מיר אויפגעהויבן דאָס פּאַפּיר, איך און דער פאָטער).

אַ הילכיק געלעכטער האָט אויסגעבראָכן, ווען יעדער האָט אַרויסגענומען זיין שוך פון קויש. אין יעדן שוך איז געווען אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, און אויף אים איז געווען דער אַדרעס פון שוך־אייגנטימער.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 22 דעצעמבער 1943

טייערע קיטי,

אַ שווערע גריפּע האָט מיך נישט געלאָזט ביז איצט דיר שרייבן. עס איז זייער שלעכט דאָ קראַנק צו זיין. ווען איך האָב דערשפּירט, אַז איך מוז הוסטן, האָב איך מיך שנעל באַהאַלטן אונטער די קאָלדרעס און זיך באַמיט צו הוסטן ווי ווייט מעגלעך שטילער, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען בדרך כלל, אַז דאָס קיצלען אין האַלדז האָט בכלל נישט אויפגעהערט, און מ׳האָט מיר געמוזט געבן מילך מיט האָניק, צוקער אָדער טאַבלעטן. ווען איך דערמאָן מיך אין די רפואות וואָס איך האָב געמוזט נעמען, דרייט זיך מיר אַזש דער קאָפּ, שוויצן, פייכטע קאָמפּרעסן אויף דער ברוסט, און אויך טרוקענע קאָמפּרעסן, הייסע געטראַנקען, גורגלען, איינרייבונגען, רואיק ליגן, אַ וואַרעם־קישן, וואַרעם־פלעשער, לימאָנאַד, מעסטן די היץ יעדע צוויי שעה.

צי קאָן מען בכלל אַזויאַרום געזונט ווערן? דאָס ערגסטע איז געווען, ווען הער דיסעל האָט אָנגעהויבן דערפילן די ראָל פון אַ

דאָקטאָר און האָט אוועקגעלייגט זיין, מיט בוימאייל אויסגעשמירטן קאָפּ, אויף מיין נאַקעטער ברוסט, כדי אויסצוהערן מיר די לונגען. נישט נאָר וואָס זיינע האָר האָבן מיך שטאַרק געקיצלט, נאָר איך האָב מיך אויך געשעמט, נישט קוקנדיק אויפן פאַקט וואָס מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט ער געלערנט מעדיצין און ער האָט אַ טיטול דאָקטאָר. וואָס לייגט עפּעס פלוצים דער מענטש אַרויף זיין קאָפּ אויף מיין ברוסט? איז ער דען מיין געליבטער? ער קאָן דאָך סיִיווי נישט הערן צי איך בין געזונט אָדער נישט. ער מוז דאָך פריער אויסרייניקן זיינע אויערן, ווייל ער איז לעצטנס געוואָרן אַביסל טויבלעך.

אָבער גענוג מיטן באַשרייבן די קראַנקהייט. איך פיל מיך ווידער זייער גוט; איך בין אונטערגעוואקסן מיט אַ סענטימעטער, צוגענומען צוויי פונט, כ'בין בלייך און האָב גרויס חשק צו לערנען.

נישטאָ קיין סך נייעס. די באַציאונגען דאָ האָבן זיך אומ־געווײנלעך פאַרבעסערט. מ'קריגט זיך נישט מער איינער מיטן צווייטן. אַזאַ שלום־בית האָבן מיר שוין נישט געהאַט זינט אַ האַלב יאָר. עלי קאָן נאָך נישט קומען צו אונז.

צוליב ווייַנאַכט באַקומען מיר צוגעטיילט ספּעציעלע פּאַרציעס פון בוימאייל, זיסוואַרג און מאַרמאַלאַד. די „מתנה" איז דאָסמאָל געווען אַ שפּילקע געמאַכט פון אַ מטבע פון דריטהאַלבן סענט, וואָס מ'האָט זי פריער גוט אָפּגעשייערט. די שיינקייט דערפון איז זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן. הער דיסעל האָט געגעבן דער מוטער און דער פרוי וואַן דאַן אַ שיינעם קרעם־קוכן, וואָס מיפּ האָט געבאַקן אויף זיין באַשטעלונג. אַלס צוגאָב צו דער מענגע אַרבעט וואָס זי טוט פאַר אונז, מוז נאָך מיפּ זיך באַשעפטיקן אויך מיט באַקן! איך האָב אויך עפּעס פאַר מיפּ און עלי. זינט צוויי מאָנאַט שפּאַר איך דעם צוקער פון מיין קאַשע, און מיט דער הילף פון הער קאפּהויז וועל איך מאַכן צוקערלעך פון אים.

דאָס וועטער איז רעגנדיק, דער אויוון שטינקט, דאָס עסן דריקט אויף די מאָגנס, און דאָס איז גורם דונערן אין די געדערים. שטילשטאַנד אויפן מלחמה־פעלד, אַ פּאַסקודנע שטימונג.

דיין, אַ נ אַ

פרייטיק, 24 דעצעמבער 1943

טייערע קיטי,

כ'האָב דיר שוין געשריבן, אַז אַלע ליידן מיר פון שטימונגען, און עס דאַכט זיך מיר, אַז ביי מיר האָט זיך די דאָזיקע קראַנקהייט באַזונדערס פאַרערגערט אין דער לעצטער צייט.

„הימל־הויך צעיאַכמערט פון פרייד, אָדער באַטריבט צום טויט".

דאָס דאָזיקע ווערטל פּאַסט זיך זייער צו דער לאַגע דאָ ביי אונז. „צעיאַכמערט־פריילעך ביז צום הימל" בין איך, ווען איך דערמאָן מיך ווי גוט איז אונז דאָ, און איך פאַרגלייך מיין גורל מיט דעם גורל פון אַנדערע יידישע קינדער. און „צעוויייטיקט ביז צום אָפּגרונט", ווען עס פּאַסירט אַזוינס ווי עס האָט היינט פּאַסירט, ווען עס איז געקומען פרוי קאפהויז און דערציילט וועגן איר טאָכ־טער קארי, וועגן דעם האקיי־קלוב, וועגן שפּאַצירן אויף אַ שיפל, וועגן איר אנטייל אין טעאַטער־פאָרשטעלונגען און וועגן אירע פריינדינס. איך מיין נישט אַז איך בין מקנא קארין, אָבער אַזעלכע זאַכן דערוועקן אין מיר אַ שטאַרקן חשק צו ווילן זיך און לאַכן ביז בויכווייטיק. באַזונדערס איצט, ווינטער, מיטן אָנקומען פון די ווייְנאַכט־פּעריען און ניי־יאָר, זיצן מיר דאָ ווי פאַרשטויסענע. און דאָך טאָר איך אַזוי נישט שרייבן — ווייל איך בין אומדאַנקבאַר, און דאָס איז אויך אַביסל איבערטריבן. אָבער דו מעגסט דיר קלערן וואָס דו ווילסט, איך קאָן נישט אונטערדריקן אָט די אַלע זאַכן אין מיין האַרצן. איך קאָן נאָר איבערחזרן און דערמאָנען די ווער־טער, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהויבן: „דאָס פּאַפּיר איז גע־דולדיק".

ווען עס קומט ווער צו אונז פון דרויסן, ברענגט ווינט אין זיינע בגדים און אַ פראָסט אויף זיין געזיכט, וואָלט איך געקאָנט באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטער די קאָלדרעס, איך זאָל נישט אויס־שרייען: „ווען וועט מיר דערלויבט זיין אַרויסצוגיין און איינ־אָטעמען אַ ביסל פרישע לופט?" אָבער ווייל איך טאָר נישט באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטער די קאָלדרעס, ווייל איך מוז אים האַלטן הויך, קומען דאָך די געדאַנקען, און נישט איינמאָל, נאָר אומ־צייליקע מאָל. גלויב מיר, ווען אַ מענטש זיצט איינגעשלאָסן אַנ־

דערטהאַלבן יאָר, קאָן אים דער ענין אין געוויסע טעג נמאס ווערן. טראָץ דער געדעכטיקייט און דאַנקבאַרקייט־געפיל, קאָן מען דאָס געפיל נישט דערדריקן אינגאַנצן. רייטן אויף אַ פאַר־ראַד, טאַנצן, פייפן, זען די וועלט, פילן אַז מ׳איז יונג צו וויסן אַז איך בין אַ פרייער מענטש — צו דעם אַלעמען לעכצט מיין האַרץ. איך מוז אָבער דאָס אַלץ פאַרבאָרגן אין מיין האַרצן. שטעל דיר פאָר, ווען מיר וואָלטן אַ שטייגער אַלע זיך באַקלאָגט און געמאַכט זויערע פנימער, ווי וואָלטן מיר דערגאַנגען? צייטנווייז פרעג איך מיך: „איז דען דאָ עמיצער אימשטאַנד דאָס צו פאַרשטיין, נישט נעמענ־דיק אין אַכט די פראַגע, צי איך בין אַ יידיש אָדער אַ גויש קינד, צי איז דען פאַראַן עמיצער וואָס קאָן זען אין מיר דאָס רייף־ווערנדיקע מיידל, וואָס פילט אַ גוטוועגדיקייט פון אַן אומגעצוימטן ווילן זיך?" כ׳ווייס נישט, און כ׳קאָן מיט קיינעם נישט ריידן וועגן דעם, ווייל איך וועל אויסברעכן אין אַ געוויין. דאָס וויינען ברענגט אַמאָל אַזאַ גרויסע דערלייכטערונג.

טראָץ אַלע טעאָריעס און אָנשטרענגונגען, פעלט מיר טאָג־טעגלעך אַן אמתע מוטער, אַ מוטער וואָס זאָל אַלץ פאַרשטיין. דעריבער באַשליס איך יעדן טאָג אויפסניי, אין אַלץ וואָס איך טו און אין אַלץ וואָס איך שרייב, אַז איך וועל זיין אַ דערוואַקסענע, וועל איך וועלן זיין פאַר מיינע קינדער אַ מאַמע ווי איך שטעל מיר דאָס פאָר. אַ מוטער וואָס נעמט נישט אַזוי ערנסט אַלץ וואָס מ׳זאָגט וועגן מיר, דאַקעגן נעמט זי ערנסט אַלץ וואָס איך זאָג. איך קאָן דאָס נישט געגוי באַשרייבן, אָבער איך פיל עס, אַז דאָס וואָרט מאַמע דריקט אויס אַלץ וואָס אַ מוטער דאַרף זיין. ווייסטו, וואָס פאַר אַן אויסוועג איך האָב געפונען, איך זאָל דאָך רופן מיין מוטער מיט אַ נאָמען וואָס איז ענלעך צו מאַמע? אָפט רוף איך זי „מאַנסע" אָדער „מאַנס". ווי איך וואָלט וועלן זאָגן דערמיט, אַז זי איז נישט אַ מאַמע ווי עס געהער צו זיין. ווי גערן וואָלט איך געוואָלט דעם „נון" טוישן אויף אַ „מעם", אָבער זי באַמערקט עס נישט, און גוט וואָס זי באַמערקט עס נישט, ווייל דאָס וואָלט איר פאַרשאַפט ליידן.

אָבער געגנוג דערפון. ווי נאָר איך האָב דאָס אויפגעשריבן

אויפן פּאַפּיר, האָט מיך ווידער דורכגענומען אַ שטימונג פון „באַ־טריבט ביז צום אָפּגרונט".

דײַן, אַ נ אַ

שבת, 25 דעצעמבער 1943

טייערע קיטי,

אין די איצטיקע טעג, אין ווייַנאַכט, טראַכט איך די גאַנצע צייט וועגן פּים און וועגן דעם וואָס ער האָט מיר דערציילט פאַר־אַיאָרן פון זיין יוגנט־ליבע. פאַראַיאָרן האָב איך נאָך נישט געקאָנט אים גרונטלעך פאַרשטיין, אַזוי ווי איצט. ווען ער דערציילט עס מיר נאָכאַמאָל, וואָלט איך אים געקאָנט געבן אָנצוהערן, אַז איצט פאַרשטיי איך אים גוט.

איך מיין אַז פּים האָט גערעדט וועגן דעם, ווייל ער, „וואָס ווייס וואָס עס איז פאַרבאָרגן אין האַרצן פון אַזוי פיל מענטשן", האָט געפילט אַ נויטוועגדיקייט אויפצודעקן זיין האַרץ. ווייל געוויינלעך רעדט פּים קיינמאָל נישט וועגן זיך. און איך קלער, אַז מאַרגאָט האָט קיין אַנונג נישט פון דעם וואָס פּים האָט איבערגע־לעבט. דער אָרעמער פּים, מיר ווערט ער נישט דערציילן, אַז ער האָט שוין אַלץ פאַרגעסן. קיינמאָל וועט ער עס נישט פאַרגעסן. ער איז געוואָרן נאָכגיביק. איך האָף, אַז איך וועל זיין אַביסל ענלעך צו אים, אָבער איך זאָל נישט באַדאַרפן פריער אַזוי פיל ליידן ווי ער.

דײַן, אַ נ אַ

מאָנטיק, 27 דעצעמבער 1943

טייערע קיטי,

פרייטיק־צו־נאַכטס האָב איך באַקומען, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן עפּעס אויף ווייַנאַכט. די פרייַלינס, קאָפהויז און קראַלער האָבן ווידער צוגעגרייט אַ וואונדערבאַרע איבעראַשונג. מיפּ האָט געבאַקן אַ ווייַנאַכט־קוכן מיט אַן אויפשריפט: „פרידן 1944". עלי האָט געבראַכט אַ פונט פוטער־קיכלעך, גוטע ווי פאַר דער

מלחמה. פאַר פּעטערן, מארגאט און מיר האָט מען געברענגט אַ סלוי יוגארט, און פאַר יעדן איינעם פון די דערוואַקסענע — אַ פלאַש ביר. אַלץ איז געווען פּאַרפּאַקט זייער פיין. אויף יעדן פעקל האָט מען צוגעקלעפּט אַ בילד. די ווייַנאַכט־טעג זענען אונז זייער שנעל אריבער.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 29 דעצעמבער 1943

טייערע קיטי,

נעכטן בין איך ווידער געווען זייער טרויעריק. די באָבע און ליס זענען געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. די באָבע, אָך טייערע באָבע מיינע, מיר האָבן נישט געוווסט, ווי גרויס עס זענען אירע ליידן, און זי איז געווען אַזוי ליב און גוט! און שטענדיק אויסבאַהאַלטן פאַר זיך איר שרעקלעך געהיימניש *).

ווי געטריי און גוט איז תמיד געווען די באָבע מיינע; זי האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט קיינעם פון אונז. און שטענדיק געפונען אַן ענטשולדיקונג פאַר אַלץ, אויך פאַר אַלע שלעכטע מעשים, וואָס איך האָב געטון.

באָבע! האָסטו מיך ליב געהאַט, אָדער האָסטו אפשר אויך מיך נישט פאַרשטאַנען? איך ווייס נישט. קיינער האָט דאָך מיט דער באָבען נישט גערעדט וועגן זיך. זי איז אודאי געווען זייער איינזאַם, הגם מיר זענען אַלע געווען מיט איר. אַ מענטש קאָן זיין עלענט, אפילו ווען זייער אַ סך מענטשן האָבן אים ליב, אויב ער איז נישט „דער טייערסטער פון אַלע" ביי איינעם פון זיי. און ליס, לעבט זי נאָך? און וואָס טוט זי? גאָט, באַהיט זי און קער זי צוריק צו אונז. ליס, ווען איך קלער וועגן דיר, דערמאָן איך מיך שטענדיק, וואָס עס וואָלט געקאָנט זיין מיין אייגענער גורל. שטענדיק זע איך מיך אויף דיין פּלאַץ. פאַרוואָסזשע בין איך אַזוי אומעטיק, צייטנווייז איבער דעם אַלעמען וואָס עס קומט דאָ פאָר? צי דען דאַרף איך נישט זיין תמיד פריילעך, צופרידן און גליקלעך,

---

*) די באָבע האָט געליטן פון אַ שווערע אינערלעכע קראַנקהייט.

אַ חוץ אין די מאָמענטן ווען איך דערמאָן מיך אין איר און אין אירע גורל־שוועסטער ?

איך בין אַ עגאָיסטין און אַ פּחדן. פאַרוואָס טרוים איך און פאַנטאַזיר וועגן די סאַמע ערגסטע זאַכן ? און פאַרוואָס וואָלט איך געקאָנט שרייען און יאָמערן פאַר גרויס פּחד ? ווייל טראָץ אַלעמען גלויב איך נאָך נישט גענוג שטאַרק אין גאָט. ער האָט מיר גע־געבן אַזוי פיל, אַז איך בין עס נישט ווערט, און דאָך האַלט איך אין איין בלאָנדזשען טאָג־טעגלעך.

ווען איך דערמאָן מיך אין אַנדערע מענטשן, וויין איך. איי־גענטלעך וואָלט איך באַדאַרפט צו וויינען אַ גאַנצן טאָג. עס איז מיר נישט מער געבליבן ווי צו בעטן גאָט, ער זאָל מאַכן אַ נס און זאָל ראַטעווען כאָטש אַ טייל פון זיי. איך האָף אַז איך טו גענוג תפילה פאַר דעם !

דיין, אַ נ אַ

זונטיק, 2 יאַנואר 1944

טייערע קיטי,

היינט אינדערפרי, ווען איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טון, האָב איך אַביסל געבלעטערט אין מיין טאָג־בוך און כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי די בריוו, אין וועלכע כ׳האָב געשריבן אויף דער טעמע „מוטער״ אַזעלכע אויפגערעגטע ווערטער, אַז איך האָב מיך אַזש דערשראָקן און זיך געפרעגט : „אַנאַ, צו ביסטו עס, וואָס רעדט וועגן שנאה ? אַך, אַנאַ, ווי אַזוי האָסטו געקאָנט ?״

כ׳בין געבליבן זיצן פאַרן אָפענעם העפט און אַריינגעקלערט אין דער פראַגע, וויאַזוי איז עס געשען, אַז איך בין געווען אַזוי אויסער זיך פאַר כעס און אַזויפיל מיט שנאה, איך האָב געפילט, אַז איך מוז דיר אַלץ אויפדעקן. כ׳האָב געפרווט פאַר־שטיין אַנאַ׳ן פון מיט אַ יאָר צוריק און איר מוחל זיין, ווייל דאָס געוויסן מאַטערט מיך אַזוי לאַנג ווי לאַנג איך לאָז ביי דיר איבער די שווערסטע באַשולדיקונגען קעגן מיר, נישט אויפקלערנדיק וויאַזוי איך בין צו דעם דערגאַנגען.

איך לייד איצט, און האָב פריער אויך געליטן פון אַזעלכע

שטימונגען, וואָס האָבן מיר פאַרבלענדט די אויגן און נישט גע־לאָזט מיך זען די זאַכן אַנדערש ווי אין סוביעקטיוון ליכט. כ׳האָב נישט געפּרוווט נאָכקלערן רואיק וועגן די רייד פונם צד שכנגד, נישט באַמיט צו פאַרשטיין און צו האַנדלען אין גייסט פון די וואָס כ׳האָב באַליידיקט און פאַרשאַפט צער.

כ׳האָב מיך פאַרשלאָסן אין זיך אַליין, אַריינגעקוקט נאָר אין מיר ; געבראַכט צום אויסדרוק מיין פרייד, חוזק און צער אין מיין טאָג־בוך. דאָס טאָג־בוך איז פאַר מיר פון גרויסן ווערט, ווייל עס איז געוואָרן פאַר מיר אַ בוך פון זכרונות, אָבער אויף אַ סך בלעטער וואָלט איך געקאָנט אויפצייכענען „געוועזן און אַוועק".

מיין כעס האָט געברענט אויף דער מוטער און נאָך היינט איז עס אַזוי. זי האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, דאָס איז ריכטיק, אָבער עס איז אויך ריכטיק, אַז אויך איך האָב זי נישט פאַרשטאַנען. ווייל זי האָט מיך ליב, איז זי זיך באַגאַנגען מיט מיר איידל, אָבער אַזויווי צוליב מיר האָט זי זיך פאַרפּלאָנטערט אַ סך מאָל אין אומאַנגענעמע סיטואַציעס, און זי איז געווען דענערווירט און אויפ־געבערגט צוליב אַנדערע צרות און דאגות, איז קיין וווּנדער נישט אַז נישט איינמאָל האָט זי מיך אויסגעזידלט.

און איך האָב מיך באַצויגן דערצו זייער ערנסט, כ׳האָב מיך באַליידיקט, כ׳בין געווען חוצפה׳דיק און זי דערצערנט, און דאָס האָט איר צער נאָך גרעסער געמאַכט, אַזוי אַרום זענען געווען אומאַנגענעמלעכקייטן און פאַרביטערונג פון ביידע צדדים. קלאָר, אַז דאָס איז נישט געווען זייער אנגענעם פאַר ביידע צדדים, אָבער אַזעלכע זאַכן גייען פאַרביי.

איך האָב דאָס נישט פאַרשטאַנען און רחמנות געהאַט אויף זיך אַליין, און אויך דאָס איז לייכט צו פאַרשטיין. יענע אַגרעסיווע זאַצן זענען בלויז אַ אויסדרוק פון כעס — פּונקט ווי אין נאָרמאַלן אַרט לעבן וואָלט איך אויסגעלאָזט מיין כעס אין טופּען מיט די פיס אין אַ פאַרשלאָסענעם צימער, אָדער מיט זידלערייען הינטער דעם רוקן פון דער מוטער.

עס זענען אַוועק די טעג, ווען איך פלעג אורטיילן די מוטער צום שלעכטן.

איך בין געוואָרן קלוגער און די מוטערס נערוון האָבן זיך

אביסל באַרואיקט. מערסטנטייל שווייג איך ווען דער כעס ברענט אין מיר. אויך זי טוט אַזוי, און דעריבער גייט אַלץ, דאַכט זיך, אַ סך בעסער. ליב האָבן די מוטער אויפריכטיק, מיט ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט פון אַ קינד — דאָס קאָן איך נישט. עס פעלט מיר דאָס דאָזיקע געפיל.

איך באַרואיק מיין געוויסן מיט דעם געדאַנק, אַז עס איז בעסער וואָס איך האָב אויפגעשריבן די טענות אויפן פאַפיר, איידער צו צווינגען די מוטער זי זאָל עס טראָגן אין האַרצן.

דיין, אַ נ אַ

מיטוואָך, 5 יאַנואר 1944

טייערע קיטי,

היינט מוז איך מיך פאַר דיר מתוודה זיין וועגן צוויי זאַכן, וואָס וועלן אודאי פאָדערן אַ סך צייט, אָבער איך מוז זיי עמיצן דערציילן — און עס איז בעסער אַז איך זאָל דיר דערציילן, ווייל איך ווייס, אַז דו וועסט שטענדיק שווייגן, אין אַלע אומשטענדן.

די ערשטע זאַך איז בנוגע דער מוטער. דו ווייסט, אַז איך האָב מיך אַ סך באַקלאָגט אויף איר, אָבער איך האָב מיך תמיד באַמיט צו זיין קאָרעקט לגבי איר. פּלוצים איז מיר קלאָר געוואָרן וואָס עס פעלט איר. זי האָט אַליין געזאָגט, אַז זי זעט אין אונז מער פריינדינס ווי טעכטער. דאָס איז אמת, זייער פיין, אָבער אַ פריינדין קאָן נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ מוטער. איך ברויך האָבן אַ מוטער, איך זאָל קאָנען זען אין איר אַ מוסטער און זאָל איר קאָנען אָפּגעבן כבוד. כ'האָב דאָס געפיל, אַז מאַרגאָט זעט די אַלע זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדערע ליכט, און זי וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין די אַלע זאַכן וואָס איך שרייב דאָ. און דער פאָטער מיידט אויס יעדן שמועס וועגן דער מוטער.

איך שטעל מיר פאָר אַ מוטער אין געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס ווייזט אַרויס קודם כל זייער אַ סך טאַקט, באַזונדערס ווען אירע קינדער זענען אין אונזער עלטער — און נישט אַ מוטער ווי „מאַנס" איז, וואָס, ווען איך וויין, נישט פאַר ווייטיק, נאָר צוליב אַנדערע זאַכן, לאַכט זי מיך אויס.

אין זאַך האָב איך איר קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין, הגם די זאַך זעט אויס צו זיין נישט וויכטיק. דאָס איז געווען אין איינעם אַ טאָג, ווען איך האָב באַדאַרפט גיין צום ציין־דאָקטאָר. די מוטער און מאַרגאַט האָבן מיך באַגלייט, און מיר דערלויבט צו נעמען מיין פאַר־ראַד. ווען מיר האָבן געענדיקט ביים ציין־דאָקטאָר און געשטאַנען שוין ביי דער טיר, האָבן מיר מאַרגאַט און די מוטער געזאָגט, אַז זיי גייען אין שטאָדט אַריין עפּעס זען אָדער עפּעס קויפן — איך געדענק נישט גענוי. כ׳האָב געוואָלט גיין מיט זיי, אָבער זיי האָבן מיר נישט דערלויבט, ווייל כ׳האָב געהאַט מיט זיך דעם פאַר־ראַד. פאַר גרויס כעס זענען מיינע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן. מאַרגאַט מיט די מוטער האָבן פון מיר חוזק געמאַכט. כ׳בין אַזוי בייז געוואָרן, אַז כ׳האָב זיי אַרויסגעשטעלט אַ צונג אין מיטן גאַס. צופעליק איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען אַ פרוי פון נידריקן וווקס, וואָס האָט אויסגעזען זייער דערשראָקן. כ׳האָב מיך אויפגעזעצט אויפן פאַר־ראַד און אַהיים־געפאָרן. כ׳האָב געוויינט נאָך אַ לענגערע צייט. עס איז משונה׳דיק, אַז די ווונד וואָס די מוטער האָט מיר גורם געווען ברענט מיר נאָך, ווען איך דערמאָן מיך ווי שטאַרק כ׳בין געווען אין כעס אויף איר.

די צווייטע זאַך איז עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז שווער דאָס צו דערציילן, ווייל עס איז וועגן מיר אַליין.

נעכטן האָב איך געלייענט אַן אַרטיקל פון פרוי דאָקטאָר סיס הייסטער, וואָס האָט געשריבן וועגן מיידלעך, וועלכע האָבן אַ טבע רויט צו ווערן. זי רעדט אינם אַרטיקל אַזוי, ווי עס וואָלט געווען געשריבן פאַר מיר אַליין. הגם איך האָב נישט די טבע לייכט רויט צו ווערן, טרעפן די איבריקע ווערטער פונם אַרטיקל דווקא גענוי אין מיין אייגענער פּערזאָן. זי שרייבט, למשל, אַז אַ מיידל אין עלטער פון רייף־ווערן ווערט שטילער און איינגעהאַלטענער און הויבט אָן נאָכצוטראַכטן וועגן די אַלע ווונדערלעכע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין איר קערפּער.

אויך מיט מיר פּאַסירט עס, און אין דער לעצטער צייט האָב איך דאָס געפיל, אַז איך הויב מיך אָן צו שעמען פאַר מאַרגאַט,

דער מוטער און פֿאָטער. מאַרגאָט איז בכלל אַ סך שעמעוודיקע און דאָך איז זי נישט אַזוי צעטומלט ווי איך.

וואָס עס קומט פֿאָר אין מיר איז אַזוי וווּנדערלעך. אין מײַנע אויגן, און איך מיין נישט דווקא די פֿיזישע ענדערונגען וואָס זענען אונזעבאַר פֿאַרן אויג, נאָר דאָס וואָס עס קומט פֿאָר אין דעם אינערן פֿון מײַן קערפּער. דווקא דערפֿאַר וואָס איך רייד קיינמאָל נישט וועגן זיך און וועגן די זאַכן מיט עמיצן אַנדערש, מוז איך ריידן וועגן זיי מיט זיך אַליין.

יעדעס מאָל ווען איך באַקום די מענסטרואַציע — און דאָס האָט מיר ביז איצט פּאַסירט בלויז דריי מאָל — האָב איך דאָס געפֿיל אַז טראָץ דעם ווייטיק, אומאַנגענעמלעכקייט און עקל, טראָג איך אין מיר אַ זיסן סוד, און הגם דאָס איז מיר גורם בלויז אומבאַקוועמלעכקייט, קוק איך אויס מיט פֿרייד דעם מאָמענט, ווען איך וועל ווידער דערפֿילן אין מיר דעם דאָזיקן סוד.

אויסער דעם שרײַבט נאָך סיס הייסטער, אַז יונגע מיידלעך אין דעם עלטער זענען נישט זעלבסטזיכער, און אַז זיי הויבן אָן צו ענטדעקן, אַז זיי זענען מענטשן מיט זעלבסטשטענדיקע געדאַנקען, אייגענע אידייען און געוווינהייטן. אַזויווי כ'בין געקומען אַהער אַ קורצע צײַט נאָכן אַלט ווערן דרײַצן יאָר, האָב איך אָנגעהויבן אַליין אַרײַנצוקלערן אין מיר, אַ סך פֿריער ווי אַנדערע מיידלעך, און געקומען צום געדאַנק, אַז איך בין „אַ מענטש פֿאַר זיך". צײַטנווײַז, ווען איך ליג אין בעט אין אָוונט, פֿיל איך אַ שטאַרקע בגיגונג אָנצורירן מײַנע ברוסטן און פֿילן מיט וואָס פֿאַר אַ זיכערקייט און רואיקייט עס קלאַפּט מײַן האַרץ.

אינגם אונטערבאַוווסטזײַן האָב איך שוין געהאַט אַזעלכע געפֿילן, נאָך איידער כ'בין אַהער געקומען. כ'געדענק, ווען איך בין איינמאָל געשלאָפֿן בײַ מײַן חברטע, האָב איך דערפֿילט אַ שטאַרקן באַגער איר אַ קוש צו טאָן און כ'האָב עס אויך געטאָן. קעגן מײַן ווילן בין איך געוווען זייער נײַגעריק צו זען איר נאַקעטן קערפּער, ווײַל זי פֿלעגט זיך באַמיען צו פֿאַרדעקן דעם קערפּער און ווי אויסבאַהאַלטן אים פֿון מײַנע אויגן. כ'האָב איר פֿאָרגעשלאָגן, אַז אַלס צייכן פֿון פֿרײַנדשאַפֿט זאָלן מיר אָנרירן די ברוסטן איינע בײַ דער צווייטער, אָבער זי האָט נישט מסכים געווען דערצו. איך

פאַל אַריין אין התפּעלות יעדעס מאָל ווען איך זע אַ געשטאַלט פון אַ נאַקעטער פרוי, ווי למשל, די סקולפּטור פון ווענוס. צייטנווייז זעט די זאַך אויס אַזוי שיין און וווּנדערלעך אין מיינע אויגן, אַז איך קאָן קוים איינהאַלטן מיינע טרערן.

ווען איך וואָלט געהאַט אַ פריינדין!

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 6 יאַנואַר 1944

טייערע קיטי,

דער ווילן צו ריידן מיט עמיצן וועגן דעם האָט זיך אין מיר אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז כ׳האָב באַשלאָסן אויסצווויילן פּעטערן פאַר דעם צוועק.

ווען איך פלעג אַמאָל אין די טאָג־שעהן, זיין ביי פּעטערן אין זיין צימער, האָט ער מיר תמיד אויסגעזען אַזוי סימפּאַטיש. אָבער אַזוי־ווי פּעטער איז זייער אַ באַשיידענער, און ער וואָגט נישט אַוועקצוטרייבן עמיצן וואָס באַלעסטיקט אים, האָב איך נישט גע־וואָגט צו בלייבן ביי אים אַ לענגערע צייט. כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער באַלעסטיקט אים מיין אַנוועזנהייט. כ׳האָב געזוכט אַן אויס־רייד, כ׳זאָל קאָנען פאַרבלייבן אין זיין צימער נישט אַרויסרופנדיק קיין אויפמערקזאַמקייט, און שמועסן מיט אים — נעכטן איז געווען אַזאַ געלעגנהייט. פּלוצים האָט זיך אין פּעטערן דערוועקט אַ ליבע צו קרייץ־ווערטער, און גאַנצע טעג זוכט ער באַשייד פאַר זיינע רעטענישן. כ׳האָב אים צוגעהאָלפן אין דעם, ס׳איז נישט אַוועק קיין סך צייט און מיר זענען געזעסן איינער אַנטקעגן צווייטן ביי זיין טיש, ער אויפן בענקל און איך אויף דער סאָפע.

יעדעס מאָל ווען איך פלעג קוקן אין זיינע טונקל־בלויע אויגן, האָב איך געהאַט עפּעס אַ משונה׳דיק געפיל. ער איז געזעסן שטיל און אַ געהיימער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן. כ׳האָב געקאָנט לייענען וואָס עס טוט זיך אין זיין נשמה. כ׳האָב געזען אין זיין געזיכט אַ מין הילפלאָזיקייט און אַ נישט־וויסן ווי ער האָט זיך אויפצופירן, און דאַביי איז שוין קענטיק געווען אין אים עפּעס פון אַ מענלעכקייט־געפיל. כ׳האָב אָבסערווירט זיין שעמעוו־

דיקייט און מיין האַרץ איז ווייך געוואָרן. ווידער און נאָכאַמאָל האָב איך געקוקט אין זיינע טונקעלע אויגן און שיער זיך נישט געבעטן ביי אים: „כ׳בעט דיר, דערצייל מיר וואָס עס טוט זיך אין דיין האַרץ; כ׳בעט דיך, הער זיך נישט צו צו מיין אומ־גליקלעכער פלוידעריי".

אָבער דער אָוונט איז אַוועק און ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט, אחוץ דעם וואָס איך האָב אים דערציילט וואָס כ׳האָב געלייענט וועגן רויט ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים נישט דערציילט וואָס כ׳האָב געשריבן. נאָר אים געזאָגט בלויז, אַז אין לויף פון די יאָרן וועט ער באַקומען מער זעלבסטזיכערקייט.

אין אָוונט, ווען כ׳בין געלעגן אין מיין בעט און געטראַכט, האָט מיר מיין לאַגע נישט אויסגעזען זייער דערמונטערנדיק. דער געדאַנק, אַז כ׳דאַרף בעטן דעם חסד פון פּעטערן, האָט מיר אויס־געזען זייער אָפּשטויסנד. אמת, דער מענטש טוט זייער אַ סך כּדי צו דערפילן זיינע תאוות — ווי דו זעסט דאָס ביי מיר זעלבסט, ווייל כ׳האָב באַשלאָסן וואָס מער צו זיצן ביי פּעטערן און געפינען אַ וועג אַרויפצוברענגען אים אויף אַ געשפּרעך.

מיין נישט, אַז איך בין פאַרליבט אין פּעטערן. אפילו נישט קיין סימן דערפון! ווען די פאַמיליע וואן דאַן זאָל האָבן אַ טאָכטער אַנשטאָט אַ זון, וואָלט איך אויך געפּרווט זיך באַפריינדן מיט איר.

היינט אינדערפרי האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פינף מינוט פאַר זיבן, און כ׳האָב באַלד געוווּסט אויף זיכער וואָס כ׳האָב געחלומט. כ׳בין געזעסן אויף אַ שטול און קעגנאיבער מיר איז געזעסן פּע־טער...וועסעל. מיר האָבן געבלעטערט אין אַן אַלבום פון מארי באָס. אַזוי קלאָר איז געווען מיין חלום, אַז איך געדענק נאָך אַ טייל פון די אילוסטראַציעס. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ: דער חלום גייט נאָך ווייטער. פּלוצים האָבן זיך פּעטערס אויגן באַגעגנט מיט מיינע, און אַ לענגערע צייט האָב איך געקוקט אין זיינע ברוינע אויגן, וואָס זענען ווייך ווי סאַמעט. און דאַן האָט פּעטער געזאָגט מיט זייער אַ שטילער שטימע: „ווען איך וואָלט עס געוווּסט, וואָלט איך צו דיר געווען געקומען נאָך אַ סך פריער!" פּלוצים האָב איך מיך אויסגעדרייט, ווייל איך האָב נישט געקאָנט באַהערשן מיינע

געפילן. און דאַן האָב איך דערפילט אַ ווייכע באַק, אַזאַ קילע און גוטע, אויף מיין באַק, און עס איז געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט...

אין דעם מאָמענט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט, און איך פיל נאָך אַלץ זיין באַק אויף מיינער, און זיינע ברוינע אויגן קוקן אַריין אין מיין האַרצן און לייענען דאָרט, ווי שטאַרק איך האָב אים ליב געהאַט און ווי שטאַרק איך האָב אים נאָך אַלץ ליב. ווידער זענען מיינע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן און איך בין געווען זייער אומעטיק, וואָס כ׳האָב אים פאַרלוירן. כ׳בין אָבער אויך געווען זייער גליקלעך, ווייל כ׳האָב געוווּסט אויף זיכער, אַז פעטער איז נאָך דער אויסדערוויילטער פון מיין האַרץ.

עס איז משונהדיק, וואָס זייער אָפט זע איך אַזעלכע קלאָרע חלומות. פריער האָב איך געזען מיין באָבען, מיין פאָטערס מאַמע, אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז איך האָב געקאָנט געגוי אונטערשיידן די ווייכע סאַמעט־קנײשטן אויף איר הויט. נאָכהער איז געקומען צו מיר די צווייטע באָבע, מיין מוטערס מאַמע, ווי אַ מלאך אַ רעטער, און צום סוף איז געקומען ליס, וואָס איז פאַר מיר דער סימבאָל פון אַלע יסורים פון מיינע פריינדינס און פון אַלע יידן. ווען איך בעט גאָט פאַר איר, בעט איך פאַר אַלע יידן און אומ־גליקלעכע. און איצט פעטער, מיין טייערער פעטער. קיינמאָל האָב איך אים נישט געזען אַזוי דייטלעך ווי איצט. איך ברויך נישט זיין פאָטאָגראַפיע; איך זע אים פאַר מיינע אויגן, ווי ער וואָלט געווען דאָ מיט מיר!

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 7 יאַנואַר 1944

טייערע קיטי,

וואָס פאַר אַ נאַר איך בין! איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז כ׳האָב דיר קיינמאָל נישט דערציילט וועגן מיינע פאַרערער.

ווען כ׳בין נאָך געווען גאַנץ קליין, נאָך אין קינדערגאָרטן, האָב איך ליב געהאַט קאַרל סאַמסאָן. ער איז געווען אַ יתום נאָך זיין פאָטער און האָט געוווינט מיט זיין מוטער ביי אַ מומע. קאַרל

האָט געהאַט אַ קוזין, ער האָט געהייסן ראַבי — אַ שיין יינגעלע, שלאַנק, טונקל, שטענדיק האָט ער דערוועקט מער סימפּאַטיע פון אַט דעם קליינעם, דיקלעכן יינגל קאַרל. אָבער איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף שיינקייט, און אין משך פון יאָרן האָב איך ליב געהאַט דווקא קאַרלן.

אַ געוויסע צייט זענען מיר געווען צוזאַמען, אָבער אין אַל־געמיין איז מיין ליבע געווען אַן אינטויטיקע. און דעמאָלט איז דערשינען פּעטער און איך האָב מיך אויף אַן אמת פאַרליבט. אויך ער האָט מיט מיר סימפּאַטיזירט, און איין זומער זענען מיר כמעט תמיד געווען צוזאַמען. איך געדענק נאָך ווי מיר האָבן ביידע שפּאַצירט אין די גאַסן, האַנט אין האַנט, ער אין אַ אַנצוגל פון ווייסן לייוונט און איך אין אַ זומער־קליידל. ביים סוף פון די גרויסע פעריען איז ער אַריין אין דער ערשטער קלאַס מיטל־שולע און איך אין דער זעקסטער קלאַס פאָלקס־שול. ער פלעגט קומען מיך אָפּ־נעמען פון דער שולע, און איך פלעג קומען צו אים אין שולע אַריין. פּעטער איז געווען אַ שיין יינגל, הויכגעוויקסיק, שלאַנק, זיין געזיכט איז געווען ערנסט, רואיק און קלוג. די האָר טונקל, און די אויגן וווּנדערלעך ברוינע, ראָזע אָפּגעברענטע באַקן און אַ שפּיציקע נאָז. באַזונדערס האָב איך ליב געהאַט זיין לאַכן, ווייל ווען ער האָט געלאַכט, האָט ער אויסגעזען אַזוי שטיפעריש!

עס זענען אָנגעקומען די פעריען און איך בין אַרויסגעפאָרן אויסער דער שטאָדט, און ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך געוווּיר געוואָרן, אַז פּעטער איז אַריבער אין אַ נייער דירה. ער האָט איצט געוווינט צוזאַמען מיט אַ יינגל וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון אים. דאָס יינגל האָט אים, ווייזט אויס, געזאָגט, אַז איך בין נאָך אַ קינד, און פּעטער האָט מיך פאַרלאָזט. איך האָב אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, און נישט געוואָלט זיך מודה זיין אין דעם. איך האָב נישט אויפגעהערט אים נאָכצוגיין. ביז ס׳איז אין אַ איינעם אַ טאָג מיר קלאָר געוואָרן, אַז אויב איך וועל נישט אויפהערן אים נאָכצולויפן, וועט מען זאָגן אַז איך יאָג מיך נאָך יינגלעך. עס זענען אַוועק יאָרן, פּעטער איז געגאַנגען מיט מיידלעך פון זיין עלטער, און ער האָט מיך אפילו נישט געגריסט; איך האָב אים אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן. כ׳בין אַריבער אין דער

יידישער מיטל־שול; פיל ייִנגלעך האָבן זיך אין מיר פאַרליבט, און דאָס איז מיר זייער געפעלן און געווען אַ גרויסער כבוד פאַר מיר — אָבער דאָס איז מיך ווייניק אָנגעגאַנגען. נאָכהער האָט זיך האַרי פאַרליבט אין מיר, און איך האָב מיך, ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, אויך דאָסמאָל נישט פאַרליבט.

עס איז דאָ אַ שפּריכוואָרט: „די צייט היילט יעדע ווונד". אַזוי איז אויך געווען מיט מיר. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז כ'האָב פאַרגעסן פּעטערן און ער האָט אויפגעהערט מיר צו געפעלן. אָבער אינם אונטערבאַוווסטזיין האָב איך אים געדענקט, און צייטנווייז בין איך געווען געצוווּנגען מודה צו זיין פאַר זיך אַליין, אַז איך בין אייפער־זיכטיק אויף די אַנדערע מיידלעך וואָס ער גייט אַרום מיט זיי, און דעריבער געפעלט ער מיר נישט מער. היינט אינדערפרי האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. פאַרקערט: וואָס מער איך בין רייפער געוואָרן, איז אויך מיין ליבע געוואָרן רייפער. איצט קאָן איך עס פאַרשטיין, אַז איך בין געווען אַ קינד ביי פּעטערן אין די אויגן, און דאָך האָב איך מיך געפילט געטראָפן, זעענדיק אַז ער האָט מיך פאַרגעסן. כ'האָב געזען זיין געזיכט אַזוי דייטלעך — און איצט ווייס איך, אַז קיין אַנדערער וואָלט זיך נישט געקאָנט אַזוי פאַרוואָרצלען אין מיין האַרצן.

כ'בין נאָך אינגאַנצן צעמישט פון דעם חלום. ווען דער פאָטער האָט מיר אינדערפרי אַ קוש געטון, האָב איך געוואָלט אויסשרייען: „אַך, הלוואי וואָלסטו דאָס געווען, פּעטער!" די גאַנצע צייט טראַכט איך וועגן אים, און אַ גאַנצן טאָג זאָג איך מיר אין האַרצן: „אַך, פּעטער, טייערער פּעטער...!"

ווער קאָן דען מיר איצט העלפן? איך מוז פאָרזעצן מיין לעבן ווי ביז איצט, און בעטן גאָט, אַז ווען איך וועל אַרויס פון דאַנען, זאָל איך ווידער זיך באַגעגנען מיט פּעטערן, ער זאָל אַרויס־לייענען אין מיינע אויגן, וואָס עס טוט זיך אין מיין האַרץ און זאָגן: „אַך, אַנאַ, ווען איך זאָל געווען וויסן... וואָלט איך געקומען צו דיר נאָך אַ סך פריער!"

איך האָב אָנגעקוקט מיין פּנים אין שפּיגל, עס איז אַזוי פאַר־ענדערט געוואָרן. די אויגן זענען לויטער און טיף, די באַקן ראָז (שוין לאַנגע וואָכן אַזוי נישט געווען), מיין מויל זעט אויס אַ סך

ווייכער; איך זע אויס ווי כ'וואָלט געווען גליקלעך, און דאָך איז פאַראַן עפּעס אַזוי פיל טרויעריקס אין מיין אויסזען, ווי דער שמייכל וואָלט געהאַלטן אין אַראָפּגליטשן זיך פון מיינע ליפּן. כ'בין נישט גליקלעך, ווייל, מעג איך אפילו וויסן אַז פּעטער קלערט וועגן מיר, דאָך פיל איך די גאַנצע צייט דעם בליק פון זיינע שיינע אויגן אויף מיין געזיכט און זיין קילע און ווייכע באַק אויף מיינער.

אָך, פּעטעל, פּעטעל, ווי וועל איך דען קאָנען זיך באַפרייען פון דיין געשטאַלט? צי איז דען נישט יעדער אַנדערער אויף דיין פּלאַץ אַ נעבעכדיקער ערזאַץ? איך ליב דיך אַזוי שטאַרק, אַז מיין האַרץ קאָן מער נישט אויסהאַלטן, און דאָס געפיל מוז זיך אַרויסרייסן און זיך אַנטפּלעקן מיט דער גאַנצער קראַפט.

ווען מ'וואָלט מיך געפרעגט מיט אַ וואָך צוריק, נאָך נעכטן: „ווער פון דיינע באַקאַנטע געפעלט דיר אַמבעסטן, כדי מיט אים חתונה צו האָבן?" וואָלט איך געענטפערט: „כ'ווייס נישט". איצט וואָלט איך געשריען: „פּעטעל — ווייל אים ליב איך מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, מיט מיין גאַנצן וועזן" נאָר איין זאַך — ער טאָר מיך נישט אַנרירן: בלויז מיין פּנים.

דער פאָטער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן געשלעכטס-פּראָבלעמען, אַז איך קאָן נאָך נישט באַנעמען, וואָס עס איז אַזוינס גלוסטן. כ'האָב תמיד געוווּסט אַז איך באַנעם עס יאָ, און איצט בין איך זיכער אין דעם. קיין זאַך איז מיר נישט אַזוי טייער ווי ער, מיין פּעטעל!

דיין, אַ נ אַ

מיטוואָך, 12 יאַנואַר 1944

טייערע קיטי,

זינט צוויי וואָכן איז עלי ווידער ביי אונז. מיפּ און הענק זענען צוויי טאָג נישט געקומען צו דער אַרבעט — אַ מאָגן-פאַרדאַרבונג. ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ נייער שגעון: טאַנץ און באַלעט, און יעדן אָוונט מאַך איך פלייסיק איבונגען אין נייע טאַנץ-שריט. פון דער מוטערס אַ בלוי אונטערקליידל מיט אַ געקרויזטן זוים, האָב

איך מיר איבערגעמאַכט אַ זייער מאָדערן טאַנץ־קלייד. אויבן האָב איך צוגענייט אַ לענטע וואָס פאַרשליסט זיך איבער דער ברוסט; און אַ געפלאָכטענע לענטע פאַרענדיקט דאָס גאַנצע. אומזיסט האָב איך געפּרוווט פאַרוואַנדלען מיינע גימנאַסטיק־שיך אין אמתע באַלעט־שיך. מיינע פאַרשטייפטע גלידער ווערן ווידער עלאַסטיש ווי פריער. איין איבונג געפעלט מיר באַזונדערס: כ'זיץ אויפן דיל, האַלט אין יעדער האַנט אַ פּיעטע און הויב אויף ביידע פיס אין דער לופטן. כ'מוז אונטערשפּרייטן אַ קישן, ווייל אנדערש דריקט עס שטאַרק אויף מיין אָרעמען הינטן.

מיר לייענען דאָ איצט אַ בוך מיטן נאָמען „אַ פרימאָרגן אָן וואָלקנס". די מוטער זאָגט, אַז עס איז אויסערגעוויינלעך: עס באַהאַנדלט פיל יוגנט־פּראָבלעמען. כ'האָב מיר געטראַכט אין הארצן, מיט לייכטע איראָניע: „פאַרנעם זיך קודם כל מיט די אייגענע יוגנטלעכע".

עס דאַכט זיך מיר, אַז די מוטער מיינט, דאָס די באַציאונגען פון מיר און מארגאט מיט אונזערע עלטערן זענען די סאַמע בעסטע וואָס מען קאָן זיך נאָר פאַרשטעלן, און ס'איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין איבערגעגעבן דעם לעבן פון די קינדער אַזוי ווי זי. זיכער זעט זי בלויז מאַרגאטן אַליין, ווייל איך מיין, אַז מאַרגאט האָט נישט אַזעלכע פּראָבלעמען און געדאַנקען ווי איך. פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל נישט אויפדעקן פאַר דער מוטער, אַז אין די אויגן פון איינער פון אירע טעכטער זעט זי אַנדערש אויס ווי זי קלערט; זי וואָלט געוועזן דערשטוינט, און סייווי וואָלט זי נישט געוווּסט וואָס זי האָט צו טון. כ'וויל איר איינ־שפּאָרן דעם צער וואָס דאָס וואָלט איר פאַרשאַפט, באַזונדערס ווען איך ווייס, אַז דאָס וואָלט מיר קיין נוצן נישט געבראַכט.

די מוטער פילט, אמת, אַז מאַרגאט האָט זי מער ליב ווי איך, אָבער זי קלערט, אַז דאָס וועט מיט דער צייט זיך ענדערן! מאַרגאט איז געוואָרן אַזוי ליב; עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז אינגאַנצן אַנדערש ווי זי איז געוועזן פריער, זי איז שוין נישט מער אַזוי פאַרעטעריש — זי איז מיר געוואָרן אַן אמתע פריינדין. זי האָט אויפגעהערט צו זען אין מיר אַ קליין מיידעלע, וואָס מ'דאַרף זיך מיט איר קיין סך נישט רעכענען.

עס איז משונהדיק: אַמאָל זע איך מיט די אויגן פון אַ צווייטן. איך זיץ מיר געמיטלעך און טראַכט אַריין אין די ענינים פון איינער „אַנאַ״ און כ׳בלעטער אינם בוך פון מיין לעבן, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ בוך פון אַ פרעמדן. אַמאָל, אינדערהיים, ווען כ׳פלעג נאָכנישט אַזוי פיל נאָכטראַכטן, האָב איך צייטנווייז געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב קיין שום שייכות נישט צו דער מוטער, פאָטער און מאַרגאַט, און אַז שטענדיק וועל איך זיין אַן אויסנאַם. אַמאָל האָב איך געשפּילט די ראָל פון אַ יתומה, ביז איך האָב מיך אַליין באַשטראָפט און מיך אַליין אָנגעזידלט — אַז איך בין אַליין שולדיק אין דעם, וואָס איך שפּיל די ראָל פון איינער וואָס ליידט און איז באַוועלט. בעת אין אמתן פעלט מיר גאָרנישט. שפּעטער איז געקומען אַ תקופה, ווען איך האָב מיך געצוווּנגען צו זיין ליבנסווירדיק. יעדן אינדערפרי, ווען עמיצער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, האָב איך דערוואַרט אַז עס איז די מוטער און זי וועט מיר זאָגן „גוטמאָרגן״. און איך האָב איר אַנטקעגנגעטראָגן אַ ליבליכע באַגריסונג, איך האָב מיך באמת געפרייט וואָס זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ ליבשאַפט. אָבער שפּעטער, צוליב דער אָדער יענער באַמערקונג — איז זי בייז געוואָרן — און דעמאָלט בין איך אַוועק אין שולע אינגאַנצן אַ פאַרצווייפלטע. גייענדיק צוריק אַהיים האָב איך מיר געפּרווּוט אויפקלערן איר אויפפירונג, כ׳האָב מיר געטראַכט, אַז זי האָט אודאי אירע אייגענע דאגות, כ׳בין אַהיימגעקומען אין אַ גוטער שטימונג, אַ סך גערעדט — ביז די זאַך האָט זיך איבערגעחזרט, און ווידער האָב איך גענומען מיין שול־טעקע און בין אַרויס אַ פאַרקלערטע. ס׳האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז כ׳האָב באַשלאָסן אין הארצן מיט איר זיך נישט איבערצוּבעטן, אָבער ווי איך בין נאָר געקומען פון דער שולע אַהיים, האָב איך געהאַט אַזוי פיל נייעס צו דערציילן, אַז איך האָב פאַרגעסן מיין באַשלוס און כ׳האָב געצוווּנגען די מוטער אויסצוהערן אַלע מיינע דערציילונגען. און דאַן איז געקומען אַ תקופה, וואָס כ׳האָב אויפגעהערט זיך צוצוהערן אינדערפרי צו די טריט אויף די טרעפּ, און כ׳האָב מיך געפילט עלענט, און אין אָוונט האָב איך פייכט געמאַכט די קישנ׳ס מיט טרערן.

און דאָ איז אַלץ געוואָרן אַ סך ערגער, דו ווייסט דאָך.

איצט האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ טרייסט אין די אַלע שווע־ריקייטן. „פעטער"...

איך ריר אָן דעם שנור קרעלן אויף מיין האַלדז, איך קוש אים און זאָג מיר אין האַרצן: „וואָס אַרט עס מיך? עס איז מיין פעטער, און קיין מענטש ווייסט נישט דערפון". אַזוי אַרום בין איך אומשטאַנד איבערצוקומען יעדן פאָרוואורף און טענה צו מיר.

אַך, ווער ווייסט דען וואָס עס קומט פאָר אין דער נשמה פון אַ רייף־ווערנדיק מיידל!

דיין, אַנאַ

שבת, 15 יאַנואַר 1944

טייערע קיטי,

עס האָט קיין טעם נישט דיר צו שילדערן אונזערע קריגערייען און דיסקוסיעס מיט אַלע איינצלהייטן. גענוג, אַז איך וועל דיר דערציילן, דאָס מיר האָבן דאָ צווישן אונז פאַרטיילט פיל זאַכן, ווי פעטס, פוטער און פלייש, און איצט פרעגלען מיר אַליין אונזערע קאַרטאָפל. שוין אַ שטיק צייט ווי מיר עסן אַ שטיקל שוואַרץ ברויט אויסער די מאָלצייטן, ווייל שוין פון פיר אַ זייגער האָבן מיר אָנגעהויבן צו וואַרטן אומגעדולדיק אויפן קינפטיקן מאָלצייט, און כמעט נישט געקאָנט איינשטילן די רוישנדיקע מאָגנס.

אין קורצן וועט זיין די מוטערס געבורטסטאָג זי האָט באַקומען פון קראַלערן אַ ספּעציעלע פּאָרציע צוקער, און דאָס האָט אַרויס־גערופן קנאה ביי דער פאַמיליע וואַן דאַן, ווייל צום געבורטסטאָג פון דער מאַדאַם האָט זי נישט באַקומען דעם כיבוד. אָבער צו וואָס זאָל מען דערצערנען איינע די אַנדערע, מיט האַרבע ווער־טער, מיט געוויין־אויסברוכן און דענערווירנדיקע דיסקוסיעס? גלויב מיר, קיטי — אונז דענערווירן די ענינים נאָך מער. די מוטער האָט אויסגעדרוקט אַ פאַרלאַנג, וועלכן מען קאָן פאַרלויפיק נישט דערפילן: אַז זי וואָלט אין משך פון צוויי וואָכן געקענט נישט זען די פאַמיליע וואַן דאַן.

נישט איינמאָל פרעג איך זיך אַליין, צי איז עס אַ נויטווענ־דיקייט זיך צו קריגן מיט אַלע מענטשן, וואָס מיר וווינען מיט זיי

אַזאַ לאַנגע צייט? און אפשר דווקא האָבן מיר נישט געהאַט קיין מזל? צי איז די מערהייט מענטשן אַזוי עגאָיסטיש און קאַרג? גוט וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אַביסל צו דערקענען מענטשן — אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב שוין גענוג געלערנט. די מלחמה דויערט טראָץ אַלע אונזערע קריגערייען און טראָץ אונזער בענקשאַפט צו פרייהייט און פרישע לופט, דעריבער דאַרפן מיר פּרווון זיך איינאָרדנען ווי ווייט מעגלעך, כל זמן עס איז אונז באַשערט צו לעבן דאָ. איך האָב זיך דאָס צעשריבן אַביסל, עס דאַכט זיך מיר אָבער, אַז אויב איך וועל נאָך דאָ דאַרפן בלייבן אַ לאַנגע צייט, וועל איך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויסגעטרוקנטן שטעקן. און איך וויל אַזוי זיין באמת אַ יונג מיידל!

דייז, אַנאַ

שבת, 22 יאַנואַר 1944

טייערע קיטי,

אפשר קאָנסטו מיר זאָגן, פאַרוואָס באַמיען זיך מענטשן מיט אַזויפיל זאָרג צו פאַרבאָרגן דאָס, וואָס עס טוט זיך אין זייער האַרץ? און פאַרוואָס, ווען איך בין אין געזעלשאַפט, פיר איך מיך תמיד אויף אַנדערש ווי איך וואָלט באַדאַרפט זיך אויפפירן?

פאַרוואָס האָבן נישט די מענטשן קיין צוטרוי איינער צום צווייטן? זיכער איז פאַראַן אַ סיבה דערצו, אָבער אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז שלעכט, וואָס עס פעלט צוטרוי צווישן מענטשן. און אפילו ביי די סאַמע נאָנטסטע.

עס דאַכט זיך מיר, אַז זינט מיין חלום ביינאַכט בין איך רייפער געוואָרן, כ'בין געוואָרן אַ סך מער „אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש!". וועסט זיך אודאי וואונדערן צו הערן, אַז אפילו די פאַמיליע וואן דאַן פאַרנעמט איצט אין מיין האַרצן אַ גאַנץ אנדערן פּלאַץ. כ'האָב אויפגעהערט זיך צו באַציען איינזייטיק צו אַלע אונזערע ויכוחים ווי עס איז געווען פריער.

ווי אַזוי איז פאַרגעקומען ביי מיר די דאָזיקע ענדערונג? פּלוצים האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ווען די מוטער וואָלט געווען אַביסל אַנדערש ווי זי איז, ווען זי זאָל זיין אַן אמתע מאַמע,

וואָלט דאָס געענדערט די באַציאונגען צווישן אונז. עס איז אמת, אַז פּרוי וואַן דאַן, איז נישט אַזאַ סימפּאַטישער מענטש; דאָך דענק איך, אַז מ'וואָלט געקאָנט אויסמיידן אַ העלפט פון די קריגערייען, ווען נישט דאָס, וואָס אויך די מוטער איז שווער צו צוימען, ווען דאָס געשפּרעך ווערט אַביסל שאַרפער.

פּרוי וואַן דאַן האָט איין מעלה — מ'קאָן מיט איר שמועסן. טראָץ איר עגאָיזם, קאַרגשאַפט און מאַנגל פון יושר־געפיל ביי איר, איז לייכט זי צו באַוועגן, אַז זי זאָל נאָכגעבן, אויב מ'גיט אַכט אויף דעם מ'זאָל זי נישט אויפרעגן און נישט אַרויסרופן ביי איר קיין עקשנות. דאָס העלפט נישט, אמת, יעדעס מאָל, אָבער אויב דו ביסט געבענטשט מיט געדולד, קאָנסטו נאָכאַמאָל פּרוון.

אַלע אונזערע דערציאונגס־פראַגן, דאָס פּיעשטשען זיך, דאָס עסן, אַלץ וואָלט זיך געלאָזט פירן אויף אַן אַנדער אופן, ווען מיר זאָלן זיין מער אויפריכטיק און פריינדלעך, און מיר וואָלטן נישט געזען בלויז די שלעכטע זייטן.

איך ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן קיטי: „אָבער, אַנאַ, דו זאָגסט עס די דאָזיקע ווערטער? דו וואָס האָסט שוין געהערט אַזויפיל האַרבע ווערטער פון די מענטשן אויבן; דו וואָס ווייסט, וועלכע עוולות עס ווערן אָפּגעטון?” און דאָך — איך זאָג עס אַזוי.

איך וויל דעם ענין פונדאָסניי אויספאָרשן, און נישט לויט דעם שפּריכוואָרט „ווי עס זינגען די אַלטע, אַזוי צוויטשערן די יינגע”. איך וויל אַליין אונטערזוכן דעם ענין וואַן דאַן און זען וואָס איז אמת און וואָס איז איבערטריבן. אויב איך וועל מיך אַנטוישן, וועל איך ווידער זיך קאָנען שטעלן ביי דער זייט פון פאָטער און מוטער; און אויב נישט וועל איך פּריער פּרובירן אויפצווייזן זייער טעות, און אויב דאָס וועט מיר נישט געלונגען, וועל איך אַליין זיך האַלטן ביי מיין מיינונג. איך וועל אויסנוצן יעדע געלעגנהייט צו ריידן אָפן מיט פּרוי וואַן דאַן וועגן יעדן ענין וואָס רופט אַרויס אַ קריי־גערייי, און איך וועל נישט מורא האָבן איר צו זאָגן, אַז איך בין נייטראַל, אפילו ווען מ'וועט זאָגן אויף מיר, אַז איך רייד זיך איין, דאָס איך ווייס אַלץ בעסער.

כ'מוז נישט דווקא זיין קעגן מיין משפּחה, אָבער פון היינט אָן וועל איך מער זיך נישט באַטייליקן אין רכילות־טרייבן.

ביז איצט בין איך געווען איבערצייגט, אַז די פאַמיליע וואַן דאַן איז שולדיק אין אַלע קריגערייען, אָבער איצט האַלט איך, אַז אַ טייל פון דער שולד ליגט אויך אויף אונז. מיר האָבן רעכט געהאַט אין באַצוג צו די טעמעס פון די קריגערייען, אָבער פון מענטשן מיט פאַרשטאַנד (און מיר האַלטן זיך דאָך פאַר מענטשן מיט פאַרשטאַנד!) דאַרף מען דערוואַרטן אַביסל מער פאַרשטענדניש אין באַציאונגען מיט מענטשן. איך האָף, אַז איך האָב מיר דערוואָרבן אַביסל פון אָט דעם פאַרשטענדניש, און איך וועל געפונען אַ געלעגנהייט זיך צו באַנוצן מיט דעם.

דיין, אַנאַ

מאנטיק, 24 יאַנואר 1944

טייערע קיטי,

ס׳האָט מיר עפּעס פּאַסירט (אָדער, אייגנטלעך, קאָן איך נישט זאָגן אַז עס האָט פּאַסירט), וואָס זעט אויס משונהדיק אין מיינע אויגן.

אַמאָל אינדערהיים און אין דער שולע, פלעגט מען ריידן וועגן געשלעכטס־פּראָבלעמען ווי וועגן עפּעס אַ מיסטישן ענין, אָדער אין אַ פאָרם וואָס רופט אַרויס אַן עקל. ווערטער וואָס האָבן אַ שייכות מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען האָט מען אַרויסגערעדט שטיל, און נישט איינמאָל האָט מען חוזק געמאַכט פון דעם וואָס האָט נישט געהאַט קיין אנונג אין די זאַכן. דאָס האָט אויסגעזען משונהדיק אין מיינע אויגן און איך האָב מיר געזאָגט אין האַרצן: „פאַרוואָס רעדט מען וועגן די דאָזיקע זאַכן אין אַזאַ סודות׳דיקער אָדער נישט שיינער פאָרם?” אָבער אזוי ווי ס׳איז געווען אוממעגלעך די זאַך צו ענדערן, האָב איך מיך נוהג געווען צו שווייגן, און אַמאָל האָב איך געבעטן אַביסל אינפאָרמאַציע וועגן דעם ביי מיינע פריינדינס.

נאָכדעם ווי איך האָב שוין געוווסט אַ סך, און אויך גערעדט וועגן דעם מיט מיינע עלטערן, האָט די מוטער מיר איינמאָל געזאָגט: „אַנאַ, איך וועל דיר געבן אַ גוטע עצה — רייד נישט אויף דער טעמע מיט יינגלעך, און ענטפער זיי נישט ווען זיי וועלן אָנ־

הויבןריידן וועגן דעם". איך געדענק גענוי וואָס איך האָב געענט־פערט: „ניין, פאַרשטייט זיך אַז ניין! וואָס דען?"

און אַזוי איז עס געבליבן.

די ערשטע צייט אין באַהעלטעניש האָט דער פאָטער אָפט דערציילט וועגן זאַכן, וואָס כ'וואָלט מער גערן געוואָלט הערן פון דער מוטער, און דאָס איבריקע בין איך געוויר געוואָרן פון ביכער אָדער פון געשפּרעכן. פעטער וואן דאן איז קיינמאָל נישט געווען צודרינגלעך אויף דעם געביט, ווי די יינגלעך אין שולע — צוערשט האָט ער גערעדט וועגן דעם איינמאָל אָדער צוויי, אָבער נישט כדי מיך צו באַוועגן צו אַ שמועס.

פרוי וואן דאן האָט אונז אַמאָל געזאָגט, אַז זי האָט קיינמאָל מיט פעטערן נישט גערעדט וועגן די דאָזיקע זאַכן, און ווי ווייט זי ווייסט, אויך איר מאַן נישט. ווי עס זעט אויס, האָט זי אויך נישט געוווסט, וואָס פעטער ווייסט וועגן דעם און וואָס נישט.

נעכטן האָבן מיר מאַרגאָט, פעטער און איך, געשיילט קאַר־טאָפל און אָנגעהויבן ריידן וועגן מאַפּי. „מיר ווייסן נאָכנישט, צו וואָס פאַר אַ געשלעכט ס'געהערט מאַפּי", האָב איך געזאָגט.

„יאָ", האָט געזאָגט פעטער. „ער איז אַ זכר". כ'האָב מיך צעלאַכט. „אַ שוואַנגערער זכר", האָט איך געזאָגט. פעטער און מאַרגאָט האָבן געלאַכט פון דעם לעכערלעכן טעות. מיט אַ מאָנאַט אָדער צוויי פאַר דעם האָט פעטער פעסטגעשטעלט, אַז עס וועט נישט אַריבער קיין סך צייט און מאַפּי וועט זיך קעצלען, ווייל איר בויך ווערט אַלעמאָל דיקער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס דיק־ווערן אירס קומט פון געגנבעטע שטיקלעך פלייש, און די קעצלעך זענען בכלל נישט אויסגעוואַקסן, און אודאי אויך נישט געבוירן געוואָרן.

איצט האָט פעטער איינגעזען, אַז ער מוז זיך פאַרטיידיקן. „ניין", האָט ער געזאָגט. „אויב דו ווילסט, קום מיט מיר, וועסטו זיך איבערצייגן — כ'האָב מיך איינמאָל געשפּילט מיט מאַפּי און כ'האָב גוט געזען אַז ער איז אַ זכר".

כ'האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן מיין בייגיריקייט און בין געגאַנגען מיט אים אין מאַגאַזין אַריין. מיר זענען אָבער געקומען, ווייזט אויס, נישט אין די אויפנעם־שעהן פון מאַפּי. מיר האָבן אים

נישט געפונען. עס איז אונז געוואָרן קאַלט און מיר זענען ווידער אַרויסגעגאַנגען אויף די טרעפּ. נאכהער האָב איך געהערט פעטערן ווידער אַראָפּגיין. כ'האָב מיך אָנגענומען מיט מוט, ווייל עס איז געווען פאַר מיר אַ גאַנצע אונטערנעמונג אַליין דורכצוגיין דאָס גאַנצע אין שטילקייט איינגעהילטע הויז, און איך בין אַריין אין מאַגאַזין. מאַפּי איז געשטאַנען אויפן פּאַק־טיש און זיך געשפּילט מיט פעטערן, וואָס האָט אים אַרויפגעלעגט אויפן וואָגשאָל, צו זען וויפל ער וועגט.

„ווילסטו זען?" — און אָן לאַנגע הכנות האָט ער אויפגעהויבן די קאַץ, אויסגעדרייט זי אויפן רוקן, אָנגענומען ביים קאָפּ און ביי די פיס — און די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן. „דאָס איז דער מענלעכער גליד, אָט איז אַביסל האָר, און דאָס איז דער הינטן". די קאַץ האָט געמאַכט אַ האַלבע ווענדונג און ווידער זיך געשטעלט אויף זיינע ווייסע פיס.

ווען אַן אַנדער ייִנגל וואָלט מיר געוויזן דעם „מענלעכן גליד", וואָלט איך מער נישט גערעדט מיט אים. אָבער פעטער האָט פאַר־געזעצט און גערעדט מיט פּשטות איבער דער דעליקאַטער טעמע, און נישט געהאַט דערביי קיין שום גראָבע נעבן־כוונות; און ער האָט מיך אַזוי ווייט באַרויִקט, אַז איך האָב אויך פריי און נישט זשענירט גערעדט וועגן דעם. מיר האָבן זיך געשפּילט מיט מאַפּי, געשמועסט, און נאָכדעם זענען מיר אַדורכגעגאַנגען דאָס גרויסע פּאַק־צימער ביז צו דער טיר.

„ווען איך וויל עפּעס וויסן, געפין איך תמיד די זאַך צופעליק אין אַ בוך", האָב איך געזאָגט. „און דו?"

„איך פרעג אויבן. מיין פאָטער ווייסט מער פון מיר, און ער האָט מער פּראַקטיק אין די דאָזיקע זאַכן".

מיר זענען שוין געשטאַנען אויף די טרעפּ, און איך האָב אויפגעהערט ריידן.

„יעדע זאַך קאָן זיך איבערקערן", ווי עס האָט געזאָגט ברעדרא*. יאָ, באמת. אַזוי פּשוט וואָלט איך נישט געקאָנט ריידן וועגן דעם אפילו מיט אַ מיידל. און איך ווייס, אַז נישט דאָס האָט

---

* ברעדרא — אַ האָלענדישער דראַמאַטורג פון 17 יאָרהונדערט.

געמיינט די מוטער, ווען זי האָט מיך געוואָרנט פאַר יינגלעך. טראָץ אַלעמען בין איך דעם גאַנצן טאָג געווען אַביסל צעמישט, און ווען איך האָב נאָכגעקלערט וועגן אונזער געשפרעך, האָט עס דאָך אויסגעזען משונהדיק אין מיינע אויגן. אָבער מיט איין זאַך, לפחות, בין איך קלוגער געוואָרן: עס זענען פאַראַן יונגע מענטשן, אפילו פונם צווייטן געשלעכט, וואָס קאָנען ריידן אויף אַ נאַטירלעכן אופן און אָן שפּאָס.

צי פרעגט פעטער אַ סך וועגן די דאָזיקע זאַכן ביי זיינע עלטערן? איז ער באמת אַזאַ — ווי ער האָט מיר נעכטן אויסגעזען?

אַך, וואָס ווייס איך!!!

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 27 יאַנואַר, 1944

טייערע קיטי,

אין דער לעצטער צייט האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ שטאַרקע פאַרליבע פאַר דעם משפחה־יחוס פון קעניגלעכע דינאַסטיעס, און איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז אויב מ'הויבט אָן נאָכפאָרשן אין דעם — מוז מען זיך פאַרטיפן אין די ענינים פון דער פאַרגאַנגענהייט, און יעדעס מאָל קומט מען צו מער אינטערעסאַנטע ענטדעקונגען.

הגם איך בין זייער פלייסיק ביים לערנען, און איך פאַרשטיי כמעט אַלץ אין די ענגלישע אוידיציעס, גיב איך מיך אָפּ, מערסטנס זונטיק־טעג מיטן סאָרטירן מיין זאַמלונג פון פילם־שטערנס, און די זאַמלונג איז שוין געוואָרן גרויס.

הער קראַלער דערפרייט מיין האַרץ יעדן מאָנטיק — ער ברענגט מיר דאָן דעם לעצטן נומער פון „קינאָ און טעאַטער". אַ טייל פון אונזערע הויז־מענטשן זענען נישט אַזוי געשפּאַנט צו וויסן וואָס עס קומט פאָר אין דער געזעלשאַפט אין דרויסן, און זיי קוקן אויף דעם ווי אויף געלט־אויסברענגעריי: דאָך זענען זיי תמיד איבעראַשט זעענדיק, אַז אפילו נאָך אַ יאָר קאָן איך אָנרופן ביים נאָמען יעדן איינעם פון די וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אַ געוויסן פילם. עלי, וואָס גייט אָפט, אין פרייען־צייט, מיט איר

פריינט אין קינאָ, זאָגט מיר יעדן שבת, וועלכע פילמען מ׳וועט געבן, און באַלד רעכן איך איר אויס די נעמען פון די הויפּט־אַנטיילנעמער אין פילם, און זאָג איר וואָס די רעצענזענטן האָבן געשריבן וועגן דעם פילם. נישט לאַנג צוריק האָט מיין מוטער געזאָגט, אַז ווען איך וועל אַרויס פון דאַנען, וועל איך שוין נישט דאַרפן גיין אין קינאָ, ווייל איך געדענק סיי ווי דעם אינהאַלט, די פילם־שטערן, ווי אויך די קריטיק פון יעדן פילם.

ווען איך באַווייז זיך אַמאָל מיט אַ נייער פריזור, שטעלן אַלע אַן בייזע בליקן אויף מיר, און שטענדיק ווייס איך, אַז עמיצער וועט פרעגן, וועלכע פילם־אַרטיסטן טראָגט אַזאַ פריזור, און ווען איך זאָג, אַז דאָס איז מיינער אַן אייגענער איינפאַל, ווילן זיי מיר נישט גלויבן.

און וואָס שייך דער פריזור: סיידוי בלייבט זי נישט מער ווי אַ האַלבע שעה, ס׳ווערט מיר נמאס די אומגינסטיקע קריטיק אַזוי ווייט, אַז איך גיי גיך אַריין אין וואַש־צימער און מאַך מיר ווידער די געוויינלעכע שטוב־גאָרטן־און־קיך פריזור מיינע.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 28 יאַנואַר 1944

טייערע קיטי,

היינט אינדערפרי האָב איך מיך געפרעגט, צי דו האָסט נישט אַ געפיל פון אַ קו, וואָס איז תמיד מעלה־גירה און האַלט אין איין איבערקייען די אַלטע נייעס, ביז זי הויבט אָן צו געניצן פון דעם שוין צוגעגעסענעם מאכל און בעט ביי זיך טיף אין האַרצן, אַז אַנאַ זאָל דיר ענדלעך דערציילן עפּעס נייעס.

ווירקלעך, כ׳ווייס, אַז די אַלע אַלטע זאַכן לאַנגווייליקן דיך, אָבער שטעל דיר פאָר, ווי עס לאַנגווייליקן מיך אַליין אַלע יאָרן אָט די אַלטע זאַכן. די געשפּרעכן ביים טיש, אויב מען רעדט נישט וועגן פּאָליטיק אָדער וועגן אַ פעטן מאָלצייט, ווייסן מיר אויף זיכער, אַז די מוטער אָדער פרוי וואַן דאַן וועלן ווידער אַרויפברענגען עפּעס אַ יוגנט־דערציילונג, וועלכע זיי האָבן שוין דערציילט אַ סך מאָל, אָדער דיסעל וועט זיך צעגיסן ביים שילדערן

די איבערפולטע קליידער־שאַנק פון זיין פרוי, אָדער ער וועט פלוידערן וועגן שיינע פערד־געיעגן, וועגן רודער־שיפלעך, וועגן פיריעריקע קינדער וואָס קאָנען שוין שווימען; וועגן מוסקולן־וויטיק און וועגן צעשראָקענע פּאַציענטן. מיט איין וואָרט, ווען איינער פון די אַכט הויבט אָן עפּעס צו דערציילן, קאָנען די אַנדערע זייער לייכט שוין אַליין פאַרענדיקן זיין דערציילונג. מיר ווייסן שוין פון פאָרויס דעם „פעפער״ פון יעדן וויץ און דער דערציילער לאַכט איינער אליין פון זיין „חכמה״. די מילכיקער, שפּייז־קרעמער און קצבים פון די פאַרשידענע בעל־הביתטעס, זיי אַלע זענען מיר אין אונזער פאַנטאַזיע ווי מענטשן וואָס האָבן שוין לאַנגע בערד; ווייל אומצייליקע מאָל, האָט מען זיי שוין געלויבט אָדער פאַר־אורטיילט ביים טיש. קיין זאַך וואָס דינט אַלס טעמע צו אַ שמועס אין באַהעלטעניש איז נישט מער ניי און פריש.

דאָס אַלץ וואָלט מען נאָך געקאָנט אריבערטראָגן, ווען נישט דאָס וואָס די דערוואַקסענע זענען זיך נוהג איבערצוחזרן אַ מאָל צען וואָס זיי האָבן געהערט פון קאפהויז, הענק אָדער מיפּ, און „צופּוצן״ די דערציילונג מיט זייער אייגענעם איינפאַל, אַזוי, אַז נישט איינמאָל מוז איך מיך קנייפּן אין אָרעם אונטערן טיש, כדי איינצוהאַלטן דעם חשק צו זאָגן דעם באַגייסטערטן דערציילער, אַז ער איז זיך טועה. קליינע קינדער ווי אַנאַ טאָרן נישט קאָרעגירן די ווערטער פון די דערוואַקסענע, אפילו ווען זיי האָבן אַ טעות, דערציילן נישט גענוי, אָדער טראַכטן אויס נישט געשטויגענע זאַכן.

איין טעמע, וועגן וועלכער קראַלער און הענק הערן נישט אויף צו דרעשן איז — באַהעלטעניש און אויסבאַהאַלטענע. זיי ווייסן גוט, אַז אַלץ וואָס איז נוגע אַנדערע באַהאַלטענע דערוועקט אין אונז גרויס אינטערעס, און אַז מיר האָבן מיטלייד מיט באַהאַל־טענע וואָס ווערן געכאַפּט. ווי פרייען מיר זיך, ווען געפאַנגענע ווערן באַפרייט.

באַהעלטענישן און אונטערגרונט זענען געוואָרן געוויינלעכע באַגריפן, ווי די שטעק־שיך פון פאָטער וואָס זענען אַמאָל געשטאַ־נען ביים אויוון. עס זענען פאַראַן אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי למשל „דאָס פרייע האָלאַנד״, וואָס מאַכן פאַלשע „אידענטיטעטס־צייגנישן״,

פֿאַרזאָרגן מיט געלט די באַהאַלטענע, גרייטן צו באַהעלטענישן און פֿאַרזאָרגן מיט ארבעט קריסטלעכע ייִנגלעך וואָס באַהאַלטן זיך אויס; ווירקלעך, גרויס און איידל איז די אַרבעט וואָס עס טוען מענטשן, וועלכע ריזיקירן זייער לעבן, כדי צו העלפֿן אַנדערע און זיי צו ראַטעווען. דער בעסטער בײַשפּיל זענען אונזערע אייגענע העלפֿער, וואָס האָבן אונז ביז איצט געהאָלפֿן, און לאָמיר האָפֿן, אַז זיי וועלן אונז בײַשטיין אין דער נויט ביז צום סוף, זייער גורל זאָל נישט זײַן ווי דער גורל פֿון יענע וואָס די דײַטשן זוכן זיי. קיינמאָל האָבן מיר נישט געהערט פֿון זיי אַפֿילו אַ ווונק וועגן דער מי און לאַסט וואָס מיר זענען זיי גורם; קיינמאָל האָט זיך קיינער פֿון זיי נישט באַקלאָגט, אַז מיר פֿאַלן זיי צופֿיל צו לאַסט.

יעדן טאָג קומען זיי אַרויף צו אונז, ריידן מיט די מענער וועגן געשעפֿטן און פּאָליטיק, מיט די פֿרויען וועגן עסן און מלחמה־ליידן, מיט די קינדער וועגן ביכער און צײַטונגען. זיי באַמיען זיך צו מאַכן פֿריילעכע געזיכטער. ברענגען אונז בלומען און מתּנות צום געבורטס־טאָג און יום־טובֿים, און זיי זענען שטענדיק גרייט אונז מיט עפּעס צו דינען. דאָס טאָרן מיר קיינמאָל נישט פֿאַר־געסן; ווײַל אויב אַנדערע מענטשן ווײַזן אַרויס מוט אין דער מלחמה קעגן די דײַטשן, באַווײַזן אונזערע העלפֿער העלדישקייט פֿרײַוויליק און גערן, אויס ריינער מענטשן־ליבע.

משונהדיקע קלאַנגען גייען דאָ אַרום, און דאָך זענען זיי, אין אַלגעמיין, באַגרינדעט אויף פֿאַקטן. די וואָך האָט אונז, צום בײַ־שפּיל, קאָפּהויז דערציילט, אַז אין עלדערלאַנד האָבן זיך פֿאַר־מאָסטן צוויי גרופּעס פֿוטבאָל־שפּילער. איין גרופּע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון לויטער אויסבאַהאַלטענע, און די צווייטע איז באַשטאַנען פֿון עלף זשאַנדאַרן. אין הילווערסום פֿאַרטיילט מען נײַע שפּײַז־קאַרטן; כדי אויך די פֿיל אויסבאַהאַלטענע זאָלן באַקו־מען זייער צוטיילונג פֿון שפּײַז, האָבן די אָרגאַניזאַציע־באַאַמטע אײַנגעלאַדן אַלע באַהאַלטענע אין דער געגנט אויף אַ באַשטימטער שעה, און דאָרט האָבן זיי באַקומען זייערע פּאַפּירן בײַ אַ באַזונדער טיש. מ׳דאַרף, פֿאַרשטייט זיך, זײַן פֿאָרזיכטיק, אַז די דאָזיקע דערציילונגען זאָלן נישט דערגיין צו די דײַטשן.

דײַן, אַנאַ

דאָנערשטיק, 3 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

דער אינוואַזיע־פיבער פאַרשטאַרקט זיך אין לאַנד, און ווען דו וואָלסט געווען דאָ מיט אונז, וואָלסטו אודאי געווען באַאיינדרוקט פונקט ווי מיר פון די פאַרבערייטונגען. אָבער פון דער צווייטער זייט וואָלסטו חוזק געמאַכט פון דעם טומל וואָס מיר מאַכן, ווייל מעגלעך אַז עס איז אומזיסט.

אַלע צייטונגען זענען פול מיט השערות וועגן דער אינוואַזיע און מאַכן משוגע די מענטשן. זיי שרייבן: „אין פאַל ווען די ענגלענדער וועלן לאַנדן אין האָלאַנד, וועט די דייטשע מאַכט טון אַלץ כדי דאָס לאַנד צו פאַרטיידיקן, און אויב מ׳וועט דאַרפן, וועט מען האָלאַנד פאַרפלייצן מיט וואַסער". זיי האָבן אויך פאַרעפנטלעכט מאַפּעס, וואָס אין זיי זענען אָנגעצייכנט יענע טיילן פון לאַנד וואָס מ׳קאָן פאַרפלייצן. אַזויווי אין די אָנגעצייכנטע שטחים געפינען זיך אויך גרויסע טיילן פון אַמסטערדאַם, האָט זיך באַלד דערוועקט די פראַגע, וואָס מ׳וועט טון ווען דאָס וואַסער וועט שטיין אַ מעטער הויך אין די גאַסן.

אויף דער שווערער פראַגע זענען געגעבן געוואָרן די פאַרשידענסטע תשובות:

„אַזויווי עס וועט נישט מעגלעך זיין צו רייטן אויף אַ פאַרראַד אָדער פריי צו גיין, וועט מען מוזן גיין אין מיטן די גאַסן אין וואַסער".

„נאַרישקייטן. מ׳וועט דאַרפן פרוון שווימען. אַלע וועלן מיר אָנטון באַד־קאָסטיומען און שווים־היטלען און מיר וועלן שווימען ווי ווייט מעגלעך אונטערן וואַסער, ווייל דעמאָלט וועט מען נישט דערקענען, אַז מיר זענען יידן".

„פּוסטע רייד! איך שטעל מיר פאָר, ווי עס וועלן שווימען די ווייבער, ווען שטשורעס וועלן זיי בייסן אין די פיס" (דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געזאָגט אַ מאַנספּערשוין; אדרבא, מיר׳ן זען, ווער עס וועט העכער קוויטשען!).

„מיר וועלן נישט קאָנען ארויס פון הויז. דער מאַגאַזין איז אַזוי שוואַך, אַז אין פאַל פון אַ פאַרפלייצונג וועט ער אודאי איינפאַלן".

„הער נאַר, אַ געלעכטער אין אַ זייט. מיר וועלן מוזן מאַכן אָנ־שטרענגונגען צו באַקומען אַ שיפל".

„צו וואָס? כ'האָב אַ בעסערן איינפאַל. יעדער איינער פון אונז וועט נעמען אַ קאַסטן פון זיסע מילך פון פאָדערשטן בוידעם, און מיט די קאָכלעפל וועלן מיר רודערן".

„און איך וועל גיין אויף שטאָלצן; ווען איך בין געווען יונג, האָב איך מיך זייער אויסגעצייכנט אין דעם".

„הענק וואַן סאַנטען וועט עס נישט באַדאַרפן; ער קאָן נעמען זיין פרוי אויף דער פּלייצע און מיפּ וועט דאַן האָבן שטאָלצן".

איצט פאַרשטייסטו מער־ווייניקער נישט אמת קיט? אָט די פּלוידעריי איז טאַקע זער וויציק; אָבער די ווירקלעכקייט קאָן אַמאָל אויסזען עטוואָס אַנדערש.

און באַלד איז אויפגעשווומען דאָס צווייטע אינוואַזיע־פּראָ־בלעם: וואָס דאַרף מען טון, אויב די דייטשן וועלן עוואַקויר'ן אַמסטערדאַם?

„גיין מיט אַלע; ווי ווייט מעגלעך זיך פאַרשטעלן".

„פאַר קיין פאַל נישט גיין מיט זיי. מיר דאַרפן דווקא דאָ פאַרבלייבן! די דייטשן זענען מסוגל צו פאַרשלעפּן מיט זיך די גאַנצע באַפעלקערונג, און אַלע וועלן אויסגיין אין דייטשלאַנד".

„יאָ, פאַרשטייט זיך, מיר בלייבן דאָ. דאָ איז דער זיכערסטער פּלאַץ. מירן פּרוּוון ווירקן אויף קאַפּהויז, אַז ער זאָל קומען אַהער וווינען מיט זיין פאַמיליע. מיר וועלן זיך באַמיען צו באַקומען אַ זאַק מיט זעגעכץ און שלאָפן אויפן דיל. עס איז גלייכער, אַז מיפּ און קאַפּהויז זאָלן שוין אָנהויבן ברענגען אַהער קאָלדרעס".

„מיר וועלן באַשטעלן נאָך תבואה־קערנער אַ חוץ די 60 פונט וואָס מיר האָבן. הענק דאַרף זיך באַמיען צו באַקומען נאָך בעבלעך און אַרבעס; מיר האָבן איצט ביי אַ 60 פונט בעבלעך און 10 פונט אַרבעס אין שטוב. און פאַרגעסט נישט די 40 פּושקעס גרינס־קאָנ־סערוון". „מוטער, צייל נאָר איבער דעם רעשט שפּייז!" 10 פּושקעס פיש, 40 פּושקעס מילך, 10 קילאָ מילך־פּולווער, 3 פלעשער בוימ־אייל, 4 סלויעס פּוטער; 4 סלויעס פלייש, 2 קויש־פלעשער טרוס־קאַווקעס, 2 פלעשער מאַלינעס, 20 פלעשער טאָמאַטן, 10 פונט האָבער־גריץ, 8 פונט רייז. דאָס איז אַלץ".

„די זאַפּאַסן זענען געווען גענוג גרויסע, אָבער אַז מ׳נעמט אין אַכט, אַז מיר וועלן דאַרפן באַשפּייזן אויך די געסט און אַז עס איז ווערט פון וואָך צו וואָך ווייניקער, איז עס נישט אַזוי פיל ווי עס דאַכט זיך. קוילן און האָלץ צום הייצן האָבן מיר גענוג, און אויך ליכט. לאָמיר זיך אויפנייען זעקעלעך, כדי מיר זאָלן קאָנען, ווען מיר וועלן באַדאַרפן, מיטנעמען אונזער געלט״.

„מיר וועלן צוגרייטן אַ ליסטע פון אַלע נויטיקסטע זאַכן אין פאַל פון אַנטלויפן און מיר וועלן זיי פאַרפּאַקן אין רוק־זעק. און אַז עס וועט קומען דערצו, וועלן מיר אַוועקשטעלן צוויי שומרים, איינעם אויפן פאָדערשטן און איינעם אויפן הינטערשטן בוידעם. זאָגט נאָר, וואָס וועלן מיר טון מיטן גאַנצן פּראָוויאַנט, אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין וואַסער, גאַז אָדער עלקטרע?״

„אויב אַזוי, וועלן מיר דאַרפן קאָכן אויפן אויוון. דורכזייען וואַסער און אויפקאָכן. מיר וועלן אויסרייניקן גרויסע קויש־פלעשער און מיר וועלן אין זיי האַלטן וואַסער״.

אַזעלכע געשפּרעכן האָב איך געהערט דעם גאַנצן טאָג; מ׳האָט גערעדט אָן אויפהער וועגן אינוואַזיע, הונגער, טויט, באָמבעס, וועגן לעש־מכשירים, שלאָף־זעק, יידישע צייגנישן, גיפט־גאַזן א. א. וו. דאָס אַלץ איז נישט געווען זייער דערמונטערנדיק. אַ גוטער ביישפּיל פאַר די איינדייטיקע וואָרנונגען פון די מענער אין באַהעלטעניש, קאָן זיין דער דאָזיקער שמועס מיט הענקן:

באַהעלטעניש: „מיר האָבן מורא, אַז ביים צוריקגיין וועלן די דייטשן מיטנעמען די גאַנצע באַפעלקערונג״.

הענק: „אוממעגלעך, זיי האָבן נישט גענוג באַנען פאַר דעם צוועק״.

ב.: „באַנען? אפשר קלערט איר, אַז זיי וועלן צושטעלן קאַ־רעטקעס פאַר די בירגער? עס קומט נישט אין באַטראַכט. מ׳וועט זיי צווינגען צו גיין צופוס״. Per Pedes Apostolarium — זאָגט שטענדיק דיסעל״.

ה.: „כ׳גלויב נישט אין דעם. איר זעט אַ שוואַרץ־זעער, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן זיי מיטצונעמען אַלע בירגער?״

ב.: „ווייסט איר דען נישט, אַז געבבעלס האָט געזאָגט: „אויב

מיר וועלן זיין געצוווּנגען צוריקצוגיין, וועלן מיר פאַרשליסן נאָך זיך די טיר אין די אָקופּירטע געביטן מיט אַ קלאַפּ״?

ה.: „זיי האָבן שוין אַזוי פיל געזאָגט״.

ב.: „צי קלערט איר, אַז די דייטשן זענען אַזעלכע איידעלע אָדער ווייכהאַרציקע לייט, און זענען נישט מסוגל עס צו טון? זיי זאָגן זיך אין האַרצן: „אויב מיר זענען פאַרלוירן, זאָלן אומקומען אויך אַלע די וואָס זענען אין אונזערע הענט״.

ה.: „איר קאָנט אַזוי זאָגן, אָבער איך גלויב נישט אין דעם״.

ב.: „שטענדיק חזרט זיך איבער די זעלבע זאַך; קיינער וויל נישט זען די סכנה, כל זמן זי רירט אים נישט אָן״.

ה.: „איר ווייסט דאָך נישט אויף זיכער קיין זאַך; איר זענט זיך בלויז משער״.

ב.: „מיר האָבן שוין דאָס אַלץ געזען — פריער אין דייטש־לאַנד און נאָכהער דאָ. און וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד?״

ה.: „לאָמיר איבערלאָזן אויף אַ ווייל די יידן אויסערן חשבון. איך מיין, אַז קיינער ווייסט נישט, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד. די ענגלענדער און רוסן איבערטרייבן אודאי, ווי די דייטשן, צוליב פּראָפּאַגאַנדע צוועקן״.

ב.: אוממעגלעך. דער ענגלישער ראַדיאָ האָט שטענדיק געזאָגט דעם אמת. און אפילו מיר זאָלן אָנעמען, אַז די ידיעות זענען איבער־טריבן, אויך דאַן זענען די פאַקטן גענוג שרעקלעך. איר קאָנט דאָך נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אין פּוילן און אין רוסלאַנד זענען דערמאָרדעט אָדער דערשטיקט געוואָרן אין גאַז־קאַמערן, פאַר גאָר־נישט, מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן״.

איך וועל דיר פאַרשפּאָרן די פאָרזעצונג פון אונזערע גע־שפּרעכן. איך בין שטיל און מיש מיך נישט אריין אין דעם גאַנצן טומל. כ׳בין דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ס׳אַרט מיך נישט זייער, אויב איך שטאַרב אָדער בלייב לעבן. די וועלט קאָן זיך דרייען אָן מיר, און סיי־ווי קאָן איך מיך נישט אַנטקעגנשטעלן דער ווירק־לעכקייט.

זאָל זיין וואָס עס איז, איך לערן בלויז און האָף אַז דער סוף וועט זיין אַ גוטער.

דיין, אַ נ אַ

שבת, 12 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

די זון שיינט, דער הימל איז בלוי און עס בלאָזט אַ מחיה'דיק ווינטל. און איך גלוסט אַזוי... איך גלוסט אַזוי שטאַרק — צו אַלעמען, צו אַ שמועס, פרייהייט, פריינט, צו איינזאַמקייט. עס גלוסט זיך מיר זייער... וויינען. כ'האָב אַ געפיל, אַז איך ווער צעשפּרונגען, און איך ווייס, אַז עס וועט מיר לייכטער ווערן, אויב איך וועל מיך אויסוויינען; אָבער איך קאָן נישט. ס'פעלט מיר רו; איך בלאָנקע מיך אַרום פון צימער צו צימער, אָטעם אַריין אין מיר אַביסל לופט דורך דער שפּאַרע פון אַ צוגעמאַכט פענצטער, כ'פיל דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געוואָלט זאָגן: „כ'בעט דיך, זעטיק אָן ענדלעך מיין באַגער".

איך קלער, אַז איך פיל אין מיר דעם פרילינג, איך פיל ווי די נאַטור וואַכט אויף, איך פיל עס מיטן גאַנצן גוף און נשמה. איך מוז מיך באַצווינגען, כדי זיך אויפצופירן ווי תמיד; איך בין אינ־גאַנצן צעמישט, כ'ווייס נישט וואָס צו לייענען, וואָס צו שרייבן, וואָס צו טון; איך ווייס בלויז, אַז איך גלוסט...!

דיין, אַנאַ

זונטיק, 13 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

זינט נעכטן האָט זיך אַ סך געענדערט פאַר מיר. געשען איז עס אַזוי. איך האָב געגלוסט — און גלוסט נאָך אַלץ — אָבער... עס איז מיר אַביסל, זייער וויניק, לייכטער געוואָרן.

זונטיק אינדערפרי האָב איך באַמערקט, צו מיין גרויסער פרייד (כ'וועל זיין אָפנהאַרציק), אַז פעטער נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר. ער האָט געקוקט אויף מיר אַנדערש ווי תמיד — כ'ווייס נישט, כ'קאָן נישט אויפקלערן וויאַזוי.

אַמאָל האָב איך געטראַכט, אַז פעטער איז פאַרליבט אין מאַר־גאָטן, און פלוצים האָב איך דערפילט אַז ס'איז נישט אַזוי. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געמאַכט אַ באַזונדערע אנשטרענגונג נישט צו קוקן אַ סך אויף אים, ווייל ווען איך האָב געקוקט, האָט ער

אויך געקוקט, און דאַמאָלס — יאָ, דאַן איז אויפגעקומען אין מיר אַ וווּנדערלעך געפיל, אַזאַ געפיל וואָס מ׳טאָר נישט פילן צו אָפט.

כ׳האָב אַ שטאַרק באַדערפעניש צו זיין אַליין. דער פאָטער זעט, אַז כ׳בין עפעס נישט ווי תמיד, אָבער איך קאָן אים נישט אַלץ דערציילן. „לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך זיין אַליין מיט זיך!״ וואָלט איך געוואָלט אויסרופן אָן אויפהער. ווער ווייסט, אפשר וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען מ׳וועט מיך לאָזן אַליין נאָך מער ווי איך וועל וועלן.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 14 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

זונטיק אין אָוונט זענען אַלע געזעסן ביים ראַדיאָ, אויסער פים און איך כדי צו הערן „די אומשטערבלעכע מוזיק פון די גאונים פון דער דייטשער שפּראַך״. דיסעל האָט אומאויפהערלעך געדרייט די קנעפּ פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט. פעטער האָט זיך אויפגערעגט און אויך אַנדערע. נאָך אַ האַלבער שעה פון איינגעהאַלטענער שפּאַנונג האָט פעטער געבעטן מיט אַביסל אַן אויפגערעגטער שטימע, אַז דיסעל זאָל אויפהערן דרייען. דיסעל האָט אויף דעם געענטפערט מיט זיין גאוהדיקער שטימע: „איך מאַך עס שוין״. פעטער איז אין כעס געוואָרן, רעאַגירט חוצפּהדיק, הער וואָן דאַן האָט אים אונטער־שטיצט און דיסעל איז געווען געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן. דאָס איז געווען אַלץ.

דער ענין אַליין פאַר זיך איז נישט געווען אַזוי וויכטיק, אָבער זעט אויס, אַז פעטער האָט עס זייער שטאַרק באַדויערט. יעדנפאַלס, היינט אינדערפרי, ווען איך האָב געגראַבלט אין ביכער־קאַסטן אויפן בוידעם, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און מיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. איך האָב וועגן דעם עפּיזאָד בכלל נישט גע־ווּסט, אָבער פעטער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט געפונען אין מיר אַן אויפמערקזאַמע צוהערערין און האָט אָנגעהויבן ריידן מיט ברען:

„יאָ״, האָט ער געזאָגט, „פאַרשטייסט, איך אייל מיך נישט צו

מאַכן עפּעס אַ באַמערקונג, ווייל כ׳ווייס פון פאָרויס, אַז איך וועל נישט געפינען די געהעריקע ווערטער דערצו. כ׳הויב אָן שטאַמלען, ווער רויט און צעדריי די ווערטער וואָס כ׳האָב געוואָלט זאָגן, ווער פאַרשוויגן, ווייל כ׳געפין נישט די ווערטער. נעכטן האָט עס טאַקע אַזוי פּאַסירט: כ׳האָב געוואָלט זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש. אָבער ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן, בין איך געוואָרן צעמישט און דאָס איז שרעקלעך. אַמאָל האָב איך געהאַט אַ שלעכטע געוווינהייט, וועלכע כ׳האָב געוואָלט באַנוצן אויך ביי דער געלעגנהייט, ווען כ׳בין אין כעס געוואָרן אויף עמיצן, האָב איך געהאַלטן פאַר בעסער צו וואַרפן זיך אויף אים מיט די פויסטן און נישט צו דיסקוטירן מיט אים. איך ווייס, זייער גוט, אַז דאָס איז קיין סיסטעם נישט, און דערפאַר פאַרער איך דיך. דו ווייסט, ווייניקס־טנס, וויאַזוי צו זאָגן — דו זאָגסט די מענטשן וואָס דו ווילסט זיי זאָגן און דו שעמסט זיך כלל נישט״.

„ביסט זיך אינגאַנצן טועה״, האָב איך געענטפערט. „מערסטנ־טיילס זאָג איך די ווערטער אין אַ גאַנץ אַנדער פאָרם ווי כ׳האָב לכתחילה געוואָלט זאָגן, און צום סוף רייד איך צופיל און זייער לאַנג, און דאָס איז נישט ווייניקער שלעכט״״.

כ׳האָב געלאַכט אין האַרצן פונם לעצטן זאַץ, אָבער כ׳האָב געוואָלט, אַז ער זאָל נאָך ווייטער ריידן וועגן זיך, און דעריבער האָב איך אים נישט דערציילט אַז איך שפּאָס איבער זיך אַליין. כ׳האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קישן אויפן דיל, מיט די אָרעמס האָב איך אָרומגענומען די צונויפגעלעגטע פיס און געקוקט אויף אים מיט אויפמערקזאַמקייט.

כ׳פריי מיך, וואָס ס׳איז פאַראַן נאָך עמיצער אין הויז, וואָס ס׳באַפאַלט אים, צייטנווייז, ווי מיך, אַ כעס־אויסברוך. מ׳האָט דערקענט אין פּעטערן, אַז ער איז צופרידן, וואָס ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן קריטיק אויף דיסעלן מיט די שאַרפסטע אויסדרוקן, נישט מורא האָבנדיק אַז מ׳וועט אים פאַר־מסרן. אויך איך האָב מיך געפרייט, ווייל כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל פון שטאַרקער נאָנטקייט, אַזאַ ווי כ׳האָב געפילט פריער בלויז לגבי מיינע פריינדינס.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 16 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

מאַרגאָטס געבורטסטאָג.

צוועלף אַ זייגער איז געקומען פעטער זען די מתנות וואָס זי האָט באַקומען, און ער איז געבליבן אַ סך מער צייט ווי ס'איז געווען נייטיק, אַ זאַך וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטון ביי אַנדערע באַדינגונגען. מיטאָג־צייט בין איך געגאַנגען ברענגען די קאַפּע, און נאָכהער די קאַרטאָפל, ווייל איינמאָל אין יאָר האָב איך געוואָלט אַרויסהעלפן מאַרגאָטן. כ'בין דורכגעגאַנגען פעטערס צימער, און גלייך האָט ער אַראָפּגענומען אַלע זיינע פּאַפּירן פון די טרעפּ. כ'האָב געפרעגט, צי דאַרף איך פאַרמאַכן נאָך מיר די בוידעם טיר. „יאָ“, האָט ער געענטפערט, „פאַרמאַך“. כ'בעט דיך, ווען דו וועסט צוריקגיין, וועסטו אָנקלאַפּן און איך וועל דיר עפענען“.

כ'האָב אים געדאַנקט, און אַרויפגעגאַנגען, און צען מינוט בערך האָב איך געקליבן די סאַמע קלענסטע קאַרטאָפל פונם גרויסן פאַס. און דאַן האָב איך דערפילט אַ ווייטיק אין רוקן, ס'איז געווען קאַלט. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב נישט אָנגעקלאַפּט, כ'האָב אַליין געעפנט די טיר פון בוידעם, אָבער ער איז מיר אַנטקעגנגעקומען, גרייט צו העלפן, האָט צוגענומען דעם טאָפּ פון מיין האַנט. „כ'האָב געזוכט אַ לאַנגע צייט, און נישט געקאָנט געפונען קלענערע קאַרטאָפל ווי די“, האָב איך געזאָגט.

האָסטו געזוכט אין דעם גרויסן פאַס?“

„יאָ, אַלץ איבערגעקערט מיט מיין האַנט“.

כ'בין דערווייל געשטאַנען אַביסל צופוסנס פון די טרעפּ, און ער האָט דורכגעקוקט, וואָס איז נאָך געווען אין טאָפּ, האַלטנדיק אים נאָך אין האַנט. „זייער גוטע“, האָט ער געזאָגט, און אין מאָמענט ווען כ'האָב גענומען דעם טאָפּ פון זיינע הענט, האָט ער צוגעגעבן: „איך גראַטוליר דיר!“ און ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַזאַ וואַרעמען און ווייכן בליק, אַז ס'איז מיר אַליין געוואָרן, אינעווייניק, וואַרעם און ווייך. כ'האָב געפילט אויסדריקלעך, אַז ער וויל מיר גורם זיין פאַרגניגן. און אַזוי ווי ער קען נישט האַלטן קיין גרויסע לויב־רעדע, האָט ער די ווערטער אויסגעדריקט מיט זיין

בליק. כ׳האָב גוט פאַרשטאַנען זיין כוונה און דאָס האַרץ איז מיר פול געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייטס געפילן. אפילו איצט פריי איך מיך נאָך, ווען כ׳דערמאָן מיך אין זיין בליק און אין זיינע ווערטער.

ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען, האָט די מוטער געזאָגט, אַז כ׳דאַרף ברענגען נאָך קאַרטאָפל, אויך צום אָוונט־ברויט. כ׳בין געווען גרייט אַרויסצוגיין אַ צווייט מאָל.

ווען כ׳בין ווידער געקומען צו פּעטערן, האָב איך מיך פאַר אים אנטשולדיקט, וואָס כ׳מוז אים שטערן נאָכאַמאָל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגעשטעלט זיך צווישן די טרעפּ און דער וואַנט, מיך אַנגענומען ביים אָרעם — כ׳בין שוין דאַן געשטאַנען אויף די טרעפּ — און מיך געפּרוווט פאַרהאַלטן מיט כח. „איך וועל גיין״, האָט ער געזאָגט. כ׳האָב געענטפערט אַז דאָס איז נישט נויטיק, אַז דאָס מאָל מוז איך נישט ברענגען קיין קליינע קאַרטאָפל דווקא. מיינע ווערטער האָבן אים איבערצייגט און ער האָט אָפּגעלאָזט מיין אָרעם. ווען כ׳בין צוריק אַראָפּגעגאַנגען, איז ער געקומען עפענען די טיר און ווידער גענומען דעם טאָפּ פון מיין האַנט. ביי דער טיר האָב איך אים געפרעגט: „מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך?״ „פראַנצויזיש״, האָט ער געענטפערט. כ׳האָב אים געפרעגט, צי מעג איך אַריינקוקן אין זיינע העפטן, כ׳האָב אָפּגעוואַשן די הענט און מיך געזעצט אויף דער סאָפע אַנטקעגן אים.

נאָכדעם ווי כ׳האָב אים עפּעס אויפגעקלערט אין זיין פראַנצויזישער לעקציע, האָבן מיר אָנגעהויבן צו שמועסן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט בדעה, ווען ער וועט עלטער ווערן, צו פאָרן אין האָלענדיש אינדיע און וווינען אין די פּלאַנטאַציעס. ער האָט גערעדט וועגן זיין לעבן אינדערהיים, וועגן שוואַרצן האַנדל, און געזאָגט אַז ער האַלט זיך פאַר אַ לא־יצלח. כ׳האָב רעאַגירט אויף דעם, אַז ער האָט אַ שאַרפן מינדערווערטיקייט־געפיל. ער האָט אויך גערעדט וועגן יידן, און האָט געזאָגט, אַז ס׳וואָלט אים געווען אַ סך באַקוועמער ווען ער איז אַ קריסט, און ווען ער וואָלט געקאָנט זיין אַ קריסט נאָך דער מלחמה. כ׳האָב אים געפרעגט צו ער וויל זיך שמד׳ן, אָבער נישט דאָס האָט ער געמיינט. נאָך דער מלחמה, האָט ער געזאָגט, וועט קיין מענטש סיווי נישט וויסן, צי ער איז אַ ייד אָדער אַ קריסט.

דער ענטפער האָט מיר אַ ביסל אַ צופּ געטון ביים האַרצן; ס'איז אַזאַ שאָד, וואָס ס'איז נאָך געבליבן אין אים אַ טראָפּן פאַלשקייט. מיר האָבן אויך גערעדט געמיטלעך וועגן פאָטער, און וועגן פאַרשטיין דעם מענטשנס נשמה און איבער פאַרשידענע זאַכן, כ'געדענק שוין אַליין נישט וואָס.

ערשט האַלב פינף האָב איך אים פאַרלאָזן.

אין אָוונט האָט ער ווידער געזאָגט עפּעס וואָס מיר איז געפעלן געוואָרן. מיר האָבן גערעדט וועגן אַ בילד פון אַ פילם־שטערן וואָס איך האָב אמאָל געגעבן, און דאָס בילד הענגט שוין אַנדערטהאַלבן יאָר ביי אים. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס בילד איז זייער שיין, און איך האָב אים פאַרגעשלאָגן אויך אַנדערע פילם־שטערן.

„ניין", האָט ער אויף דעם געענטפערט, „בעסער אַז ס'זאָל בלייבן אַזוי. אָט די דאָ, זע איך יעדן טאָג און זיי זענען געוואָרן מיינע פריינט".

איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס ער דריקט צו זיך די קאַץ מושי. פאַרשטייט זיך, אַז אויך ער נויטיקט זיך אין אַביסל ליבע.

כ'האָב פאַרגעסן נאָך איין זאַך, וועגן וועלכער ער האָט גע־רעדט. ער האָט געזאָגט: „דער פּחד איז מיר פרעמד, סיידן ס'רירט אָן אין עפּעס דעפעקטיוו'ס אין מיר, אָבער אויך פון דעם געווין איך מיך אָפּ ביסלעכווייז".

פּעטערס מינדערווערטיקייטס־געפיל איז זייער אַ שווער'ס. ער קלערט שטענדיק, אַז ער איז אַזוי נאַריש און מיר זענען אַזעלכע געלערנטע. ווען איך העלף אים אין די פראַנצויזישע לעקציעס, דאַנקט ער מיר טויזנט מאָל, אין איינעם אַ טאָג וועל איך אים זאָגן: „הער שוין אויף מיט דער פּלוידעריי; דו קענסט דאָך אַ סך בעסער פאַר מיר ענגליש און געאָגראַפיע"

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 18 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

ווען כ'גיי ארויף אויפן בוידעם, איז מיין ציל תמיד צו זען „אים". מיין לעבן איז געוואָרן אינטערעסאַנטער, ווייל ס'האָט עפּעס

אַ ציל, און ס׳איז ווידער דאָ אַ זאַך, וואָס איז מיר גורם פֿרייד.

דער אָביעקט פֿון מיין פֿריינטשאַפֿט געפֿינט זיך וועניקסטנס תמיד אין שטוב, און כ׳ברויך נישט מורא האָבן פֿאַר קאָנקורענטינס, אויסער מאַרגאָט. מיין נישט, אַז כ׳בין פֿאַרליבט; דאָס איז נישט ריכטיק, אָבער כ׳האָב די גאַנצע צייט דאָס געפֿיל, אַז צווישן מיר און פּעטערן וועט נאָך אויסוואַקסן עפּעס שיינס, עפּעס אַזוינס, וואָס אין דעם איז פֿאַראַן פֿריינטשאַפֿט און צוטרוי. ביי יעדער געלעגנהייט גיי איך אַרויף צו אים, און ס׳איז שוין נישט מער אַזוי ווי פֿריער, ווען ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון מיט מיר. פֿאַרקערט, ער האַלט נאָך אין איין ריידן ווען איך שטיי שוין ביי דער טיר.

די מוטער איז נישט צופֿרידן פֿון מיינע באַזוכן אויבן. זי זאָגט שטענדיק, אַז איך באַלעסטיק פּעטערן, און אַז כ׳זאָל אים צורו לאָזן. פֿאַרשטייט זי נישט ווירקלעך, אַז אויך איך האָב אַביסל אינטואיציע?

יעדעס מאָל ווען כ׳גיי אַריין אינעם קליינעם צימער, שטעלט זי אָן אויף מיר אַזאַ משונהדיקן בליק. און ווען כ׳קום אַראָפּ, פֿרעגט זי מיך, ווו כ׳בין געווען. כ׳קאָן דאָס נישט פֿאַרטראָגן; דאָס איז שרעקלעך אין מיינע אויגן.

דיין, אַנאַ

שבת, 19 פֿעברואַר 1944

טייערע קיטי,

היינט איז ווידער שבת, און דאָס אַליין זאָגט שוין פֿאַר זיך אַלץ.

אינדערפֿרי איז געווען שטיל און רואיק. כ׳האָב אַביסל צוגעהאָלפֿן אויבן, אָבער מיט „אים" האָב איך געכאַפּט בלויז אַ קורצן שמועס. האַלב דריי אַ זייגער, ווען אַלע זענען אַוועק אין זייערע צימערן לייענען אָדער שלאָפֿן, האָב איך מיר גענומען אַ קאָלדרע און בין אַראָפּגעגאַנגען אינעם פּריוואַטן ביוראָ אונטן, צו לייענען אָדער שרייבן ביים שרייב־טיש. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און כ׳האָב מער מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — מיין

קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין אָרעם און כ׳האָב זיך צעוויינט אויפן קול. די טרערן זענען געפאַלן אויף מיינע באַקן און כ׳בין געווען זייער אומגליקלעך. אַך, ווען „ער" וואָלט געקומען מיר טרייסטן! פיר אַזייגער בין איך ווידער אַרויפגעגאַנגען. כ׳האָב געברענגט קאַרטאָפל, מיט דער האָפענונג, אַז כ׳וועל אים באַגעגנען, אָבער בעת מיין זיין אין וואַש־צימער, כדי צו פאַריכטן די פריזור, איז ער אַראָפּ צו מאַפּי אין מאַגאַזין אַריין.

פלוצים האָב איך דערפילט ,אַז די טרערן קומען ווידער. איך בין אריינגעלאָפן אין דער טואַלעט און אויפן וועג נאָך געכאַפּט דאָס קליינע שפּיגעלע. כ׳בין דאָרט געזעסן איינגעגאַנצן אָנגעטון, און מיינע טרערן האָבן געצייכנט טונקעלע פלעקן אויף מיין רויטן־פאַרטוך ; כ׳בין געווען טרויעריק ביז אין די טיפענישן פון מיין נשמה.

כ׳האָב מיר אין האַרצן, בערך, אַזוי געזאָגט : „אַך, אַזוי וועל איך קיינמאָל פּעטערן נישט באַקומען. ווער ווייסט, אפשר געפעל איך אים נישט, אפשר דאַרף ער נישט קיין פריינט. אפשר קלערט ער וועגן מיר בלויז אויבערפלעכלעך. כ׳מוז מיין וועג ווייטער פאַרזעצן אַליין, אָן צוטרוי און אָן פּעטערן, אפשר אויך אָן האָפענונג, אָן טרייסט, אָן אויסזיכט — ווי איז מיר, ווען איך וואָלט געקאָנט אָנלעגן מיין קאָפּ אויף זיין אַקסל, כדי כ׳זאָל מיך נישט פילן אַזוי עלנט, פאַרלאָזן און האָפענונגסלאָז! ווער ווייסט, אפשר האָט ער מיך איבערהויפּט נישט ליב, אפשר שטעלט ער אָן ווייכע בליקן אויך אויף אַנדערע. אפשר האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט, אַז זיין בליק איז באַשטימט נאָר פאַר מיר? אוי, פּעטער, ווען דו וואָלסט מיך געקאָנט הערן אָדער זען. אָבער דעם אמת — און ער איז אפשר אַזוי ביטער — האָב איך נישט געקאָנט אַריבער־טראָגן.

עס זענען אָבער בלויז אַריבער אייניקע מינוט, און כ׳בין ווידער געווען פול מיט האָפענונג און דערוואַרטונג, הגם טרערן זענען נאָך געפאַלן אויף מיינע באַקן.

דיין, אַ נ אַ

מיטוואָך, 23 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

פון נעכטן אָן איז דאָס וועטער וואונדערלעך, און מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט. כמעט יעדן אינדערפרי גיי איך אַרויף אויפן בוידעם, ווו פעטער אַרבעט, כדי זיך אָפּצופרישן פון דער דומפּיקער לופט אינעם צימער. פון מיין באַליבט ווינקעלע אויפן דיל הויב איך אויף די אויגן צום בלויען הימל, צום נאַקעטן קאַשטאַן־בוים מיט די פינקלדיקע קליינע טראָפּנס אויף זיינע צווייגן, צו די מעוועס און אַנדערע פייגל, וואָס זענען אין זייער פליען ענלעך צו זילבער־פייגל.

ער איז געשטאַנען און האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין א דיקע האָלץ בעלקע; איך בין געזעסן, איינגעאָטעמט די לופט, מיר האָבן אַרויסגעקוקט אין דרויסן און געפילט, אַז דאָ איז עפּעס אַזעלכעס וואָס מ׳טאָר נישט איבעררייסן מיט ווערטער. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר אַרויסגעקוקט אין דרויסן, און ווען ער האָט געדאַרפט גיין האַקן האָלץ אויפן בוידעם, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער בחור. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, און איך בין אים נאָכגעגאַנגען, און אין משך פון אַ פערטל שעה, ווען ער האָט געהאַקט האָלץ, האָבן מיר קיין וואָרט מיט זיך נישט אויסגעטוישט. כ׳האָב אים באַטראַכט פונם פּלאַץ, ווו כ׳בין געשטאַנען, און געזען, אַז ער באַמיט זיך צו מאַכן די מלאכה ווי געהעריק, כדי מיר צו ווייזן זיין כח. אָבער איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער, איבער אַ גרויסן טייל פון אַמסטערדאַם, און מיין בליק האָט געוואַנדערט איבער די דעכער ביז צום האָריזאָנט; זיין קאָליר איז געווען אַזוי העל, אַז עס איז געווען שווער צו אונטערשיידן דעם טייל־שטריך צווישן הימל און ערד. „אַזוי לאַנג ווי דאָס עקזיסטירט נאָך", האָב איך מיר געזאָגט אין הארצן, „און אַזוי לאַנג, ווי כ׳קאָן נאָך זען דעם שיין פון דער זון און די דאָזיקע הימלען, אויף וועלכע ס׳איז איין וואָלקן נישטאָ, קאָן איך נישט זיין טרויעריק".

ווען ס׳באַפאַלט אַ שרעק, אָדער ער איז עלנט און אומגליקלעך, דער האָט זיכער נישט קיין בעסערע רפואה ווי: צו גיין ערגעצוו אין שויס פון נאַטור, דאָרט צו זיין אַליין מיט די הימלען,

לאַנדשאַפט און גאָט. נאָר דאַן פילט דער מענטש, אַז אַלץ איז ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אַז גאָט וויל אַז די מענטשן זאָלן זיין גליקלעך מיט דער נאַטור, וואָס איר חן ליגט אין איר פשטות. אַזוי לאַנג ווי דאָס עקזיסטירט, — און דאָס איז דאָך אייביק — ווייס איך, אַז ביי אַלע אומשטענדן, איז פאַראַן אַ טרייסט פאַר יעדן צער. און איך גלויב מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די נאַטור קאָן אַוועק־נעמען אַ סך פון יעדע ליידן.

אָך, ווער ווייסט, אפשר וועט שוין קיין סך צייט נישט אַוועק, און צו דעם גרויסן גליק וועל איך האָבן אַ שותף, דער וואָס פילט עס ווי איך.

דיין, אַנאַ

א געדאַנק:

אונז פעלט דאָ אַ סך, זייער אַ סך, און דאָס, שוין זינט אַ לאַנגע צייט, כ׳פיל דאָס אַזויווי דו. איך בין דאָ נישט אויסן קיין אויסערלעכע זאַכן, ווייל די זענען יאָ דאָ. ניין, איך מיין אינערלעכע זאַכן. כ׳גיי אויס אַזויווי דו נאָך פרייהייט און לופט. אָבער איצט מיין איך, אַז ס׳איז אונז געגעבן געוואָרן אַ גרויסאַרטיקע פאַר־גיטיקונג פאַר דעם מאַנגל. איך האָב דאָס פלוצים פאַרשטאַנען, ווען כ׳בין געזעסן אינדערפרי פאַרן פענסטער. איך מיין — אַן אינערלעכע פאַרגיטיקונג.

ווען כ׳האָב אַרויסגעקוקט אין דרויסן און זיך טיף איינגעקוקט אין גאָט און אין דער נאַטור, בין איך געווען גליקלעך, ממש גליקלעך, און כל זמן, פעטער, ס׳איז דאָ אַזאַ אינערלעך גליק, דאָס גליק פון נאַטור, געזונט און פיל אנדערע זאַכן, כל זמן דער מענטש טראָגט עס אין זיך — איז ער זיכער, אַז ער וועט זיין שטענדיק גליקלעך.

רייכטום, כבוד, אַלץ קאָן מען פאַרלירן, אָבער דאָס גליק אין דיין האַרצן קאָן זיך בלויז פאַרדעקן מיט אַ שלייער, אָבער שטענדיק, דיין גאַנץ לעבן, וועט עס דיך ווייטער מאַכן גליק־לעך, כל זמן דו קאָנסט טראָגן אָן פחד דיינע אויגן צום הימל — ווייסטו, אַז דו ביסט ריין אין זיך און אַז דאָס גליק וועט אודאי צוריקקומען.

זונטיק, 27 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

פון פרימאָרגן ביזן אָוונט טו איך גאָרנישט, נאָר כ'קלער וועגן פּעטערן. איך שלאָף און זיין געשטאַלט שטייט פאַר מיינע אויגן. כ'חלום וועגן אים און וועק מיך אויף, ער קוקט זיך נאָך אַלץ איין אין מיר.

אַ שטאַרק געפיל האָב איך, אַז צווישן מיר און פּעטערן איז דער אונטערשיד נישט אַזוי גרויס ווי עס זעט זיך אויס, כ'וועל דיר אויפקלערן פאַרוואָס. פּעטער און איך — אונז ביידע — פעלט אַ מוטער. זיין מוטער איז אַן אויבערפלעכלעכע פרוי, האָט ליב צו פלירטעווען מיט מענער און אינטערעסירט זיך נישט פיל מיט זיין אינערלעך לעבן. מיין מוטער אינטערעסירט זיך, אמת, מיט מיר אַ סך, אָבער עס פעלט איר דאָס איידעלע, פיינע געפיל, אַ געלייטערט מוטערלעך פאַרשטענדניש.

ביידע ראַנגלען מיר זיך מיט זיך אַליין, ביידע פעלט אונז זיכערקייט; און ביידע זענען מיר אינערלעך נאָך איידל און דעליקאַט, מ'זאָל וואָגן אונז אָנרירן מיט אַ גראָבער האַנט. און אויב מ'טוט עס דאָך, קומט מיין רעאַקציע אין דער פאָרם פון אַ אַפּשטויסן; „פאַרשווונדן פון אַלץ און אַלעמען״. אָבער אַזוי ווי דאָס איז אוממעגלעך, באַהאַלט איך אַלץ אין זיך, שליידער טעפּ, כ'שפּריץ וואַסער און הויב אויף אַ טומעל, ביז אַלע ווילן, אַז איך זאָל שוין אַרויסגיין.

ער, דאַקעגן, פאַרשליסט זיך אין זיך, ער איז שטיל און פאַרטרוימט, ער פאַרשטעקט זיך אויך.

אָבער ווי אַזוי און ווען וועלן מיר אַמאָל קומען איינער צום אַנדערן?

כ'ווייס נישט, ווי לאַנג נאָך וועט מיין פאַרשטאַנד קאָנען צוריק האַלטן דעם דאַזיקן באַגער.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 28 פעברואַר 1944

טייערע קיטי,

ער איז געוואָרן פאַר מיר אַ קאָשמאַר — אַ נאַכט און טאָג־

קאַשמאַר. כ׳זע אים כמעט יעדע שעה און קאָן נישט קומען צו אים, איך טאָר גאָרנישט אַרויסווייזן; איך דאַרף זיין פריילעך, און אין מיין האַרץ איז די פאַרצווייפלונג.

פעטער וועסעל און פעטער וואן דאן זענען צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן אין איין פעטער, גוט און שיין איז דאָס און וועקט אין מיר אַ שטאַרקן באַגער.

די מוטער באַלעסטיקט מיך, און דער פאָטער איז ליב, און דעריבער באַלעסטיקט ער מיך נאָכמער, און מאַרגאָט באַלעסטיקט מיך אַממערסטן, ווייל זי פאַרלאַנגט, אַז כ׳זאָל אָנשטעלן אַן אנגענעם פנים — און איך וויל מ׳זאָל מיך צורולאָזן.

פעטער איז נישט אַרויפגעקומען צו מיר. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך־בוידעם און געמאַכט דאָרט עפּעס אַ טישלער־אַרבעט. מיט יעדן סקריפּ און האַמער־קלאַפּ האָט זיך עפּעס צע־קרישלט פון מיין מוט, און מיין צער האָט זיך פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט און פונוויטן האָט אויסגעשפּילט דער קלויסטער־גלאָק: „ווען דער גוף איז אויסגעגלייכט, איז אויך אויסגעגלייכט די נשמה"! כ׳בין סענטימענטאַל, כ׳וויס דאָס, — כ׳בין פאַר־צווייפלט און נאַריש.

אוי, גאָט, העלף מיר!

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 1 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

מיינע אייגענע ענינים זענען אַוועקגעשטופּט אין אַ ווינקעלע צוליב... אַ גניבה. איך הויב דיך שוין אָן צו לאַנגווייליקן מיט מיינע דערציילונגען וועגן גניבות, אָבער וואָס קאָן איך טון, אויב די איינברעכער האָבן אַזאַ הנאה פון אַ באַזוך ביי „קאָלען און שותפים"? די דאָזיקע גניבה איז פיל מער קאָמפּליצירט פון דעם וואָס איז געווען אין יולי 1943.

נעכטן אַכט אַ זייגער, ווען הער וואן דאן איז געגאַנגען, ווי תמיד, אין ביוראָ פון הער קראַלער, האָט ער דערזען, אַז די גלעזערנע טיר און די ביוראָ טיר זענען ברייט צעעפנט. די זאַך האָט

אים פאַרוווּנדערט. ער איז געגאַנגען ווייטער. זיין פאַרוווּנדערונג האָט זיך אָבער נאָך פאַרגרעסערט, ווען ער האָט געזען, אַז אויך די טירן פון קליינעם צימער זענען אָפן און אַז אין פאָדערשטן ביורא הערשט אַ שטאַרקע אומאָרדנונג. „ס'איז דאָ געווען אַ גנב", האָט אַ בליץ געטון אַ מחשבה אין זיין מוח, און כדי זיכער צו זיין, איז ער אַראָפּ מיט די טרעפּ, קאָנטראָלירט די פאָדערשטע טיר, אָנ־געטאַפּט דעם אויטאָמאַטישן שלאָס — אָבער אַלץ איז געווען פאַרשלאָסן. „זעט אויס, פעטער און עלי זענען געווען זייער נאָכ־לעסיק אין אָוונט", האָט ער געטראַכט. ער איז נאָך פאַרבליבן אַביסל אין קראָלערס צימער, נאָכהער האָט ער פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, אַרויפגעגאַנגען און מער שוין נישט געקלערט וועגן די אָפענע טירן און דער אומאָרדנונג אין פאָדערשטן ביוראָ.

היינט אינדערפרי האָט פעטער זייער פרי אָנגעקלאַפּט אין טיר פון אונזער צימער און געבראַכט די נישט אָנגענעמע בשורה, אַז די טיר פון הויז איז אויפגעפּראַלט. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דער פּראָזשעקטאָר און די נייע טעקע פון הער קראָלער זענען פאַר־שוווּנדן געוואָרן פון דער וואַנט־שאַנק. וואַן דאַן האָט דערציילט וואָס ער האָט געזען דעם פאַריקן אָוונט, מיר זענען געווען זייער באַזאָרגט.

די גאַנצע געשעעניש קאָן נישט אַנדערש אויסגעטייטשט ווערן, סיידן, אַז דער גנב האָט געהאַט אַ נאָכגעמאַכטן שליסל צו דער טיר. ווייל די טיר איז נישט געווען אויפגעבראָכן. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין הויז אַריין אין אָוונט, און אַ זייער פריער שעה, פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר, און ווען ער איז געשטערט געוואָרן דורך הער וואַן דאַן, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן ביז וואַן דאַן איז אַוועק, און דאַן איז ער אַנטלאָפן מיט זיין רויב, און אין איילעניש איבערגעלאָזט די טיר אָפן. אָבער ווער קאָן זיין דער מענטש, וואָס האָט אונזערס אַ שליסל? און פאַר וואָס איז דער גנב נישט אַריינגעגאַנגען אין מאַגאַזין? איז עס מעגלעך, אַז דער שולדיקער איז איינער פון אונזערע מאַגאַזין־אַרבעטער, און איצט, אַז ער האָט געזען הער וואַן דאַן, וועט ער גיין אים פאַרמסרן?

דאָס שרעקט אונז זייער, ווייל מיר ווייסן נישט, צי דעם דאָזיקן

איינברעכער וועט נישט איינפאַלן נאָכאַמאָל צו עפּענען אונזער טיר, אָדער אפשר האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם מענטשן וואָס ער האָט געזען דאָ אַרומגיין?

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 2 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

מאַרגאָט און איך זענען געווען ביידע אויבן אויפן בוידעם, און הגם צוזאַמען מיט איר פיל איך מיר נישט אַזוי גוט ווי אַליין, ווייס איך אָבער, אַז אין רוב זאַכן פילט זיך פּונקט ווי איך.

ביים וואַשן דאָס געשיר האָט עלי פאַרפירט אַ שמועס מיט דער מוטער און פרוי וואַן דאַן וועגן דעם וואָס עס דריקט איר אויפן האַרץ. ווי אַזוי קאָנען די ביידע איר העלפן?

צי ווייסטו וואָס די מוטער האָט איר געראָטן? אַז זי זאָל אַביסל אַריינטראַכטן אין די שווערע ליידן פון אַנדערע מענטשן אין אונזער היינטיקער וועלט! דאָס פאַרטיפן זיך אינם ליידן פון די מענטשן. וויאַזוי קאָן דאָס העלפן דעם יעניקן וואָס ליידט אַליין? כ'האָב דאָס געזאָגט, און אויף דעם באַקומען אַן ענטפער: „דו קאָנסט זיך נישט באַטייליקן אין אַ געשפּרעך אויף אַזעלכע טעמעס".

אָט די דערוואַקסענע, וואָס פאַר אַ נאַראָנים זיי זענען! גלייך ווי פּעטער, מאַרגאָט, עלי און איך פילן נישט דאָסזעלבע. צו אָט דעם ליידן איז נישטאָ קיין אַנדער רפואה ווי מוטער־ליבע, אָדער די ליבע פון גאָר גוטע פריינט. אָבער די מוטערס דאָ פאַרשטייען אונדז אינגאַנצן נישט. פרוי וואַן דאַן, אפשר פארשטייט זי דאָך עפּעס מער ווי די מוטער. כ'האָב זייער געוואָלט עפּעס זאָגן דער אָרעמער עלי, עטוואָס נוצלעכעס וואָס כ'האָב געלערנט פון אייגע־נעם נסיון, אָבער דער פאָטער האָט זיך אַריינגעמישט און מיך אַוועקגעשטופּט אין אַ זייט.

באמת, ווי נאַריש זיי זענען! מיר האָבן, זעט אויס, קיין רעכט נישט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג. יאָ, זיי זענען זייער מאָדערנע

מענטשן. נישטאָ קיין מיינונג׳ס־רעכט! זיי קאָנען אונז צווינגען צו פאַרמאַכן דאָס מויל, אָבער נישט האָבן קיין אייגענע מיינונג — אַזאַ זאַך עקזיסטירט נישט. קיין מענטש קאָן נישט פאַרווערן עמיצן אַן אייגענע מיינונג צו האָבן, אפילו ווען דער עמיצער איז נאָך זייער יונג.

עלי, מאַרגאַט, פעטער און איך, אונז ווערט קיין זאַך נישט העלפן, נאָר אַ גרויסע ליבע אַ געטרייע, און מיר אַלע פיר באַקומען נישט די דאָזיקע ליבע. קיינער פאַרשטייט אונז נישט, און באַזונדערס נישט דידאָזיקע פאַרנאַרעשטע חכמים — ווייל מיר זענען אַ סך מער עמפינדלעך און פיל מער אַנטוויקלט אין אונזערע געדאַנקען, ווי עס שטעלן זיך פאָר די מענטשן דאָ.

די מוטער איז ווידער אָנגעברוגזט. מ׳דערקענט אין איר, אַז זי איז אייפערזיכטיק, ווייל די לעצטע צייט רייד איך מער מיט פרוי וואַן דאַן ווי מיט איר.

היינט נאָכמיטאג האָב איך געכאַפּט פעטערן און מיר האָבן גערעדט אַ דריי־פערטל שעה. פעטערן קומט אָן שווער צו דערציילן עפּעס וועגן זיך, דערציילט טראָפּנווייז. ער האָט דערציילט אַז זיינע עלטערן קריגן זיך אָפּט איבער פּאָליטיק, ציגאַרעטן און אַנדערע זאַכן, ער איז געווען צעמישט.

איך האָב אים דאַן דערציילט וועגן מיינע עלטערן. ער האָט פאַרטיידיקט מיין פאָטער, און געזאָגט, אַז דער פאָטער, איז לויט זיין מיינונג, „אַ בחור ווי ס׳געהער צו זיין". נאכהער האָבן מיר גערעדט וועגן די באַציאונגען צווישן אונזערע פאַמיליעס. כ׳האָב זיך אַביסל געוווּנדערט, וואָס מיר האָבן נאָך אַלץ נישט גערן זיינע עלטערן. „פעטער", האָב איך געזאָגט, „כ׳ווייס, אַז דו ביסט אָרנטלעך, און פאַרוואָס זאָל איך דיר נישט דערציילן? מיר ווייסן דאָך זייערע חסרונות". צווישן אַנדערן האָב איך נאָך געזאָגט: „פעטער, כ׳וואָלט זייער געוואָלט דיר העלפן. ווועסטו עס מיר דערמעגלעכן? דו ביסט אין אַ קלעם, און איך ווייס עס, הגם דו זאָגסט נישט, אַז דאָס אַרט דיך זייער".

„כ׳וועל מיך שטענדיק פרייען צו באַקומען הילף פון דיר".

„אפשר איז גלייכער דו זאָלסט זיך דורכריידן מיטן פאָטער.

ער וועט קיינעם נישט דערציילן וואָס דו וועסט אים זאָגן. אים קאָנסטו אַלץ דערציילן".

„יאָ, ער איז אַן אמתער חבר".

„האָסט אים זייער ליב, נישט אמת?" פּעטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און איך האָב פאַרגעזעצט: „אויך ער האָט דיך ליב".

ער האָט זיך פאַרויטלט און געוואָרפן אויף מיר אַן איילִיקן בליק; ס'האָט געדירט ביז צום האַרצן צו זען ווי שטאַרק כ'האָב אים דערפרייט מיט די עטלעכע ווערטער.

„דו קלערסט אַזוי?"

„יאָ", האָב איך געזאָגט. כ„דרינג עס אַרויס פון דעם וואָס ער זאָגט מיר פון צייט צו צייט!"

אויך פּעטער איז, ווי דער פאָטער, „אַ בחור ווי עס געהער צו זיין"!

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 3 מארץ 1944

טייערע קיטי,

היינט אין אָוונט, ווען כ'האָב מיך צוגעקוקט צו די שבת־ליכט, בין איך געוואָרן פריילעך און רואיק. די באָבע מיינע איז פאַרבאָרגן אין די ליכט, און די באָבע, זי באַשיצט מיך און פאַר־שאַפט מיר פרייד.

אָבער... עס איז דאָ נאָך עמיצער וואָס הערשט איבער מיינע געפילן, און דאָס איז... פּעטער. היינט, ווען כ'האָב געבראַכט די קאַרטאָפל, און בין נאָך געשטאַנען אויף די טרעפּ און דער פולער טאָפּ אין מיין האַנט, האָט ער מיך געפרעגט: „וואָס האָסטו געטון מיטאָג־צייט?"

כ'בין געזעסן אויף די טרעפּ און מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן. ערשט אַ פערטל נאָך פינף, אַ גאַנצע שעה נאָכדעם ווי איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָב איך געברענגט די קאַרטאָפל, וואָס כ'האָב אינצווישן אַוועקגעשטעלט אויפן דיל.

פּעטער האָט שוין מער קיין וואָרט נישט גערעט וועגן זיינע

עלטערן; מיר האָבן גערעדט בלויז וועגן ביכער און וועגן דעם וואָס איז געווען אַמאָל. וואָס פאַר אַ וואַרעמען בליק דאָס ייִנגל האָט! עס דאַכט זיך מיר, אַז עס פעלט שוין נישט קיין סך, כ׳זאָל מיך אין אים פאַרליבן. דעם אָוונט האָט ער גערעדט דערפון, כ׳בין אַריינגעגאַנגען צו אים נאָכדעם ווי מיר האָבן געשיילט קאַרטאָפל, און געזאָגט אַז ס׳איז מיר אַזוי וואַרעם.

„אין מאַרגאַטן און אין מיר קאָן מען דערקענען ווי הויך עס איז די טעמפעראַטור; איז אונז קאַלט, זענען מיר בלייך; וואַרעם — צעפלאַמטע״, האָב איך געזאָגט.

„פאַרליבט?״ האָט ער געפרעגט.

„פאַרוואָס זאָל איך דען זיין פאַרליבט?״ מיין ענטפער איז געווען גענוג נאַאיוו.

„פאַרוואָס נישט?״ האָט ער געזאָגט. און דאַן האָבן מיר געדאַרפט גיין עסן.

צי איז ער עפּעס אויסן געווען מיט דער פראַגע זיינער? היינט האָב איך אים ענדלעך געפרעגט, צי איז ער נישט אין דער מיינונג, אַז מיין פּלוידעריי באַלעסטיקט אים זייער, ער האָט בלויז געזאָגט: „פאַר מיר איז עס גוט״.

איך קאָן נישט אורטיילן, ווי ווייט דער ענטפער פליסט אַרויס פון שעמעוודיקייט.

קיטי, כ׳פיר מיך אויף געגנוי ווי אַ פאַרליבט מיידל, וואָס האָט נישט עפּעס אַנדערס צו דערציילן נאָר פון איר טייערסטן. און פּעטער איז באמת מיר טייער, ווען וועל איך שוין קאָנען אים דאָס זאָגן? פאַרשטייט זיך, נאָר ווען ער וועט האַלטן ,אַז אויך איך בין אים טייער; אָבער איך בין נישט אַזאַ שטיל מיידעלע, איך ווייס עס גוט. ער ליבט שטיל, און דעריבער האָב איך קיין אַנונג נישט, צי כ׳געפעל אים. יעדנפאַלס, מיר באַקענען זיך נענטער איינער מיט דער אַנדערער. הלואי וואָלטן מיר געוואַגט צו ריידן אין אַ מער אָפענער פאָרם וועגן אַ סך זאַכן. ווער ווייסט, אפשר וועט די צייט קומען דערצו אַ סך פריער ווי איך שטעל מיר פאָר! עטלעכע מאָל אין טאָג שיקט ער מיר אַ בליק וואָס דערציילט אַ סך, איך ענטפער אים מיט אַ ווונק מיטן אויג, און מיר פרייען זיך ביידע.

אייגנטלעך בין איך אַ נאַרעלע, אויב איך רייד מיט אַזאַ

זיכערקייט וועגן זיין פרייד; אָבער כ'האָב אַ שטאַרק געפיל, אַז ער פילט גענוי ווי איך.

דיין, אַנאַ

שבת, 4 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

דאָס איז דער ערשטער שבת זינט אַ סך מאָנאַטן, וואָס איז נישט לאַנגווייליק און טרויעריק ווי אַלע פריערדיקע, דער גורם דערצו איז פעטער.

הײַנט אינדערפרי בין איך אַרויפגעקומען אויבן, כדי אויפצוהענגען מיין פאַרטוך, און דער פאָטער האָט מיך געפרעגט, צי וויל איך בלייבן אַ ווייל, מיר זאָלן ריידן אַביסל פראַנצויזיש. כ'האָב מסכים געווען, מיר האָבן גערעדט אַביסל פראַנצויזיש, כ'האָב דערקלערט עפּעס פעטערן, און נאכהער האָבן מיר גערעדט ענגליש. דער פאָטער האָט אונז פאָרגעלייענט פון דיקענס אַ בוך, און איך בין געווען אין זיבעטן הימל, ווייל כ'בין געזעסן אויפן פאָטערס שטול, זייער נאָענט צו פעטערן.

עלף אַ זייגער בין איך אַראָפּגעגאַנגען. ווען כ'בין ווידער אַרויפגעגאַנגען אַ זייגער האַלב צוועלף, איז ער שוין געשטאַנען אויף די טרעפּ און געוואַרט אויף מיר. מיר האָבן גערעדט ביז אַ פערטל פאַר איינס. ווען ער האָט אַ געלעגנהייט דערצו — איך גיי אַרויס, צום ביישפּיל, פון צימער נאָכן עסן און קיינער הערט נישט — זאָגט ער: „אַדיע, אַנאַ, אויף ווידערזען באַלד".

אַך, כ'פריי מיך אַזוי! צי איז עס אַ באַווייז, אַז ער וועט מיך דאָך ליב קריגן? יעדנפאַלס, ער איז אַ פיינער בחור, און איך קאָן מיט אים שמועסן אויף אַ וווּנדערלעכן אופן!

פרוי וואַן דאַן האָט נישט דאַקעגן כ'זאָל ריידן מיט אים, אָבער הײַנט האָט זי געפרעגט אין שפּאַס: „קאָן איך מיך פאַרלאָזן אויף אייך ביידע דאָרט אויבן?"

„פאַרשטייט זיך", האָב איך אָפּגעענטפערט, „איר באַליידיקט מיך!"

פון פרימאָרגן ביזן אָוונט פריי איך מיך אויף די מעגלעכע באַגעגעניש מיט פעטערן.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 6 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

אויף פעטערס פּנים דערקענט מען אַז ער טראַכט אַ סך, גענוי ווי איך, און נעכטן האָט עס מיך פאַרדראָסן. ווען פרוי וואַן דאַן האָט געזאָגט מיט חוזק: „דער דענקער". פעטער האָט זיך פאַרויטלט און זיך אַביסל צעמישט, און איך האָב געמיינט אַז כ'וועל צע־שפּרינגען.

פאַרוואָס קאָנען די דאָזיקע מענטשן נישט שווייגן?

האָסט קיין באַגריף נישט, ווי שרעקלעך עס איז אים צו זען שטיין אַזוי עלנט און מאַכטלאָז. כ'קאָן מיר פאָרשטעלן — ווי איך אַליין וואָלט געווען אויף זיין פּלאַץ — ווי פאַרצווייפלט ער איז צייטנווייז אין קריגעריי אָדער אין ליבע. אָרעמער פעטער, ווי שטאַרק נויטיקט ער זיך אין ליבע!

אומבּרחמנותדיק זענען געווען זיינע ווערטער, אַז ער נויטיקט זיך נישט אין פריינט. אַך, ווי שטאַרק ער איז טועה! איך מיין, אַז ער אַליין גלויבט נישט אין דעם.

ער קלאַמערט זיך אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין כלומרשטער גלייכגילטיקייט און אין זיין רייפקייט — אַבי נישט אויפצודעקן פאַר עמיצן וואָס ער פילט באמת. אָרעמער פעטער, ווי לאַנג וועט ער נאָך אימשטאַנד זיין צו שפּילן די דאָזיקע ראָל זיינע? דאָס איז אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג, צי וועט עס זיך נישט פאַרענדיקן מיט אַ שרעקלעכן אויסברוך?

אַך, פעטער, ווען איך וואָלט געווען בכּח און געמעגט דיר העלפן! צוזאַמען וואָלטן מיר געקאָנט איינער דער אַנדערער אויס־לייזן פון אונזער איינזאַמקייט!

איך קלער אַ סך, אָבער כ'זאָג נישט פיל. איך פריי מיך ווען כ'זע אים, און באַזונדערס דאַן ווען די זון שיינט. נעכטן, בעת כ'האָב מיר געצוואָגען דעם קאָפּ, האָב איך שטאַרק געטומעלט;

כ'האָב געוווסט אַז ער איז דאָ אין צווייטן צימער; וואָס מער כ'בין ערנסטער און רואיקער אין זיך ווער איך טומלדיקער אוי־סערלעך.

ווער וועט זיין דער ערשטער, וואָס וועט אויפדעקן אָט די פאַר־פאַנצערונג און איר צוברעכן? גוט וואָס די פאַמיליע וואָן דאַן האָט נישט קיין טאָכטער. מיין דעראָבערונג וואָלט נישט געקאָנט זיין אַזוי שווער, אַזוי שיין און ווונדערלעך, ווען נישט די צו־ציאונגס־קראַפט פון אַנדערן געשלעכט.

דיין, אַנאַ

פּ. ס. דו ווייסט, אַז איך שרייב דיר אַלץ מיט אויפריכטיקייט, און דעריבער דאַרף איך דיר זאָגן, אַז אייגנטלעך לעב איך פון איין באַגעגניש צו דער צווייטער. שטענדיק האָף איך, אַז ס'וועט זיך מיר איינגעבן צו ענטדעקן, אַז אויך ער וואַרט אויף מיר אַזוי, און כ'פריי מיך אין האַרצן, ווען איך באַמערק זיין שעמעוודיקע פאַר־ערונג לגבי מיר. כ'מיין, אַז ער וואָלט געוואָלט ריידן אָפן, געננוי ווי איך וויל עס; ער ווייסט נישט, אַז דווקא די דאָזיקע שוואַכ־קייט זיינע ציט מיך אַזוי שטאַרק.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 7 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

ווען איך קלער איצט אַריין אין מיין לעבן פון יאָר 1942, זעט עס מיר אויס נישט ווירקלעך. דאָס אַרט לעבן פון פאַרגאַנגענס איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדערע אַנאַ, אַ סך אַנדערש פון דער וואָס איז דאָ אַ סך קלוגער געוואָרן. באמת, ס'איז געווען אַ לעבן פון פאַר־גניגנס. פאַרערער אויף יעדן טריט און שריט, אַ צוואָנציק פריינדינס און באַקאַנטע, דאָס ליבלינג פון דעם גרעסטן טייל לערער, גע־צערטלט תמיד דורך פאָטער און מוטער, פיל נאַשוואַרג, געננוג געלט — וואָס קאָן מען נאָך פאַרלאַנגען?

אפשר וועסטו פרעגן, וויאַזוי איז מיר געלונגען צו באַצויבערן די אַלע מענטשן. פעטער זאָגט „חן", אָבער דאָס איז נישט אינ־גאַנצן ריכטיק. יעדער לערער האָט געהאַלטן, אַז מיינע שאַרפזיניקע

תשובות, מיינע וויציקע באַמערקונגען, מיין לאַכענדיק געזיכט און מיין קריטישער בליק זענען רייצנד, וויציק און פאַרוויילנדיק. מער פון דעם בין איך באמת נישט געווען: „פלירטעוועט שרעקלעך", קאָקעטיש און וויציק. כ'האָב געהאַט אייניקע מעלות, צוליב וועלכע מען האָט מיך ליב געהאַט: פלייסיקייט, אָרנטלעכקייט און גוט־האַרציקייט. כ'האָב קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט עמ׳צן וואָס האָט געוואָלט אָפּשרייבן פון מיר; כ'האָב פאַרטיילט זיסוואַרג מיט אַן אָפענער האַנט און בין נישט געווען קיין בעל־גאווהניצע.

צי האָט דען די דאָזיקע פאַרערונג נישט געקאָנט דערוועקן אין מיר קיין גאוה? מיין מזל איז געווען, וואָס א׳ן סאַמע מיט, ווען די פרייד האָט דערגרייכט דער העכסטער מדרגה, האָב איך מיך פּלוצים אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט — און ס'איז אַריבער אַ יאָר און מער, ביז כ'האָב מיך צוגעוווינט צו לעבן אָן פאַרערונג פון אַלע זייטן.

ווי אַזוי האָט מען מיך געזען אין דער שולע? די ערשטע צו יעדן שפּאַס און וויץ, אומעטום די ערשטע, קיינמאָל נישט טרויעריק אָדער פאַרוויינט. איז דען אַ וווּנדער, וואָס אַלע האָבן מיך געוואָלט באַגלייטן אויפן פאַר־ראַד און אַרויסגעוויזן מיר אויפמערקזאַמקייט?

איצט קוק איך אויף יענער אַנאַ ווי אויף אַ ליב מ׳ידל, אָבער זער אַ פּוסטע. זי האָט קיין שום שייכות נישט צו מיר. פּעטער האָט וועגן מיר געזאָגט, און מיט רעכט: „שטענדיק ווען כ'האָב דיך געזען, ביסטו געווען אַרומגערינגלט מיט צוויי בחירים אָדער מער, און אַ גרופּע מיידלעך, געלאַכט און געווען שטע־דיק אין צענטער!"

וואָס איז געבליבן פון אָט דעם דאָזיקן מיידל? געוויס, כ'קאָן נאָך לאַכן און אָפּענטפערן שאַרפזיניק, כ'קאָן נאָך אַרויסזאָגן קריטיק וועגן מענטשן, כ'קאָן נאָך „מאַכן אַ פלירט" ווען איך... וויל. אָט דאָס איז עס: איך וויל נאָך אַמאָל, אַן אָוונט, עטלעכע טעג, אַ וואָך, לעבן אויף אַזאַ אופן, פריילעך און אין פלוג אָן דאגות. אָבער נאָך אַ וואָך וואָלט דאָס מיר נישקשהדיק נמאס געוואָרן, און כ'וואָלט געדאַנקט פון טיפן האַרצן דעם ערשטן מענטשן, מיט וועמען איך וואָלט געהאַט די געלעגנהייט צו שמועסן וועגן אַן ערנסטן ענין.

כ׳וויל נישט קיין פאַרערער, נאָר פריינט; נישט קיין מענטשן וואָס זענען צוגעלאָזן צו מיר פאַר אַ חנופהדיק שמייכעלע, נאָר מענטשן וואָס האַלטן פון מיר צוליב מיין אויפפירונג און כאַראַקטער. כ׳ווייס גוט, אַז די דאָזיקע איבערקלייבעריי וואָלט זייער באַגרענעצט דעם קרייז מענטשן אַרום מיר — אָבער וואָס שאַדט עס דען, אַזוי לאַנג ווי עס בלייבן מיר עטלעכע מענטשן, באמת אויפריכטיקע?

טראָץ אַלעמען איז מיין גליק נישט גאַנץ געווען אויך אין יאָר 1942; נישט איינמאָל האָב איך מיך געפילט פאַרלאָזן, אָבער אַזויווי כ׳בין געווען באַשעפטיקט פון פרי ביז אָוונט, האָב איך נישט פיל געטראַכט און געווילט זיך ווי וויט כ׳האָב נאָר געקענט. בכיוון צי נישט בכיוון האָב איך מיך באַמיט מיט שפּאַסערייען צו פאַרטרייבן די ליידיקייט אַרום מיר. איצט קוק איך צוריק אויף מיין לעבן און מיין מי. איין פעריאָד האָט זיך פאַרענדיקט לחלוטין. יענע עלטער פון די שול־יאָרן, אָן דאגות און שוועריקייטן, וועט זיך שוין נישט אומקערן.

און כ׳בענק נישט נאָך איר. כ׳בין רייף געוואָרן און אַרויס פון איר; כ׳קאָן שוין מער נישט טראַכטן בלויז וועגן פאַרווילונגען. איין טייל אין מיר האַלט מיך תמיד ערנסט.

איך זע מיין לעבן ביז אָנהויב 1944 ווי אונטער אַ פאַרגרעסערגלאָז: דאָס לעבן אין דערהיים, מיט זייער אַ סך זון און ליכטיקייט, און נאָכהער, אין יאָר 1942 — דער פּלוצימדיקער איבערגאַנג, די קריגערייען, די באַשולדיקונגען. כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין די ענדערונג; כ׳בין געווען דערשטוינט און נישט געקאָנט זיך אַנדערש פאַרטיידיקן נאָר מיט חוצפּה.

די ערשטע העלפט פון 1943; געוויין־אויסברוכן, איינזאַמקייט, אַ שטופנווייז פאַרשטיין פון די אַלע אַזוי גרויסע פעלערן און חסרונות, וואָס האָבן מיר אויסגעזען נאָך דאָפּלט גרעסער. כ׳האָב אַלץ באַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע פון רייד; כ׳האָב געפּרוווט דערנענטערן צו מיר דעם פאָטער, און ס׳איז מיר נישט געלונגען. איך בין געשטאַנען אַליין פאַר דער שווערער אויפגאַבע, זיך אַזוי אויפצופירן, כ׳זאָל נישט הערן מער קיין טענות און פאַרוואָרפן, ווייל

דאָס אַלץ האָט באַטריבט מיין נשמה און דערוועקט אין מיר שרעקלעכע פאַרצווייפלונג.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר האָט זיך אַלץ געבעסערט; כ׳בין רייף געוואָרן, מ׳האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו מיר ווי צו אַ דערוואַקסענע. כ׳האָב אָנגעהויבן מער טראַכטן, כ׳האָב פאַר־פאַסט דערציילונגען און געקומען צום באַשלוס, אַז אַנדערע האָבן נישט קיין רעכט מיך צו טרייסלען ווי אַ זייגער־אומרו אויף רעכטס און לינקס. כ׳האָב מיך געוואָלט ענדערן לויט מיין אייגענעם ווילן. אָבער דאָס וואָס האָט מיך נאָך מער געטראָפן איז געווען, וואָס כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער קאָן נישט זיין מיין פאַר־טרויאונגס־מענטש אין יעדער זאַך. כ׳האָב נישט געוואָלט קיינעם שענקען מער צוטרוי ווי זיך אַליין.

מיטן אָנקומען פון נייעם יאָר: דער צווייטער גרויסער איבער־ברוך, מיין חלום... אין דעם חלום האָט זיך מיר אַנטפּלעקט מיין באַגער צו אַ יינגל; נישט צו אַ פריינדין נאָר צו אַ פריינט. כ׳האָב אַנטדעקט דאָס גליק אין מיר אַליין, און כ׳האָב אַראָפּגענומען דעם פאַנצער פון מיין פלאַכקייט און פריילעכקייט. כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרזינקען פון צייט צו צייט אין שווייגן, כ׳האָב ענטפּלעקט מיין שטאַרקן באַגער צו אַלץ וואָס איז שיין און גוט.

און אין אָוונט, בעת כ׳ליג אין בעט און פאַרענדיק מיין תפילה מיט די ווערטער: „כ׳דאַנק דיר פאַר אַלעם גוטן, שיינעם און ליבן״, שאַלט פון פרייד מיין האַרץ אין מיר. איך קלער וועגן „גוטן״ וואָס איז דאָ אין אונזער באַהעלטעניש, וועגן מיין געזונט און וועגן זיך בכלל; וועגן דעם „ליבן״ וואָס איז אין פעטערן, אין מאָ־מענט ווען ער איז נאָך קליין און דעליקאַט, און ביידע וואָגן מיר נאָך נישט דאָס צו באַרירן, אָדער אָנרופן דאָסביים נאָמען, אָבער דאָס וועט קומען, דאָס איז די ליבע, די צוקונפט און דאָס גליק; וועגן „שיינעם״ דאָס איז די וועלט אַליין; די וועלט, די נאַטור, דאָס שיינקייט און אַלץ, וואָס איז שיין אין דער וועלט.

און דעמאָלט טראַכט איך נישט וועגן דעם גאַנצן ליידן, נאָר וועגן דעם שיינעם וואָס איז נאָך איבערגעבליבן. און דאָ איז גרויס דער אונטערשיד צווישן דער מוטער און מיר. איר עצה פאַר דעם טרויעריקן און ליידנדיקן: „טראַכט וועגן דעם גאַנצן ליידן אויף

דער וועלט, וואָס איז נישט אויסגעפאַלן אויף דיין גורל!" מיין עצה איז: „גיי אַרויס אין פרייען פעלד, צו דער נאַטור און זון, גיי אַרויס און פּרוּוו ווידער געפינען דאָס גליק אין דיר אַליין און אין גאָט. טראַכט וועגן אַלעם שיינעם, וואָס איז נאָך געבליבן אין דיר און אין דיין אומגעבונג און זיי גליקלעך!"

לויט מיין מיינונג, איז נישטאָ קיין לאָגיק אין דער אָנשויאונג פון דער מוטער, ווייל וואָס דאַרפסטו טון ווען דו אַליין ליידסט? דעמאָלט ביסטו דאָך פאַרלוירן. איך, דאַקעגן, האַלט, אַז שטענדיק איז נאָך געבליבן עפּעס שיינס אין דער נאַטור, אין דער זון־שיין, אין דער פרייהייט, אין דיר אַליין; קוק זיך איין אין דעם אַלעמען און וועסט געפינען זיך אַליין און גאָט, און דיין גלייכגעוויכט.

און דער וואָס איז אַליין גליקלעך, גיט גליק אויך אַנדערע; דער וואָס באַזיצט העלדישקייט און גלויבן, וועט קיינמאָל זיך נישט פאַרלירן אין זיינע ליידן!

דיין, אַנאַ

זונטיק, 12 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

לעצטנס האָב איך נישט קיין געדולד צו זיצן אויף איין פּלאַץ; איך בלאָנקע זיך אַרום, פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. כ'האָב ליב צו שמועסן מיט פּעטערן, אָבער די גאַנצע צייט האָב איך מורא, טאָמער באַלעסטיק איך אים. ער האָט מיר דערציילט אַביסל וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן זיינע עלטערן און וועגן זיך, לויט מיין מיינונג, האָט ער צו ווייניק דערציילט, וויאַזוי וואָלט איך אים געקאָנט באַוועגן, אַז ער זאָל מיר מער דערציילן. פריער האָט ער מיך נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און איך אים אויך נישט; איצט האָב איך געענדערט מיין מיינונג, אָבער צי האָט ער אויך זיין מיינונג געענדערט?

איך קלער, אַז יאָ; אָבער דאָס פאַרפליכטעט אונז נאָכנישט צו זיין גוטע פריינט, הגם די זאַך וואָלט מיר פאַרלייכטערט דאָס לעבן אין באַהעלטעניש. אָבער בעסער, אַז איך זאָל זיך נישט איבערנעמען מיט דעם צופיל. איך באַשעפטיק זיך מיט אים גאַנץ

גענוג, און כ׳דאַרף נישט אויך דיך טרויעריק מאַכן, ווייל כ׳פיל מיך אזוי אומגליקלעך.

שבת נאָכמיטאָג האָב איך געהערט כלערליי שלעכטע בשורות פון דרויסן, כ׳בין געווען אַזוי צוטראָגן, אַז כ׳האָב זיך געלייגט שלאָפן, כ׳זאָל נישט דאַרפן טראַכטן. און נאָכהער האָב איך געדאַרפט אַריינגיין אין אונזער בשותפותדיקן צימער. ס׳איז מיר געווען שווער צו ענטפערן אויף אַלע פראַגן פון דער מוטער און אויסקלערן אַ תירוץ פאַרן פאָטער פאַרוואָס כ׳בין געשלאָפן. כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳האָב קאָפּ־ווייטיק, און ס׳איז נישט געווען קיין ליגן, ווייל כ׳האָב טאַקע געהאַט קאָפּ־שמערצן... פון אינעווייניק!

געוויינלעכע מענטשן, געוויינלעכע מיידלעך, האַלב־דערוואַקסענע ווי איך, וועלן אודאי קלערן, אַז כ׳בין אַביסל משוגע מיט דעם דאָזיקן רחמנות אויף זיך אַליין. אָבער יאָ, דאָס איז די גאַנצע צרה — כ׳דעק דיר אויף אַלץ וואָס ביי מיר אין האַרצן, אין די רעשט שעהן פון טאָג בין איך חוצפּהדיק, פריילעך ווי נאָר מעגלעך און זעלבסט־זיכער, כדי אויסצומיידן פראַגעס און זיך נישט דאַרפן אויפרעגן.

מאַרגאָט איז זייער ליב; זי וואָלט געוואָלט אַז כ׳זאָל זיך איר פאַרטרויען, אָבער כ׳קאָן איר נישט אַלץ דערציילן. זי איז ליב, שיין און גוט, אָבער ס׳פעלט איר די נויטיקע לייכטקייט כדי צו שמועסן וועגן טיפערע ענינים; זי באַציט זיך צו מיר מיט צופיל ערנסט און קלערט פיל וועגן איר משוגעדיקער שוועס־טער, און ווען איך רייד, שטעלט זי אָן אויף מיר אַ פאַרשנדיקן בליק און טראַכט זיך די גאַנצע צייט: „צי איז עס אַ קאָמעדיע, אָדער מיינט זי עס טאַקע ערנסט?" די סיבה — מיר זענען תמיד צוזאַמען, און ווען כ׳וועל עמיצן אַלץ פאַרטרויען, וועל איך נישט קאָנען פאַרטראָגן, אַז ער זאָל דעם גאַנצן טאָג זיין מיט מיר.

ווען וועל איך מיך אַרויסקריגן פון דעם געווירבל וואָס ברויזט אין מיין האַרץ? ווען וועל איך געפינען רו פאַר מיין נשמה?

דיין, אַנאַ

דיניסטיק, 14 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

אפשר וועט עס דיר אויסזען קאָמיש — מיר בשום אופן נישט —

צו הערן וואָס אַזעלכעס מיר וועלן היינט עסן. אַזויווי די פרוי וואָס רוימט אויף געפינט זיך אונטן, זיץ איך איצט ביים טיש פון דער פאַמיליע וואן דאן און דריק צו צום מויל און צו דער נאָז אַ טיכעלע אָנגעזאַפּט מיט גוטן פאַרפום פון פאַר די באַהעלטעניש צייטן. אָבער פון דעם ווערסטו קיין זאַך נישט פאַרשטיין — „לאָמיר אָנהויבן פון אָנהויב״.

אַזויווי מ׳האָט געכאַפּט אונזערע קופּאָנען־ליפעראַנטן, האָבן מיר איצט נישט, אַחוץ אונזערע פינף שפּייז־קאַרטן, מער קיין שום צו־גאָב־קופּאָנען און נישט קיין פעטס. ווייל מיפ און קאַפּהויז זענען קראַנק, קאָן עלי נישט אַרויסגיין איינקויפן פאַר אונז, און ווייל דאָס גאַנצע געמיט איז אומגליקלעך, איז אויך דאָס עסן אונזערס אומגליקלעך. פון היינט אינדערפרי אָן האָבן מיר שוין נישט קיין פעטס, פּוטער אָדער מאַרגאַרין. מיר האָבן שוין נישט קיין געפּרעג־גלטע קאַרטאָפל צו מיטאָג (מיר עסן דאָס, כדי איינצושפּאָרן ברויט), נאָר קאַשע, און ווייל פרוי וואן דאן מיינט, אַז מיר האַלטן ביי אויסגיין פאַר הונגער, האָבן מיר געקויפט מער מילך אויפן שוואַרצן מאַרק. היינט צו מיטאָג עסן מיר מאַרינירט קרויט פונם פאַס. פון דאַנען נעמט זיך די פאַרזיכטס־מיטלען מיטן טיכעלע. האָסט נישט קיין באַגריף, וואָס פאַר אַ שווערער ריח ס׳טראָגט זיך פון קרויט וואָס איז אַלט אַ יאָר. דאָ אין צימער איז אַ ריח, אַ געמיש פון פאַר־דאַרבענע פלוימען, שאַרפע קאָנסערוון און פוילע אייער. אוי וויי, כ׳פיל אָן איבל שוין בלויז פון געדאַנק, אַז כ׳וועל דאַרפן עסן דאָס דאָזיקע פּסולת.

נאָך אַ צרה איז, וואָס אונזערע קאַרטאָפל זענען געשלאָגן גע־וואָרן מיט אַלערליי קרענק, און פון צוויי עמער קאַרטאָפל איז איינער פאַראורטיילט פאַרברענט צו ווערן אין אויוון. מיר פאַרנעמען זיך מיט פעסטשטעלן די דיאַגנאָזעס פון די כלערליי קרענק, און מיר זענען געקומען צום אויספיר, אַז קרעבס, פּאָקן און מאָזלען דערשיינען אָפּט ביי אונזערע קאַרטאָפל. אך! ניין, ס׳איז בכלל קיין פאַרגניגן נישט צו זיצן אין באַהעלטעניש שוין דאָס פערטע יאָר פון דער מלחמה. הלואי וואָלט דער גאַנצער פאַסקודנער עסק שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

דעם אמת געזאָגט, וואָלט מיך דאָס עסן אַזוי נישט געאַרט, ווען

דאָס לעבן דאָ זאָל זיין אַביסל מער אנגענעם. איז אָבער די צרה: דאָס לאַנגווייליקע לעבן מאַכט אונז אלע נערוועז און לייכט אויפצורעגן זיך.

אָט איז די מיינונג פון פינף דערוואַקסענע באַהעלטעניש־איינ־וווינער וועגן דער לאַגע איצט:

פרוי וואַן דאַן:

„די ראָל פון דער קיד־פירשטין איז מיר שוין לאַנג נמאס געוואָרן. אָבער זיצן און גאָרנישט טון איז נאָך מער לאַנגווייליק. דעריבער קאָך איך ווייטער. דאָך האָב איך אַ סך טענות. קאָכן אָן פעטס איז אוממעגלעך, און די אַלע שלעכטע ריחות דערוועקן אין מיר אַן עקל. און וואָס איז די באַצאָלונג פאַר מיין מי? נאָר אומ־דאַנקבאַרקייט און געשרייען; שטענדיק בין איך דאָס כפרה־הינדל און אין אַלץ באַשולדיקט מען מיך. מיין מיינונג איז, אַז די מלחמה גייט נישט גענוג שנעל פאָרויס, און דער סוף וועט נאָך זיין אַז די דייטשן וועלן זיגן. כ׳האָב זייער מורא, אַז מיר וועלן אויסגיין פון הונגער, און ווען כ׳בין אין אַ שלעכטער שטימונג, זידל איך אַלעמען“.

הער וואַן דאַן:

„כ׳מוז רויכערן, רויכערן, רויכערן, און נאכהער עסן און פּאָליטיקירן. קאַרלי׳ס שטימונג איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך. קאַרלי איז אַ פיינע פרוי“.

אָבער ווען ער האָט נישט צו רויכערן, איז אַלץ שלעכט, דעמאָלט זאָגט ער: „איך ווער קראַנק, מיר לעבן אין שלעכטע באַדינגונגען, איך ברויך צו האָבן פלייש. מיין קאַרלי איז אַ נאַרישע פרוי“. נאָכ־דעם ברעכט אויס, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע קריגעריי.

פרוי פראַנק:

„דאָס עסן איז נישט דאָס וויכטיקסטע, אָבער כ׳וואָלט איצט גערן געגעסן אַ שטיקל קאָרן־ברויט, ווייל כ׳בין זייער הונגעריק. ווען כ׳וואָלט געווען אויפן אָרט פון פרוי וואַן דאַן, וואָלט איך שוין לאַנג איבערגעריסן דאָס אייביקע רויכערן פון הער וואַן דאַן. אָבער איצט ברויך איך אַליין אַ ציגאַרעט, ווייל כ׳בין זייער נערוועז. די ענגלענדער מאַכן אַ סך פעלערן, אָבער די מלחמה גייט שוין

פּאַרויס; כ׳מוז אַ סך ריידן און זיין צופרידן, וואָס כ׳בין נישט אין פּוילן״.

הער פראַנק:

„אַלץ איז גוט, כ׳דאַרף קיין זאַך נישט. רואיק רואיק, מיר האָבן צייט. גיט מיר אביסל קאַרטאָפל, וועל איך דאָס מויל נישט עפענען. איך מוז אַוועקלייגן אַ טייל פון מיין עסן פאַר עלין. די פּאָליטישע לאַגע איז אויסגעצייכנט, כ׳בין זייער אָפּטימיסטיש״.

הער דיסעל:

„כ׳מוז ענדיקן מיין שטודיום צו דער צייט. די פּאָליטישע לאַגע איז אויסגעצייכנט. ס׳זענען נישטאָ קיין „אויסזיכטן מ׳זאָל אונז כאַפּן״.

„איך, איך, איך...!״

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 15 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

פּפּפּ! ענדלעך האָב איך מיך אַביסל באַפרייט פון די שוואַרצע גבואות!

אַ גאַנצן טאָג הער איך נאָר: „אויב ס׳וועט אַזוי אָדער אַזוי פּאַסירן, וועלן מיר האָבן מוראדיקע שוועריקייטן, און אויב אויך יענער וועט קראַנק ווערן, וועלן מיר זיין אינגאַנצן פאַרלאָזן און אויב דעמאָלט...״ דאָס איבריקע ווייסטו שוין. יעדנפאַלס, כ׳נעם אָן, אַז דו קאָנסט שוין אין אַ גענוגנדיקער מאָס די באַהעלטעניש־מענטשן, כדי דו זאָלסט קאָנען פאַראויסזאָגן זייערע געשפּרעכן.

די סיבה פון די אַלע „אויב, אויב״ איז די, וואָס הער קראַלער איז גערופן געוואָרן צום גראָבן אָקאָפּעס, עלי איז שטאַרק פאַרקילט און ס׳איז כמעט זיכער, אַז מאָרגן וועט זי מוזן בלייבן אינדערהיים. מיפּ איז נאָכנישט אַרויס פון דער גריפּע אירער, קאָפּהויז האָט געהאַט אַ בלוט־אויסגוס אין מאָגן און ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוווּסט־זיין. וואָס פאַר אַ טרויער־ליסטע!

די מאַגאַזין־אַרבייטער האָבן באַקומען אורלויב אויף מאָרגן, און אויב עלי וועט בלייבן אינדערהיים, וועט די טיר זיין פאַר־

שלאָסן און מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו זיין שטיל ווי די מייזלעך, כדי די שכנים זאָלן אונז נישט הערן. הענק וועט קומען מאַכן אַ באַזוך ביי די פאַרוואָגלטע איינס אַ זייגער און ער וועט דערפילן די ראָל פון אַ וועכטער אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. היינט ביים מיטאָג — דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לענגערער צייט — האָט ער אונז דערציילט פון דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער גרויסער וועלט. וואָלסט געדאַרפט זען אונז אַלע שטיין אַרום אים: ס'איז געווען ענלעך צום באַקאַנטן בילד „ווען די באָבע דערציילט אַ מעשה". ער האָט דערציילט זייער אַ סך, און דער עולם צוהערער איז געווען פיל מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט גערעדט, פאַרשטייט זיך וועגן עסן און וועגן מיפּס דאָקטאָר, ווען מיר האָבן געפרעגט וואָס זי מאַכט. „אַ דאָקטאָר, רעדט נישט וועגן קיין דאָקטאָר! כ'האָב געקלונגען צו אים היינט אינדערפרי, ביים טעלעפאָן איז געווען איינער פון די אַסיסטענטן און כ'האָב געבעטן עפּעס אַ רפואה קעגן גריפּע. דער ענטפער איז געווען, אַז מאָרגן צווישן אַכט און ניין דאַרף איך קומען אָפּנעמען דעם רעצעפּט. אויב דו ווערסט קראַנק אויף זייער אַ שווערער גריפּע, גייט דער דאָקטאָר אַליין צו צום טעלעפאָן און זאָגט: „שטעל אַרויס די צונג, זאָג אאה... כ'הער שוין, האָסט אַן אָנטצינדונג אין האַלז. כ'וועל דיר פאַרשרייבן אַ רעצעפּט, וועסט אים קאָנען באַשטעלן אין אַפּטייק. אַדיע, מיין הער". און פאַרטיק. אַ באַקוועמע פּראַקטיק! באַהאַנדלונג בלויז דורכן טעלעפאָן.

אָבער כ'דאַרף אפשר נישט זיין בייז אויף די דאָקטוירים. סוף כל סוף האָט דאָך אַ מענטש נישט מער ווי צוויי הענט, און אין די איצטיקע צייטן איז דאָ אַן איבערפלוס פון קראַנקע און אַ מאַנגל אין דאָקטוירים. דאָך האָבן מיר אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, ווען הענק האָט אונז דערציילט וועגן דעם דאָזיקן טעלעפאָנישן געשפּרעך.

כ'קאָן מיר פאָרשטעלן, ווי ס'זעט אויס דאָס וואַרטע־צימער פון אַ דאָקטאָר אין די איצטיקע טעג. מ'גרינגשעצט נישט מער די מיטגלידער פון דער קראַנקן־קאַסע, נאָר די מענטשן וואָס זייער קראַנקהייט איז נישט קיין שווערע, און די אַנדערע זאָגן זיך אין

האַרצן: „וואָס זוכסטו דען דאָ?, זיי אַזוי גוט און שטעל זיך ביים סוף פון דער ריי. דאָס פאַר־רעכט האָבן די באמת קראַנקע".

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 16 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

דאָס וועטער איז וווּנדערלעך, עס איז גאָרנישט צו שילדערן זיין שיינקייט; באַלד גיי איך אַרויף אין בוידעם־שטיבל.

איצט ווייס איך, פאַרוואָס פּעטער איז אַ סך שטילער פון מיר. ער האָט זיך זיין צימער. דאָרט אַרבעט ער, טרוימט, דענקט און שלאָפט. מיך שטופּט מען פון איין ווינקל אין צווייטן. אין מיין האַלבן צימער האָב איך כמעט נישט קיין מעגלעכקייט צו זיין אַליין און כ׳וואָלט אַזוי שטאַרק דאָס געוואָלט. דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס איך אַנטלויף אַזוי אָפט אַרויף אויפן בוידעם. דאָרט און ביי דיר קאָן איך זיין אַ קורצע ווייל אַליין מיט זיך. דאָך וויל איך דיך נישט מיד מאַכן מיט מיינע פאַרלאַנגען; כ׳וויל זיין מוטיק. גוט, וואָס אַנדערע קענען נישט מיינע געפילן, אַחוץ דאָס וואָס פון טאָג צו טאָג ווער איך קילער צו דער מוטער, גלעט דעם פאָטער ווייניקער און פאַרשליס זיך אַלץ מער אפילו פאַר מאַרגאָטן. כ׳בין איצט אינגאַנצן פאַרשלאָסן. קודם־כל דאַרף איך מיך האַלטן רואיק אויסערלעך; קיין מענטש דאַרף נישט וויסן, אַז אין מיר קומט פאָר אַ געראַנגל. אַ געראַנגל צווישן מיין באַגער און מיין פאַרשטאַנד. ביז איצט האָט דער פאַרשטאַנד איבער־געוויגן, אָבער צי וועט זיך צום סוף נישט אַרויסווייזן, אַז דער באַגער האָט געזיגט? טיילמאָל האָב איך מורא דערפאַר, און טייל־מאָל וויל איך עס!

ס׳איז אַזוי שווער איינצוהאַלטן דעם יצר־הרע און פּעטערן, אַ וואָרט נישט זאָגן. כ׳ווייס אָבער, אַז ער דאַרף רעדן וועגן דעם דער ערשטער; ס׳איז אַזוי שווער, ווען די אַלע געשפּרעכן און פּאַסירונגען וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט אין מיינע חלומות, זענען אַוועק ווי נישט געווען! יאָ, קיטי, אַנאַ איז אַ זייער משונהדיק

מיידל, אָבער איך לעב אין אַ משונהדיקער צייט, און אין נאָך מער משונהדיקע אומשטענדן.

די וווּנדערלעכסטע זאַך איז דאָס, וואָס כ׳מעג לכל הפחות פאַרצייכנען אַלץ וואָס איך טראַכט און פיל, ווייל אַנדערש וואָלט איך פולשטענדיק דערשטיקט געוואָרן. וואָס קלערט פּעטער וועגן די אַלע זאַכן? כ׳האָף נאָך אַלץ, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען כ׳וועל קאָנען ריידן מיט אים וועגן דעם. זיכער טראַכט ער וועגן מיר, אַז די דאָזיקע אויסערלעכע אַנאַ, די וואָס ער קען ביז איצט, בלויז די קאָן ער נישט ליב האָבן.

אַ בחור ווי ער, וואָס האָט ליב שטילקייט און רו, וויאַזוי קאָן ער ליב האָבן מיין געטומל און געברויז? איז עס מעגלעך, אַז ער איז דער ערשטער אויף דער וועלט, וואָס האָט אַריינגעבליקט הינטער דעם בעטאָן־פּאַנצער מיינעם? וועט ער אויך אינגיכן דורכברעכן מיין פּאַנצער? זאָגט דען נישט דאָס אַלטע שפּריכוואָרט, אַז די ליבע קומט אָמאָל פון רחמנות, אָדער אַז דיביידע געפילן גייען צוזאַמען? צי האָט נישט דאָסזעלבע פּאַסירט אויך מיט מיר? ווייל איצט האָב איך אויף אים רחמנות, גענוי ווי איך פלעג רחמנות האָבן אויף מיר אַליין!

כ׳ווייס נישט, כ׳ווייס נישט וויאַזוי צו געפינען די ערשטע ווערטער — און וויאַזוי קאָן ער זיי געפונען, וואָס איז נישט אַזוי לייכט־שפּראַכיק ווי איך, ווען איך וואָלט אים געקאָנט שרייבן, וואָלט איך ווייניקסטנס געוווּסט, אַז ער ווייסט וואָס איך וויל אים זאָגן — ווייל מיט ווערטער איז עס אַזוי שווער!

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 17 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

אַ גרויסע דערלייכטערונג אין באַהעלטעניש. דער גרויסער ראַט האָט באַפרייט קראַלערן פון דער פליכט צו אַרבעטן ביי אָקאָפּעס. עלי האָט אויסגעזידלט איר נאָז און איר פאַרבאָטן זי צו באַלעסטיקן היינט. אַלץ איז ווידער אין אָרדנונג, נאָר אונזערע עלטערן זענען געוואָרן אַביסל אומדערטרעגלעך פאַר מאַרגאָטן און

פאַר מיר. זיי זיך נישט טועה: די באַציאונגען צווישן מיר און דער מוטער זענען איצט נישט קיין גוטע, ווי דו ווייסט, און דעם פאָטער האָב איך ליב ווי תמיד, און מאַרגאַט האָט זיי ביידן ליב. אָבער אַ מיידל אין מיין עלטער, וויל אַמאָל אַליין באַשליסן אין אירע אייגענע ענינים, און זיך באַפרייען אַביסל פון עלטערנס אפּוטרופּסות.

אַז כ׳גיי אַרויף אויבן, פרעגט מען מיך, וואָס כ׳גיי טון; כ׳טאָר נישט צושיטן קיין זאַלץ צום עסן; יעדן אָוונט, אַ פערטל נאָך אַכט, פרעגט די מוטער צי איך טו מיך נאָך נישט אויס; און יעדעס בוך וואָס כ׳האָב בדעה צו לייענען ברויך אַ באַזונדער דערלויבניש. אמת, די צענזור איז נישט אַזאַ שטרענגע, מ׳דערלויבט מיר צו לייענען כמעט אַלץ. אָבער די אַלע באַמערקונגען און די קאָנטראָל, און די אַלע פראַגן וואָס מ׳שטעלט זענען שוין אונז צו לאַסט.

און נאָך עפּעס וואָס געפעלט זיי נישט: עס איז מיר נמאס געוואָרן דאָס קושן און גלעטן, און אויך די ליבעס־צונעמען. בקיצור, כ׳וואָלט געוואָלט זיי זאָלן מיך אַביסל צורולאָזן. מאַרגאַט האָט נאָך נעכטן געזאָגט: „דאָס איז אַזוי לעסטיק; אַז דו שפּאַרסט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און דו זיפצסט אָפּ, פרעגן זיי דיך באַלד, צי האָסטו נישט קיין קאָפּ־ווייטיק אָדער פילסטו זיך נישט גוט?״

פאַר ביידן איז עס אַ שווערער קלאַפּ צו זען, ווי ווייניק איז דאָ געבליבן פון דער האַרמאָניע און צוטרוי וואָס האָבן געהערשט אַמאָל ביי אונז אינדערהיים. און דאָס פליסט אַרויס, אין אַ גרויסער מאָס, פונם פאַקט וואָס אונזער לאַגע דאָ איז נישט קיין נאָרמאַלע. כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, אַז מ׳פירט זיך אויף מיט אונז ווי מיט קינדער, יעדנפאַלס אין אויסערלעכע ענינים, בעת אין אַלע אינער־לעכע ענינים זענען מיר פאַקטיש פיל רייפער פון אַ סך אַנדערע מיידלעך אין אונזער עלטער.

כ׳בין אַלט בלויז פערצן יאָר, און דאָך ווייס איך גוט וואָס איך וויל. כ׳ווייס ווער עס האָט רעכט און ווער נישט. כ׳האָב מיר מיין אייגענע מיינונג, מיין אייגענעם צוגאַנג און אייגענע פּרינציפּן, און הגם די זאַך איז אפשר משונהדיק אינם מויל פון אַ אָקאָרשט רייף־ווערנדיק מיידל, מוז איך זאָגן, אַז כ׳פיל מיך מער ווי אַ גרויסע איידער ווי אַ קינד, און פיל מיך נישט אָפּהענגיק אין קיינעם.

כ׳ווייס, אַז אין דיסקוסיעס בין איך שטאַרקער ווי די מוטער, כ׳ווייס אַז כ׳בין מער אָביעקטיוו ווי זי, אַז איך איבערטרייב נישט ווי זי, אַז כ׳בין פּעיקער און טיכטיקער ווי זי, דעריבער — ווּעסט אפשר לאַכן — פיל איך מיך גרעסער פון איר אין אַ סך זאַכן. כדי איך זאָל עמיצן ליב האָבן, מוז איך אים קודם פאַרערן און שעצן. אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען פּעטער וואָלט געווען מיינער, ווייל איך פאַרער אים אין אַ סך הינזיכטן. ער איז אַזאַ ווונדערלעך און קלוג ייִנגל!

דײַן, אַנאַ

זונטיק, 19 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

נעכטן איז געווען אַ וויכטיקער טאָג פאַר מיר. כ׳האָב בײַ מיר באַשלאָסן צו ריידן מיט פּעטערן און אויפצוקלערן דעם ענין. איידער מיר האָבן זיך געזעצט עסן, האָב איך אים איינגערוימט אין אויער: „לערנסט היינט סטענאָגראַפיע, פּעטער?" „ניין", האָט ער געענטפערט. „אויב אַזוי וועל איך וועלן עפּעס ריידן מיט דיר שפּעטער!". ער האָט מסכים געווען. נאָכן וואַשן דאָס געשיר בין איך געשטאַנען אַביסל בײַם פענצטער אינם צימער פון זיינע עלטערן — כלומרשט סתם אַזוי — אָבער ס׳איז נישט אַוועק לאַנג און איך בין צוגעגאַנגען צו פּעטערן. ער איז געשטאַנען לינקס פון אָפענעם פענצטער, און איך רעכטס, און מיר האָבן געשמועסט. ס׳איז געווען באַקוועמער צו ריידן אין דער טונקלקייט בײַם אָפענעם פענצטער ווי בײַם פולן ליכט, כ׳קלער אַז דאָס איז אויך געווען פּעטערס מיינונג.

מיר האָבן דערציילט איינער דער אַנדערער אַזויפיל, אַז כ׳קאָן דאָ נישט אַלץ איבערחזרן, אָבער ס׳איז געווען ווונדערלעך; דער שענסטער אָוונט וואָס כ׳האָב ביזהער געהאַט אין באַהעלטעניש. כ׳וועל דיר דאָך איבערגעבן בקיצור די פאַרשידענע טעמעס. צו־ערשט האָבן מיר גערעדט וועגן די קריגערייען, כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳האָב איצט אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג צו די דאָזיקע זאַכן, נאָכהער האָבן מיר גערעדט וועגן דער פרעמדקייט פון די באַציאונגען מיט די עלטערן.

כ'האָב דערציילט פּעטערן וועגן פֿאָטער און מוטער, מאַרגאָט און וועגן זיך.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַ פֿרעג געטון: „איר זאָגט זיך אודאי „אַ גוטע נאַכט" באַגלייט מיט אַ קוש?"

„איין קוש? אַ סך! און דו נישט?"

„ניין, כ'האָב נאָך כמעט קיין מענטש קיין קוש נישט געגעבן".

„אויך נישט אין דיין געבורטסטאָג?"

„יאָ, דעמאָלט יאָ".

מיר האָבן גערעדט וועגן צוטרוי, אַז נישט ער און נישט איך זענען מיר אָפֿנהאַרציק לגבי די עלטערן, אַז זיינע עלטערן ווילן זייער, אַז ער זאָל זיך פֿאַר זיי מיט אַלעם פֿאַרטרויען און ער וויל נישט. כ'האָב דערציילט, אַז ווען איך לייד, וויין איך אין בעט, און ער ווידער גייט אַרויף צו זיך אין בוידעם־צימערל און שעלט און זידעלט. כ'האָב געזאָגט, אַז מאַרגאָט און איך קענען זיך בלויז אַ קורצע צייט, און מיר דערציילן זיך נישט אַלץ, ווייל מיר זענען שטענדיק צוזאַמען, און מיר האָבן אויך גערעדט וועגן כלערליי אַנדערע זאַכן, און ס'איז געווען גענוי ווי איך האָב וועגן אים געקלערט.

און דאַן האָבן מיר גערעדט וועגן יאָר 1942. ווי אַנדערש מיר זענען געווען דעמאָלט. נישט איך און נישט ער דערקענען שוין איצט נישט אין אונז די קינדער וואָס מיר זענען געווען. און ווי מיר האָבן פֿריער זיך נישט ליב געהאַט איינער די אַנדערע. ער האָט געהאַלטן, אַז איך בין צו טומעלדיק און פּרעטענסיעז, און איך האָב פֿאַר אים נישט געהאַט קיין אינטערעס. כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער סימפּאַטיזירט נישט מיט מיר, אָבער איצט פֿריי איך מיך. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער האָט ליב אַ סך מאָל צו זיין אַליין. כ'האָב אים געענטפֿערט, אַז עס איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשיד צווישן מיין רעשן זיך און זיין שטילקייט. אויך איך האָב ליב שטילקייט, און כ'האָב נישט, קיין שום זאַך וואָס איז מיינס אַליין, אַ חוץ מיין טאָגבוך. ער האָט שעמעוודיק דערמאָנט, אַז ער איז צופֿרידן וואָס מיינע עלטערן האָבן געברענגט אַהער זייערע קינדער, איך האָב געזאָגט,

אַז איך פרײ מיך וואָס ער איז דאָ. און אַז כ׳פּאַרשטײ איצט זײן צוריקגעהאַלטנקײט און זײן באַציאונג צו זײנע עלטערן, אַז כ׳וועל מיך זײער פרײען, אויב כ׳וועל אים קאָנען העלפן. „דו העלפסט מיר דאָך שטענדיק", האָט ער געזאָגט. „מיט וואָס?" האָב איך מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט. „מיט דײן פריילעכקײט!". דאָס איז געווען דאָס שענסטע וואָרט וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ס׳איז געווען וואונדערלעך, ער האָט זיכער אָנגעהויבן סימפּאַטי־זירן מיט מיר אַלס פרײנדין, און דאָס איז פאַרלויפיק גענוג. כ׳האָב קײן ווערטער; איך בין אַזוי צופרידן און פריילעך, און איך מוז מיך פאַר דיר אַנטשולדיקן, וואָס מײן הײנטיקער סטיל איז „אונטערן ניוואָ".

כ׳האָב סתם פאַרצײכנט וואָס ס׳איז מיר אײנגעפאַלן. איצט האָב איך דאָס געפיל, ווי מיר, איך און פּעטער, וואָלטן געהאַט אַ בשותּפותדיקן סוד. ווען ער קוקט אויף מיר מיט אַ שמײכל און אַ ווונק, איז ווי אַ קלײן לעמפּל וואָלט זיך אָנגעצונדן אין מיר. כ׳האָף, אַז אַזוי וועט עס בלײבן, און אַז מיר וועלן נאָך פאַר־ברענגען פיל אָנגענעמע שעהן צוזאַמען.

דײן, מיט דאַנקבאַרקײט און פרײד, אַ נ אַ

מאָנטיק, 20 מאַרץ 1944

טײערע קיטי,

הײנט אינדערפרי האָט פּעטער געפרעגט, צי כ׳וואָלט נישט געוואָלט קומען צו אים אָפטער אין אָוונט, פאַרזיכערנדיק, אַז איך שטער אים ווירקלעך נישט. און אויב ס׳איז דאָ אין זײן צימער פּלאַץ פאַר אײן מענטשן, וועט אויך זײן פּלאַץ פאַר צווײ. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳קאָן נישט קומען יעדן אָוונט, ווײל אונטן וועט מען דערצו נישט מסכּים זײן; אָבער זײן מײנונג איז, אַז איך דאַרף זיך דערמיט נישט רעכענען. כ׳וואָלט געוואָלט קומען מוצאי־שבת, און כ׳האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר מודיע זײן ספּעציעל אין אַן אָוונט ווען עס שײנט די לבנה. „אויב אַזוי", האָט ער געזאָגט, „וועלן מיר אַראָפּגײן זען די לבנה פון אונטן".

אינצווישן איז געפאַלן אַ שאָטן אויף מײן גליק. שוין פון

לאַנג האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז פּעטער געפעלט אויך מאַרגאָטן. כ׳ווייס נישט ווי ווייט זי ליבט אים, אָבער דער גאַנצער ענין טוט מיר זייער ווי. יעדעס מאָל, ווען כ׳באַגעגן מיך מיט פּעטערן, בין איך איר אודאי גורם ווייטיק, און דאָס שענסטע דערביי איז, וואָס זי ווייזט עס נישט אַרויס.

כ׳ווייס, אַז ווען איך זאָל זיין אויף איר פּלאַץ, וואָלט איך געווען אייפערזיכטיק ביז פאַרצווייפלונג, אָבער מאַרגאָט זאָגט בלויז, אַז איך דאַרף אויף איר קיין רחמנות נישט האָבן.

„איך באַדויער אַזוי שטאַרק, וואָס דו ביסט דאָ די דריטע וואָס איז איבעריק", האָב איך נאָך צוגעגעבן. „כ׳בין געוויינט דערצו", האָט זי געענטפערט מיט ביטערניש.

דאָס וואַג איך נישט צו דערציילן פּעטערן; אפשר שפּעטער, נאָך אַ געוויסע צייט. דערווייל האָבן מיר נאָך זייער אַ סך צו שמועסן.

נעכטן האָט מיר די מוטער געמאַכט אַ לייכטן פאָרוואָרף, וואָס כ׳האָב אים פאַרדינט. כ׳טאָר נישט צו ווייט גיין מיט מיין גלייכגילטיקייט לגבי איר. איך וועל דאָך פּרוּוון צו זיין ווידער ליב צו איר און מיך צוריקהאַלטן פון מאַכן מיינע באַמערקונגען.

אויך פּים איז שוין נישט אַזוי האַרציק ווי ער איז געווען. ער פּרוּווט איצט זיך באַציִען צו מיר, אַזוי ווי כ׳וואָלט שוין נישט געווען מער קיין קליין מיידעלע, און ער איז אַביסל צו קאַלט. מיר׳ן זען מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן!

פאַרלויפיק איז עס גענוג. ווען איך גיב בלויז אַ קוק אויף פּעטערן, ווערט מיין האַרץ איבערפילט ביז אַבער די ברעגעס!

דיין, אַנאַ

אַ באַווייז פאַר מאַרגאָטס גוטהאַרציקייט: דעם דאָזיקן בריוו האָב איך באַקומען פון איר דעם 20 מאַרץ 1944:

„אַנאַ, ווען כ׳האָב דיר געזאָגט נעכטן, אַז כ׳בין נישט אייפערזיכטיק, בין איך געווען בלויז טיילווייז אויפריכטיק. דער ענין איז אַזאַ: כ׳בין נישט אייפערזיכטיק נישט אויף דיר און נישט אויף פּעטערן. נאָר ס׳איז אַ שאָד וואָס כ׳האָב נאָכנישט געפונען קיין מענטשן, און ס׳איז זייער וואַרשיינלעך, אַז כ׳וועל נישט אַזוי שנעל

געפינען אַ מענטשן מיט וועמען כ׳זאָל קאָנען ריידן וועגן מיינע געדאַנקען און געפילן. אויב איר קאָנט איינער דעם אַנדערן שענקען אַביסל פאַרטרויען, ווייל אַזויפיל זאַכן פעלן דאָך דיר דאָ, וואָס פאַר אַנדערע זענען זיי אַזוי פעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער איך בין נישט אומפאַרגינעריש לגבי אייך.

„פון דער צווייטער זייט בין איך זיכער, אַז איך וואָלט קיינמאָל נישט דערגאַנגען מיט פעטערן צו אַזעלכע באַציאונגען, ווייל כ׳האָב דאָס געפיל, אַז כ׳וואָלט באַדאַרפט זיין גענוג אינטים מיט אַ מענטשן מיט וועמען כ׳וואָלט געוואָלט שמועסן וועגן אַלץ. כ׳וואָלט געמוזט פילן, אַז ער פאַרשטייט מיך גוט, אפילו ווען איך זאָג נישט קיין סך. אָבער עס וואָלט געמוזט זיין עמיצער, וואָס שטייט פון מיר גייסטיק העכער, און וואָס שייך פעטערן האָב איך נישט אַזאַ געפיל.

„דו דאַרפסט זיך דעריבער נישט מאַכן קיין פאַרוואורפן, אַז איך בין באַעוולט און דו נעמסט אַוועק עפּעס וואָס געהערט צו מיר; קיין זאַך איז נישט אַזוי ווייט פונם אמת. דו מיט פעטערן קאָנען בלויז געווינען פון די באַציאונגען צווישן אייך״.

און אָט איז מיין ענטפער:

„טייערע מאַרגאַט,

„דיין בריוו איז געווען זייער ליב, און דאָך בין איך נישט באַרואיקט און נישט צופרידן.

„פאַרטרויען אין דער דאָזיקער מאָס, ווי דו רעדסט וועגן דעם אין דיין בריוו, איז נאָך אַלץ נישטאָ צווישן מיר און פעטערן, אָבער ביי אַן אָפענעם פענצטער אין דער טונקלקייט זאָגט מען איינער דער אנדערער מער ווי ביים ליכט פון טאָג. און אַזוי איז אויך לייכטער צו זאָגן שטיל וואָס מען פילט און נישט ריידן וועגן דעם עפנטלעך. כ׳מיין, אַז דו האָסט אין דער באַציאונג צו פעטערן עפּעס פון שוועסטער־ליבע, און אַז דו ווילסט אים ביי־הילפיק זיין, גענוי ווי איך וויל עס טון, הגם דאָס איז נאָך נישט פאַרטרויען, ווי מיר פאַרשטייען עס. ווייל איך האַלט אַז צוטרוי דאַרף זיין אַ קעגנזייטיקער; איך האַלט אויך, אַז דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס עס זענען נישט אַנטשטאַנען קיין פאַרטרויאונגס־באַציאונגען צווישן מיר און דעם פאָטער.

„אָבער לאָמיר איצט איבעררייסן, און נישט ריידן מער וועגן דעם; אויב דו ווערסט וועלן עפּעס נאָך זאָגן, טו עס שריפטלעך, ווייל אַזוי איז מיר אַ סך לייכטער צו זאָגן וואָס אין מיין האַרצן, ווי מינדלעך.

„האָסט קיין באַגריף נישט, ווי ווייט איך פאַרער דיך, און כ'וויל האָפן, אַז איך וועל זיין אַזוי גוט ווי דער פאָטער און דו, ווייל אין דער הינזיכט זע איך נישט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן איך ביידע".

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 22 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

דעם דאָזיקן בריוו האָב איך נעכטן אין אָוונט באַקומען פון מאַרגאָט:

„טייערע אַנאַ,

„נאָך דיין נעכטיקן בריוו האָב איך אַן אומאָנגענעם געפיל, אַז דו מאַכסט זיך פאַרווּרפן ווען דו גייסט צו פעטערן אַרבעטן אָדער ריידן מיט אים; ס'איז בישטאָ קיין שום גרונט דערצו. אין מיין האַרצן טרוים איך וועגן עמיצן, וואָס וועט האָבן דאָס רעכט צו קעגנזייטיקן פאַרטרויען, און כ'וואָלט נישט געקאָנט פאַרטראָגן פעטערן אויף זיין פּלאַץ.

„ס'איז אָבער אמת וואָס דו האָסט געשריבן, אַז כ'האָב דאָס געפיל, דאָס פעטער איז עפּעס אַזוינס ווי אַ ברודער, אָבער... אַ ייִנגערער ברודער, און אַז אונזערע געפילן זוכן זיך כדי זיך אפשר אין דער צוקונפט צו באַגעגענען מיט סימפּאַטיע ווי אַ ברודער און אַ שוועסטער; מיר זענען נאָך אָבער זייער ווייט דערפון.

„דו דאַרפסט דעריבער אויף מיר נישט רחמנות האָבן. געניס ווי נאָר מעגלעך פון דער געזעלשאַפט וואָס דו האָסט דיר געפונען".

אינצווישן ווערן דאָ די ענינים אַלץ שענער און שענער. איך קלער, קיטי, אַז אפשר וועט דאָ אין באַהעלטעניש נאָך אַנטשטיין אַן אמתע ליבע, אַ גרויסע. קלער אָבער נישט, אַז איך טראַכט מיט אים חתונה צו האָבן. כ'ווייס נישט, ווי דער ענין וועט אויסזען ווען

ער וועט רייפער ווערן. כ׳ווייס נישט, צי מיר וועלן איינער די אנדערע אזוי ווייט ליב האבן, אז מיר וועלן מסכים זיין חתונה צו האבן. אינצווישן בין איך שוין זיכער, אז פעטער האט מיך אויך ליב; אבער כ׳ווייס נאך נישט, ווי אזוי ער האט מיך ליב.

צי זוכט ער אין מיר בלויז א גוטן פריינט, אדער צי איך אים צו ווי א מיידל, אדער ווי א שוועסטער — דאס ווייס איך נאך אלץ נישט.

ווען ער האט געזאגט, אז איך העלף אים תמיד בעת די קריגע־רייען צווישן זיינע עלטערן, האב איך מיך זייער געפרייט און שוין אנגעהויבן גלויבן אין זיין פריינטשאפט. נעכטן האב איך אים געפרעגט, וואס וואלט ער געטון, ווען דא וואלט געווען א טוץ מיידלעך ווי איך, וואס וואלטן תמיד געקומען צו אים. זיין ענטפער איז געווען: „ווען אלע וואלטן געווען ווי דו, וואלט עס נישט געווען אזוי שרעקלעך!" ער איז זייער גאסטפריינדלעך, און איך מיין אז ער פרייט זיך באמת ווען איך קום. אינצווישן לערנט ער פלייסיק פראנצויזיש ביז צען א זייגער אין אוונט. ווען ער ליגט שוין אין בעט. אך, ווען כ׳דערמאן מיך אין לעצטן מוצאי־שבת, אין דעם וואס מיר האבן אין אונזער שטימונג גערעדט צווישן זיך, — בין איך, דאס ערשטע מאל, צופרידן פון זיך.

ער איז אזוי שיין, סיי ווען ער לאכט און סיי ווען ער שווייגט און קוקט פאר זיך; ער איז אזוי ליב און גוט. כ׳מיין, אז ער איז געווען דערשטוינט דערזעענדיק אז כ׳בין שוין נישט יענע פוסטע אנא וואס איז פארטון אין קלייניקייטן, נאר א מיידל א טרוימעריק, וואס ראנגלט זיך מיט שווערקייטן, געבוי ווי ער.

דיין, אנא

ענטפער:

„טייערע מארגאט,

„כ׳מיין, אז אמבעסטן וועט זיין, מיר זאלן איצט ווארטן און זען וואס ס׳וועט געשען. עס וועט שוין נישט לאנג דויערן, און פאלן וועט אן ענטשיידונג צווישן מיר און פעטערן, צי עס וועט זיין ווי געווינלעך אדער אנדערש. כ׳ווייס נישט ווי אזוי ס׳וועט זיין, איך

האַלט פּאַר בעסער נישט צו טראַכטן וועגן דער צוקונפט. אָבער איין זאַך וועל איך אָן ספק טון: אויב מיר וועלן באַשליסן, איך און פּעטער, צו זיין פריינט, וועל איך אים דערציילן, אַז אויך דו סימפּאַטיזירסט מיט אים און וועסט זיין גרייט אים בייהילפיק צו זיין אויב דאָס וועט זיין נויטיק. דו וועסט אודאי נישט זיין צופרידן דערפון, אָבער מיך אַרט דאָס נישט; כ'ווייס נישט וואָס פּעטער קלערט וועגן דיר, אָבער ביי אַ געלעגנהייט וועל איך אים פרעגן.

„שלעכטס קלערט ער אודאי נישט וועגן דיר, פאַרקערט! קום אַמאָל אַרויף אויבן אין בוידעם־שטיבל, אָדער אין יעדן אַנדערן פּלאַץ ווו מיר זענען. דו וועסט אונז ווירקלעך נישט שטערן, ווייל מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן אונז, אַז מיר זאָלן שמועסן בלויז אין אָוונט אין דער פינצטער.

„זיי שטאַרק, אויך איך טו עס, הגם נישט תמיד קומט עס מיר אָן לייכט; מעגלעך, אַז דיין צייט וועט קומען אַ סך פריער ווי דו קלערסט".

דיין, אַ נ אַ

דאָנערשטיק, 23 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

דאָ איז אַלץ ווידער ווי געווען. אונזערע קופּאָנגען פאַרקויפער זענען באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. ווי גוט!

מיפּ איז נעכטן צוריקגעקומען, עלין גייט עס בעסער, הגם זי הוסט נאָך, קאָפּהויז אָבער וועט נאָך מוזן בלייבן אינדערהיים אַ לענגערע צייט.

נעכטן איז דאָ אַראָפּגעפאַלן אַן אעראָפּלאַן. די פליער זענען באַצייטנס אַראָפּגעשפּרונגען מיט זייערע פאַראַשוטן. דער אעראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן אויף אַ שולע, אין וועלכער עס זענען נישט געווען קיין קינדער. ס'איז געווען אַ קליינע שריפה און עטלעכע מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן. די דייטשן האָבן געשאָסן אויף די פאַראַשוטיסטן. די אַמסטערדאַמער, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט דעם לויף פון דער שלאַכט, זענען שיער נישט צעשפּרונגען געוואָרן פאַר

כעס, צוליב דעם געמיינעם טאַט. מיר, ס׳הייסט די פּרויען, האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן. די שיסעריי איז געווען אַ שרעקלעכע.

די לעצטע טעג גיי איך אָפּט אַרויף אין די אָוונט שעהן אָטעמען פרישע לופט אין פעטערס צימער. עס איז אנגענעם צו זיצן נעבן אים אויף אַ שטול און אַרויסקוקן אין דרויסן.

וואָן דאַן און דיסעל מאַכן חוזק וועגן כ׳פאַרשווינד אין פעטערס צימער. „אַגאַס צווייטע היימלאַנד" זאָגן זיי, אָדער: „איז עס שיין פאַר יינגע מענער אויפצונעמען יינגע מיידלעך אין אַ שפּעטער שעה אין דער פינצטער?" פעטער ווייזט אַרויס אַ דערשטוינענדיקע קאַלטבלוטיקייט קעגנאיבער די דאָזיקע געשמאַקלאָזע באַמער־קונגען, וואָס דאַרפן כלומרשט זיין אַ באַווייז פון אַ חוש פון הומאָר.

אויך מיין מוטער איז נייגיריק, און וואָלט מיך אודאי גע־פרעגט וועגן וואָס מיר ריידן, ווען זי זאָל נישט מורא האָבן פאַר אַ נעגאַטיוון ענטפער. פעטער זאָגט, אַז די דערוואַקסענע זענען אונז מקנא, ווייל מיר זענען יינג און לייגן נישט קיין אַכט אויף זייערע שטעכווערטלעך. אַמאָל קומט ער מיך נעמען אונטן, אָבער טראָץ אַלע פאַרזיכטס־מיטלען ווערט ער רויט ווי אַ צוויקל און פלאָנטערט מיט דער צונג. איך פריי מיך, וואָס כ׳ווער נישט רויט קיינמאָל; דאָס איז זיכער אַ זייער אומאנגענעם געפיל.

דער פאָטער זאָגט תמיד, אַז איך בין אַ קאָקעטקע, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק — איך בין בלויז עמפּינדלעך אויף קאָמפּלי־מענטן. פון אַ סך מענטשן האָב איך נישט געהערט, אַז כ׳בין שיין אין זייערע אויגן. בלויז איין יינגל אין שולע האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳בין שיין ווען איך לאַך. נעכטן האָב איך באַקומען אַן אמתן קאָמפּלימענט פון פעטערן, און כ׳וויל דאָ איבערגעבן, מער־ווייניק, דאָס געשפּרעך צווישן אונז:

פעטער זאָגט אָפּט: „לאַך אַביסל!" די זאַך זעט מיר אויס מאָדנע און כ׳האָב אים געפרעגט: "צו וואָס דאַרף איך עפּעס תמיד לאַכן?"

„ווייל ס׳איז שיין; באַקומסט חן־גריבלעך אין די באַקן — פאַר־וואָס אייגנטלעך?"



פון דער פאָרשטעלונג „אַנאַ פראַנק״
אין יוסף בולאָף׳ס יידישן טעאַטער אין ישראל

„כ'בין אַזוי געבוירן. כ'האָב אַ קליין גריבעלע אויף דער באָרד. ס'איז די איינציקע שיינקייט מיינע".

„נישט ריכטיק".

„יאָ. כ'ווייס גוט אַז איך בין נישט קיין שיינע, קיינמאָל נישט געווען — און וועל קיינמאָל קיין שיינע נישט זיין".

„דאָס איז לחלוטין נישט ריכטיק; לויט מיין מיינונג ביסטו שיין".

„דאָס איז נישט ריכטיק".

„אויב איך זאָג דיר, קאָנסטו זיך אויף מיר פאַרלאָזן".

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געזאָגט דאָס זעלבע אויך וועגן אים.

די פלוצימדיקע פריינטשאַפט ברענגט צו באַמערקונגען פון אַלע זייטן. מיר לייגן נישט קיין אַכט אויף דער פלוידעריי פון די עלטערן; זייערע באַמערקונגען זענען אַזוי געשמאַקלאָז. צי האָבן די עלטערן זייער יוגנט פאַרגעסן? אַזוי דאַכט זיך מיר, ווייל ווען מיר שפּאַסן, באַציען זיי זיך צו אונזערע ווערטער, ווי זיי וואָלטן געווען ערנסטע, און ווען מיר זענען ערנסט, מאַכן זיי חוזק פון אונז.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 27 מאַרץ 1944

טייערע קיטי,

אייגנטלעך דאַרף די פּאָליטיק פאַרנעמען אַ זייער אַנגעזען קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונזער באַהעלטעניש, אָבער צוליב דעם וואָס די דאָזיקע טעמע אינטערעסירט מיך נישט פּערזענלעך צו פיל, האָב איך זי נאָכמער פאַרנאַכלעסיקט. היינט וועל איך דעריבער ווידמען מיין גאַנצן בריוו דער פּאָליטיק.

פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך און כלערליי אַנשויאונגען איבער דעם פּראָבלעם; און עס איז אויך זייער פאַרשטענדלעך, אַז אין די ביטערע מלחמה־צייטן רעדט מען אַ סך וועגן דעם. אָבער... ווען מ'קריגט זיך איבער פּאָליטיק, זעט די זאַך אויס זייער נאַריש אין מיינע אויגן.

זיי קאָנען זיך וועטן, לאַכן, זידלען, באַקלאָגן זיך, זיי קאָנען טון וואָס זיי געפעלט, אַזוי לאַנג ווי זיי טוען עס פאַר זיך אַליין. אָבער צו וואָס קריגן זיך? דאָס ברענגט תמיד ווייניקער אָנגענעמע רעזולטאַטן.

די מענטשן וואָס קומען צו אונז פון דרויסן ברענגען אונז אַ סך נישט־ריכטיקע ידיעות; אָבער דער ענגלישער ראַדיאָ האָט ביז איצט נישט געזאָגט קיין ליגן. הענק, מיפ, קאפהויז, עלי און קראלער זענען אַמאָל אין אַ הייטערער און אַמאָל אין אַ אומעטיקער פּאָליטישער שטימונג; הענק ווייניקער פון אַלע.

דאָ, אין באַהעלטעניש, זענען כמעט נישטאָ קיין ענדערונגען אין דער פּאָליטישער שטימונג. בעת די פילע וויכוחים וועגן אינ־וואַזיע, באָמבאַרדירונגען, רעדעס און אַזוי ווייטער, הערט מען אַ סך אויסגעשרייען, ווי למשל: „נישט מעגלעך״, „אום גאָטעס ווילן — אויב זיי האָבן בדעה ערשט איצט אָנצוהויבן, ווען וועט קומען דער סוף?״ „די לאַגע איז אויסגעצייכנט, וווּנדערבאַר, אויסערגעוויינלעך!״ אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן, נישט צו פאַר־געסן די רעאַליסטן, אַלע לאָזן הערן זייערע אנשויאונגען אומדער־מידלעך, און ווי אויף יעדן אַנדערן געביט, האַלט אויך דאָ יעדער איינער אַז נאָר ער האָט רעכט. אַ געוויסע דאַמע רעגט זיך אויף צוליב דעם אַבסאָלוטן צוטרוי וואָס מען האָט צו די ענגלענדער; אַ געוויסער הער שרייט זיך אויס אויף זיין פרוי פאַר אירע איראָנישע און גרינגשעצנדיקע באַמערקונגען אויפן חשבון פון דער אים באַליבטער נאַציע.

און קיינמאָל איז נאָך דער ענין זיי נישט נמאס געוואָרן. איך האָב אַנטדעקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ דערשטוינענדיקע ווירקונג; עס איז אַזוי, ווי מ׳גיט עמיצן אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע און ער שפּרינגט גלייך אויף פון זיין פּלאַץ. גענוי אַזוי ווירקט מיין דערפינדונג: איך הויב אָן צו ריידן וועגן פּאָליטיק; איין פראַגע, איין וואָרט, איין זאַץ און באַלד איז די גאַנצע פאַמיליע אריינגעטון מיט לייב און לעבן אין ויכוח!

ווי עס וואָלטן נישט געווען גענוג די מעלדונגען פון דער דייטשער ווערמאַכט און די אוידיציעס פון בי. בי. סי., האָט מען זינט אַ צייט איינגעפירט „נייעס וועגן דער לאַגע אין דער לופט״.

דאָס איז אַ ווונדערלעכע זאַך, אָבער צייטנווייז זער אַנטוישנדיק. די ענגלענדער לאָזן איצט אין גאַנג זייערע לופט־קרעפטן און אויפהער — געננוי ווי די דייטשן לאָזן אַן אויפהער אין גאַנג זייער ליגן־אינדוסטריע. מען עפנט דעריבער דעם ראַדיאָ גאַנץ אינדערפרי און מען הערט די גאַנצע צייט — ביז ניין, צען, און אפילו עלף אין אָוונט.

דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז דערוואַקסענע האָבן, אמת, געדולד, אָבער זייער אויפנעם־פעאיקייט איז זייער באַגרענעצט — עס זענען דאָ, פאַרשטייט זיך, אויסנאַמען, כ׳וויל קיינעם נישט באַ־ליידיקן. איין אוידיציע אָדער צוויי וואָלטן געווען גענוג פאַר אַ גאַנצן טאָג! אָבער די אַלטע גענז — מילא, כ׳האָב שוין מיינס געזאָגט!

„אַרבעטער פּראָגראַם״, די אוידיציעס פון „אראַניע״, פראַנק פיליפּס, אָדער איר מאַיעסטעט ווילהעלמינא — אַ ריי פאַר יעדן און אַן אויפמערקזאַם אויער פאַר יעדן. און ווען זיי עסן נישט אָדער שלאָפן נישט, זיצן זיי ביים ראַדיאָ און ריידן וועגן עסן, שלאָפן אָדער פּאָליטיק.

אוף! דאָס הויבט אָן צו ווערן לאַנגווייליק, און ס׳איז נישט לייכט צו הערן דאָס אַלץ און נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויסגעטרוקנטע זקנה. די אַלטע, פאַרשטייט זיך, דראָט נישט די דאָזיקע סכנה אין אַזאַ שווערער פאָרם!

אָט איז אַ ביישפּיל פון אַ ליכט־שטראַל אין אָט דער פינצטער־ניש: אַ רעדע פון ווינסטאָן טשערטשיל, וואָס איז באַליבט ביי אונז אַלעמען.

זונטיק, ניין אָוונט. דער טיי איז אויפן טיש, די געסט קומען אַריין. דיסעל ביים ראַדיאָ פון דער לינקער זייט, הער וואַן דאַן פאַרן אַפּאַראַט, נעבן אים פעטער. די מוטער נעבן פרוי וואַן דאַן, די מאַדאַם הינטער איר, פים ביים טיש, מאַרגאָט און איך נעבן אים. איך זע אַז כ׳האָב נישט באַשריבן קלאָר ווי אַזוי אַלע זיצן. די מענער רויכערן, פעטער פאַרמאַכט די אויגן און באַמיט זיך גוט צוצוהערן; די מוטער, אָנגעטון אין אַ לאַנגן טונקעלן ראָק, און פרוי וואַן דאַן ציטערן צוליב די עראָפּלאַנען, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער רעדע פליען זיי קיין העסן; דער פאָטער זופּט פון

די טיי; מאַרגאָט און איך זענען פּאַראײניקט, — ווי עס פּאַסט פאַר צוויי שוועסטער, — דורך דער קאַץ מושי, וואָס האָט אײנגעדרימלט אויף איין קני מײנע און איין קני אירער. אין מאַרגאָטס האָר שטעקן האָר־קלאַמערס; איך טראָג אַ צו קלײנעם נאַכט־בגד, צו ענג און צו קורץ.

אין פּלוג איז אַלץ אַנגענעם, אינטים און רואיק! און אַזוי איז עס טאַקע פּאַרלויפיק; אָבער איך דערוואַרט מיט זאָרג אויף די רעזולטאַטן פון דער רעדע. זיי קאָנען זיך נישט אײנהאַלטן ביז צום סוף; זיי טופּען מיט די פיס פאַר אומגעדולד, און קוקן שוין אויס די מינוט, מען זאָל קאָנען דיסקוטירן וועגן דער רעדע. קסט, קסט, קסט, אַזוי רייסן זיי איבער אײנער דעם אַנדערן, ביז דער ויכוח פאַרענדיקט זיך מיט געשרייען און קריגערייַ.

דײַן, אַ נ אַ

דינסטיק, 28 מאַרץ 1944

טײַערע קיטי,

כ׳וואָלט געקאָנט נאָך צוגעבן זייער פיל וועגן דער פּאָליטיק, אָבער כ׳מוז דיר דערציילן וועגן פיל אַנדערע זאַכן. ערשטנס, די מוטער האָט מיר פּאַקטיש פאַרבאָטן אַרויפצוגיין אַזוי אָפט, ווייל לויט אירע רייד איז פרוי וואַן דאַן אײפערזיכטיק. צווייטנס, פּעטער האָט אײנגעלאַדן אויך מאַרגאָט זי זאָל אַרויפקומען צו אים; כ׳ווייס נישט צי בלויז פאַר העפלעכקייט אָדער מיט אַ כוונה. דריטנס, כ׳בין געגאַנגען פרעגן דעם פאָטער, צי דאַרף איך לייגן אַכט אויף דער אײפערזוכט, און ער האָט געזאָגט אַז ניין. און וואָס איצטער? די מוטער איז בייז, אפשר איז זי אויך אײפער־זיכטיק. דער פאָטער ווייזט נישט אַרויס קיין ענגהאַרציקייט. ער האַלט, אַז ס׳איז גוט, וואָס פּעטער און איך זענען געוואָרן אַזעלכע גוטע פריינט. מאַרגאָט האָט אויך ליב פּעטערן, אָבער זי ווייסט אַז דריי צוזאַמען קאָנען נישט שמועסן אַזוי פרייַ ווי צוויי.

די מוטער קלערט, אַז פּעטער איז פאַרליבט אין מיר. הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען, ווייל דאַן וואָלטן די באַציאונגען געווען גלײכע, און דאָס וואָלט אונדז דערמעגלעכט צו געפינען דעם

געהעריקן צוגאַנג איינער צו דער אַנדערער. און זי זאָגט אויך, אַז ער האַלט אין איין קוקן אויף מיר. אמת, ס'איז ריכטיק, אַז צייטנווייז וואַרפן מיר אַ ווונק מיטן אויג איינער אויף דער אַנדערער. און אַז ער קוקט אויף די קליינע חן־גריבעלך אין מיינע באַקן, אָבער וואָס קאָן איך טאָן קעגן דעם? נישט אמת?

מיין לאַגע איז דעריבער זייער שווער. די מוטער איז קעגן מיר און איך קעגן איר; דער פאָטער קוקט אַוועק פון דעם שטילן געראַנגל צווישן מיר און דער מוטער. די מוטער האָט צרות, ווייל זי האָט מיך זייער ליב, איך באַדויער נישט, ווייל איך פיל אַז זי פאַרשטייט מיך נישט. און פעטער... פון פעטערן קאָן איך מיך נישט אָפּזאָגן — ער איז אַזוי שיין, איך פאַרער אים. און אַלץ וואָלט געקאָנט זיין אַזוי ווויל און פיין צווישן אונז. צו וואָס דאַרפן אָט די „אַלטע" אַריינשטעקן די נאָז אין אונזערע ענינים? עס איז גוט וואָס איך באַמי מיך צו פאַרבאַרגן מיינע געדאַנקען, און עס געלינגט מיר צו באַהאַלטן פאַר זיי ווי איך האָב אים ליב. צי וועט ער עפּעס זאָגן? צי וועל איך זיין באַק פילן, ווי איך האָב איר געפילט אין מיין חלום? אַך, פעטער און פעטעל, איר זענט איינער! זיי פאַרשטייען אונז נישט, וועלן אונז קיינמאָל נישט פאַרשטיין, אַז עס איז גענוג פאַר אונז צו זיצן צוזאַמען און אפילו נישט שמועסן צווישן זיך. זיי ווייסן נישט, וואָס עס שטופּט אונז איינעם צו דער אַנדערער. אַך, ווען וועלן מיר שוין פּטור ווערן פון די אַלע שוועריקייטן? און גוט איז זיי בייצוקומען, ווייל אַזוי איז דער סוף נאָך שענער. ווען ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיינע אָרעמס, און מאַכט צו די אויגן, איז ער ווי אַ קינד; ווען ער שפּילט זיך מיט מושי, איז ער פול מיט ליבע; ווען ער טראָגט קאַרטאָפל אָדער אַנדערע שווערע זאַכן, איז ער פול מיט כח; און ווען ער גייט אַרויסקוקן אין דרויסן ווען מען שיסט, אָדער ווען ער גייט נאָכשפּירן די גנבים אין דער פינצטער, איז ער מוטיק; און ווען ער איז אַמאָל מאַכט־לאָז און אומבאַהאָלפן, איז ער סתם זיס.

כ'מיין, אַז עס איז פיל אָנגענעמער, אַז ער קלערט מיר עפּעס אויף, איידער אַז איך מוז אים עפּעס לערנען. כ'וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל מיך איבערשטייגן אין אַלעמען.

וואָס אַרט מיך וואָס די מאַמעס זאָגן? אַך, ווען ער זאָל נאָר ווען כאָטש אַביסל ריידן...

דײַן, אַ נ אַ

מיטוואָך, 29 מאַרס 1944

טײַערע קיטי,

נעכטן האָט געזעדט דער מיניסטער באָלקסטיין אין דער אראַניע־אוידיציע און האָט געזאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן צונויפגעזאַמלט ווערן טאָגביכער און בריוו פון דער דאָזיקער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז גלייך האָבן זיך אַלע געוואָרפן אויף מיין טאָג־בוך. ווי אינטערעסאַנט עס וועט זיין, ווען כ׳וועל פאַר־עפענטלעכן אַ ראָמאַן וועגן דעם באַהעלטעניש. בלויז לויט דעם נאָמען אַליין וועלן אַלע מיינען, אַז דאָס איז אַ דעדעקטיוו־ראָמאַן.

אָבער איצט ערנסטער. צען יאָר נאָך דער מלחמה וועט עס זיכער זיין זייער משונהדיק, ווען מיר וועלן דערציילן וויאַזוי מיר האָבן געלעבט, געגעסן און גערעדט דאָ ווי יידן. הגם איך דערצייל דיר אַ סך וועגן אונז, ווייסטו נאָך זייער ווייניק וועגן אונזער לעבן.

וואָס פאַר אַ שרעק פאַלט אויף די פרויען בעת מען באָמ־באַרדירט! זונטיק, למשל, האָבן 350 ענגלישע אַעראָפּלאַנען אַראָפּגעוואָרפן אַ האַלבן מיליאָן קילאָ באָמבעס אויף איימוידן. די ווענט האָבן געציטערט ווי גראָז אין אַ ווינט, און וויפיל עפּידעמיעס זענען דאָ געוועזן! וועגן די אַלע זאַכן ווייסטו גאָרנישט, און איך וואָלט באַדאַרפט זיצן און שרייבן אַ גאַנצן טאָג, ווען כ׳זאָל וועלן דיר דערציילן אַלע פּרטים וועגן דעם. מענטשן שטייען אין דער ריי נאָך גרינוואַרג און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן, דאָקטוירים קאָנען נישט באַזוכן זייערע קראַנקע, ווייל יעדעס מאָל גנבעט מען אַוועק זייער פאַרקערס־מיטל; עס קומען פאַר אַ מאַסע איינברוכן און גניבות, אַז דו מוזט דיך אַליין פרעגן, וואָס איז פּלוצים באַפאַלן די האָלענדער, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אַזוי פיל צו גנבענען. קליינע קינדער, אַכט און עלף־

יעריקע, ברעכן שויבן אין די הייזער און גנבענען אַלץ וואָס מען קאָן נאָר אַוועקטראָגן. קיינער וואָגט נישט צו פאַרלאָזן זיין הויז אויף פינף מינוט, ווייל ווען ער קומט צוריק, געפינט ער נישט מער זיין פאַרמעגן אין שטוב. יעדן טאָג פאַרעפנטלעכן די צייטונגען אַנאָנסן, וואָס זאָגן צו פּרעמיעס פאַר אומקערן שרייב־מאַשינען, פּערסישע טעפּיכער, עלעקטרישע זייגערס, שטאָפן א. א. וו. א. א. וו. מען צונעמט עלעקטרישע זייגערס אין די גאַסן, מען גנבעט אַוועק טעלעפאָן־מכשירים אין די קאַבינעס ביז צום לעצטן דראָט. די שטימונג פון דער באַפעלקערונג קאָן נישט זיין קיין געהויבענע: אַלע זענען הונגעריק, די וועכענטלעכע צוטיילונג גענוגט נישט אפילו אויף צוויי טעג, אַ חוץ דער ערזאַץ־קאַפע, די אינוואַזיע פאַרשפּעטיקט צו קומען; די מענער ווערן אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. די קינדער זענען קראַנק אָדער ליידן פון אונטערדערנערונג, יעדער איינער איז אָנגעטון אין טראַנטעס און צוריסענע שיך.

זוילן קאָסטן אויפן שוואַרצן מאַרק 7.50 פל.; און דער רוב שוסטערס באַדינען נישט זייערע קליענטן, אָדער צווינגען זיי צו וואַרטן פיר מאָנאַטן, און אינצווישן פאַרשווינדן די שיך.

איין זאַך איז גוט: וואָס מער די באַשפּייזונג ווערט ערגער, און וואָס מער עס ווערן שטרענגער די פאַרשריפטן קעגן פאָלק, אַלץ שווערער ווערן די סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן דער מאַכט. די באַשפּייזונגס־דינסט, די פּאָליציי, די באַאַמטע, אַלע העלפן די בירגער, אָדער זיי פאַרמסרן זיי און ברענגען זיי אין תפיסה. עס איז גוט וואָס בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון האָלענדישע בירגער געפינט זיך אינעם קעגנערישן לאַגער.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 31 מארס 1944

טייערע קיטי,

שטעל דיר פאָר — עס איז נאָך גענוג קאַלט, אָבער דער רוב מענטשן האָבן נישט קיין קוילן שוין אַ מאָנאַט צייט. אנגענעם, וואָס? די שטימונג איז איז אַלגעמיין ווידער אָפּטימיסטיש צוליב

דעם רוסישן פראָנט, ווייל דאָרט זענען די געשעענישן געוואַלטיקע! איך שרייב, אמת, נישט פיל וועגן פּאָליטיק, אָבער איך מוז דיר איבערגעבן ווו זיי שטייען איצט: זיי שטייען פאַר דעם גענעראַל־גובערנאַמענט, און ביי רומעניעביים טייך פּרוט און ביי אָדעס. דאָ דערוואַרט מען יעדן אָוונט אַ ספּעציעלע מעלדונג פון סטאַלינען.

איך מאָסקווע שיסט מען אַזוי פיל נצחון־שאָסן, אַז די גאַנצע שטאָדט ציטערט אודאי; אפשר פירן זיי זיך אַזוי, ווען דער פראָנט קומט ווידער נאָענט, אָדער זיי ווייסן נישט פון קיין אַנדער וועג ווי אויסצודריקן זייער פרייד — איך ווייס נישט!

אונגאַרן איז אָקופּירט געוואָרן פון דייטשן מיליטער. דאָרט איז נאָך דאָ אַ מיליאָן יידן. איצט איז געקומען זייער ריי.

דאָס פּלוידעריי אויף פּעטערן און אויף מיר איז אַביסל שטי־לער געוואָרן. מיר זענען זייער גוטע פריינט, פאַרברענגען אַ סך צייט צוזאַמען און ריידן וועגן כלערליי ענינים. עס איז וווּנדערלעך וואָס איך מוז מיך נישט צוריקהאַלטן, ווי מיט אַנדערע ייִנגלעך, ווען דאָס געשפּרעך דערגייט צו אַ דעליקאַטן געביט.

מיין לעבן דאָ האָט זיך אַ סך געבעסערט. גאָט האָט מיך נישט פאַרלאָזט און וועט מיך נישט פאַרלאָזן.

דיין, אַנאַ

שבת, 1 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

און דאָך איז אַלץ נאָך אַזוי שווער — דו ווייסט אודאי וואָס איך מיין דערמיט. איך גלוסט אַזוי נאָך אַ קוש, נאָך אַ קוש וואָס פאַרזאַמט צו קומען. צי זעט ער אין מיר בלויז אַ חברטע? בין איך פאַר אים נישט מער פון דעם?

דו ווייסט און איך ווייס, אַז כ׳בין שטאַרק, אַז כ׳קאָן אַליין אויסהאַלטן דעם גרעסטן טייל פון דער לאַסט. כ׳האָב קיינמאָל נישט געטיילט מיט אַ צווייטן די לאַסט וואָס דריקט אויף מיר, כ׳האָב מיך קיינמאָל נישט אָנגעקלאַמערט אין דער מוטער; אָבער איצט וואָלט איך געוואָלט אַנידערלייגן מיין קאָפּ אויף זיין אַקסל און זיין באַרואיקט.

איך קאָן נישט פאַרגעסן דעם חלום וועגן פעטערס באַק, ווען אַלץ איז געווען אַזוי גוט! צי בענקט ער אויך נאָך דעם? צי איז ער צו שעמעוודיק צו קאָנען מיר אויפדעקן זיין ליבע? פאַרוואָס וויל ער, אַז איך זאָל קומען צו אים אַזוי אָפט? אך, פאַרוואָס רעדט ער נישט?

אָבער, לאָמיך איבערייסן — כ׳וועל זיין רואיק. כ׳וועל זיין שטאַרק און אַביסל געדולדיק, און ענדלעך וועט אויך דאָס קומען. אָבער... און דאָס ערגסטע איז דאָס, עס זעט אויס, ווי כ׳וואָלט אים נאָכגעיאָגט, תמיד מוז איך אַרויפגיין אויבן, קיינמאָל קומט ער נישט צו מיר.

דאָס איז אָבער צוליב די צימערן, און ער פאַרשטייט די דאָזיקע שוועריקייט.

אך יאָ, ער וועט נאָכמער פאַרשטיין.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 3 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

נישט ווי מיין שטייגער איז, וועל איך דיר דאָך שרייבן איינצלהייטן וועגן עסן — ווייל נישט בלויז אין באַהעלטענישט, נאָר אין גאַנץ האָלאַנד, אין גאַנץ אייראָפּע און אויסער אייראָפּע, איז עסן געוואָרן אַ זייער וויכטיקער און אַ זייער שווערער פאַקטאָר.

אין די איינאונצוואַנציק חדשים וואָס מיר זענען דאָ, האָבן מיר איבערגעלעבט פיל „עס־צייטן”. וועסט באַלד הערן וואָס כ׳מיין דערמיט. אַן „עס־צייט” איז אַזאַ פּעריאָד, ווען מיר באַקומען נישט מער ווי איין באַשטימטע פאַרציע אָדער איין סאָרט גרינס. אין משך אַ געוויסער צייט האָבן מיר געגעסן יעדן טאָג ציקאָריע מיט זאַמד. אַן זאַמד, געמאָלענע ציקאָריע, געקאָכטע ציקאָריע און ציקאָריע אין אַ שיסל. נאָכדעם איז געקומען די ריי אויף שפּינאַט, נאָכהער קאָלראַבי, פאַרשידענע גראָזן, אוגערקעס א. א. וו. א. א. וו.

ס׳איז נישט זייער אנגענעם צו עסן יעדן מיטאָג און אָוונט געזייערט קרויט, למשל; אָבער דער הונגער מאַכט זיינס. איצט איז געקומען די „פיינסטע” צייט, ווייל מיר באַקומען בכלל נישט

קיין פריש גרינס. אונזער וועכענטלעכער מעניו אויף מיטאָג באַ־שטייט פון ברוינע בעבלעך, אַרבעס־זופּ, קאַרטאָפל מיט מעל־קניידלעך, אַ טייגעכץ פון קאַרטאָפל, און מיט גאָטס הילף אַמאָל אויך ריבן אָדער פוילע מייערן, און ווידער ברוינע בעבלעך. קאַר־טאָפל זענען אַ טייל פון יעדן מאָלצייט, אָנהויבנדיק פון פרישטיק, צוליבן מאַנגל פון ברויט, די זופּ מאַכן מיר געדיכטער מיט ברוינע אָדער ווייסע בעבלעך, קאַרטאָפל שפּייזן. די ברוינע בעבלעך פעלן נישט אין קיין שפּייז, אויך נישט אין ברויט.

אין אָוונט עסן מיר תמיד קאַרטאָפל מיט קינסטלעכן ראָסל, און אויף אונזער מזל האָבן מיר נאָך סאַלאַט פון רויטע צוויקל. וועגן די מעל־קניידלעך מוז איך נאָך עפּעס צוגעבן: מ׳מאַכט זיי פון רעגירונגס־מעל מיטן צוגאָב פון וואַסער און הייוון. זיי זענען אַזוי קלעפּיק און האַרט, אַז עס דאַכט זיך, אַז מ׳האָט אַריינגעוואָרפן שטיינער אין מאָגן אַריין. מילא.

דער גרעסטער דעליקאַטעס איז, איינמאָל אין דער וואָך, אַ שטיקל לעבער־ווורשט און מאַרמעלאַד אויפן טרוקענעם ברויט. אָבער מיר לעבן נאָך און נישט איינמאָל שמעקט אונז זייער גוט אָט דאָס אָרעמע מאָלצייט.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 4 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

אַ לאַנגע צייט האָב איך כלל נישט געוווסט, צו וואָס מיין גאַנצע מי איז. דער סוף פון דער מלחמה זעט אויס צו זיין אַזוי וויט, אַזוי נישט קאָנקרעט, אַזוי לעגענדאַר. אויב די מלחמה וועט זיך נישט ענדיקן ביז סעפּטעמבער, וועל איך שוין נישט גיין אין שולע. ווייל כ׳וויל נישט זיין הינטערשטעליק מיט צוויי יאָר. די טעג זענען אויסגעפּילט — פּעטער, נאָר פּעטער, חלומות און געדאַנקען — אַז שבת האָב איך מיך געפילט אַזוי אומגליקלעך, שרעקלעך! כ׳בין געזעסן ביי פּעטערן און איינגעהאַלטן די טרערן, כ׳האָב געלאַכט מיט דער פאַמיליע וואַן דאַן ביים טרינקען דעם לימאָנ־פאַנטש, כ׳בין געווען פריילעך און טומלדיק; אָבער אין מאָמענט

ווען כ׳בין געבליבן אַליין, האָב איך געוווסט, אַז איך מוז וויינען. אין מיין נאַכט־העמד האָב איך מיך אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל, פריער געזאָגט מיט גרויס כוונה מיין לאַנגע תּפילה, און נאכהער האָב איך געוויינט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין מיינע אָרעמס און די פיס צונויפגענומען; כ׳בין געזעסן אויפן דיל איינגאַנצן צונויפּ־געקוילערט. אַ גרויס געיאָמעריי האָט מיך אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט; כ׳האָב איינגעהאַלטן מיינע טרערן, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט מ׳זאָל מיך הערן אינוויינק. נאכהער האָב איך אָנ־געהויבן זיך אַליין צוגעבן מוט. כ׳האָב געזאָגט די גאַנצע צייט: „כ׳מוז, כ׳מוז, כ׳מוז...“ כ׳בין איינגאַנצן פאַרשטאַרט געוואָרן פון דעם נישט געוויינלעכן זיצן, כ׳בין צוגעפאַלן צום בעט און ווייטער זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, ביז עטוואָס פאַר צען בין איך אַריין אין בעט אַריין. דאָס איז פאַראיבער־געגאַנגען!

און איצט איז עס איינגאַנצן אַוועק. כ׳דאַרף אַרבעטן, כדי כ׳זאָל נישט בלייבן קיין נאַר, כ׳מוז מאַכן פאָרשריט, כדי צו זיין אַ זשורנאַליסטין — ווייל דאָס איז מיין באַגער! כ׳ווייס, אַז איך בין פעאיק צו שרייבן, אייניקע פון מיינע דערציילונגען זענען גוטע, מיינע באַשרייבונגען פון באַהעלטעניש זענען פול מיט הומאָר, אַ סך אין מיין טאָג־בוך איז זייער איינדרוקספול, אָבער... צי האָב איך טאַקע טאַלאַנט דאָס וועלן מיר נאָך זען.

„עווא׳ס חלום“ איז דאָס בעסטע מעשה׳לע וואָס כ׳האָב געשריבן און דאָס משונהדיקע דערביי איז, אַז כ׳ווייס בכלל נישט פון וואַנען דאָס איז געקומען צו מיר. פיל פון „קאַדי׳ס לעבן“ איז אויך גוט, אָבער אין אַלגעמיין איז עס אַ גאָרנישט.

איך אַליין בין די שאַרפסטע קריטיקערין מיינע. כ׳ווייס אַליין, וואָס איז גוט און וואָס נישט. קיין מענטש פון די וואָס שרייבן נישט אַליין ווייסן נישט ווי גוט ס׳איז צו שרייבן; אַמאָל האָב איך זייער באַדויערט וואָס כ׳קאָן נישט מאָלן, אָבער איצט פיל איך מיך גליקלעך וואָס איך קאָן וויניקסטנס שרייבן. און אויב כ׳האָב נישט גענוג טאַלאַנט צו שרייבן אין צייטונגען, אָדער ביכער, קאָן איך דאָך שרייבן פאַר זיך.

איך וויל מאַכן פאָרשריט; איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן, אַז כ׳וועל דאַרפן לעבן ווי די מוטער, פרוי וואַן דאַן און אַלע

אַנדערע פרויען, וואָס טוען אָפּ זייער אַרבעט און נאָכהער ווערן זיי פאַרגעסן. איך דאַרף עפּעס האָבן אַ חוץ אַ מאַן און קינדער, עפּעס, וועלכן איך זאָל מיך קאָנען איבערגעבן אינגאַנצן!

כ'וויל נאָך ווייטער לעבן אויך נאָך מיין טויט! און דעריבער דאַנק איך אַזוי גאָט, וואָס ביי מיין געבוירן ווערן האָט ער מיר שוין געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען און שרייבן און אויסדריקן אַלץ וואָס איז אין מיין האַרצן.

ווען איך שרייב, גייט אַלץ אַריבער, מיין צער גייט פאַרביי, מיין מוט קערט זיך אום צו מיר. אָבער — און דאָס איז די גרויסע פראַגע — צי וועל איך זיין בכח עפּעס אַ גרויסע זאַך אָנצושרייבן, צי וועל איך קאָנען זיין אַ זשורנאַליסטין און אַ שרייבערין?

כ'האָף, כ'האָף אַזוי, אַז אין שרייבן קאָן איך אויסדריקן אַלץ, מיינע געדאַנקען, מיינע שטרעבונגען און די פרוכט פון מיין פאַנטאַזיע.

איבער „קאַדי'ס לעבן" האָב איך שוין לאַנג נישט געאַרבעט. אין געדאַנק ווייס איך גוט ווי אַזוי כ'האָב פאָרצוזעצן, אָבער אין שרייבן גייט עס נישט. אפשר וועל איך די דאָזיקע אַרבעט קיינמאָל נישט ענדיקן, אפשר וועט איר סוף זיין אין פּאַפּיר־קויש אָדער אין אויוון... דאָס איז אַ דערדריקנדיקער געדאַנק, אָבער איך זאָג מיר אין האַרצן: „אַ פערצעניעריקע, וואָס האָט אַזוי ווייניק פּראַקטיק, קאָן נישט שרייבן קיין פילאָזאָפיע".

וועלן מיר, הייסט עס, פאָרזעצן מיט באַנייטן מוט, צום סוף וועל איך דאָך מצליח זיין, ווייל כ'וויל שרייבן!

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 6 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

דו האָסט מיך געפרעגט, וואָס איז מיין באַליבטע באַשעפטיקונג און מיט וואָס אינטערעסיר איך מיך. אָט איז דער ענטפער. אָבער איך וואָרן דיך — שרעק זיך נישט, ווייל אַ סך זאַכן זענען מיר ליב.

פריער פון אַלץ, דאָס שרייבן. אָבער דאָס איז אויסער דעם חשבון, ווייל דאָס שרייבן איז נישט פאַר מיר קיין „האָבי".

נומער צוויי: יחוס־בריות. אין אַלערליי צייטונגען, ביכער און פאַפירן זוך איך פרטים וועגן דער יחוס־קייט פון די קעניגלעכע דינאַסטיעס אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, שפּאַניע, ענגלאַנד, עסט־רייך, רוסלאַנד, נאָרוועגן און האָלאַנד. אין אַ סך פון זיי בין איך שוין ווייט פאָרגעשריטן, באַזונדערס דערפאַר ווייל איך מאַך מיר פארצייכנונגען פון אַלע ביאָגראַפיעס און געשיכטע־ביכער וואָס איך לייען, און כ'שרייב אין אַלגעמיין איבער פיל קאַפּיטלעך היסטאָריע.

דער דריטער „האָבי" איז באמת געשיכטע, און דער פּאָטער האָט מיר שוין געקויפט פיל ביכער. איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג ווען כ'וועל קאָנען גיין אין דער שטאָטישער ביב־ליאָטעק און דאָרט אַלץ אויפקלערן.

נומער פיר: מיטאָלאָגיע פון גריכנלאַנד און רוים. אויך אויף דעם געביט האָב איך עטלעכע ביכער.

און איך באַשעפטיק מיך אויך מיט פילם־שטערן, און מיט פאַמיליען־פאָטאָגראַפיעס.

כ'האָב זייער ליב צו לייענען ביכער. די געשיכטע פון קונסט איז מיר נאָענט צום האַרצן: באַזונדערס שרייבער, דיכטער און מאָלער. אפשר וועל איך מיך שפּעטער באַשעפטיקן מיט מוזיקער.

כ'האָב באַזונדערס פיינט אַלגעברע, געאָמעטריע און אַריט־מעטיק.

אַלע אנדערע קעגנשטאַנדן אין שולע לערן איך מיט פאַר־גניגן, אָבער געשיכטע האָב איך ליב אַממערסטן!

דיין, אַ נ אַ

דינסטיק, 11 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

דער קאָפּ וועדט מיר צעפּלאַצט; כ'ווייס באמת נישט מיט וואָס אָנצוהויבן.

פרייטיק (דער פרייטיק פאַר פּאסחא) און אויך שבת נאָכ־

מיטאָג, האָבן מיר געשפּילט אין בערזן־שפּיל. די דאָזיקע טעג זענען אַריבער ווי געוויינלעך. זונטיק, האַלב זעקס נאָכמיטאָג איז געקומען צו מיר פּעטער אויף מיין איינלאַדונג. זענען מיר אַרויף אין פּאָדערשטן בוידעם־שטיבל און דאָרט געבליבן ביז זעקס. פון זעקס ביז אַ פערטל נאָך זיבן האָט מען טראַנסמיטירט אין ראַדיאָ אַ שיינעם קאָנצערט פון מאָצאַרט־שאַפונגען. באַזונדערס האָב איך הנאה געהאַט פון דער „קליינער נאַכט־מוזיק״. אין צימער קאָן איך כמעט נישט הערן קיין מוזיק, ווייל בעת א שיינעם קאָנצערט ווער איך שטאַרק מיטגעריסן.

זונטיק אין אָוונט זענען מיר אַרויפגעגאַנגען, איך און פּעטער אין פּאָדערשטן בוידעם־שטיבל, און כדי מיר זאָלן האָבן ווייך צו זיצן, האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך אייניקע קישנס פון דער סאָפע אין אונזער צימער. מיר זענען געזעסן ענג צוזאַמען און האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף אייניקע קעסטלעך. מושי איז געווען מיט אונז, אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט אַ משגיח.

פּלוצים, אַ פערטל פאַר ניין, האָט הער וואַן דאַן אַ פייף געטון, און געפרעגט צי מיר האָבן דעם הער דיסעלס אַ קישן. מיר זענעןביידע אויפגעשפּרונגען פון אונזער פּלאַץ און אַראָפּ מיט דעם קישן, די קאַץ און הער וואַן דאַן.

פון דעם דאָזיקן קישן האָבן מיר נאָך געהאַט ביטערע צרות. דיסעל איז געווען אין כעס און געזאָגט, אַז איינע פון די קישנס דינט אים פאַר אַ „נאַכט־קישן״. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זענען אַריין אין איר פליי, און צוליב דער קישן האָט ער איבער־געקערט די שטוב. פּעטער און איך, האָבן זיך נוקם געווען, און אַריינגעלייגט, צוויי האַרטע בערשטלעך אין זיין בעט אַריין. מיר האָבן שטאַרק געלאַכט פון דעם אינטערמעצא.

אָבער אונזער שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. האַלב עלף האָט פּעטער אָנגעקלאַפּט אין טיר און געפרעגט דעם פאָטער, צי קאָן ער אַרויפגיין אויף אַ ווייל און אים אַרויסהעלפן אין אַ שווערן ענגלישן זאַץ. „דאָס געפעלט מיר נישט״, האָב איך געזאָגט צו מאַרגאָט, „דער ליגן איז זייער דורכזיכטיק״. מיין פאַרדאַכט האָט זיך באַשטעטיקט; אין דעם מאָמענט האָט מען געפרוווט איינברעכן דעם מאַגאַזין. באַלד זענען אַראָפּ דער פאָטער, וואַן דאַן, דיסעל און

פעטער; מיר, מאַרגאַט, די מוטער, פרוי וואָן דאַן און איך, זענען געזעסן און געוואַרט.

פיר איבערגעשראָקענע פרויען מוזן עפּעס ריידן, און אַזוי אויך מיר — ביז ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ. נאָכהער איז אַלץ שטיל געוואָרן און דער זייגער האָט געקלונגען דריי פערטל צען. אַלע זענען מיר בלייך געוואָרן, און הגם מיר האָבן מורא געהאַט, זענען מיר געוועזן שטיל. ווו זענען די מענער? און וואָס איז געווען דער קלאַפּ? אפשר זענען זיי אריין אין אַ געשלעג מיט די איינברעכער? אַ זייגער צען, טריט אויף די טרעפּ: דער פאָטער, בלייך און נערוועז, איז אַריינגעגאַנגען, און נאָך אים הער וואָן דאַן. „אויסלעשן דאָס ליכט, אַרויפגיין שטיל, מיר וואַרטן אויף דער פּאָליציי”.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט זיך איבערצושרעקן. מיר האָבן אויסגעלאָשן דאָס ליכט, כ׳האָב גענומען אַ קורצן מאַנטל, מיר זענען ארויפגעגאַנגען. „וואָס איז געשען? דערציילט שנעל!” ס׳איז נישט געווען קיינער וואָס האָט געקאָנט אונז עפּעס דערציילן; די מענער זענען געווען ווידער אונטן. ערשט צען מינוט נאָך צען זענען זיי אַלע פיר אַרויפגעקומען. צוויי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ביים אָפענעם פענצטער אין פעטערס צימער; די טיר אין דורכגאַנג איז צוגעשלאָסן געוואָרן, די דריי־שאַנק צוגעפּעסטיקט געוואָרן, דעם נאַכט־לאָמפּ האָבן מיר פאַרדעקט מיט אַ סוועטער, און נאָכהער האָט מען דערציילט:

פּעטער האָט געהערט צוויי שטאַרקע קלעפּ אין דורכגאַנג, ער איז אַראָפּגעלאָפן אונטן און דערזען, אַז אין דער לינקער זייט פון דער מאַגאַזין־טיר פעלט אַ גרויסע ברעט. ער איז שנעל אַרויף, געמאָלדן דעם די מענער אין דער פאַמיליע און זיי זענען זאָלבעפערט אַראָפּ. די איינברעכער האָבן פאַרגעזעצט זייער ארבעט, בעת די פיר זענען אַריין אין מאַגאַזין. נישט קלערנדיק קיין סך האָט הער וואָן דאַן אויסגעשריען: „פּאָליציי!”

ס׳האָבן זיך דערהערט שנעלע טריט אין דרויסן, די איינברעכער זענען אַנטלאָפן. כדי אויסצומיידן אַז די פּאָליציי זאָל באַמערקן דעם לאָך אין טיר, האָט מען אים פאַרשטאָפּט מיט אַ ברעט, אָבער אַ שטאַרקער זעץ פון דרויסן האָט אומגעוואָרפן דאָס

ברעט אויפן דיל. די מענער זענען דערשטוינט געוואָרן פון דער דאָזיקער חוצפּה. וואַן דאַן און פּעטער האָבן דערפילט, אַז עס דערוועקן זיך אין זיי מערדער־אינסטינקטן: הער וואַן דאַן האָט גענומען אַ האַק און אַ זעץ געטון מיט איר אויפן דיל, ווידער איז אַלץ שטיל געוואָרן. מ'האָט ווידער געפּרוווט פאַרמאַכן די עפענונג אין דער טיר. ווידער אַ שטערונג! — אַ פּאָרל וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אין גאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַרייַנגעלויכטן מיט אַ טאַשן־לעמפּל אין מאַגאַזין אַרייַן. „צום טייוול!“ האָט אַ ברום געטון איינער פון די מענער און... איצט זענען די פּאָליציסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גנבים. אַלע פיר זענען שטיל אַרויף אויבן, פּעטער האָט שנעל געעפנט די טירן און פענצטער אין קיך און אין פאָדערשטן ביוראָ, אַוועקגעוואָרפן דעם טעלעפאָן אויפן דיל און דאַן זענען אַלע פיר אָפּגעטרעטן הינטער זייער שוץ־וואַנט.

ענדע פון ערשטן טייל.

מיר האָבן אָנגענומען, אַז דאָס פּאָרל מיט דעם טאַשן־לעמפּל איז געגאַנגען מעלדן דער פּאָליציי וועגן איינברוך; געווען איז עס זונטיק אין אָוונט — דער אָוונט פון ערשטן טאָג פּאסחא; אויך דעם צווייטן פּאַסחאַ־טאָג האָט קיינער נישט געזאָלט קומען אין ביוראָ; הייסט עס, מיר וועלן גאָרנישט קאָנען טון ביז דינסטיק איינדערפרי. שטעל דיר פאָר צו זיצן, צוויי נעכט און אַ גאַנצן טאָג אין אַזאַ שרעק! מיר האָבן גאָרנישט געטון, מיר זענען געזעסן אין דער פינצטער, ווייל פרוי וואַן דאַן האָט פאַר גרויס שרעק פאַרלאָשן דעם אייַנציקן לאָמפּ. מיר האָבן גערעדט שטיל און ביי יעדן סקריפּ האָט זיך דערהערט אַ וואָרנונג: „ששש... ששש...“

האַלב עלף, עלף, — מ'הערט נישט און מ'זעט נישט, און לויט אַ ריי קומען צו אונז דער פאָטער און הער וואַן דאַן. עלף אַ זייגער האָבן מיר דערהערט אַ טומל אונטן. ביי אונז האָט מען געקאָנט הערן דאָס אָטעמען פון אַלע אַנוועזנדיקע; אַ חוץ דעם האָט זיך קיינער נישט קיין ריר געטון. טריט אין הויז, אינם פּריוואַטן ביוראָ, אין קיך, נאָכדעם... אויף אונזערע טרעפּ. קיינער האָט נישט געוואַגט צו אָטעמען, אַכט הערצער האָבן געקלאַפּט — טריט אויף אונזערע טרעפּ! נאָכהער האָט מען אַ שאָקל געטון די דריי-

שאַנק, דעם מאָמענט איז אוממעגלעך צו שילדערן, „איצט זענען מיר פאַרלאָרן!" האָב איך געזאָגט, און אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך שוין געזען ווי די געסטאַפּאָ פירט אונז אַלע. צוויי מאָל האָט מען אַ טרייסל געטאָן די דריי־שאַנק; דאָן איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן. די שריט האָבן זיך דערווייטערט, אַ גרויל איז אונז אַלעמען אַדורך — ס'קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן; קיינער האָט נאָך קיין וואָרט נישט געזאָגט.

ווידער האָבן מיר נישט געהערט קיין שאָרך אין הויז, אָבער דאָס ליכט האָט געברענט אינם דורכגאַנג, פּונקט פאַר אונזער שאַנק. צי האָט מען איבערגעלאָזט ליכט ווייל דער שאַנק האָט אויסגעזען פאַרדעכטיק אין זייערע אויגן? אפשר האָט די פּאָליציי פאַרגעסן צו פאַרלעשן דאָס ליכט? אפשר וועט נאָך עמיצער קומען פאַרלעשן דאָס ליכט. די צונגען זענען אויפגעבונדן געוואָרן — נישט געווען קיין פרעמדער מענטש אין הויז; אפשר האָבן זיי נאָר איבערגעלאָזט אַ שומר ביי דער טיר?

איצט האָבן מיר געטון דריי זאַכן: מיר האָבן אַרויסגעזאָגט אַלערליי השערות, געציטערט פאַר שרעק און געלאָפן אין טואַלעט. ס'הייסט געוואָלט לויפן, אָבער די עמער זענען געווען אויפן בוידעם, און נאָר פּעטערס בלעכענע פּאַפּיר־פּושקע האָט אונז געקאָנט נוצן. אָנגעהויבן האָט הער וואן דאַן, נאָכהער דער פאָטער, די מוטער האָט זיך געשעמט. דער פאָטער האָט אַריינגעבראַכט די בלעך־פּושקע אין צימער און מאַרגאָט, די מאַדאַם און איך האָבן זיך גערן באַנוצט מיט איר, און שפּעטער האָט אויך די מוטער זיך אַנטשלאָסן. ס'איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף פּאַפּיר, און גוט וואָס כ'האָב געהאַט פּאַפּיר אין מיין טאַש.

די בלעך האָט פאַרשפּרייט אַ שווערן ריח, אַלע האָבן זיך געשושקעט, מיר זענען געווען מיד. ס'איז געקומען האַלבע נאַכט. „לייגט אייך אויפן דיל און ווערט אַנטשלאָפן". מאַרגאָט און איך האָבן באַקומען יעדע איינע אַ קישן מיט אַ קאָלדרע. מאַרגאָט איז געלעגן נעבן דער שפּייז־שאַנק און איך צווישן די פיס פון טיש. אויפן דיל איז דער שווערער ריח נישט געווען אַזוי שרעקלעך. אָבער פרוי וואן דאן האָט געברענגט אַביסל כלאָר, און איבערן טאָפּ האָט מען אויסגעשפּרייט אַ שמאַטע — אַ צוגאָב שוץ־מיטל.

שמועסן, שושקען זיך, שרעק, געשטאַנק, ווינט און די גאַנצע צייט עמיצער אויפן בלעך — ווי קאָן מען שלאָפן? אָבער אַרום האַלב דריי בין איך געווען צו מיד, און ביז האַלב פיר האָב איך גאָרנישט געהערט. כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט ווען פרוי וואַן דאַן האָט אַנידערגעלייגט איר קאָפּ אויף מיינע פיס.

„גיט מיר, איך בעט אייך, עפּעס אָנצוטון!" האָב איך געבעטן. פרעג נישט וואָס איך האָב באַקומען. וואָלענע הויזן איבער מיין פּיזשאַמע, אַ רויטן סוועטער און אַ שוואַרץ האַלב־קליידל, ווייסע אונטערהויזן און הויכע צוריסענע זאָקן. נאָכהער איז פרוי וואַן דאַן אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול און הער וואַן דאַן איז געקומען ליגן אויף מיינע פיס. פון האַלב פיר האָב איך געטראַכט אָן אויפהער וועגן אונזער לאַגע. כ׳האָב נאָך אַלץ געציטערט, אַזוי אַז וואַן דאַן האָט נישט געקענט שלאָפן. כ׳האָב מיך צוגעגרייט צום קומען פון דער פּאָליציי; כ׳האָב מיר געטראַכט, אַז מיר וועלן מוזן אויפדעקן אַז מיר באַהאַלטן זיך דאָ אויס; אויב עס וועלן זיין גוטע האָלענדער זענען מיר געראַטעוועט, און אויב נ. ס. ב. (האָלענדישע נאַציסטן), וועלן מיר זיי מוזן אונטערקויפן!

„נעם אַוועק דעם ראַדיאָ", האָט געקרעכצט די מאַדאַם. „יאָ, אין אויוון", האָט געענטפערט הער וואַן דאַן. „אויב זיי וועלן אונז געפינען, זאָלן זיי געפינען אויך דעם ראַדיאָ!"

— „אויב אַזוי, וועלן זיי געפינען אויך אַנאַ׳ס טאָגבוך", האָט צוגעגעבן דער פאָטער. „מיר וועלן אים פאַרברענען", האָט פאַר־געשלאָגן דער גרעסטער פחדן פון אונז אַלע.

אָט דער מאָמענט און דער מאָמענט ווען די פּאָליציי האָט אַ שאָקל געטון די טיר פון שאַנק — זענען געווען מינוטן פון גרויסער שרעק פאַר מיר. „מיין טאָגבוך, ניין, — מיין טאָגבוך, נעם צוזאַמען מיט מיר!" אָבער דער פאָטער האָט שוין מער נישט גע־ענטפערט, צו מיין גליק.

ס׳האָט קיין זין נישט איבערצוחזרן אַלע געשפּרעכן וואָס כ׳געדענק נאָך; מ׳האָט אַזוי פיל גערעדט. כ׳האָב געטרייסט די פרוי וואַן דאַן אין איר שרעק. מיר האָבן גערעדט וועגן אַנטלויפן, וועגן אויספאָרשונג אין דער געסטאַפּאָ און וועגן דער נויטיקייט אַרויסצוווייזן מוט.

„איצט דאַרפֿן מיר זיך אויפֿפֿירן ווי זעלנער, מאַדאַם. אויב מען וועט אונז כאַפּן, האָבן מיר נישט קיין עצה — אָבער אויך אין דעם פֿאַל דאַרפֿן מיר גיין פֿאַר דער קעניגין און פֿאָטערלאַנד, פֿאַר פֿרייהייט, אמת און גערעכטיקייט, ווי ראַדיאָ־אָראַניע זאָגט תמיד. דאָס באמת שרעקלעכע איז דאָס, וואָס אין אונזער אומגליק שלעפּן מיר מיט אַנדערע".

אין אַ שעה אַרום האָט הער וואַן דאַן ווידער געביטן דעם פּלאַץ מיט זיין פֿרוי, און דער פֿאָטער איז געקומען צו מיר. די מענער האָבן געראויכערט אָן אויפֿהער, יעדעס מאָל האָט זיך דער־הערט אַ טיפֿער זיפֿץ, נאָכהער האָט עמיצער זיך געזעצט אויפֿן בלעך, אַזוי האָט עס זיך איבערגעחזרט.

פֿיר אַ זייגער, פֿינף, האַלב זעקס. איך בין אַריינגעגאַנגען צו פּעטערן אין צימער, געזעצט זיך ביים פֿענצטער און זיך צוגעהערט. מיר זענען געזעסן אַזוי נאָענט איינער פֿון דער אַנדערער, אַז מיר האָבן געפֿילט דאָס ציטערן פֿון אונזערע לייבער. יעדעס מאָל אריינ־געוואָרפֿן אַ וואָרט און אָנגעשטרענגט אונזער געהער. אין שכנות־דיקן צימער האָט מען אַראָפּגענומען דעם פּאַרטונקלונגס־פֿאָרהאַנג. זיבן אַ זייגער האָבן מיר געוואָלט טעלעפֿאָנירן צו קאָפּהויזן אַז עמיצער זאָל קומען צו אונז. איצט האָט מען פֿאַרצייכנט וואָס מ'האָט צו זאָגן קאָפּהויזן דורכן טעלעפֿאָן. ס'איז געווען אַ גרויסע סכנה, אַז דער שומר פֿאַר דער טיר אָדער אין מאַגאַזין קאָן נאָך דערהערן דעם קלינג פֿון טעלעפֿאָן, אָבער די סכנה אַז די פּאָליציי וועט צוריק קומען איז געווען נאָך גרעסער.

די פֿאָלגענדיקע זאַכן האָט מען פֿאַרצייכנט:

אַן איינברוך אין הויז; די פּאָליציי אין דער געביידע צוגעקומען ביז צו דער דריי־טיר, נישט מער פֿון דעם.

די איינברעכער זענען, זעט אויס, געשטערט געוואָרן, האָבן איינ־געבראָכן די טיר פֿון מאַגאַזין און אַנטלאָפֿן דורכן גאָרטנדל.

די הויפּט־טיר איז פֿאַרשלאָסן מיט אַ ריגל, קראַלער, ווייזט אויס, איז אַרויסגעגאַנגען דורך דער צווייטער טיר. די שרייב־און רעכן־מאַשינען — אין שוואַרצן קאַסטן אין פּריוואַטן ביוראָ.

פּרוּוון וואָרענען הענקן און נעמען דעם שליסל ביי עלי, נאָכהער

קומען אין ביורא, מיטן אויסרייד, אַז מ'דאַרף געבן עסן דער קאַץ.

אַלץ איז געגאַנגען ווי עס געהער צו זיין. מיר האָבן טעלעפאָנירט צו קאַפּהויזן; די שרייב־מאַשינען וואָס זענען געווען ביי אונז אויבן, האָט מען אריינגעלייגט אין קאַסטן. נאכהער האָבן מיר זיך ווידער געזעצט אַרום טיש און געוואַרט — אויף הענקן, אָדער דער פּאָליציי.

פּעטער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. וואָן דאַן און איך זענען געלעגן אויפן דיל, בעת מיר האָבן דערהערט אונטן שווערע טריט. איך בין רואיק אויפגעשטאַנען. „דאָס איז הענק" האָב איך געזאָגט.

— „ניין, ניין — די פּאָליציי", האָבן געזאָגט אַנדערע.

ער האָט אַנגעקלאַפּט אין אונזער טיר. מיפּ האָט אַ פייף געטון. דאָס איז געווען צופיל פאַר פּרוי וואן דאַן. זי איז געזעסן אין איר שטול מאַכטלאָז און בלייך ווי אַ טויטער; ווען די שפּאַנונג וואָלט געדויערט נאָך איין מינוט, וואָלט זי געפאַלן אין אָנמאַכט.

ווען הענק און מיפּ זענען אַריין, האָט אונזער צימער שוין איינמאָל שיין אויסגעזען; דער טיש אַליין איז ווערט געווען מ'זאָל אים פאַראייביקן אויף אַ פאָטאָגראַפיע. אַן עקזעמפּלאַר פון „טעאַטער און קינאָ", אויסגעשמירט מיט מאַרמעלאַד און מיט אַ מיטל קעגן שלשול, מיט בילדער פון טענצערינס; צוויי סלויען מאַרמעלאַד, אַ האַלב און אַ פערטל זעמעלע, אַ שפּיגל, אַ קעמל, שוועבעלעך, אַש, ציגאַרעטן, טאַבאַק, אַן אַש בעכער, ביכער, אַ פּאָר אונטער־הויזן, אַ טאַשן־לעמפּל, טואַלעט־פּאַפּיר א. א. וו. א. א. וו. דאָס אַלץ איז געווען צעשפּרייט אויפן טיש.

הענק און מיפּ זענען, פאַרשטייט זיך, אויפגענומען געוואָרן מיט הילכיקער פרייד און טרערן. הענק האָט פאַרמאַכט דאָס לאָך אין דער טיר מיט שטיקער האָלץ און איז גלייך געגאַנגען מעלדן דער פּאָליציי וועגן איינברוך. מיפּ האָט געפונען אונטער דער טיר פון מאַגאַזין אַ צעטל פון נאַכט־וועכטער סלאַכטער, וואָס האָט געזען דאָס לאָך אין דער טיר און וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. הענק האָט באַשלאָסן אויך צו אים אַריינצוגיין.

מיר האָבן געהאַט אַ האַלבע שעה צייט כדי זיך אַביסל אָפּצופרישן. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ ענדערונג וואָס קומט פאָר אין איין האַלבע שעה. מאַרגאָט און איך האָבן געבערענגט

אונטן אין אָרדנונג די בעטן. מיר זענען געגאַנגען אין טואַלעט, געפּוצט די ציין, געוואַשן זיך און פאַרקעמט די האָר. נאָכדעם האָב איך אַביסל אויפגערוימט אין צימער און בין אַרויף אויבן. דער טיש איז שוין געווען ריין. מיר האָבן גענומען וואַסער פון קראַן, מיר האָבן צוגעגרייט קאַפע און טיי, אויפגעבריט מילך און געגרייט דעם טיש צו פרישטיק; דער פאָטער און פעטער האָבן אויסגעליידיקט די נאַכט־כלים און זיי גערייניקט מיט וואַסער און כלאָר.

אַ זייגער עלף זענען מיר שוין געזעסן ביים טיש מיט הענקן וואָס איז אינצווישן צוריקגעקומען, און ביסלעכווייז האָט ווידער געהערשט אַן אָנגענעמע אַטמאָספער. און אָט וואָס עס האָט דערציילט הענק:

סלאַכטערס פרוי האָט דערציילט (ער אַליין איז געשלאָפן), אַז בעת אַן אינספּעקציע אין די קאַנאַלן האָט איר מאַן אַנטדעקט דאָס לאָך ביי אונז, און ער האָט גלייך געבראַנגט אַ פּאָליציסט און צוזאַמען מיט אים אַדורכגעגאַנגען דעם בנין. ער האָט געזאָגט, אַז דינסטיק וועט ער קומען צן קראַלערן און וועט אים דערציילן נאָך איינצלהייטן. אין דער פּאָליציי האָט מען נאָך נישט געוווּסט פון איינברוך, אָבער מ'האָט גלייך פאַרצייכנט דעם ענין און צו־געזאָגט קומען דינסטיק. אויפן וועג צוריק איז הענק צופעליק פאַרבייגעגאַנגען נעבן אונזער קאַרטאָפל־ליפעראַנט אין ווינקל, און האָט אים דערציילט, אַז גנבים האָבן איינגעבראָכן אינם בנין. „כ'ווייס", האָט יענער מיט גלייכגילטיקייט געענטפערט. „נעכטן בין איך פאַרבייגעגאַנגען מיט מיין פרוי נעבן אייער הויז און געזען אַ לאָך אין דער טיר. מיין פרוי האָט געוואָלט גיין ווייטער, אָבער איך האָב אויף אַ רגע אָנגעצונדן מיין טאַשן־לאָמפּ און אַ קוק געטון, און גלייך זענען די גנבים אַנטלאָפן. צוליב זיכער־קייט האָב איך נישט טעלעפאָנירט אין דער פּאָליציי. כ'האָב עס ביי אייך נישט געוואָלט טון. איך ווייס, באמת, גאָרנישט, אָבער כ'בין מיך אַ סך משער".

הענק האָט אים געדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען. אָט דער מענטש איז זיך משער, ווייסט אויס, אַז מיר זענען דאָ, ווייל ער ברענגט תמיד די קאַרטאָפל בייטאָג. אַן אָנשטענדיקער בחור!

נאָכדעם ווי הענק איז אוועק און מיר האָבן געוואַשן דאָס געשיר, איז דער זייגער שוין געווען איינס. מיר האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן. אַ פערטל פאַר דריי האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און געזען אַז הער דיסעל איז שוין פאַרשוווּנדן. צופעליק האָב איך באַגעגנט פעטערן אין וואַש־צימער, ווען ער איז אַנגעקומען פון אויבן, דאָס פּנים איז ביי מיר נאָך געווען פאַרשלאָפן. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען אונטן.

כ׳האָב מיך אָפּגעשוואַשן און בין אַראָפּגעגאַנגען: „וואָגסט נאָך אַרויפצוּגיין אין פאָדערשטן בוידעם־שטיבל?" האָט ער גע־פרעגט. כ׳האָב מסכים געווען, גענומען די קישן פון מיין בעט און מיר זענען אַרויף אין פאָדערשטן בוידעם־שטיבל. דאָס וועטער איז געווען זייער שיין, און הגם די סירענעס האָבן געפּייפט, זענען מיר פאַרבליבן אויף אונזער פּלאַץ. פעטער האָט מיט זיין אָרעם אַרומגענומען מיין אַקסל, איך האָב אַרומגענומען זיין אַקסל, און אַזוי זענען מיר געזעסן געאָרעמט, ביז מאַרגאָט איז געקומען פיר אַ זייגער אונז רופן טרינקן קאַפע.

מיר האָבן געגעסן, געטרונקען לימאָנאַד און געשפּאַסט. מיר האָבן טאַקע ווידער געקאָנט אַ שפּאַס טון. אַלץ איז ווידער געווען ווי תּמיד. אין אָוונט האָב איך געדאַנקט פעטערן, ווייל ער איז געווען מוטיקער ווי מיר אַלע.

קיינער פון אונז איז נאָך אין זיין לעבן נישט געווען אין אַזאַ סכּנה ווי נעכטן ביינאַכט. גאָט האָט אונז געהיטן; שטעל דיר פאָר: די פּאָליציי ביי אונזער באַהעלטעניש־שאַנק, דאָס ליכט ברענט, און דאָך אונז נישט באַמערקט.

ווען עס וועט קומען די אינוואַזיע און מיט איר די באָמ־באַרדירונגען, וועט יעדער קאָנען זאָרגן פאַר זיך, אָבער דאָ האָבן מיר זיך געזאָרגט אויך פאַר אונזערע גוטע און אָרנטלעכע באַשיצער. „מיר זענען ניצל געוואָרן, זאָל גאָט אונז אויך ווייטער שיצן!" — דאָס איז אַלץ וואָס מיר קאָנען זאָגן.

דאָס געשעעניש האָט געבראַכט צו פאַרשידענע ענדערונגען. פון היינט אָן וועט הער דיסעל נישט זיצן מער אין ביוראָ פון הער קראַלער אונטן, נאָר אין וואַש־צימער. פעטער גייט האַלב נייַן און האַלב צען אויף אַ אינספּעקציע אין הויז. ביינאַכט טאָר

מען נישט עפענען דאָס פענצטער אין פעטערס צימער. נאָך האַלב צען טאָר מען נישט אַראָפּלאָזן דאָס וואַסער אין דער טואַלעט. היינט אין אָוונט קומט אַ טישלער פאַרפעסטיקן די טירן פון מאַגאַזין.

אין באַהעלטעניש פירט מען איצט גרויסע ויכּוחים. קראַלער האָט זיך געבייזערט אויף אונז, הלמאי מיר זענען אַזוי ווייניק פאָרזיכטיק אויך הענק האָט געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל טאָרן מיר נישט אַראָפּגיין. מ׳דערמאָנט אונז אויסדריקלעך, אַז מיר באַהאַלטן זיך, און מיר זענען אַרעסטירטע יידן, צוגעשמידטע צו איין פּלאַץ, אַז מיר האָבן נישט קיין שום רעכט, אָבער מיר האָבן טויזנט פליכטן. מיר, יידן, טאָרן גאָרנישט טון לויט אונזערע געפילן; מיר דאַרפן זיין מוטיק און געוואַגט; מיר דאַרפן טון אַלץ טראָגן די ליידן און זיך נישט באַקלאָגן; מיר דאַרפן טון אַלץ לויט אונזערע מעגלעכקייטן און פאַרלאָזן זיך אויף גאָט. ס׳וועט קומען אַ טאָג און די שרעקלעכע מלחמה וועט זיך ענדיקן, ס׳וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן ווידער זיין מענטשן, נישט בלויז יידן.

ווער האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט דאָס אַלץ? ווער האָט אָוועקגעשטעלט די יידן מחוץ פונם לאַגער פון אַלע פעלקער? ווער האָט אויף אונז געברענגט די אַלע ליידן? דאָס האָט גאָט מיט אונז אַזוי געמאַכט, און גאָט, ער וועט אונז דערהויבן פון אָפּגרונט און אונז דערלייזן. אויב מיר וועלן אויסהאַלטן די אַלע ליידן און דאָך וועלן נאָך זיין יידן אויף דער וועלט, ס׳וועט קומען אַ טאָג ווען יידן וועלן מער נישט זיין פאַרמשפט צום אונטער־גאַנג, נאָר אַ מוסטער פאַר דער וועלט וועלן מיר זיין. ווער ווייסט, אפשר וועט דאָס זיין אונזער גלויבן, וואָס וועט ברענגען דאָס גוטע דער וועלט און אַלע פעלקער, און צוליב דעם, צוליב דעם אַליין, דאַרפן מיר ליידן. קיינמאָל וועלן מיר נישט קאָנען זיין בלויז האָלענדער, אָדער ענגלענדער, אָדער קינדער פון יעדן אַנדערן פאָלק אַליין, שטענדיק וועלן מיר זיין אַחוץ דעם אויך יידן, און מיר ווילן זיין אויך יידן!

שטאַרק זיך! לאָמיר פאַרשטיין די מיסיע וואָס איז אויף אונז אַרויפגעלייגט געוואָרן און זיך נישט באַקלאָגן; ס׳וועט נאָך קומען



פון דער פאָרשטעלונג „אַנאַ פראַנק"
אין יוסף בולאָף׳ס יידישן טעאַטער אין ישראל

אָן אויסגאַנג; קיינמאָל האָט גאָט נישט פאַרלאָזן אונזער פאָלק. אין אַלע דורות זענען געווען יידן; אין אַלע דורות זענען זיי אויך געשטאַרקט געוואָרן. די שוואַכע פאַלן, אָבער די שטאַרקע וועלן בלייבן און וועלן קיינמאָל נישט אונטערגיין!

אין יענער נאַכט האָב איך אייגנטלעך געוווּסט, אַז איך מוז שטאַרבן; כ'האָב געוואַרט אויף דער פּאָליציי, כ'בין געווען גרייט, ווי די זעלנער אויפן שלאַכט־פעלד זענען גרייט. איך האָב מיך געוואָלט מקריב זיין פאַרן פאָטערלאַנד, אָבער איצט, אַז איך בין געבליבן לעבן, איז מיין ערשטער ווונטש נאָך דער מלחמה — צו זיין אַ האָלענדערין!

כ'האָב ליב די האָלענדער, כ'האָב ליב אונזער לאַנד, כ'האָב ליב די שפּראַך און כ'וויל דאָ אַרבעטן. און אפילו כ'וועל דאַרפן שרייבן צו דער קעניגין אַליין, וועל איך נישט רוען, ביז כ'וועל דערגרייכן מיין ציל.

כ'ווער אַלעמאָל וויניקער אָפּהענגיק פון מיינע עלטערן. הגם כ'בין נאָך זייער יונג, האָב איך מער לעבנס־מוט ווי די מוטער, אויך מיין גערעכטיקייטס־געפיל איז שטאַרקער און ריינער ווי ביי דער מוטער. איך ווייס וואָס איך וויל, כ'האָב אַ ציל, אַן אייגענע מיינונג, כ'האָב גלויבן און ליבע, לאָזט מיך זיין איך אַליין, און דאָס וועט מיר גענוגן. כ'ווייס, אַז איך בין אַ פרוי, אַ פרוי מיט אינערלעכער קראַפט און אַ סך מוט.

אויב גאָט וועט מיך לאָזן ביים לעבן, וועל איך דערגרייכן מער ווי ס'האָט דערגרייכט מיין מוטער. כ'וועל נישט זיין באַדייטונגסלאָז, כ'וויל עפּעס אויפטון אויף דער וועלט, פאַר דער מענטשהייט!

איצט ווייס איך, אַז מער ווי אַלץ איז נויטיק העלדישקייט און לעבנס־פרייד.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 14 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

עס הערשט נאָך דאָ אַ גרויסע שפּאַנונג. פּים קאָכט זיך, פּרוי וואַן דאַן איז פאַרקילט, ליגט אין בעט און פּייפט מיט דער נאָז, הער וואַן דאַן איז בלאַס צוליבן מאַנגל אין ציגאַרעטן; דיסעל, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך באַקוועמלעכקייטן זיינע, האַלט זיך אין איין באַקלאָגן א. א. וו. א. א. וו.

מיר האָבן, באמת, נישט קיין מזל אין די דאָזיקע טעג. אין טואַלעט רינט און דער קראַן איז קאַליע, אָבער אַ דאַנק אונזערע גוטע פאַרבינדונגען וועט מען קאָנען פאַריכטן ביידע.

אַמאָל בין איך סענטימענטאַל, כ'ווייס עס, אָבער... עס איז פאַראַן דאָ אַ פּלאַץ פאַר סענטימענטאַלישקייט. ווען פּעטער און איך זיצן ערגעץ ווו צווישן אַ סך פּסולת און שטויב, אויף אַ האַרטן האָלץ־קאַסטן, נאָענט איינער צום אַנדערן, געאַרעמט, און ער האַלט אין זיין האַנט אַ לאָק פון מיינע האָר, ווען אין דרויסן צוויטשערן די פויגל, און מ'זעט די ביימער צעבליען זיך, ווען די זון רופט דיך אינדרויסן אַרויס, און דער הימל איז אַזוי בלוי — אָך, דעמאָלט וויל איך אַזויפיל זאַכן!

בלויז זויערע און אויפגערעגטע פּנימער זעט מען דאָ, נאָר זיפצן און איינגעהאַלטענע טענות הערט מען. גלייך ווי די לאַגע אונזערע וואָלט זיך פּלוצים פאַרערגערט אויף אַ שרעקלעכן אופן. דער אמת איז, אַז יעדע זאַך איז געננוי אַזוי שלעכט ווי מענטשן מאַכן עס אליין. דאָ, אין באַהעלטעניש, גיט קיינער נישט קיין גוטן ביישפּיל פאַר אַנדערע; יעדער איינער מוז זיך אַליין שטאַרקן אין זיינע שלעכטע שטימונגען. „הלוואי וואָלט זיך שוין דאָס אַלץ געענדיקט", הערט מען יעדן טאָג.

מיין אַרבעט, מיין האָפנונג, מיין ליבע, מיין מוט, — דאָס אַלץ שטאַרקט מיך און העלפן מיר צו זיין אַ גוטע.

קיט, דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין היינט אַביסל משוגע, און כ'ווייס נישט פאַרוואָס. אַלץ איז דאָ צומישט, נישטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן די ווערטער, און איך צווייפל זייער, צי נאָכהער וועט עמיצער האָבן אינטערעס פאַר מיינע פּלוידערייען.

„פּלאַפּלערייען פון אַ מיאוס קאַטשקעלע" — וועט זיין אַ

פּאַסיקער נאָמען פאַר די אַלע נאַרישקייטן. איך צווייפל צו הער באַלקסטיין אָדער כערבראַנדי* וועלן האָבן נחת פון מיין טאָג־בוך.

דיין, אַנאַ

שבת, 15 אפּריל 1944

טייערע קיטי,

„אַ דערשיטערונג נאָך אַ דערשיטערונג. צו וועט אַמאָל קומען אַ סוף צו דעם אַלעם?״ מיר קאָנען באמת זיך שטעלן די דאָזיקע פראַגע. טרעף, וואָס האָט ווידער פּאַסירט. פּעטער האָט פאַרגעסן צו עפענען דעם ריגל פון דער פאָדערשטער טיר (ביינאַכט פאַרמאַכט מען די טיר אויף אַ ריגל פון אינווייניק), און דער שלאָס פון דער צווייטער טיר איז קאַליע. דער רעזולטאַט: קראַלער און די אַרבע־טער האָבן נישט געקאָנט אַריינגיין אין הויז. קראַלער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו גיין צו די שכנים, איינברעכן דאָס קיך פענצטער און אַריינגיין דורך דער הינטערשטער זייט פון הויז. ער קאָכט פאַר כעס וואָס מיר האָבן אָפּגעטון אַזאַ נאַרעשקייט.

כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז די זאַך האָט זייער דערשיטערט פּעטערן.ביים מיטאָג האָט די מוטער געזאָגט, אַז זי האָט מיטלייד מיט פּע־טערן מער ווי מיט אַלע אַנדערע, און ער האָט שיער נישט אויס־געבראָכן מיט אַ געוויין. מיר זענען אַלע שולדיק נישט ווייניקער פון אים, ווייל כמעט יעדן טאָג פרעגן די מענער, צי ער האָט געעפנט דעם ריגל, און דווקא היינט האָט מען אים נישט געפרעגט.

אפשר וועל איך אים קאָנען טרייסטן נאכהער; כ׳וויל אים אַזוי ביי־הילפיק זיין.

דיין, אַנאַ

זונטיק אינדערפרי, פאַר אַ זייגער 11, 16 אַפּריל, 1944

טייערע קיטי,

היינט אָפּ אין דיין האַרצן דעם אָנדענק פון נעכטיקן טאָג, ווייל דאָס איז געווען אַ וויכטיקער טאָג אין מיין לעבן. צי איז נישט

* צוויי מיניסטאָרן פון דער האָלענדישער עמיגראַציע־רעגירונג.

וויכטיק פאַר יעדער מיידל, ווען זי באַקומט דעם ערשטן קוש אין איר לעבן? אלזא, פאַר מיר איז עס נישט ווייניקער וויכטיק. דער קוש וואָס כ'האָב באַקומען פון בראַמען אויף מיין רעכטער באַק רעכענט זיך נישט, איך רעכן אויך נישט דעם קוש, וואָס הער וואַלקער האָט מיר געגעבן אויף מיין רעכטער האַנט.

ווי אַזוי בין איך פּלוצים געקומען צו דעם דאָזיקן קוש? לאָמיר דיר דערציילן.

נעכטן, אַכט אַזייגער, בין איך געזעסן צוזאַמען מיט פּעטערן אויף זיין סאָפע, און ער האָט מיך אַרומגענומען מיט זיין אָרעם. „לאָמיר זיך אַביסל אָהין רוקן", האָב איך געזאָגט, „אַנדערש וועל איך מיר אָנקלאַפּן דעם קאָפּ אין קליינעם שאַנק". ער האָט זיך אָפּגערוקט, כמעט ביזן צום ווינקל, כ'האָב אַרונטער געלייגט מיין אָרעם אונטער זיינעם רוקן און ער האָט מיך כמעט פאַרגראָבן, ווייל זיין אָרעם איז געווען פאַרלייגט איבער מיין אַקסל. אַזוי זענען מיר שוין עטלכע מאָל געזעסן אויף פריער, אָבער נישט אַזוי שטאַרק צוגעדריקט. אָבער דאָס איך נאָך נישט געווען אַלץ. ער האָט נישט גערוט, ביז מיין קאָפּ האָט זיך אָנגעשפּאַרט ווי נעכטן. ער האָט מיך צוגעדריקט צו זיך, מיין לינקע ברוסט האָט זיך צוגעדריקט צו זיינער, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אויף זיין אַקסל, און זיין קאָפּ האָט ער אַנידערגעלייגט אויף מיינעם. אין אַ פינף מינוט אַרום, ווען איך האָב מיך אויסגעגלייכט, האָט ער ווידער גענומען מיין קאָפּ צווישן זיינע הענט און האָט אים אָנגעשפּאַרט אויף זיך. אַך, דאָס איז געווען וווּנדערלעך: כ'האָב נישט געקאָנט ריידן, אַזוי גרויס איז געווען דאָס פאַרגניגן. ער האָט געגלעט מיין באַק און אָרעם און זיך געשפּילט מיט מיינע לאָקן, און די גאַנצע צייט זענען אונזערע קעפּ געווען צוגעטולעט איינער צום אַנדערן. קיטי, איך קאָן דיר נישט שילדערן דאָס געפיל אין יענעם מאָמענט; כ'בין געווען זייער גליקלעך, און עס דאַכט זיך מיר אַז אויך ער.

האַלב ניין אַ זייגער זענען מיר אויפגעשטאַנען. פּעטער האָט אָנגעטאָן זיינע גימנאַסטישע שיך כדי זיינע טריט זאָלן נישט דערהערט ווערן בעתן דורכגיין דאָס הויז, און איך בין געשטאַנען און געוואַרט. כ'ווייס נישט, ווי אַזוי ס'האָט פּלוצים פּאַסירט, אָבער

איידער מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען, האָט ער מיר געגעבן אַ קוש דורך די האָר — אַ העלפט אויף דער לינקער באַק און אַ העלפט אויפן אויער. כ׳בין אַראָפּגעלאָפן אונטן, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, כ׳בענק זייער נאָך דעם היינטיקן טאָג.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 17 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

צי מיינסטו, אַז דער פאָטער און די מוטער וואָלטן עס גערן געזען, אַז איך זיץ אויף אַ סאָפע און קוש זיך מיט אַ ייִנגל? — ער איז אַלט זיבעצן מיט אַ האַלב יאָר און איך כמעט פופצן? איך מיין, אַז זיי וואָלטן נישט מסכים געווען, אָבער אין דער פראַגע מוז איך מיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין. איך פיל מיך אַזוי רואיק און זיכער ווען איך בין צוגעטולעט צו אים און ער נעמט מיך אַרום און איך טרוים. און כ׳בין אַזוי צוברויזט ווען כ׳פיל זיין באַק אויף מיינער, און ס׳איז אַזוי גוט צו וויסן, אַז עמיצער וואַרט אויף דיר. אָבער דאָ דערוועקט זיך אַ גרויסע פראַגע: צי וועט זיך פעטער באַגנוגנען מיט דעם? אמת, כ׳האָב נישט פאַרגעסן זיין צוזאָג, אָבער... פעטער איז אַ ייִנגל!

כ׳ווייס, אַז כ׳האָב צו פרי אָנגעהויבן: כ׳בין נאָך נישט אַלט קיין 15 יאָר און שוין אַזוי זעלבסטשטענדיק. אַנדערע מענטשן וועט עס זיכער שווער צו זיין צו פאַרשטיין. כ׳בין כמעט זיכער, אַז מאַרגאָט וואָלט קיינמאָל נישט אַ קוש געגעבן אַ בחור, אויב ס׳זאָל נישט פריער זיין אָפּגעשמועסט וועגן תנאים אָדער חתונה האָבן, אָבער איך און פעטער האָבן נישט אַזעלכע פּלענער. אויך מיין מוטער האָט נישט אָנגערירט קיין מאַנספאַרשוין פאַר דעם פאָטער וואָס וואָלטן מיינע פריינדינס געזאָגט, ווען זיי וויסן, אַז כ׳האָב זיך אַרומגעאַרעמט מיט פעטערן — מיין האַרץ אויף זיין ברוסט, מיין קאָפּ אויף זיין אַקסל און זיין קאָפּ צוגעטולעט צו מיינעם.

אוי, אַנאַ, וואָס פאַראַ סקאַנדאַל! אָבער באמת, לויט מיין מיינונג איז דאָס נישט קיין סקאַנדאַל. מיר זענען דאָ אָפּגעריסן,

אָפּגעריסן פון דער וועלט און זייער פאַרזאָרגט, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט. פאַרוואָס זשע זאָלן מיר זיך דערווייטערן, ווען מיר ליבן איינער די צווייטע? פאַרוואָס דאַרפן מיר וואַרטן, ביז מיר וועלן דערגרייכן דעם פּאַסיקן עלטער? און צו וואָס שטעלן אַ סאַך פראַגעס?

כ'האָב באַשלאָסן זיך צו היטן; ער וועט נישט וועלן מיר גורם זיין צער אָדער ווייטיק; פאַרוואָס זאָל איך אַלזאָ נישט טון וואָס מיין האַרץ הייסט מיר, פאַרוואָס זאָל איך נישט געבן גליק אונז ביידן? און דאָך מיין איך, קיטי, אַז דו באַמערקסט מיינע וואַקלענישן. איך קלער, אַז מיין אָרנטלעכקייט בונטעוועט זיך קעגן זאַכן וואָס ווערן אָפּגעטון אין געהיים. צי מיינסטו, אַז מיין פליכט איז צו דערציילן דעם פאָטער וואָס איך טו? צי האַלטסטו, אַז מיר דאַרפן פאַרטרויען אויך אַ דריטן מענטשן אונזער סוד? צוליב דעם וועט ער פיל פאַרלירן פון זיין ווערט, אָבער צי וועל איך דורך דעם געווינען אַביסל אינערלעכע רו? כ'וועל פרעגן „אים".

אַך, יאָ, איך וויל מיט אים ריידן וועגן אַ סך זאַכן, ווייל כ'זע נישט קיין נוצן אין דעם, אַז מיר זאָלן בלויז גלעטן איינער די אַנדערע, אויפדעקן געדאַנקען איינער דער אַנדערער — די זאַך פאָדערט אַ סך צוטרוי; און ביידע וועלן מיר זיך שטאַרקן און שעפּן כח פון באַוווסטזיין פון דעם דאָזיקן צוטרוי!

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 18 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

דאָ איז אַלץ אין אָרדנונג. דער פאָטער האָט אָקאָרשט געזאָגט, אַז ער דערוואַרט, דאָס פאַרן 20 מאַי וועלן פאָרקומען גרויסע געשעענישן, אין רוסלאַנד, אין איטאַליע און אויך אין מערב. מיין פאַנטאַזיע באַנעמט נאָך נישט דעם געדאַנק, אַז מיר וועלן אַמאָל באַפרייט ווערן פון דאַנען.

נעכטן זענען מיר ענדלעך דערגאַנגען, פּעטער און איך, צו דעם דאָזיקן געשפּרעך וואָס מיר האָבן אָפּגעלייגט לפּחות 10 טעג.

כ׳האָב אים אַלץ אויפגעקלערט וועגן מיידלעך און כ׳האָב מיך נישט געוואָקלט צו ריידן מיט אים אפילו וועגן די סאַמע אינ־טימסטע זאַכן. דער אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ קעגנ־זייטיקן קוש, נאָענט־נאָענט צו מיין מויל; ס׳איז באמת אַ וווּנדער־לעך געפיל.

אפשר וועל איך מיטאַרויפנעמען מיין בוך פון גאָלדענע שפּרוך־ווערטער, כדי מיר זאָלן זיך פאַרטיפן אין די דאָזיקע ענינים. איך געפין נישט קיין באַפרידיקונג אין דעם, וואָס מיר גלעטן און האַלזן זיך יעדן טאָג, און כ׳וואָלט געוואָלט אַז אויך זיין מיינונג זאָל זיין אַזאַ.

נאָך אַ „פאַלשן" ווינטער, אָן קעלט, איז איצט געקומען אַ שיינער פרילינג; אַ גלענצנדיקער אַפּריל, נישט צו וואַרעם און נישט צו קאַלט — פון צייט צו צייט פאַלט אַביסל רעגן. דער קאַשטאַן־בוים גרינט שוין, דאָ און דאָרט זעט מען די ערשטע בליאונג.

שבת האָט אונדז עלי געבראַכט פיר בינטלעך בלומען, דריי בינטלעך נאַרציזן און איינס יאַצינטן; דאָס לעצטע איז געווען פאַר מיר.

איך מוז מאַכן די אַלגעברע אויפגאַבן, קיטי, אויף ווידער־זען.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 19 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

וואָס איז שענער אויף דער וועלט פון זיצן ביי אַן אָפן פענצטער, ווען מ׳הערט דאָס צוויטשערן פון די פויגל, מ׳פילט די זון וואַרעמקייט אין די באַקן און מ׳האַלט אין די אָרעמס אַ שיין יינגל? כ׳בין אַזוי זיכער און רויִק, ווען כ׳פיל זיינע אָרעמס אַרום מיר, ווען איך ווייס, אַז ער איז נאָענט נעבן מיר, און איך זיץ און שווייג. ניין, עס קאָן נישט זיין שלעכט — זי איז אַזוי גוט די דאָזיקע רו. אַך, מ׳זאָל אונדז נאָר נישט שטערן קיינמאָל, אפילו מושי זאָל מיר מער נישט שטערן.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 21 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

נעכטן נאָכמיטאָג בין איך געלעגן אין בעט — ס׳האָט מיר ווי געטון אין האַלז — אָבער צוליב דעם וואָס כ׳האָב מיך געלאַנגווייליקט שוין דעם ערשטן טאָג און איך האָב נישט געהאַט קיין היץ, בין איך היינט אויפגעשטאַנען. היינט איז דער אַכצענטער געבורטסטאָג פון דער פּירשטין עליזאַבעט פון יאָרק. דער בי. בי. סי. האָט געמאָלדן, אַז פאָרלויפיק, וועט מען נישט מיטטיילן אָפיציעל, אַז זי איז געוואָרן פּוליעריק, הגם געוויינלעך טוט מען עס ביי די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער דינאַסטיע. מיר האָבן זיך געפרעגט, ווער איז דער פּירשט וואָס די דאָזיקע שיינהייט וועט מיט אים חתונה האָבן, אָבער מיר האָבן נישט געפונען אפילו איינעם אַ פּאַסיקן. איר שוועסטער, די פּירשטין מאַרגאַרעטראָז, וועט אפשר קאָנען הייראַטן מיט דעם פּירשט בודואַן פון בעלגיע.

איין אומגליק יאָגט נאָך דאָס צווייטע. מ׳האָט נאָר־וואָס פאַרפעסטיקט די אויסערלעכע טיר, איז שוין דערשינען דער מאַגאַזין־אַרבעטער פון דאָסניי .וואַרשיינלעך, אַז ער איז עס דער מענטש, וואָס האָט געגנבעט דאָס קאַרטאָפל־מעל און ער וויל אַרויפוואַרפן די שולד אויף עלין. דאָס גאַנצע באַהעלטעניש שטייט שוין ווידער אויף די פיס. עלי איז אויסער זיך.

כ׳וויל שרייבן צו איינע פון די צייטונגען, כדי צו זען, אויב מען וועט אָפּדרוקן מיינע אַ דערציילונג — אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, פאַרשטייט זיך.

ביז צום קומענדיקן מאָל, מיין טייערע!

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 25 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

דיסעל רעדט שוין נישט מיט הער וואַן דאַן זינט 10 טעג, און דאָס אַלץ צוליב דעם וואָס נאָכן איינברוך האָט מען דאָ איינגעפירט אַלערליי זיכערקייט־מיטלען וואָס געפעלן אים נישט. ער טענהט, אַז וואַן דאַן האָט אויף אים געשריגן.

„אַלץ איז דאָ איבערגעקערט״, האָט ער מיר געזאָגט. „כ׳וועל גיין ריידן מיט דיין פאָטער״. מ׳האָט אים פאַרבאָטן צו זיצן אין ביורא אונטן, שבת נאָכמיטאָג און זונטיק, אָבער ער זיצט דאָרט ווייטער. וואָן דאַן איז אויפגעקאָכט און דער פאָטער איז אַראָפּ־געגאַנגען ריידן מיט אים. פאַרשטייט זיך, אַז ער קלערט אויס פאַרשידענע אויסריידן, אָבער דאָסמאָל וועט ער זיך נישט קאָנען אויסדרייען. דער פאָטער רעדט מיט דיסלען נאָר דעמאָלט ווען ער מוז, ווייל דיסעל האָט אים באַליידיקט. קיינער פון אונז ווייסט נישט וויאַזוי, אָבער, ס׳זעט אויס, אַז ס׳איז געווען אַ זייער שווערע באַליידיקונג.

כ׳האָב אָנגעשריבן אַ זייער שיינע דערציילונג — „בלור — דער לענדער אָנטדעקער״. זי איז זייער געלויבט געוואָרן דורך די דריי, פאַרוועלכע כ׳האָב זי פאָרגעלייענט.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 27 אַפּריל 1944

טייערע קיטי,

היינט איז דער פרוי וואן דאַן געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. זי האָט שטענדיק טענות און פּרעטענזיעס! ראשית — איז זי צוגעקילט און באַקומט נישט קיין צוקערלעך צום הוסט, און זי איז שוין מיד פון שנייצן די נאָז. צווייטנס — פאַרוואָס די זון שיינט נישט און די אינוואַזיע קומט נישט, און מיר קאָנען נישט אַרויסקוקן דורכן פענצטער א. א. וו. א. א.וו. מיר האָבן זייער געלאַכט, אָבער די לאַגע, זעט אויס, איז נישט אַזוי שלעכט, ווייל זי האָט מיט אונז מיטגעלאַכט.

כ׳לייען איצט דאָס בוך „קיסר קאַרל דער פינפטער״ פון אַ אוניווערסיטעט׳ס פּראָפעסאָר אין געטינגען; דער מענטש האָט אָפּגעגעבן דעם בוך פערציק יאָר אַרבעט. אין פינף טעג האָב איך איבערגעלייענט 50 זייטן; מער קאָן מען נישט. אין בוך זענען פאַראַן 598 זייטן און קאָנסט אַליין באַרעכענען, וויפיל צייט כ׳וועל זיין באַשעפטיקט מיטן לייענען דאָס בוך, און ס׳איז דאָ נאָך אַ צווייטער טייל! אָבער... דאָס בוך איז זייער אינטערע־סאַנט.

אַ שילערין לערנט זייער אַ סך אין איין טאָג. נעם מיך, למשל. צום אָנהויב האָב איך איבערגעזעצט פון האָלענדיש אויף ענגליש אַ פראַגמענט וועגן נעלסאָנס לעצטער שלאַכט. נאָכהער בין איך אַדורכגעגאַנגען די פּאָרזעצונג פון דער נאָרוועגישער מלחמה (1700—1721) און געלייענט וועגן פּעטער דעם גרויסן, קאַרל דעם צוועלפטן, אויגוסט דעם שטאַרקן, סטאַניסלאַוו לעשטשינ־סקי, מאַזעפּאַ, פאָן גערץ, בראַנדענבורג, פּאָדער־פּאָמערן, הינטער־פּאָמערן און דענעמאַרק, אַ חוץ היסטאָרישע דאַטן.

שפּעטער בין איך דערגאַנגען צו בראַזיל; געלייענט וועגן טאַבאַק פון באַהיאַ, דעם איבערפלוס פון קאַפע וועגן פּערנאַמבוקאָ און סאַן־פּאולאָ, נישט צו פאַרגעסן דעם טייך אַמאַזאָנאַ. וועגן נעגערס, מולאַטן, מעטיסן און ווייסע — מער ווי 50 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטן — און וועגן מאַלאַריע. ס'איז מיר געבליבן נאָך אביסל צייט, און דעריבער בין איך גיך אַדורכגעגאַנגען איבער איין דינאַסטיע: יאַן דער אַלטער, ווילס לודוויק, ערנסט קאַזימיר דער ערשטער, הענדריק־קאַזימיר דער ערשטער, ביז דער קליי־נער מאַרגאַריט־פראַנציסקא (וואָס איז געבוירן אין אָטאַוואַ אין יאָר 1943).

צוועלף אַ זייגער: כ'בין אַרויף אויבן און ווייטער פאָרגע־זעצט מיין פּראָגראַם — די געשיכטע פון דער קירך... פּפּפ! ביז איינס אַ זייגער.

נאָך צוויי אַ זייגער איז ווידער געזעסן דאָס אָרעמע מיידל (המ... המ...) און געאַרבעט: איצט איז געקומען די ריי פון מאַלפּעס, ברייט־נעזיקע און שמאָל־נעזיקע מאַלפּעס. קיטי, זאָג נאָר שנעל, וויפיל פינגער אין פיס האָט דער היפּאָפּאָטאַם?!

נאָכהער איז געקומען די ריי אויף דער הייליקער שריפט. נח'ס תיבה, שם, חם און יפת. נאָכהער קאַרל דער פינפטער. ביי פּעטערן: „דער קאָלאָנעל", אין ענגליש, פון טעקרי אַן עקזאַמען אין פראַנצויזישע ווערטער, נאָכדעם פאַרגלייכן די טייכן מיסיסיפּי און מיסורי.

כ'בין נאָך פאַרקילט, מאַרגאָט, דער פּאָטער און די מוטער האָבן זיך פון מיר אָנגעשטעקט. איך האָף נאָר, אַז פּעטער וועט זיך נישט אָנשטעקן. ער האָט פאַרלאַנגט אַ קוש און האָט מיך גע־

רופן אין זיין „עלדאראדא״. כ׳האָב פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט, אַזאַ נאַריש יינגל! דאָך איז ער ווונדערלעך!

גענוג אויף היינט, אַדיע!

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 28 אַפריל 1944

טייערע קיטי,

מיין חלום וועגן פעטער ווערסעל האָב איך נישט פאַרגעסן (זע אָנהויב יאַנואַר). ווען איך קלער וועגן אים, פיל איך נאָך זיין באַק אויף מיינער, און עס פאַרפלייצט מיך אַ ווונדערלעך געפיל וואָס פאַריכט אַלץ.

אויך מיט פעטערן האָב איך צייטנווייז געהאַט דאָס זעלבע געפיל, אָבער נישט אין אַזאַ מאָס, ביז... נעכטן ווען מיר זענען געזעסן אויף דער סאָפע, ווי דער שטייגער אונזערער, אַרומגענומען, איז פלוצים פאַרשוווּנדן די געוויינלעכע אַנאַ, און אנשטאט איר איז געקומען אַן אַנדער אַנאַ, אַנאַ וואָס וויל נישט זיין פריילעך און וויציק, אַנאַ וואָס וויל בלויז ליבן און זיך צערטלען.

כ׳בין געזעסן צוגעטולעט צו אים און כ׳האָב געפילט מיינע שטאַרקע געפילן, מיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן; די לינקע טרער איז געפאַלן אויף זיין קאָמבינעזאָן, די רעכטע איז דורכגעגאַנגען איבער מיין נאָז און אויך געפאַלן אויף זיין קאָמבינעזאָן. צי האָט ער עס באַמערקט? ער האָט עס אפילו מיט אַ ווונק נישט פאַראַטן. צי האָט ער זיך געפילט אַזוי ווי איך? אויך ער האָט כמעט קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסגעבראַכט. צי האָט ער געוווּסט, אַז צוויי אַנאַס זיצן נעבן אים? דאָס זענען אַלץ פראַגן, וואָס ס׳איז נישטאָ אויף זיי קיין ענטפער.

האַלב ניין בין איך אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענצטער, וויל דאָרט געזעגענען מיר זיך תמיד. כ׳האָב נאָך געציטערט, כ׳בין נאָך געווען אַנאַ נומער צוויי; ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, כ׳האָב אַרומגעוויקלט מיינע אָרעמס אַרום זיין האַלדז און צוגעדריקט מיינע ליפּן צו זיין לינקער באַק, און געוואָלט אים קושן אויך אויף דער רעכטער, ווען מיין מויל האָט זיך באַגעגנט מיט זיין מויל

און זיך צוגעדריקט צו אים. כ'בין געווען ווי אויסער זיך — מיר האָבן זיך באַהאַפטן איינער מיט דער אַנדערער, איינמאָל און נאָכאַמאָל, און נאָך, ווי זיך קיינמאָל נישט צו שיידן, אַך!

פעטער נויטיקט זיך אין צערטלען און ליבע: דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער אַנטדעקט אַ מיידל, ער האָט דערזען, אַז אויך די פרעטענסיאָנעלע מיידלעך האָבן זייער אייגן אינערלעך לעבן און אַן אייגן האַרץ, און זיי פאַרענדערן זיך אין דעם מאָמענט, ווען דו בלייבסט מיט זיי אַליין. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געגעבן זיין פריינדשאַפט און זיך אַליין, ווייל קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין פריינט, אָדער פריינדין, איצט האָבן מיר געפונען איינער די אַנדערע: אויך איך האָב אים נישט געקענט, קיינמאָל האָב איך נישט געהאַט קיין פריינט, כ'זאָל אים קאָנען שענקען צוטרוי — און זע ווי ווייט די זאַך איז דער־גאַנגען...

און ווידער אַמאָל די פראַגע וואָס לאָזט מיך נישט אָפּ: „צי איז גוט אַזוי? צי איז גוט, וואָס איך גיב נאָך אַזוי שנעל? וואָס איך בין אַזוי שטורמיש און פול מיט באַגער ווי פעטער אַליין? צי מעג איך — אַ מיידל — מיר אַזוי פיל דערלויבן? „עס איז דאָ נאָר איין ענטפער „איך גלוסט אַזוי שטאַרק... אַזוי לאַנג, כ'בין אַזוי איינזאַם. און איצט האָב איך געפונען אַ טרייסט!"

פאַרמיטאָג פירן מיר זיך אויף נאָרמאַל. אויך נאָכמיטאָג, מער אָדער ווייניקער אַזוי (אויסער איין מאָל). אָבער אין אָוונט דערוועקט זיך דער באַגער פון אַ גאַנצן טאָג, ס'וועקן זיך דאָס גליק און דער פאַרגעניגן פון אַלע פריערדיקע מאָל, און מיר קלערן נאָר וועגן זיך. יעדן אָוונט, נאָכן לעצטן קוש, וואָלט איך וועלן אַנטלויפן, נישט קוקן אים מער אין די אויגן, אַנטלויפן, זיין איינע אַליין אין דער פינצטערניש!

און וואָס דערוואַרט מיך, ווען כ'גיי אַראָפּ די פערצן טרעפּ? דאָס בלענדענדיקע ליכט, פראַגן דאָ און איראָניע דאָרט, און איך מוז מיך אויפפירן, ווי כ'הער נישט און כ'זע נישט קיין שום זאַך. מיין האַרץ איז נאָך צו ווייך, כ'קאָן מיך נישט באַהערשן נאָך דער נעכטיקער דערשיטערונג. אָנאַ די איידעלע און דעליקאַטע קומט נישט אָפּט און נישט אַזוי שנעל קאָן מען זי פאַרטרייבן. פעטער

האָט אין מיר געטראָפן, געטראָפן מיר טיפער ווי איך בין געטראָפן געוואָרן ווען עס איז מיין לעבן, אַ חוץ יענעם חלום! פעטער האָט מיך באַזיגט, אַלץ איבערגעקערט אין מיר — צי איז עס נישט נאַטירלעך פאַר אַ מענטשן, אַז נאָכהער ברויך ער האָבן רו. כדי צו קומען צו זיך נאָך אַזאַ איבערקערעניש?

אָך, פעטער, וואָס האָסטו מיר געטון? וואָס ווילסטו פון מיר? ווּהין ווּעלן מיר דערגיין? איצט פאַרשטיי איך עלין, איצט ווען איך אַליין לעב עס איבער; כ'פאַרשטיי אירע וואַקלעניש. ווען כ'וואָלט געווען גרעסער, און ער וואָלט מיך וועלן נעמען פאַר אַ פרוי, וואָס וואָלט איך געענטפערט? אַנאַ, זיי נאָר אויפריכטיק! וואָלסט נישט געקאָנט מיט אים חתונה האָבן, אָבער ס'איז אַזוי שווער זיך מיט אים צו שיידן! פעטער האָט נאָך נישט קיין פעסטן כאַראַקטער, קיין ווילנסקראַפט, מוט און דרייסטקייט אין דער נויטיקער מאָס. ער איז נאָך אַ קינד, אין דער נשמה איז ער נישט גרעסער פון מיר; ער בענקט בלויז נאָך רו און גליק.

און איך, בין איך באמת בלויז אַ פערצניעריקע? צי בין איך באמת נישט מער ווי אַ נאַריש שול־מיידעלע? צי האָב איך נאָך נישט קיין לעבנס־פּראַקטיק? איך האָב מער פּראַקטיק פון אַנדערע; כ'האָב געהאַט אַן איבערלעבעניש, וואָס איז כמעט נישט באַקאַנט מיידלעך פון מיין עלטער. כ'שרעק מיך פאַר זיך אַליין, כ'האָב מורא, אַז אין מיין שטאַרקן באַגער וועל איך מיך צו שנעל איבערגעבן — און אויב אַזוי, ווי וועל איך נאָכהער זיך אויפפירן לגבי אַנדערע בחורים? אוי, ס'איז אַזוי שווער. שטענדיק אַט די מאַטערנישן, אַ געראַנגל צווישן האַרץ און פאַרשטאַנד; אַזוי אָדער אַנדערש מוז מען אַמאָל אַנטשיידן, אָבער וויאַזוי וועל איך וויסן, צי כ'האָב געוויילט די ריכטיקע שעה?

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 2 מאַי 1944

טייערע קיטי,

מוצאי שבת האָב איך געפרעגט פעטערן, אויב ער איז אויך ביי דער מיינונג, אַז כ'וואָלט באַדאַרפט דערציילן וועגן דעם מיין

פאַטער. נאָך אַ געוויסער וואַקלעניש האָט ער געזאָגט, אַז איך דאַרף יאָ ריידן מיטן פאַטער. כ׳האָב מיך געפרייט, ווייל דאָס באַווייזט, אַז זיינע כוונות זענען ריינע. תיכף ווי כ׳בין אַראָפּ־געגאַנגען, האָב איך באַגלייט דעם פאַטער וואָס איז געגאַנגען ברענגען וואַסער. מיר זענען נאָך געווען אויף די טרעפּ, און איך האָב אים געזאָגט: „פאַטער, דו פאַרשטייסט אודאי, אַז ווען איך און פעטער זענען צוזאַמען, זיצן מיר נישט אַ מעטער וויט איינער פון דער אַנדערער. צי איז עס שרעקלעך אין דיינע אויגן?״ דער פאַטער האָט נישט געענטפערט באַלד. ענדלעך האָט ער געזאָגט: „ניין, ס׳איז נישט שרעקלעך; אָבער, אַנאַ, דאָ, אין דעם ענגן פּלאַץ, דאַרפסטו זיין פאָרזיכטיק״. ער האָט געזאָגט נאָך עפּעס ענלעכעס צו דעם, און נאָכדעם זענען מיר אַרויפגעגאַנגען. זונטיק אינדערפרי האָט ער מיך צוגערופן צו זיך און געזאָגט: כ׳האָב נאָכאַמאָל נאָכגעטראַכט איבער דעם ענין — און כ׳האָב מיך שוין דערשראָקן. כ׳קלער, אַז דאָ, אין באַהעלטעניש, איז עס אייגנטלעך נישט אַזוי גוט וואָס איר זענט פריינט. צי איז פעטער פאַרליבט?״

„בכלל נישט״, האָב איך געענטפערט.

„יאָ, דו ווייסט, אַז איך פאַרשטיי אייך גוט, אָבער דו דאַרפסט זיין פאָרזיכטיק. גיי נישט אַרויף צו אים אַזוי אָפט; זאָלסט אים נישט אויפרייצן איבער דער מאָס. דער מאַן איז שטענדיק אַקטיווער אין אַזעלכע זאַכן. די פרוי קאָן אים צוריקהאַלטן. אין דרויסן, ווען דו ביסט פריי, איז עפּעס אַנדערש; זעסט אַנדערע ייִנגלעך און מיידלעך, קאָנסט פאָרן, קאָנסט זיך פאַרנעמען מיט ספּאָרט און מיט כלערליי אַנדערע זאַכן. אָבער דאָ, ווען איר זענט אַ סאַך צוזאַמען, און דו ווילסט דיר אַוועקגיין, קאָנסטו נישט — איר זעט זיך ביידע צו יעדער צייט, אייגנטלעך תמיד. זייזשע, אַנאַ, פאָרזיכטיק און באַצי זיך נישט צו דעם מיט אַזאַ גרויסן ערנסט!״

„כ׳טו עס נישט, פאַטער, און פעטער איז אָרנטלעך, ער איז אַ פיין ייִנגל!״

„יאָ, אָבער ער האָט נישט קיין שטאַרקן כאַראַקטער. מ׳קאָן אויף אים ווירקן צום גוטן און צום שלעכטן. כ׳האָף אַז ער וועט ווילן דאָס גוטע, ווייל אין גרונט איז ער גוט!״

מיר האָבן נאָך אַביסל גערעדט, און האָבן באַשטימט, אַז דער פּאָטער וועט ריידן אויך מיט אים.

זונטיק נאָכמיטאָג, ווען מיר זענען געווען אויבן, אויפן פאָדערשטן בוידעם, האָט ער געפרעגט: „נו, אַנאַ, האָסט גערעדט מיט דיין פּאָטער?"

„יאָ", האָב איך געענטפערט. „כ'וועל דיר וועגן דעם דערציילן. דער פּאָטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט שרעקלעך, אָבער ער האַלט, אַז דאָ אין דער ענגשאַפט, קאָן לייכט פאָרקומען אַ צוזאַמענשטויס".

„מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט זיך נישט צו קריגן; און כ'האָב בדעה צו האַלטן מיין צוזאָג!"

„אויך איך, פּעטער, אָבער נישט דאָס האָט דער פּאָטער געמיינט; ער קלערט אַז מיר זענען פריינט. צי האַלטסטו, אַז דאָס איז אוממעגלעך?"

„כ'מיין, אַז ס'איז מעגלעך, און וואָס קלערסטו?"

„אויך איך האַלט אַזוי, כ'האָב געזאָגט דעם פּאָטער, אַז כ'האָב צו דיר צוטרוי. כ'שענק דיר פולן צוטרוי, פּעטער, גענוי ווי דעם פּאָטער, און כ'גלויב, אַז דו ביסט עס ווערט, נישט אמת?"

„כ'האָף" (ער איז געווען צומישט און איז רויט געוואָרן).

„כ'גלויב דיר, פּעטער", האָב איך פאַרגעזעצט. „כ'גלויב, אַז דו האָסט אַ גוטן כאַראַקטער און וועסט מאַכן פאַרשריט אין לעבן".

נאָכהער האָבן מיר גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. צום סוף האָב איך נאָך געזאָגט: „כ'ווייס, אַז מיר וועלן אַרויס פון דאַנען, וועסטו נישט לייגן קיין אַכט אויף מיר".

ער האָט זיך אויפגעקאָכט. „דאָס איז נישט ריכטיק, אַנאַ, אָך ניין! דו טאָרסט נישט קלערן אַזעלכעס וועגן מיר!"

און דאַן האָט מען מיר גערופן.

דער פּאָטער האָט גערעדט מיט אים; ער האָט מיר היינט דערציילט וועגן דעם. „דיין פּאָטער האַלט, אַז די פריינטשאַפט קאָן זיך פאַרענדיקן מיט אַ ליבע". „אָבער איך האָב געענטפערט, אַז מיר וועלן באַוויזן צו צוימען איינער די אַנדערע".

איצט וויל דער פּאָטער, אַז כ'זאָל נישט אַרויפגיין מער אַזוי אָפט אין די אָוונטן, אָבער דערצו בין איך נישט מסכים. נישט

נאָר וואָס איך האָב צו אים צוטרוי, איך גלויב אים מיטן גאַנצן האַרצן און איך וויל אים דאָס באַווייזן, און כ׳וועל עס דאָך נישט קאָנען טון, אויב איך וועל צוליב פאַרדאַכט זיך אָפּהאַלטן פון אַרויפקומען צו אים.

ניין, כ׳וועל דווקא יאָ גיין!

אינצווישן האָט זיך געענדיקט דיסעלס דראַמע. מוצאי שבת, ביים אָוונט־עסן, האָט זיך דיסעל אַנטשולדיקט אין אַ קאָרעקטן האָלענדיש. וואָן דאַן איז געווען זייער ליב און ער האָט אים מוחל געווען. דיסעל האָט זיך זיכער אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט מיטן אויסלערנען אויף אויסענווייניק דעם קליינעם פאַרטראַג.

זונטיק, זיין געבורטסטאָג, איז אַריבער בשלום. מ׳האָט אים געגעבן אַ פלאַש גוטן ווייַן פון יאָר 1919, פון דער פאַמיליע וואַן דאַן (וואָס איצט האָט זי געהאַט די געלעגנהייט אים דאָך צו געבן זייער מתנה) אַ סלוי זויערע קרויט און אַ פּעקעלע ראַזיר־מעסער־לעך; אַ סלוי לימאָן־מאַרמעלאַד פון קראַלערן, דאָס בוך „דער קליינער מאַרטין" פון מיפּ און אַ וואַזאָן פון עלי. ער האָט אונז מכבד געווען מיט אייער, יעדן איינעם אַן איי.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 3 מאַי 1944

טייערע קיטי,

קודם כל וויל איך דיר דערציילן די נייעס פון דער וואָך. די פּאָליטיק איז אַוועק אויף אורלויב; ס׳איז ממש נישטאָ וואָס מודיע צו זיין. ביסלעכווייז האָב איך אויך אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז די אינוואַזיע וועט קומען. מ׳וועט דאָך, סוף כל סוף, נישט איבער־לאָזן די גאַנצע אַרבעט פאַר די רוסן. אגב, אויך זיי טוען איצט גאָרנישט.

כ׳האָב דיר דערציילט, אַז אונזער מאָפּי איז שוין נישטאָ? זינט דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק איז ער פאַרשוווּנדן און מ׳ווייסט נישט וואוהין. זיין נשמה איז שוין זיכער אין גן־עדן פון די קעץ, און אַ חיות־ליבהאָבער גרייט צו פון אים אַ פעטן מיטאָג.

ס'איז אויך מעגלעך, אַז עפּעס אַ מיידעלע וועט באַקומען אַ היטע־לע פון זיין פעלכל. פעטער טרויערט שטאַרק נאָך אים.

זינט דעם לעצטן שבת עסן מיר מיטאָג האַלב צוועלף אַ זייגער, און אינדערפרי מוזן מיר זיך באַגנוגענען מיט אַ טעפּעלע קאַשע. דער מיין איז איינצושפּאָרן איין מאָלצייט. ס'איז נאָך זייער שווער צו באַקומען גרינוואַרג. היינט צו מיטאָג האָבן מיר געהאַט פאַר־פוילטן סאַלאַט. שפּינאַט און געקאָכטן סאַלאַט — קיין אַנדערע זאַכן זענען נישטאָ. און אַלס צוגאָב צו דעם אויך פאַרפוילטע קאַרטאָפל: אַ וווּנדערלעכע קאָמבינאַציע!

ווי דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן, זאָגט מען דאָ נישט איינמאָל מיט פאַרצווייפלונג: „צו וואָס, אָך, צו וואָס האָט מען נויטיק אַ מלחמה? פאַרוואָס קאָנען די מענטשן נישט לעבן בשלום? פאַר־וואָס דאַרף מען אַלץ חרוב מאכן?"

די פראַגע איז פאַרשטענדלעך, אָבער אַ באַפרידיקענדיקן ענט־פער אויף איר האָט נאָך קיינער נישט געפונען. יאָ, פאַרוואָס בויט מען אין ענגלאַנד יעדעסמאָל גרעסערע אַעראָפּלאַנען, פאַרוואָס פּראָדוצירט מען שווערע באָמבעס און גלייכצייטיק בויט מען סטאַנ־דאַרט־הייזער אויף ווידערבויונגען? פאַרוואָס פאַרשווענדעט מען מיליאָ־נען טאָג־טעגלעך אויף מלחמה־צוועקן און ס'איז נישטאָ אַ גראָשן פאַר מעדיצינישע הילף, פאַר קינסטלער, פאַר אָרעמע?

פאַרוואָס מוזן מענטשן ליידן הונגער, בעת אין אַנדערע וועלט־טיילן ווערן פאַרפוילט איבריקע שפּייז־פּראָדוקטן? אָך, פאַרוואָס זענען די מענטשן אַזוי וואַנזיניק?

כ'גלויב נישט, אַז אין דער מלחמה זענען שולדיק בלויז די גרויסע מענטשן, הערשער און קאַפּיטאַליסטן. ניין, דער קליינער מענטש געפינט, זעט אויס, אויך אינטערעס אין דער מלחמה, ווייל אַנדערש וואָלטן די פעלקער שוין לאַנג זיך צובונטעוועט: עס איז פאַראַן, זעט אויס, אינעם מענטשן, עפּעס אַ טרייב־קראַפט צו פאַר־ניכטן, אַ יצר־הרע צו טויט, מאָרד און שטורעם, און אַזוי לאַנג ווי ס'וועט נישט קומען קיין גרויסע ענדערונג אין דער גאַנצער מענטשהייט, אָן אויסנאַם, וועט די מלחמה בושעווען, און אַלץ וואָס מיר וועלן בויען, פלאַנצן און אַנטוויקלען, וועט פאַרשוועכט און

פאַרניכטעט ווערן, די מענטשהייט וועט געצוווּנגען זיין צו בויען די וועלט אויפסניי.

נישט איינמאָל בין איך נידערגעשלאָגן, אָבער קיינמאָל פאַרצווייפל איך נישט. כ'זע אין אונזער באַהעלטעניש אַ געפערלעכע אַוואַנטורע, אָבער אַ ראָמאַנטישע און אַן אינטערעסאַנטע. אין מיין טאָגבוך שילדער איך יעדן מאַנגל אין אונזער באַהעלטעניש ווי אַ שפּיל. כ'האָב ביי מיר באַשלאָסן, אַז מיין לעבן וועט זיין אַנדערש ווי דאָס לעבן פון אַנדערע מיידלעך, און שפּעטער וועט עס זיין אַנדערש ווי דאָס לעבן פון געוויינלעכע באַלעבאָסטעס. דאָס איז אַ גוטער אָנהויב צו אַן אינטערעסאַנט לעבן, און דעריבער לאַך איך איבער דעם קאָמישן אין אונזער לאַגע, אפילו אין די סאַמע געפערלעכסטע מאָמענטן.

כ'בין יונג און ס'זענען נאָך פאַרבאָרגן אין מיר אַ סך נאָך נישט אַנטפּלעקטע אייגנשאַפטן. איך בין יונג און שטאַרק, און די דאָזיקע אַוואַנטורע איז אַ גרויס איבערלעבעניש פאַר מיר. כ'לעב אין איר, און כ'קאָן מיך נישט באַקלאָגן אַ גאַנצן טאָג. כ'בין באַשאָנקען מיט אַ סך גוטע אייגנשאַפטן — אַ הייטער געמיט, אַ סך פרייד און דרייסטקייט. יעדן טאָג פיל איך ווי מיין נשמה ווערט רייכער — די דערלייזונג איז נאָענט, די וועלט איז שיין און די מענטשן זענען גוט און די אַוואַנטורע איז אינטערעסאַנט! צו וואָס זאָל איך פאַרצווייפלען?

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 5 מאי 1944

טייערע קיטי,

דער פאָטער איז נישט צופרידן פון מיר; ער האָט געמיינט, אַז נאָך אונזער געשפּרעך זונטיק וועל איך אַליין אויסמיידן אַרויפצוגיין יעדן אָוונט צו פּעטערן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט מער דולדן די דאָזיקע „קנוטשעריי". — אָט דאָס וואָרט האָב איך פיינט. — זייער שלעכט וואָס ער האָט גערעדט וועגן דעם. צו וואָס האָט ער באַדאַרפט קאַליע מאַכן מיין שטימונג? היינט וועל איך ריידן מיט אים. מאַרגאָט האָט מיר געגעבן אַ גוטע עצה. אָט איז בערך דאָס, וואָס איך וויל אים זאָגן:

„כ'מיין, פאָטער, אַז דו וואַרטסט אויף אַן אויפקלערונג פון מיין זייט; נו, כ'וועל דיר געבן די אויפקלערונג. דו האָסט דיך אַנטוישט אין מיר, האָסט דערוואַרט מער צוריקגעהאַלטנקייט פון מיין זייט. ווילסטו אודאי, כ'זאָל זיין געגוי ווי אַ פערצנ־יעריקע ברויך צו זיין. האָסט, אַלזאָ, אַ טעות אין דעם!

„זינט מיר זענען דאָ, פון יולי 1942 ביז מיט עטלעכע וואָכן צוריק, איז מיין לעבן נישט געווען זייער אנגענעם און באַקוועם. ווען דו זאָלסט וויסן וויפיל כ'האָב געוויינט אין די אָוונטן, ווי אומגליקלעך איך בין געווען, ווי איינזאַם כ'האָב מיך געפילט, וואָלסטו געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס כ'וויל אַרויסגיין!

„נישט אין איין טאָג בין איך געקומען צו דעם צושטאַנד, אַז איך קאָן לעבן אָן אַ מוטער און אָן דער הילף פון עמיצן אין דער וועלט; אַ גרויסן געראַנגל און אַ סך טרערן האָט מיר די זאַך געקאָסט, ביז כ'בין געוואָרן זעלבסטשטענדיק ווי איך בין היינט. קאָנסט לאַכן און מיר נישט גלויבן, — דאָס אַרט מיך נישט; כ'ווייס, אַז איך בין אַ מענטש פאַר זיך און כ'פיל נישט אַז כ'דאַרף מיך פאַרענטפערן פאַר אייך אפילו אין דער סאַמער קלענסטער מאָס. כ'האָב דיר אַלץ דערציילט בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז אַנדערש וועסטו מיינען דאָס איך טו מיינע מעשים אין געהיים. אָבער איך פיל מיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע מעשים בלויז פאַר זיך אַליין.

ווען כ'האָב מיך געמאַטערט, האָט איר צוגעמאַכט די אויגן, אויך דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפּט די אויערן; האָסט מיר נישט געהאָלפן; כ'האָב נישט געהערט פון אייער מויל עפּעס אַנדערש ווי וואָרנונגען, אַז איך ברויך נישט זיין אַזוי טומעלדיק. כ'בין געווען טומעלדיק, בלויז דערפאַר וואָס כ'האָב נישט געוואָלט זיין תמיד טרויעריק; כ'בין געווען דרייסט, נאָר כדי צו פאַרטויבן די אינערלעכע שטימע אין מיר. כ'האָב געשפּילט אַזוי מיין ראָל אַנדערטהאַלבן יאָר, טאָג נאָך טאָג. כ'האָב זיך נישט באַקלאָגט, כ'האָב נישט אָפּגעוויכט פון דער ליניע מיינער — און איצט האָט זיך דער געראַנגל געענדיקט. כ'האָב געזיגט! כ'בין זעלבסטשטענדיק פיזיש און גייסטיק, כ'דאַרף נישט מער קיין מוטער. דער געראַנגל האָט מיך געשטאַרקט.

„און איצט, אַז כ׳האָב בייגעקומען די שוועריקייטן, ווען איך האָב געענדיקט מיין געראַנגל, איצט וויל איך וויטער גיין מיין וועג, אין דעם וואָס געפעלט מיר. קאָנסט נישט, האָסט קיין רעכט נישט צו זען אין מיר אַ פערצניעריקע. אין מיינע ליידן בין איך רייף געוואָרן. כ׳וועל נישט באַדויערן מיינע מעשים. כ׳וועל מיך פירן ווי איך האַלט פאַר ריכטיק.

„קאָנסט מיר נישט איינריידן כ׳זאָל נישט אַרויסגיין; אָדער דו וועסט מיר פאַרביטן אַלץ, אָדער דו וועסט מיר שענקען צו־טרוי, און זאָל זיין וואָס. און אויב אַזוי, דאַרפסטו מיר צורו לאָזן!״

דיין, אַנאַ

שבת, 6 מאי 1944

טייערע קיטי,

נעכטן, איידער מיר האָבן זיך געזעצט עסן, האָב איך אַריינ־געלייגט אַ בריוו דעם פאָטער אין טאַש אַריין. אין בריוו האָב איך געשריבן דאָס וואָס כ׳האָב דיר אויפגעקלערט. נאָכדעם ווי ער האָט געלייענט דעם בריוו, איז ער געווען — אַזוי זאָגט מאַרגאָט — נידערגעשלאָגן אַ גאַנצן אָוונט (כ׳בין געווען אויבן און געהאָלפן וואַשן דאָס געשיר). אָרעמער פּים, כ׳האָב מיר געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַזאַ בריוו וועט אויף אים ווירקן. ער איז אַזוי עמפּפינד־לעך! כ׳האָב גלייך געזאָגט פּעטערן, אַז ער דאַרף גאָרנישט פרעגן און גאָרנישט זאָגן. פּים האָט מיר, פאַרלויפיק, גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם פאַל. צי וועט ער נאָך זאָגן?

דאָ רעגולירט זיך ווידער אַלץ מער אָדער ווייניקער. וואָס מ׳דערציילט אונז וועגן די פרייזן און די מענטשן אין דרויסן, לאָזט זיך גאָרנישט באַגרייפן מיטן שכל; אַ האַלב פונט טיי קאָסט 350 פל., אַ פונט קאַפע — 80 פל., פוטער — 35 פל. אַ פונט, אַן איי — 1.45 פל., פאַר אַ אונציע בולגאַרישן טאַבאַק — צאָלט מען 14 פל! אַלע באַשעפטיקן זיך מיט שוואַרצן האַנדל, יעדער לער־אָדער שיק־יינגל האָט עפּעס צו פאַרקויפן. אונזער בעקערס שיק־יינגל האָט זייד־פאָדעם פאַר 0.90 אַ קליינע שפול; דער מילכיקער פאַרקויפט „שוואַרצע״ שפייז־קאַרטן; אַ באַגראָבער

שטעלט צו קעז. טאָג־טעגלעך קומען פאַר איינברוכן, פאַלן פון מאָרד און גניבות. פּאָליציי־לייט און נאַכט־וועכטער קאָנקורירן מיט פּראָפעסיאָנעלע גנבים. אַלע ווילן זיך זאַט אָנעסן, און אַזוי ווי מ׳טאָר נישט העכערן די לוינען, מוזן די מענטשן שווינדלען. די פּאָליציי פאַר מינדעריעריקע איז תמיד באַשעפטיקט מיט אויס־פאָרשונגען. יעדן טאָג פאַרשווינדן מיידלעך פון 15, 16, 17 יאָר און מער.

דיין, אַנאַ

זונטיק אינדערפרי, 7 מאי 1944

טייערע קיטי,

דער פאָטער און איך האָבן נעכטן נאָכמיטאָג געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך; כ׳האָב געוויינט אַ סך, און אויך דער פאָטער האָט געוויינט. צי ווייסטו, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, קיטי?

„פיל בריוו האָב איך באַקומען אין מיין לעבן, אָבער דער איז דער געמיינסטער פון אַלע! דו, אַנאַ, וואָס דיינע עלטערן האָבן דיר אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבע, דו, וואָס דו האָסט עלטערן וועלכע זענען גרייט תמיד זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר דיר, וואָס באַשיצן דיך תמיד און ביי יעדער געלעגנהייט — זאָגסט דו, אַז דו דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן פאַר קיין מענטשן אויף דער וועלט? דו פילסט זיך באַעוולט און איינזאַם? ניין, אַנאַ, טוסט אונז אַ גרויס אומרעכט!

„אפשר איז דאָס נישט געווען דיין כוונה, אָבער אַזוי האָסטו געשריבן. ניין, אַנאַ, אַזאַ שטראָף האָבן מיר נישט פאַרדינט!”

אוי כ׳בין שענדלעך דורכגעפאַלן. דאָס איז זיכער די ערגסטע טאַט וואָס כ׳האָב אַמאָל געטון אין מיין לעבן. כ׳האָב זיך בלויז געוואָלט באַרימען מיט מיין געוויין און טרערן, כ׳האָב געוואָלט זיך האַלטן גרויס, כדי מ׳זאָל זיך באַציען מיט רעספּעקט צו מיר. יאָ, געוויס האָב איך פיל געליטן, אָבער באַשולדיקן דעם גוטן פּים, אים וואָס האָט געטון פאַר מיר אַלץ און ער טוט נאָך ווייטער — ניין, דאָס איז געווען געמיין, נאָך ערגער ווי געמיין.

גוט, וואָס מ׳האָט מיך דאָס מאָל דערנידריקט, אַביסל גע־

טראָפּן אין מיין גאווה — כ׳בין געווען אַביסל צופיל צופרידן מיט זיך אַליין. נישט אַלץ וואָס דאָס מיידל אַנאַ טוט איז ריכטיק! דער וואָס איז אומשטאַנד בכוונה גורם צו זיין אַזאַ צער אַ מענטשן וואָס ער האָט מכלומרשט ליב, איז געמיין, זייער געמיין!

באַזונדערס שעם איך מיך צוליב דער פאָרם ווי דער פאָטער האָט מיר מוחל געווען: ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דעם בריוו אַריינוואַרפן אין אויוון אַריין, און איצט איז ער צו מיר אַזוי ליב, גלייך ווי ער האָט געזינדיקט. ניין, אַנאַ, האָסט נאָך זייער אַ סך צו לערנען; און גלייכער איז, אַז דו זאָלסט עס אָנהויבן צו טון תיכף, איידער עמיצן אַנדערש גרינגשעצן און באַשולדיקן!

כ׳האָב געליטן פיל צער, אָבער צי ליידט דען נישט יעדעס אַנדערע מיידל אין מיין עלטער קיין צער? פיל פון דעם אַלעמען איז געווען שפּיל און כ׳האָב אַליין נישט געוווסט דערפון. כ׳האָב מיך געפילט איינזאַם, אמת, אָבער כמעט קיינמאָל בין איך נישט געווען פאַרצווייפלט כ׳דאַרף מיך שעמען ביז אין דער טיף פון מיין נשמה, און כ׳שעם מיך באמת.

דאָס וואָס ס׳איז געשען, לאָזט זיך נישט מבטל מאַכן, מ׳קאָן אָבער פאַרמיידן עס זאָל זיך נישט איבערחזרן. כ׳וויל אָנהויבן אויפסניי, און דאָס וועט נישט זיין אַזוי שווער, ווייל פּעטער איז מיינער. אַזוי לאַנג ווי ער איז מיין אָנלען, וועל איך עס קאָנען טון!

כ׳בין שוין נישט איינזאַם. ער ליבט מיך, איך ליב אים, כ׳האָב ביכער, מיינע העפטן און דאָס טאָג־בוך. כ׳בין נישט אַזוי העס־לעך, כ׳בין נישט אַזוי נאַריש, כ׳האָב אַ פריילעכן כאַראַקטער, און כ׳וויל האָבן אַ גוטן כאַראַקטער!

יאָ, אַנאַ, האָסט גוט געוווסט, אַז דיין בריוו איז צופיל גאוהדיק און איינגאַנצן ליגנעריש, און דו האָסט זיך נאָך מיט אים געהאַלטן גרויס! דער פאָטער וועט מיר דינען פאַר אַ מוסטער, און כ׳וועל מיך בעסערן.

דיין, אַנאַ

מאָנטיק, 8 מאי 1944

טייערע קיטי,

צי האָב איך דיר שוין דערציילט אַמאָל וועגן אונזער משפּחה?

כ'קלער אַז נישט. וועל איך דעריבער גלייך אָנהויבן. מיין פאָטער האָט געהאַט זייער רייכע עלטערן. זיין פאָטער איז געגאַנגען הויך אַ דאַנק זיין פליסיקייט, און זיין מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון אַ בכבודיקע און רייכע פאַמיליע. אין דער יוגנט האָט דער פאָטער געלעבט אַ לעבן פון אַ רייכן זון — יעדע וואָך, פאַרוויילונגען, טאַנץ־אָוונטן, הוליאַנקעס, שיינע מיידלעך, פּייערלעכע מאָלצייטן, פיל צימערן א. א. וו.

דאָס גאַנצע געלט איז פאַרלוירן געגאַנגען נאָכן טויט פון זיידן, צוליב דער מלחמה און אינפלאַציע. דער פאָטער האָט דעריבער באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציאונג, און נעכטן האָט ער זייער געלאַכט, ווייל ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין די פינף און פינפציק יאָר פון זיין לעבן, וואָס ער איז געזעסן ביים טיש און אויסגעקראַצט דעם בראָט־פאַן.

אויך די מוטער איז אַ טאָכטער פון רייכע עלטערן, און נישט איינמאָל זיצן מיר מיט אָפענע מיילער און הערן זיך צו צו די דערציילונגען וועגן תנאים־פייערונגען מיט 250 געסט, בעלער און פּרעכטיקע אָוונטן־מאָלצייטן. איצט איז שווער צו זאָגן, אַז מיר זענען רייך. און כ'לייג מיינע אַלע האָפענונגען אויף דעם וואָס ס'וועט זיין נאָך דער מלחמה.

כ'פאַרזיכער דיר, אַז כ'וועל מיך נישט באַגנוגענען מיט אַ לעבן פון ענגע האריזאָנטן, ווי די מוטער און מאַרגאָט. כ'וואָלט געוואָלט פאָרן אויף אַ יאָר קיין פּאַריז, און נאָכהער אויף אַ יאָר קיין לאָנדאָן, כדי מיך צו פאַרפולקאָמען אין שפּראַכן און לערנען די געשיכטע פון קונסט. אַ נו, פאַרגלייך דאָס מיט די פאַרלאַנגען פון מאַרגאָט — זי וויל זיין אַן אַקושערין אין ארץ ישראל! איך טרוים נאָך פיל וועגן שיינע קליידער און אינטערעסאַנטע מענטשן. כ'וויל עפּעס זען אויף דער וועלט; כ'האָב דיר עס שוין דערציילט. און אביסל געלט וועט מיר דערצו נישט שאַדן.

מיפּ האָט היינט איינדערפרי דערציילט וועגן אַ תנאים־שמחה אין וועלכן זי האָט זיך באַטייליקט. דער חתן און די כלה זענען ביידע

קינדער פון רייכע עלטערן און דעריבער איז דער אָונט געווען אַ גרויסאַרטיקער. מיפּ האָט דערוועקט אין אונז אַפּעטיט ווען זי האָט געשילדערט די מאכלים וואָס מ׳האָט דאָרט געגעבן: אַ גרינעם־זופּ און פלייש־קניידלעך, קעז, זעמעלעך, אויף פאַרשפּייז אייער און בראָטנס, מאָסקוואָער־קיכלעך, ווײַן און ציגאַרעטן — און אַלץ אָן באַגרענעצונג (פון שוואַרצן מאַרק).

מיפּ האָט געטרונקען צען גלעזלעך — צי דאָס איז די פּרוי וואָס איז אַ קעגנערין פון טרינקען? און אויב מיפּ האָט געטרונקען אַזוי פיל, וויפילזשע האָט געטרונקען איר מאַן? קלאָר, אַז אַלע געסט זענען געווען אַביסל בגילופין. עס זענען געווען צוויי פּאָלי־ציי־לייט פון דער פּאָליציי׳אישער שטורם־אָפּטיילונג, וואָס האָבן פאָטאָגראַפירט דאָס יינגע פּאָרל. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז מיפּ קאָן נישט פאַרגעסן אפילו אויף אַ רגע די אויסבאַהאַלטענע אירע, ווייל זי האָט גלייך פאַרצייכנט ביי זיך די נעמען און אַדרעסן פון די דאָזיקע פּאָליציי־לייט, טאָמער פּאַסירט עפּעס און מ׳וועט דאַרפן אָנקומען צו גוטע האָלענדער.

זי האָט דערוועקט אין אונז אַזאַ קנאה! מיר באַקומען נישט מער ווי צוויי לעפל קאַשע צו פרישטיק און שטענדיק זענען מיר הונגעריק, טאָג איין טאָג אויס עסן מיר נישט מער ווי האַלב געקאָכטן שפּינאַט (די וויטאַמינען!) און פאַרפוילטע קאַרטאָפל, און אונזער מאָגן מוז זיך באַגנוגענען מיט געקאָכטן סאַלאַט, שפּי־נאַט און נאָכאַמאָל שפּינאַט. אפשר וועלן מיר נאָך זיין אַמאָל אַזוי שטאַרק ווי פּופּ־איי * אָבער פאָרלויפיק זעט מען נישט קיין סימן דערפון.

ווען מיר וואָלטן געגאַנגען אויף די פייערונג צוזאַמען מיט מיפּ, וואָלטן מיר נישט איבערגעלאָזט קיין סך פון די זעמעלעך פאַר די איבריקע געסט. כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז מיר האָבן ממש אַרויס־גענומען די ווערטער פון מיפּס מויל. מיר זענען געשטאַנען אַרום איר, גלייך ווי מיר וואָלטן נאָך אין אונזער לעבן נישט געהערט וועגן גוטן עסן און וועגן עלעגאַנט־געקליידעטע מענטשן!

---

* אַ געשטאַלט פון אילוסטראַציע פילמען: אַ מאַטראָז וואָס שלינגט שפּינאַט, כדי שטאַרק צו ווערן און קאָנען בייקומען זיינע פיינט.

און עס רעדט זיך דאָך וועגן אייניקלעך פון אַ מיליאָנער. באמת משונהדיקע זאַכן פּאַסירן אויף דער וועלט!

דיין, אַ נ אַ

דינסטיק, 9 מאי 1944

טייערע קיטי,

כ'האָב געענדיקט די דערציילונג וועגן עלען די פייע. כ'האָב זי איבערגעשריבן אויף שיינעם בריוו־פּאַפּיר, באַפּוצט מיט רויטן טינט און צונויפגענייט די בלעטלעך צוזאַמען. דאָס זעט אויס זייער שיין, אָבער איז עס נישט אַביסל ווייניק צום געבורטסטאָג פון פאָטער? כ'ווייס נישט. מאַרגאָט און די מוטער, יעדע פון זיי האָט פאַרפאַסט אַ ליד לכבוד דעם געבורטסטאָג.

הער קראַלער איז געקומען מיט אַ בשורה, אַז פרוי ב., וואָס האָט פריער געאַרבעט אַלס מאַדעליסטין אין געשעפט, וויל קומען יעדן טאָג, צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג, טרינקען קאַפע אין ביוראָ אונטן. שטעל דיר פאָר! קיינער וועט נישט קאָנען אַרויפקומען צו אונדז, מ'וועט נישט קאָנען ברענגען די קאַרטאָפל, עלי וועט נישט באַקומען קיין עסן, מיר וועלן נישט קאָנען גיין אין טואַלעט, מ'וועט זיך נישט טאָרן אַ ריר טון א. א. וו. א. א. וו.

מיר האָבן פאָרגעשלאָגן פאַרשידענע געניאַלע איינפאַלן, ווי פון איר פּטור צו ווערן. הער וואַן דאַן האָט געהאַלטן, אַז אַ פּראַשעק צו שלשול אין איר קאַפע וואָלט געקאָנט לעזן די פראַגע. „ניין", האָט געענטפערט הער קאָפּהויז, „דאָס נישט, ווייל דעמאָלט וועט זי קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דער פּושקע!" אַ הילכיק געלעכטער. „פון דער פּושקע?" האָט געפרעגט פרוי וואַן דאַן. „וואָס איז דאָס אַזעלכעס?" מ'האָט איר אויפגעקלערט. „צי קאָן איך מיך תמיד באַנוצן מיט איר?" האָט זי תמימותדיק געפרעגט. „שטעל דיר פאָר" האָט עלי געלאַכט, אַז דו פרעגסט אין בייענקאָרף*, ווו איז די פּושקע, — מ'וואָלט בכלל נישט פאַרשטאַנען וואָס דו מיינסט!"

---

* אַ באַקאַנטער אוניווערסאַל־מאַגאַזין.

אַך, קיט, דאָס וועטער איז אַזוי שיין, ווען כ'וואָלט געקאָנט כאַטש אויף אַ ווייל אַרויסגיין!

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 10 מאַי 1944

טייערע קיטי,

נעכטן נאָכמיטאָג זענען מיר געזעסן אין בוידעם־שטיבל און געלערנט פראַנצויזיש, ווען כ'האָב פּלוצים דערהערט אַ וואַסער־פליוכן הינטער מיין רוקן. כ'האָב געפרעגט פּעטערן וואָס דאָס באַדייט, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר איז אַרויפּ־געלאָפן אויפן בוידעם, וווּ עס איז געווען די קוועלע פון אומגליק. מושי, וועמענס קעסטל איז געווען פייכט, איז זיך געזעסן ביים קעסטל, און פּעטער האָט אים מיט אַ שטאַרקן שטויס ווידער צוריקגעקערט אויף זיין געהעריקן פּלאַץ. מושי האָט הילכיק פּראָטעסטירט, און אַזוי ווי ער האָט אינצווישן שוין אָפּגעטון זיין באַדערפעניש, איז ער אַנטלאָפן אונטן.

כדי צו האָבן אַזוי באַקוועם ווי אין קאַסטן, האָט זיך מושי אַנידערגעזעצט אויף אַ הויפן זעגעכץ. די פליסיקייט פון ריט־שעקלע האָט אַדורכגערינען דורכן דיל פון דאַך־בוידעם און איז דערגאַנגען צום בוידעם־שטיבל. אויף אונזער ביטער מזל האָט עס אַריינגערונען אין פאַס מיט די קאַרטאָפל. דער סופיט האָט גע־ריגען, און אַזויווי עס זענען דאָ שפּאַלטן אויך אין דיל פון בוידעם־שטיבל, זענען געלע טראָפּן אַראָפּ דורכן סופיט אין צימער אַריין, צווישן הויפנס זאַקן און עטלעכע ביכער וואָס זענען געליגן אויפן טיש. כ'האָב געפּלאַצט פון לאַכן. ס'איז באמת געווען אַ משונהדיק בילד. מושי האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ בענקל, פּעטער האָט ענערגיש געטון זיין אַרבעט מיט וואַסער, כלאָר און אַ שמאַטע, און הער וואַן דאַן האָט באַרואיקט די געמיטער. דער שאָדן איז אויף גיך פאַריכט געוואָרן, אָבער עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז ריטשקעלעך פון קעץ שטינקען שטאַרק. דאָס האָבן באַוויזן די קאַרטאָפל, ווי אויך די האָלץ־שפּענער וואָס דער פאָטער האָט אַראָפּגעברענגט אין אַן

עמער זיי צו פאַרברענען. אָרעמער מושי! פונוואַנען קאָנסטו דען וויסן, אַז מ׳קאָן נישט באַקומען קיין טאַרף?

דײַן, אַנאַ

פּ. ס. נעכטן און היינט אין אָוונט האָט גערעדט אונזער באַליבטע קעניגין. זי פאָרט אַרויס אויף אורלויב, כדי זיך אומצוקערן קיין האָלאַנד מיט אָפּגעפרישטע כחות. זי האָט גערעדט אין סטיל פון „נאָך אַביסל, וועל איך צוריקקערן; נאָנטע דערלייזונג, העלדישקייט און שווערע אויפגאַבן״.

נאָכהער איז געווען אַ רעדע פון מיניסטער כערבראַנדי. אַ גלח האָט פאַרענדיקט די אוידיציע מיט אַ תפילה צו גאָט, ער זאָל שיצן די יידן, די מענטשן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, אין די תפיסות און אין דייטשלאַנד.

דײַן, אַנאַ

דאָנערשטיק, 11 מאַי 1944

טייערע קיטי,

כ׳בין איצט זייער באַשעפטיקט, און הגם עס קאָן אויסזען משונהדיק אין דיינע אויגן, האָב איך קיין צייט נישט צו פאַרענדיקן די אַלע אַרבעטן מיינע. זאָל איך דיר דערציילן בקיצור מיט וועלכע אויפגאַבן כ׳בין באַלאַסטעט? נו, ביז מאָרגן דאַרף איך ענדיקן לייענען דעם ערשטן טייל פון דער געשיכטע פון גאַלילעאַ גאַליליי, ווייל מ׳דאַרף אָפּגעבן דאָס בוך דער ביבליאָטעק. ערשט נעכטן האָב איך עס אָנגעהויבן לייענען, אָבער כ׳וועל עס באַוויזן צו ענדיקן.

די קומענדיקע וואָך דאַרף איך לייענען „ארץ ישראל אויפן שייד־וועג״ און דעם צווייטן טייל פון גאַליליי. אַחוץ דעם האָב איך נעכטן געענדיקט לייענען דעם ערשטן טייל פון דער געשיכטע פון קיסר קאַרל דער פינפטער, און איצט דאַרף איך באַאַרבעטן אַלע נאָטיצן און יחוס־בריוו וואָס כ׳האָב אָפּגעשריבן פון דעם דאָזיקן בוך. אַחוץ דעם האָב איך אָפּגעשריבן פון פאַרשידענע ביכער דריי זייטן פול מיט פרעמדווערטער, און אַלע מוז מען לייענען אויפן קול, פאַרצייכנען און לערנען. נומער פיר: אַלע בילדער פון מיינע פילם־שטערן זענען צעוואָרפן און וואַרטן מיט אומ־

געדולד, אַז כ׳זאָל זיי ברענגען אין אָרדנונג; און אַזיווי דאָס מאַכן אָרדנונג וועט נעמען אַ פּאָר טעג צייט, און פּראָפעסאָר אַנאַ, ווי געזאָגט, ווערט דערדריקט פון דער מאַסע אַרבעט, לאָזט זי דעם תוהו ובוהו ווי ער איז.

נאָכהער וואַרטן טעזעאוס, עדיפּוס, פּילעאוס, ארפעאוס, יאזון און הערקולעס, מ׳זאָל זיי ברענגען אין אָרדנונג, ווייל אייניקע פון זייערע עפּאָפּייעס זענען אַזוי צומישט אין מיין מוח ווי קאָלירטע פעדים אין אַ קליידל, און אויך מיראַן און פידיאָס פאָדערן באַהאַנד־לונג, אויב נישט — ווען זיי אינגאַנצן פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט זייער אומגעבונג. דאָס זעלבע אויך מיט דעם זיבן־יעריקן קריג און נייַן־יעריקן קריג; אַזוי הויב איך אָן אַלץ אויסצומישן. אָך, וואָס קאָן איך דען טון מיט אַזאַ שוואַכן זכרון! שטעל דיר פאָר, ווי איך וועל אַלץ פאַרגעסן ווען כ׳וועל זיין אַן אַכציקיעריקע!

און נאָך עפּעס, די הייליקע שריפט. וויפיל צייט וועט נאָך אַוועק, ביז כ׳וועל דערגיין צו דער דערציילונג וועגן שושנה אין באָד? און וואָס איז דער טייטש פון די זינד פון סדום און עמורה? אוי ווי, כ׳האָב נאָך אַזוי פיל צו פרעגן און צו לערנען. און לי־זעלוט פאָן דער פפאַלץ, זי האָב איך אינצווישן אינגאַנצן פאַר־נאַכלעסיקט.

זעסטו שוין, קיטי, ווי איך „גליטש מיך אַראָפּ״?

און איצט וועגן עפּעס אנדערש: דו ווייסט שויז, אז מיין הויפּט־שטרעבונג איז צו זיין אַ זשורנאַליסטין און אַ באַקאַנטע שרייבערין. די צייט וועט באַווייזן, צי וועל איך קענען פאַרווירק־לעכן אָט די גרויסקייט־שטרעבונגען (אפשר גרויסקייט־מאַניע?), אָבער טעמעס האָב איך איבערגענוג. יעדנפאַלס, נאָך דער מלחמה וועל איך וועלן אַרויסגעבן אַ בוך מיטן נאָמען „דאָס באַהעלטע־ניש״. אויב עס וועט מיר געלונגען, ווייס איך נאָך נישט אָבער מיין טאָגבוך וועט מיר קאָנען נוצן דערצו.

אַחוץ דעם באַהעלטעניש האָב איך נאָך אַ מאַסע אַנדערע טע־מעס. וועגן דעם וועל איך דיר נאָך שרייבן אויספירלעך, נאָכדעם ווי די טעמעס וועלן זיך מער אויסקריסטאַליזירן.

דיין, אַנאַ

שבת, 13 מאי 1944

טייערע קיטי,

נעכטן איז געווען דעם פּאַטערס געבורטסטאָג; דער פּאַטער און די מוטער זענען פֿאַרהייראַט שוין נײַנצן יאָר; די פֿרוי, וואָס רוימט אויף אין די ביוראָס, איז נישט געקומען, און די זון האָט געשײַנט אַזויווי זי האָט נאָך נישט געשײַנט אין יאָר 1944. אונזער קאַשטאַן־בוים בליט פֿון אויבן ביז אַראָפּ; ער איז אָנגעלאָדן שווער מיט בלעטער און איז אַ סך שענער ווי פֿאַראַיאָרן.

דער פּאַטער האָט באַקומען פֿון קאָפּהויזן די ביאָגראַפֿיע פֿון לינעאוס, פֿון קראַלערן אַ בוך וועגן דער נאַטור, פֿון דיסעלן „אַמ־סטערדאַם אין וואַסער", פֿון וואַן דאַן אַ גרויסע פּושקע באַפּוצט ווי פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנאַלן דעקאָראַטאָר, אין איר זענען געווען דרײַ אייער, אַ פֿלאַש ביר, אַ פֿלעשל יאַגורט און אַ גרינער קראַוואַט. אונזער סלוי מיט מאַרמעלאַד האָט אויסגעזען אַביסל נעבעכדיק לגבי דעם. מײַנע רויזן האָבן אָן אָנגענעמען ריח, נישט ווי די קאַרפּיאַלן פֿון מיפּ און עלי — דאָס זענען, אמת, זייער שיינע בלומען, זיי האָבן אָבער נישט קיין ריח. באמת, מען האָט אים געפּיעשטשעט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. עס זענען אָנגעקומען 50 קרעם־קיכלעך, וווּנדערבאַר! דער פּאַטער זעלבסט האָט אונז מכבד געווען מיט אַ פֿײַנעם קוכן; ביר פֿאַר די מענער און יאַגורט פֿאַר די דאַמען. אַלץ איז אַלעמען געפֿעלן.

דײַן, אַנאַ

דינסטיק, 16 מאי 1944

טייערע קיטי,

צוליב פֿאַרשידנאַרטיקייט, ווײַל מיר האָבן שוין לאַנג נישט גערעדט וועגן דעם, ווײַל איך דיר דערציילן וועגן אַ קליינעם ויכוח וואָס האָט זיך נעכטן אין אָוונט געפֿירט צווישן הער וואַן דאַן און זײַן פֿרוי.

די מאַדאַם: „די דײַטשן האָבן זיכער באַפֿעסטיקט זייער שטאַרק די אַטלאַנטישע מויער. זיי וועלן אַוודאי טון וואָס זיי וועלן נאָר

קאַנען, כדי אויפצוהאַלטן די ענגלענדער. וואָס פאַר אַ מעכטיקן כוח עס האָבן די דייטשן!"

דער הער: „באמת, אַ מעכטיקן כח".

די מאַדאַם: „י — א".

דער הער: „די דייטשן וועלן נאָך אַודאי זיגן צום סוף, זיי זענען דאָך אַזוי שטאַרק!"

די מאַדאַם: „דאָס איז זייער מעגלעך, כ'בין נאָך נישט איבער־צייגט, אַז זיי וועלן נישט זיגן".

דער הער: „ס'איז בעסער, אַז כ'זאָל נישט ענטפערן מער".

די מאַדאַם: „אָבער תמיד ענפערסטו, דו לאָזט זיך תמיד איינ־בעטן און ענטפערסט".

דער הער: „ניין, מיינע ענטפערס זענען ווי ווייט מעגלעך קורצע".

די מאַדאַם: אָבער תמיד ענטפערסטו: און תמיד ביסטו גע־רעכט! דיינע נבואות באַשטעטיקן זיך נישט תמיד!"

דער הער: „ביז איצט האָט זיך אַלץ באַשטעטיקט".

די מאַדאַם: „דאָס איז נישט ריכטיק. האָסט פאַרזיכערט די אינוואַזיע נאָך פאַראַיאָרן, און אין פינלאַנד איז שוין געווען שלום, און דער קריג אין איטאַליע האָט זיך געענדיקט נאָך ווינטער, און די רוסן האָבן פאַרנומען לעמבערג; ניין, איך לייג נישט קיין גרויס אַכט אויף דיינע נבואות".

דער הער: (שטעלט זיך אויף פון פלאַץ) „פאַרמאַך שוין אַמאָל דאָס מויל; איך וועל דיר נאָך באַווייזן אַז איך האָב רעכט; ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען דאָס וועט דיר נמאס ווערן; כ'קאָן שוין מער נישט הערן דיינע פלאַפּלערייען: הער אויף מיך אויפצורעגן צו אַלדע רוחות!"

סוף פון ערשטן אַקט.

כ'האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן מיין געלעכטער, און אויך די מוטער אַזוי, און פעטער האָט פאַרביסן די ליפּן. אַך, די דערוואַק־סענע די נאַרישע! בעסער זאָלן זיי זיך אַליין לערנען ווי זיי האָבן זיך אויפצופירן, איידער זיי מאַכן אויפיל באַמערקונגען זייערע קינדער!

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 19 מאי 1944

טייערע קיטי,

נעכטן האָב איך מיך געפילט זייער שלעכט. כ׳האָב אַלס געבראָכן (דווקא אַנאַ ! אויס), כ׳האָב געהאַט בויכווייטיק און אַלע צרות וואָס מ׳קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. היינט פיל איך מיך שוין אַ סך בעסער; כ׳בין זייער הונגעריק, אָבער בעסער אַז כ׳זאָל היינט נישט עסן אונזערע ברוינע בעבלעך.

צווישן מיר און פעטערן איז אַלץ אין אָרדנונג. דאָס אָרעמע יינגל נויטיקט זיך אין ליבע נאָך מער ווי איך. ער ווערט נאָך אַלץ רויט יעדן אָוונט ביים אָפּשייד־קוש און בעט זיך כ׳זאָל אים געבן נאָך אַ קוש. צי בין איך ביי אים אַן ערזאַץ פאַר מאָפּי? דאָס אַרט מיך נישט זייער, ער איז אַזוי גליקלעך זינט ער ווייסט, אַז עמיצער האָט אים ליב.

נאָך דער דעראָבערונג וואָס איז מיר אָנגעקומען מיט שווערע מי, בין איך אַביסל געוויינט געוואָרן צו דער דערגרייכונג, אָבער מיין נישט, אַז מיין ליבע איז קלענער געוואָרן. ער איז זיס, אָבער מיין נשמה האָב איך ווידער פאַרשלאָסן פאַר אים; אויב ער וועט וועלן נאָכאַמאָל דעם שלאָס אויפברעכן, וועט ער מוזן אַרויסווייזן אַביסל אַ שטאַרקערן כאַראַקטער!

דיין, אַנאַ

שבת, 20 מאי 1944

טייערע קיטי,

נעכטן אין אָוונט בין איך אַראָפּגעגאַנגען פון בוידעם־שטיבל, און גלייך ווי איך בין אַריין אין צימער, האָב איך דערזען אַז דער שיינער בלומען־טאָפּ מיט די קאַרפּיאָלן ליגט אויפן דיל; די מוטער איז געשטאַנען אויף די קני און אָפּגעווישט דעם דיל, און מאַרגאָט האָט אַרויסגענומען מיינע פּאַפּירן פון דער קאָלוזשע.

„וואָס איז דאָ געשען?" האָב איך געפרעגט. מיין האַרץ האָט מיר עפּעס שלעכטס געזאָגט, און נישט וואַרטנדיק אויף זייער ענטפער, האָב איך באַקוקט דעם שאָדן פונדערווייטנס. די גאַנצע טעקע מיט די יחוס־בריוו, מיינע העפטן, מיינע ביכער — אַלץ איז

געוועזן אויסגעווייקט אין וואַסער. כ׳האָב זיך שיער נישט צעוויינט, כ׳בין געוועזן אַזוי אויפגערעגט, אַז איך קאָן מיר שוין נישט דער־מאָנען וואָס כ׳האָב געזאָגט, אָבער מאַרגאַט דערמאָנט, אַז כ׳האָב גערעדט וועגן „אַ שאָדן וואָס מ׳קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, שרעק־לעך, שוידערלעך, אַ זאַך וואָס לאָזט זיך גאָרנישט פאַריכטן" א. ד. ג. דער פאָטער האָט אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער, די מוטער און מאַרגאַט האָבן אויך געלאַכט, אָבער איך האָב בלויז געקאָנט וויינען אויף דער גאַנצער אַרבעט וואָס איז געוועזן אומזיסט, און אויף אַלע רשימות וואָס זענען געגאַנגען לאיבוד.

נאָך אַ גענויערע אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „דער שאָדן וואָס מ׳קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן" איז נישט אַזוי שרעקלעך. כ׳בין אַרויף אויבן און דאָרט האָב איך אָפּגעקליבן אַלע פּאַפּירן וואָס האָבן זיך צונויפגעקלעבט און האָב זיי פונאַנדער־גענומען. נאַכהער האָב איך זיי אויפגעהאָנגען אויפן שטריק פון די וועש, זיי זאָלן זיך אויסטריקענען. דאָס איז געוועזן אַ זייער קאָמיש בילד, און איך אַליין האָב מיך צעלאַכט דערביי. מאַריאַ דע־מעדיטשי נעבן קאַרל דעם פינפטן, וויליאם פון הויז אראַניע נעבן מאַרי אַנטואַנעט. „ראַסן שאַנדע" — האָט זיך געוויצלט הער וואַן דאַן. כ׳האָב איבערגעלאָזט פּעטערן אַכטונג צו געבן אויף מיינע פּאַ־פּירן און כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען.

„וועלכע ביכער זענען באַשעדיקט געוואָרן?" האָב איך גע־פרעגט מאַרגאַטן וואָס האָט אונטערזוכט דעם מצב פון מיין ביכער־אוצר. „אַלגעברע", האָט געזאָגט מאַרגאַט. כ׳בין גלייך צוגעגאַנגען, אָבער צו מיין גרויס באַדויערן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דעם אַלגעברע־בוך האָט גאָרנישט געשאַדט. הלואי וואָלט ער אַריינגעפאַלן אין וואַסער; כ׳האָב נאָך קיינמאָל אַזוי נישט פיינט געהאַט אַ בוך ווי כ׳האָב פיינט דאָס אַלגעברע־בוך. אויפן שער־בלאַט זענען אויפגעצייכנט אפשר צוואַנציק נעמען פון מיידלעך וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט אים פאַר מיר; ס׳איז פול מיט פלעקן און אויסבעסערונגען. אין איין שיינעם טאָג, ווען עס וועט מיך באַפאַלן אַ פאַסיע צו פאַרניכטן, וועל איך דאָס עקלהאַפטיקע בוך צערייסן אויף פיץ־פיצלעך!

דיין, אַנאַ

טייערע קיטי,

דעם 20 מאַי האָט דער פאָטער פאַרשפּילט פינף סלאָיען יאָ־גורט אין אַ געוועט מיט פרוי וואַן דאַן. די אינוואַזיע איז נאָך נישט געקומען; כ׳קאָן זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן, אַז גאַנץ אַמ־סטערדאַם, גאַנץ האָלאַנד, דער גאַנצער מערב־ברעג פון אייראָפּע ביז שפּאַניע — אַלע ריידן און דיסקוטירן טאָג און נאַכט וועגן דער אינוואַזיע. מ׳גייט אין געוועט און... מ׳האָפט, אַז זי וועט סוף־כל־סוף קומען.

די שפּאַנונג האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. נישט אַלע וועמען מיר האַלטן פאַר „גוטע״ האָלענדער גלויבן נאָך ווייטער אין די ענגלענדער. נישט אַלע האַלטן אַז דאָס פאַרבלענדעניש וואָס די ענגלענדער ווענדן אָן איז אַ קלוגער איינפאַל. ניין, די מענטשן ווילן זען טאַטן, גרויסע גבורה־טאַטן. קיינער זעט נישט די ווירק־לעכקייט, קיינעם פאַלט נישט איין, אַז די ענגלענדער קעמפן פאַר זיך און פאַר זייער לאַנד; אַלע האַלטן, אַז עס איז ענגלאַנדס פליכט צו ראַטעווען וואָס גיכער האָלאַנד אויפן סאַמע בעסטן אופן.

וואָס זענען די פליכטן פון די ענגלענדער לגבי אונז? מיט וואָס האָבן עס די האָלענדער פאַרדינט אַזאַ ברייטהאַרציקע הילף וואָס זיי דערוואַרטן מיט אַזאַ זיכערקייט? אַך, ניין, די האָלענדער וועלן נאָך איינזען זייער טעות; די ענגלענדער, הגם זיי פאַרבלענדן די אויגן, זענען נישט מער שולדיק פון אַלע גרעסערע און קלע־נערע לענדער, וואָס זענען איצט באַזעצט פון די דייטשן. די ענג־לענדער וועלן זיכער נישט קומען זיך פאַר אונז פאַרענטפערן — ווייל אפילו מיר וועלן זיך בייזערן אויף זיי, פאַרוואָס זיי זענען געשלאָפן די גאַנצע צייט בעת דייטשלאַנד האָט זיך אויפסניי באַוואָפנט, וועלן מיר נישט קאָנען אָפּלייקענען, אַז אויך אַלע אַנדערע לענדער זענען געשלאָפן, באַזונדערס די לענדער וואָס זענען שכנים פון דייטשלאַנד. מיט שטרויס־פּאָליטיק וועלן מיר גאָרנישט דער־גרייכן; דאָס האָט פאַרשטאַנען ענגלאַנד און דאָס האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע וועלט. — און דעריבער דאַרפן איצט אַלע פאַרבינדעטע, און ענגלאַנד נישט ווייניקער פון אַלע, ברענגען שווערע קרבנות.

קיין לאַנד וועט נישט מקריב זיין זיינע מענטשן אומזיסט, באַ־

זונדערס נישט פאַר די אינטערעסן פון אַן אַנדער לאַנד, און אויך ענגלאַנד וועט עס נישט טון. די אינוואַזיע, די באַפרייאונג און די פרייהייט וועלן זיכער קומען — אָבער בלויז ענגלאַנד און אַמעריקע וועלן באַשטימען ווען, און נישט די אָקופּירטע לענדער.

צו אונזער באַדויערן און גרויסער פאַרוווּנדערונג ווערן מיר געוווּיר, אַז עס האָט זיך געענדערט די באַציאונג פון פיל מענטשן צו אונז יידן. מיר הערן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשפּרייט זיך אין קרייזן וואָס מ׳האָט וועגן אים קיינמאָל נישט געקלערט. מיר, די אַכט באַהאַלטענע, פילן זיך זייער געטראָפן פון דעם דאָזיקן פאַקט. די סיבה פון דער יידן־שנאה איז פאַרשטענדלעך; די זאַך איז אַמאָל מענטשלעך — אָבער זי איז נישט גוט. די קריסטן זענען אין כעס אויף די יידן וואָס פּלוידערן צופיל פאַר די דייטשן, וואָס זיי פאַרמסרן די וואָס האָבן זיי געהאָלפן, און אַ סך קריסטן זענען אויסגעליפערט געוואָרן אין די הענט פון די דייטשן דורך יידנס שולד, און זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום שווערן גורל וואָס דערוואַרט פיל אַנדערע.

דאָס איז אַלץ ריכטיק, אָבער דאָ, ווי ביי יעדן אנדערן ענין, דאַרף מען אויך זען די צווייטע זייט פון דער מטבע. צי וואָלטן זיך די קריסטן אַנדערש אויפגעפירט, ווען זיי וואָלטן געווען אויף אונזער פּלאַץ? צי קאָן אַ מענטש, סיי אַ ייד סיי אַ קריסט, אויס־האַלטן און שווייגן אַנטקעגן די דייטשע מיטלען? אַלע ווייסן, אַז דאָס איז כמעט נישט מעגלעך. פאַרוואָסזשע פאַרלאַנגט מען דאָס אומ־מעגלעכע פון די יידן?

אין די קרייזן פון האָלענדישן אונטערגרונט סודעט מען זיך, אַז דייטשע יידן וואָס האָבן אימיגרירט קיין האָלאַנד און איצט זענען זיי אין פּוילן, וועלן נישט באַקומען קיין דערלויבניש זיך אומצוקערן קיין האָלאַנד; זיי זענען זיינערצייט אויפגענומען גע־וואָרן אין האָלאַנד ווי פּליטים, אָבער נאָכדעם ווי מ׳וועט באַזייטיקן היטלערן, וועלן זיי זיך מוזן אומקערן צוריק קיין דייטשלאַנד.

אַז מ׳הערט דאָס, איז אוממעגלעך נישט צו פרעגן, צוליב וואָס דען ווערט געפירט די דאָזיקע לאַנגע און שווערע מלחמה? מיר הערן דאָך כסדר, אַז אַלע קעמפן מיר פאַר פרייהייט, אמת און גערעכטיקייט! צי דאַרפן אויפקומען חלוקי־דעות אין סאַמע

מיט פון דער מלחמה? צי וועט מען ווידער פסקנען, אַז דער ייד איז מינדערוואַרטיקער ווי אַן אַנדערער? אַך, ווי טרויעריק איז עס זיך צו איבערצייגן ווידערמאָל אינם אַלטן אמת: „אַז אַ קריסט פאַרזינדיקט זיך, איז בלויז ער אַליין דער שולדיקער, אַז אַ ייד פאַרזינדיקט זיך, זענען אַלע יידן די שולדיקע".

דעם אמת גענזאָגט, איז עס מיר שווער צו באַגרייפן, ווי קאָנען די האָלענדער, די קינדער פון דעם גוטן, אָרענטלעכן, און ערלעכן פאָלק, אַזוי אורטיילן וועגן דעם גערודפטן, אומגליקלעכן און אָמ־מערסטן עלענטן פון אַלע פעלקער.

איין האָפענונג איז מיר געבליבן: אַז די יידן־שנאה וועט פאַרשווינדן, אַז די האָלענדער וועלן דאָך באַווייזן ווער זיי זענען, אַז זיי וועלן נישט פאַרלאָזן דעם וועג פון גערעכטיקייט, נישט איצט און נישט אין דער צוקונפט. ווייל אַנטיסעמיטיזם איז אַ זינד קעגן דער גערעכטיקייט!

אויב אָבער אָט די שרעקלעכע זאַך וועט זיך אַרויסווייזן אַלס אַן אמת, וועט אויפשטיין דאָס אָרעמע רעשטל יידן און וועט פאַר־לאָזן האָלאַנד. אויך מיר וועלן נעמען אונזערע פעקלעך און אַרויסגיין פון דעם דאָזיקן שיינעם לאַנד, וואָס האָט אונז אַזוי גוטהאַרציק געגעבן זיין שוץ און איצט דרייט עס זיך אויס צו אונז מיטן רוקן.

כ'האָב ליב האָלאַנד; ס'זענען געווען צייטן, ווען כ'האָב גע־האָפט, אַז האָלאַנד וועט פאַר מיר, פאַר דער היימלאָזער טאָכטער, זיין, אַ פאָטערלאַנד, און איך האָף נאָך אַלץ.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 25 מאַי 1944

טייערע קיטי,

יעדן טאָג איז פאַראַן עפּעס נייעס. היינט אינדערפרי האָט מען אַרעסטירט אונזער גרינוואַרג־צושטעלער; ער האָט אויסבאַהאַלטן צוויי יידן אין זיין הויז. דאָס איז פאַר אונז אַ שווערער קלאַפּ. נישט בלויז צוליב דעם, וואָס יענע אומגליקלעכע יידן שטייען ווידער אויפן ברעג פון אָפּגרונט, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די זאַך איז שרעקלעך פאַר דעם דאָזיקן מענטשן אַליין.

אַ פֿאַרקערטע וועלט: אָרענטלעכע מענטשן ווערן פֿאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, תּפֿיסות און איזאָלאַציע־קאַמערן, און מענטשלעכער אָפּפֿאַל געוועלטיקט איבער יונג און אַלט, רייך און אָרעם. איינער ווערט אַרעסטירט פֿאַר שוואַרץ־האַנדל, אַ צווייטער — פֿאַר געבן הילף יידן, אָדער פֿאַר אַנדערע וואָס באַהאַלטן זיך אויס. ווער עס איז נישט אַ מיטגליד פֿון נ. ס. ב., ווייסט קיינמאָל נישט וואָס אים דערוואַרט מאָרגן.

אויך פֿאַר אונז איז דער אַרעסט פֿון דעם מענטשן אַ קלאַפּ. די מיידלעך קאָנען נישט, און טאָרן נישט שלעפּן מיט זיך אַזעלכע גרויסע קוואַנטומס קאַרטאָפֿל, און מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו עסן ווייניקער. ווי מיר וועלן דאָס איבערטראָגן, וועל איך דיר נאָך מודיע זיין. יעדנפֿאַלס וועט אונזער לאַגע נישט זיין זייער אַנגענעם. די מוטער זאָגט, אַז מיר וועלן בכלל מבטל מאַכן דאָס עסן פֿרישטיק. צו מיטאָג וועלן מיר עסן קאַשע און ברויט, און אין אָוונט — געפּרעגלטע קאַרטאָפֿל; און אפֿשר איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך גרינס אָדער סאַלאַט — נישט מער. דאָס הייסט — מיר וועלן הונגערן; אָבער יעדער מאַנגל איז בעסער, איידער די דייטשן זאָלן אויפֿדעקן אונזער באַהעלטעניש.

דיין, אַנאַ

פֿרייטיק, 26 מאַי 1944

טייערע קיטי,

סוף כּל סוף בין איך דערגאַנגען דערצו, אַז כ׳קאָן זיצן רואיק ביי מיין קליין טישל, ביי אַ שפּאַרע אין פֿענצטער, און דיר שרייבן אַלץ.

כ׳פֿיל מיך אומגליקלעך, אַזוי ווי איך בין עס שוין נישט געווען זינט אַ סך מאָנאַטן; אפֿילו נאָכן איינברוך בין איך נישט געווען אַזוי צובראָכן און דערשלאָגן ווי איצט. פֿון איין זייט דער־גרינוואַרג־צושטעלער, די יידן פֿראַגע וואָס ווערט באַהאַנדלט אין הויז אויספֿירלעך, די אינוואַזיע וואָס פֿאַרשפּעטיקט זיך צו קומען, דאָס שלעכטע עסן, די שפּאַנונג, די שרעקלעכע שטימונג, די אַנ־טוישונג פֿון פּעטערן, און פֿון דער צווייטער זייט — על׳ס פֿאַר־

לאַבונג. די שבועות פּייערונגען, בלומען, קראַלערס געבורטסטאָג, קעז־קיכלעך און דערציילונגען וועגן קאַבאַרעטן, פילמען און קאָנצערטן. אָט דער אונטערשיד, עקזיסטירט תמיד. איין טאָג לאַכן מיר צוליב דאָס קאָמישע אין אונזער לאַגע אַלס אויסבאַהאַלטענע, און אויפצומאַרגנס און אין משך פון אַ סך טעג שרעקן מיר זיך, און דער פּחד, די שפּאַנונג און די פאַרצווייפלונג לייגן זיך אויף אונזערע פּנימער.

מיפּ און קראַלער טראָגן דעם שווערסטן עול צוליב אונז — מיפּ מיט איר אַרבעט, און קראַלער וואָס צייטנווייז קאָן ער נישט אויסהאַלטן די שווערע אחריות, און ער איז כמעט נישט בכח צו ריידן פון גרויס נערוועזיטעט און אויפרעגונג. אויך קאָפּהויז און עלי זאָרגן פאַר אונז געטריי, אָבער זיי קאָנען ווייניקסטענס פאַרגעסן פון צייט צו צייט דאָס באַהעלטעניש, זאָל זיין בלויז אויף עטלעכע שעה, אויף אַ טאָג אָדער צוויי. זיי האָבן זייערע אייגענע דאגות: קאָפּהויז צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד, עלי צוליב איר פאַרלאָבן זיך וואָס זעט נישט אויס צו זיין אַזוי רואיק — און ביי די אַלע דאגות האָבן זיי אויך אויספלוגן, באַזוכן, אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, ביי זיי לאָזט אַמאָל נאָך די שפּאַנונג, זאָל זיין אויף אַ קורצער צייט, אָבער ביי אונז לאָזט זי קיינמאָל נישט נאָך. שוין צוויי יאָר דויערט עס — און וויפיל נאָך וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן דעם דרוק וואָס ווערט אַלעמאָל שווערער און שטאַרקער, כמעט נישט איבערצוטראָגן?

די קאַנאַליזאַציע איז פאַרשפּאַרט געוואָרן; מ׳טאָר נישט אַראָפּלאָזן קיין וואַסער, בלויז טראָפּנווייז, מ׳טאָר נישט גיין אין דער טואַלעט אָן אַ באַרשט, און דאָס אומריינע וואַסער זאַמלען מיר אין אַ גרויסן שטיינערנעם טאָפּ. היינט האָבן מיר זיך נאָך אַן עצה געגעבן, וואָס וועלן מיר טון, אויב דער אינסטאַלאַטאָר וועט נישט אימשטאַנד זיין דאָס אַליין צו פאַריכטן? דער שטאָטישער רייניקונגס־דינסט וועט נישט קומען פריער ווי דינסטיק.

מיפּ האָט אונז געשיקט אַ ראָזשינקעס־קוכן און אויף אים איז געווען אָנגעשריבן „אַ פריילעכער שבועות”. עס זעט אויס ווי זי וואָלט חוזק געמאַכט פון אונז; אונזער שווערע שטימונג און די שרעק אַרום אונז זענען כלל נישט קיין „פריילעכע”. מיר זענען

נאָך מער איבערגעשראָקן נאָך דעם וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם גרינוואָרג־הענדלער. ווידער הערט מען פון אַלע זייטן „ששש... ששש...״ אַלץ טוט מען שטיל. אויך דאָרט האָט די פּאָליציי אויפֿ־געבראָכן די טיר — הייסט עס, אַז אויך ביי אונז קאָן עס פּאַסירן! און אויב אויך מיר... ניין, כ׳טאָר דאָס נישט שרייבן. אָבער מ׳קאָן די פראַגע נישט דערשטיקן — פאַרקערט, די גאַנצע שרעק וואָס כ׳האָב שוין איבערגעלעבט, שטייט ווידער פאַר מיינע אויגן אין דער גאַנצער גרויל.

היינט אַכט אַזייגער אין אָוונט האָב איך באַדאַרפט אַראָפּגיין אין טואַלעט איינע אַליין. קיינער איז נישט געווען אונטן; אַלע זענען געזעסן ביים ראַדיאָ. כ׳האָב געוואָלט זיין מוטיק, אָבער ס׳איז געווען זייער שווער. שטענדיק פיל איך מיך מער זיכער דאָ, אויבן, ווי אונטן, אין דעם גרויסן שטילן הויז; אַליין מיט די געהיימניס־פולע קולות פון אויבן און מיט די אויטאָ־סירענען אין גאַס. איך ציטער ווען איך גיי נישט גיך און איך שטיי אַ ווייל פאַרטראַכט איבער אונזער לאַגע.

תמיד האלט איך מיך אין איין פרעגן, צי וואָלטן מיר נישט געטון בעסער, ווען מיר וואָלטן זיך נישט באַהאַלטן; ווען מ׳זאָל אונז געווען דערהרגענען שוין לאַנג. מיר וואָלטן נישט געוווּסט פון דיליידן, און מיר וואָלטן נישט געברענגט קיין סכנה פאַר אונזערע באשיצער. אָבער פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק דערשרעקן מיר זיך אַממערסטן: מיר האָבן נאָך ליב דאָס לעבן, מיר האָבן נאָך נישט פאַרגעסן די שטים פון דער נאַטור, מיר האָפן נאָך, מיר האָפן אויף אַלץ. אַך, הלוואי וואָלט שוין עפּעס געשען, אפילו מ׳זאָל שיסן — דאָס אַלץ וועט אונז נישט מאַכן מער נידערגעשלאָגן ווי די דאָזיקע שרעק. הלוואי וואָלט שוין געקומען אַ סוף, אפילו אַ ביטערער סוף! לאָמיר ענדלעך וויסן וואָס איז אונזער גורל — צו זיג אָדער אונטערגאַנג.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 31 מאַי 1944

טייערע קיטי,

אַזאַ שײנער און וואַרעמער שבועות איז כמעט נאָך נישט געווען. דאָ אין באַהעלטעניש איז די היץ אַ שרעקלעכע; כדי זאָלסט האָבן אַ באַגריף פון אונזערע טענות, וועל איך דיר שילדערן אין קורצן די הייסע טעג.

שבת: „פײַן! וואָס פאַר אַ שײן וועטער!" האָבן מיר אַלע געזאָגט אינדערפרי. „ס׳זאָל נאָר נישט זײַן אַזוי הייס!" האָבן מיר געזאָגט מיטאָג־צײַט, ווען מ׳האָט געדאַרפט פאַרמאַכן די פענצטער.

זונטיק: „ס׳איז נישט מעגלעך איבערצוטראָגן די היץ די פוטער ווערט צעגאַנגען, נישטאָ קיין קיל אָרט אין שטוב, דאָס ברויט ווערט פאַרטרוקנט, די מילך ווערט זויער, מ׳קאָן נישט עפענען קיין פענצטער. מיר, די אָרעמע פאַרוואָגעלטע, ווערן דאָ דערשטיקט, בעת אַנדערע האָבן הנאה פון שבועות־אורלויב".

מאָנטיק: „מײַנע פיס טוען מיר וויי. כ׳האָב נישט קיין דינע קליידער. כ׳קאָן נישט וואַשן דאָס געשיר אין אַזאַ היץ", אַזוי האָט געזאָגט פרוי וואַן דאַן. באמת, עס איז געווען זייער שווער.

כ׳קאָן נאָך נישט איבערטראָגן די היץ. און איך פריי מיך וואָס היינט בלאָזט אַ נישקשהדיק ווינטל, הגם די זון שײַנט נאָך.

דײַן, אַנאַ

מאָנטיק, 5 יוני 1944

טייערע קיטי,

נייע צרות אין באַהעלטעניש. אַ קריגערײַ צווישן דער פאַמיליע פראַנק און דיסעל וועגן עפּעס אַ קלייניקייט: דאָס פאַרטיילן פון די פוטער. דיסעל האָט זיך אונטערגעגעבן. אַ גרויסע פריינטשאַפט עקזיסטירט צווישן אים און דער פרוי וואַן דאַן — פלירט, קושן און האַרציקע שמייכלען. אין דיסלען האָט זיך דערוועקט אַ חשק צו פרויען.

די פינפטע אַרמיי האָט איינגענומען רוים; די שטאָט איז נישט חרוב געוואָרן און נישט באַמבאַרדירט געוואָרן.

ווייניק גרינוואַרג און קאַרטאָפל. אַ שלעכט וועטער.

שווערע און לאַנגדויערנדיקע באָמבאַרדירונגען אויף פּאַ־דע־קאַלע און דעם פראַנצויזישן ים־ברעג.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 6 יוני 1944

טייערע קיטי,

"This is D-day" — האָט געזאָגט דער ענגלישער ראַדיאָ צוועלף אַזייגער, און מיט רעכט. דאָס איז דער טאָג — די אינוואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן!

היינט אינדערפרי אַכט אַזייגער האָבן די ענגלענדער געמאָלדן: אַ שווערע באָמבאַרדירונג פון קאַלע, בולאָן, לאַ־האַוור און שערבורג ווי אויך פּאַ־דע־קלאַע (ווי געוויינלעך). זיי האָבן אויך געמאָלדן וועגן פאָרזיכטס־מיטלען פאַר די באַזעצטע געביטן: אַלע איינוווינער אינם געביט וואָס ליגט ווייניקער ווי 35 קילאָמעטער פון ים־ברעג, דאַרפן זיין גרייט צו באָמבאַרדירונגען אויב ס'וועט מעגלעך זיין, וועלן די ענגלענדער אַראָפּוואַרפן פלוגבלעטער אַ שעה פאַר דער באָמבאַרדירונג.

לויט דייטשע ידיעות האָבן ענגלישע פּאַראַשוטיסטן געלאַנדעט אויפן פראַנצויזישן ברעג. אַ שלאַכט צווישן ענגלישע לאַנדונגסבאַרקעס און דער דייטשער ים־אַרמיי — האָט געמאָלדן בי. בי. סי.

אַ ויכוח אין באַהעלטעניש ניין אַזייגער, בעתן פרישטיק־עסן: צי איז עס בלויז אַ פּראָבע־לאַנדונג, אַזוי ווי פאַר צוויי יאָרן ביי דיעפּ?

אין אַנדערע אוידיציע אין ענגלישן ראַדיאָ אין דייטש, האָלענדיש, פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן, צען אַזייגער: „די אינוואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן", דאָס הייסט: די „אמתע" אינוואַזיע. אין דער ענגלישער אוידיציע אין דער דייטשער שפּראַך: אַ רעדע פון הויפּט־קאָמאַנדיר גענעראַל דוויט אייזענהאַוער.

אין אוידיציע אין דער ענגלישער שפּראַך 12 אַזייגער: "This is D-day" גענעראַל אייזענהאַוער האָט געזאָגט אין זיין רעדע צום פראַנצויזישן פאָלק: „איצט וועלן זיין שווערע שלאַכטן,

אָבער נאָך זיי וועט קומען דער זיג. דאָס יאָר 1944 וועט זיין דאָס יאָר פון פולן נצחון. אין אַ גוטער און גליקלעכער שעה!״

אַן ענגלישע אוידיציע אין ענגליש (איך איבערזעץ):

11.000 אַעראָפּלאַנען זענען קאַמפסגרייט און פליען הין און צוריק, אַן איבערייס, לאַנדן זעלנער און באָמבאַרדירן הינטער דער פראָנט־ליניע. 4000 לאַנדונגס־באַרקעס, און אַלס צוגאָב קליינע שיפלעך, זעצן אַרויף אַן אויפהער זעלנער און פּראָוויאַנט אויפן ברעג, צווישן שערבורג און לאַ־האַוור. ענגלישע און אַמעריקאַנישע זעלנער שטייען שוין אין שווערע שלאַכטן. רעדעס פון כערבראַנדי, פון בעלגישן פּרעמיער־מיניסטער, פון האקאָן, דעם קעניג פון נאָרוועגיע, פון דע גאָל צו די פראַנצויזן, פון ענגלישן קעניג און פון טשערטשילן.

דאָס באַהעלטעניש איז דערשיטערט! צי הייסט עס, אַז טראָץ אַלעמען איז די באַפרייאונג נאָענט, די דערלייזונג, וואָס מ׳האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן איר — און דאָך איז עס אַזוי שיין און לעגענדאַריש, אַז מ׳גלויבט קוים צי עס איז ווירקלעכקייט? און דאָס יאָר 1944, צי וועט עס ברענגען דעם נצחון? מיר ווייסן נאָך נישט, אָבער מיר לעבן אויף, די האָפנונג שטאַרקט אונז, גיט אונז כח, ווייל מיר וועלן נאָך באַדאַרפן גענוג מוט, כדי אויסצוהאַלטן די שרעק, אין מאַנגל און אין ליידן. דער עיקר איז איצט — מיר דאַרפן זיין שטיל און מוטיק. איצט דאַרפן מיר, מער ווי תמיד, איבערטראָגן די יסורים און נישט שרייען. שרייען, קלאָגן פאַר גרויס ווייטיק, קאָנען בלויז פראַנקרייך, רוסלאַנד, איטאַליע און אויך דייטשלאַנד, אָבער נישט מיר.

אַך, קיטי, די שענסטע זאַך אין דער אינוואַזיע איז דאָס וואָס כ׳האָב דאָס געפיל, אַז גוטע פריינט דערנענטערן זיך צו אונז. אַט די שרעקלעכע דייטשן האָבן אונז אַזוי דערשלאָגן און צוגעדריקט אַ מעסער צו אונזער האַלז אַזאַ לאַנגע צייט, אַז בלויז פונם געדאַנק אַז מיר האָבן פריינט און ס׳איז פאַראַן אַן אויסוועג און אַ רעטונג, ווערן מיר אָנגעפילט מיט בטחון!

איצט רעדט מען שוין נישט וועגן יידן; איצט רעדט מען וועגן גאַנץ האָלאַנד, וועגן גאַנצן אָקופּירטן אייראָפּע. אפשר, זאָגט מאַר־

גאָט, וועל איך דאָך קאָנען גיין אין שולע אין סעפּטעמבער אָדער אָקטאָבער.

דיין, אַנאַ

פּ. ס. כ׳וועל דיר מודיע זיין די לעצטע נייעס.

פרייטיק, 9 יוני 1944

טייערע קיטי,

אויסגעצייכנטע ידיעות פון דער אינוואַזיע. די פאַרבינדעטע האָבן פאַרנומען באַיאַ, אַ דאָרף אויפן פראַנצויזישן ברעג, און איצט קעמפן זיי ביי קאַן. ס׳איז קלאָר, אַז זיי האָבן בדעה אָפּצושניידן די האַלב־אינזל, ווו עס געפינט זיך די שטאָט שערבורג. יעדן אָוונט דערציילן די קריגס־קאָרעספּאָנדענטן וועגן די שוועריקייטן פון מיליטער, זיין העלדישקייט און באַגייסטערונג. זיי דערציילן אומגלויבלעכע זאַכן. אויך פאַרוווּנדעטע וואָס זענען אינצווישן אומגעקערט געוואָרן קיין ענגלאַנד, זענען געברענגט געוואָרן צום מיקראָפאָן. טראָץ דעם שלעכטן וועטער פליען די אַעראָפּלאַנען אָן אויפהער. פון בי. בי. סי. ווערן מיר געוווּיר, אַז טשערטשיל האָט געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער אינוואַזיע צוזאַמען מיט די זעלנער, אָבער צוליב דעם קעגנשטעלן זיך פון אייזענהאַוער און די אַנדערע קאָמאַנדירן איז דער פּלאַן בטל געוואָרן. שטעל דיר פאָר, וואָס פאַר אַ מוט מצד אַן אַלטן מאַן, ער איז שוין אודאי אַ זיבעציקער.

דאָ האָבן זיך אַביסל באַרויקט די צעשטורעמטע געמיטער. מיר האָפן דאָך, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן פאַרן סוף פון דעם יאָר. און ס׳איז שוין די העכסטע צייט! די פּלוידעריי פון דער פרוי וואַן דאַן קאָן מען שוין מער נישט אַריבערטראָגן. אַזוי ווי זי קאָן אונז שוין נישט דולן דעם קאָפּ מיט דער אינוואַזיע, נודעט זי אַ גאַנצן טאָג מיטן שלעכטן וועטער. כ׳האָב חשק זי אַריינצוזעצן אויפן בוידעם אין אַן עמער קאַלט וואַסער.

דאָס גאַנצע באַהעלטעניש, אויסער וואַן דאַן און פּעטער, האָט געלייענט די טרילאָגיע „אונגאַרישע ראַפּסאָדיע“. דאָס איז אַ בוך וועגן לעבן פון קאָמפּאָזיטאָר, דער ווירטואָז און וווּנדער־קינד פראַנץ ליסט. אַ זייער אינטערעסאַנט בוך, אָבער לויט מיין מיינונג איז דאָ אין אים צופיל וועגן פרויען. אין זיין צייט איז ליסט געווען נישט

בלויז דער גרעסטער און אַממערסטן באַרימטער פּיאַניסט, נאָר אויך אַ גרויסער דאָן־זשואַן — און ביזן עלטער פון זיבעציק! ער האָט געלעבט: מיט דער הערצאָגין מאַרי ד׳אגו, די פירשטין קאַראָלינא זאַין־וויטגענשטיין, די טענצערין לאָלאַ מאָנטעז, די פּיאַניסטין אַגנעס קינגסוואָרט, די פּיאַניסטן סופי מענטער, די פירשטין אָלגאַ יאַנינאַ, די גרעפין אָלגאַ מאַיענדאָרף, די שוישפּילערין לילאַ ווי־זי־הייסט־דאָרט און אַזוי ווייטער און ווייטער — אַ לאַנגער צעטל אָן אַ סוף. די קאַפּיטלען אין בוך וואָס באַהאַנדלען מוזיק און קונסט זענען אַ סך אינטערעסאַנטער. צווישן אנדערע ווערן דאָרט דערמאָנט שומאַן, קלאַראַ וויק, העקטאָר בערליאָז, בראַהמס, בעטהאָווען יואַכים, ריכאַרד וואַגנער, האַנס פאָן בילוף, אַנטאָן רובינשטיין, פרידריך שאָפּען, וויקטאָר הוגאָ, אנארע דע באַלזאַק, הילער, הומאַל, טשערני, כרוביני, ראָסיני, פּאַגאַניני, מענדעלסאָן א. א. וו. א. א. וו.

ליסט איז געווען אַ וווּנדערלעכער מענטש, גוטהאַרציק און באַשיידן, הגם ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט זעלבסט־חשיבות. ער איז אַלעמען בייהילפיק געווען. די קונסט איז געווען פאַר אים אַלץ אין זיין לעבן, ליב געהאַט קאָניאַק און פרויען מער פון אלץ, נישט געקאָנט אויסהאַלטן זען עמיצן וויינען, געווען אַ דזשענטלמען. קיינעם נישט אָפּגעזאָגט אַ טובה, נישט געווען געלט־גייציק, געווען אַן אַנהענגער פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ און פרייהייט פון דער וועלט.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 13 יוני 1944

טייערע קיטי,

עס איז אַריבער נאָך אַ געבורטסטאָג מיינער. איצט בין איך אַ פינפצניעריקע. איך האָב באַקומען אַ סך מתנות.

די פינף בענדער פון דער „געשיכטע פון דער קונסט" פון שפּרינגער, וועש, צוויי גאַרטלען, אַ נאָז־טיכעלע, צוויי סלויען יאַגורט, אַ סלוי מאַרמעלאַד, אַ פיינעם קוכן, אַ בוך וועגן באָטאַניק פון פאָטער און מוטער, אַ באַגאָלדעטן בראַסלעט פון מאַרגאָט, דאָס בוך „פּאַטריאַ" פון דער פאַמיליע וואַן דאַן, לאַטירוס־קערנער פון דיסעלן, זיסוואַרג און העפטן פון מיפּ און עלי, און דאָס

וויכטיקסטע — דאָס בוך „מאַריא טערעזא״ און דריי פּעקלעך פּעטן קעז פון קראַלערן. פון פּעטערן האָב איך באַקומען אַ בוקעט שיינע רויטע בלומען. דער אָרעמער פּעטער האָט אַזוי שטאַרק זיך באַמיט עפּעס צו באַקומען, אָבער עס איז אים נישט געלונגען.

די אינוואַזיע גייט פאָרויס זייער גוט, טראָץ דעם שלעכטן וועטער, די גרויסע שטורעמס, שלאַקס־רעגנס און שטורמישן ים.

טשערטשיל, סמאַטס, אייזענהאָוער און אַרנאָלד זענען נעכטן געווען אין די פראַנצויזישע דערפער, וואָס זענען איינגענומען און באפרייט געוואָרן דורך די ענגלענדער. טשערטשיל איז געווען אין אַ טאָרפּעדאָ־שיפל וואָס האָט באָמבאַרדירט דעם ברעג. אָט דער מאַן, ווי אַ סך אַנדערע, ווייסט נישט פון קיין פחד, כ׳בין אים ממש מקנא!

וועגן דער שטימונג אין האָלאַנד איז שווער צו אורטיילן דאָ אין באַהעלטעניש. קיין צווייפל נישט, אַז די מענטשן פרייען זיך וואָס ענגלאַנד, וואָס טוט גאָרנישט, כלומרשט, האָט דאָך באַשלאָסן צו פאַרקאַשערן די אַרבל. די אַלע האָלענדער וואָס גרינגשעצן אויך איצט די ענגלענדער, האַלטן נאָך ווייטער אין איין זידלען ענגלאַנד און די זקנים־רעגירונג אירע, און זאָגן אַז די ענגלענדער זענען פּחדנים, און דאָך האָבן זיי פיינט די דייטשן — אָט די האָלענדער דאַרף מען אויסקלאַפּן ווי מ׳קלאַפּט אויס אַ קישן. אפשר וועלן זיי פון דעם אַביסל קלוגער ווערן.

דיין, אַנאַ

מיטוואָך, 14 יוני 1944

טייערע קיטי,

אַ סך פאַרלאַנגען, אַ סך מחשבות, פיל באשולדיקונגען און אַ סך טענות פּלאָנטערן זיך אין מיין מוח. ס׳איז נישט ריכטיק, אַז איך בין גאוהדיק און האַלט זיך גרויס ווי א סך מיינען. כ׳קאָן מיינע אַ סך חסרונות, ווי יעדער אנדערער. דער אונטערשיד איז דער, וואָס איך קאָן אויך אויסבעסערן זיך אַליין, און כ׳האָב שוין פיל פאַריכט.

אָבער אויב אַזוי — פרעג איך זיך אַליין — פאַרוואָס זאָגן נאָך

אַלץ אַלע, אַז איך רייד מיר איין דאָס כ׳ווייס אַלץ און אַז איך בין חוצפּהדיק? צי בין איך באמת חוצפּהדיק? אָדער זענען עס אפשר די אַנדערע? עס זעט אויס משונהדיק, כ׳ווייס עס; אָבער כ׳מעק נישט אויס דעם לעצטן זאַץ, ווייל עס איז גאָרנישט אַזוי משונהדיק. פּרוי וואָן דאַן איז די הויפּט־באַשולדיקערין מיינע, אַלע ווייסן, אַז זי האָט נישט קיין בילדונג, און כ׳קאָן רואיק צו־געבן: אַ נאַר. נאַראָנים פאַרגינען נישט געוויינלעך די וואָס שטייען העכער פון זיי.

די מאַדאַם האַלט, אַז איך בין אַ נאַר, ווייל כ׳בין נישט אַזוי נאַריש ווי זי; זי האַלט מיך פאַר אַ חוצפּהניצע, ווייל זי איז מער חוצפּהדיק ווי איך, זי זאָגט אַז מיינע קליידלעך זענען צו קורץ, ווייל אירע קליידלעך זענען נאָך קירצער. און דערפאַר האַלט זי, אַז איך רייד מיר איין אַז כ׳ווייס אַלץ, ווייל זי אַליין רעדט דאָפּלט אַזוי פיל ווי איך וועגן כלערליי טעמעס פון וועלכע זי האָט קיין אַנונג נישט. אָבער איינס פון די שפּריכווערטער וואָס זענען מיר אָממייסטן באַליבט איז: „אין יעדער טענה איז דאָ אַביסל אמת" — און כ׳בין גרייט זיך מודה צו זיין, אַז איך רעד מיר איין דאָס איך ווייס אַלץ.

די צרה מיינע איז, וואָס קיינער שרייט נישט און קריטיקירט מיך נישט מער ווי איך אַליין טו עס. און ווען די מוטער לייגט נאָך דערצו אירע אייגענע עצות, ווערט די פּאַרציע שטראָף־רייד אַזוי גרויס, אַז פון גרויס פאַרצווייפלונג ווער איך חוצפּהדיק און הויב איר אָן אָפּענטפערן — און באַלד פאַרטיידיק איך מיך מיט אַנאַ׳ס אַלט־באַקאַנט וואָרט: „קיינער פאַרשטייט מיך נישט!"

דאָס זאָג איך ביי יעדער געלעגענהייט, הגם עס איז אין פלוג ווייט פון אמת, אויך אין דעם איז פאַראַן אַ טראָפּן אמת. אַמאָל באַשולדיק איך זיך אַליין אַזוי שטאַרק, אַז כ׳הויב אָן צו בענקען נאָך עמיצן וואָס וועט מיך טרייסטן און מיר העלפן צו־ריקשטעלן די זעלבסט־קריטיק מיינע אין די נאָרמאַלע ראַמען, און וועט זיך אויך אַביסל אינטערעסירן מיט דעם וואָס עס טוט זיך אין מיין האַרצן. אָבער צו מיין גרויס באַדויערן קאָן איך זוכן וויפיל איך וויל; ס׳איז מיר נאָך נישט געלונגען צו געפינען דעם דאָזיקן טרייסטער.

כ׳ווייס אַז איצט איז דיר אויפגעקומען אין געדאַנק פּעטער — נישט אמת, קיטי? יאָ, ער האָט מיך ליב, נישט ווי אַ געליבטער, נאָר ווי אַ פריינט, און זיין ליבשאַפט וואַקסט פון טאָג צו טאָג; אָבער עס איז פאַראַן עפּעס געהיימעס וואָס האַלט אונז ביידע צוריק, און כ׳ווייס נישט וואָס דאָס איז. אַמאָל טראַכט איך, אַז מיין גרויסער באַגער צו אים איז געווען איבערטריבן; אָבער דאָס איז נישט ריכטיק — ווייל אויב איך גיי נישט אַרויף צו אים אין משך פון צוויי טעג, ווערט מיין בענקשאַפט ווידער אַזוי שטאַרק ווי זי איז געווען. פּעטער איז ליב און גוט, און דאָך קאָן איך נישט לייקענען, אַז אַ סך פון זיינע אייגנשאַפטן אַנטוישן מיך. באַזונדערס זיין שנאה צו רעליגיע, זיין ריידן וועגן עסן און נאָך אַזעלכע זאַכן געפעלן מיר נישט. דאָך בין איך איבער־צייגט, אַז מיר וועלן האַלטן דעם אָפּמאַך צווישן אונז און מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט קריגן. פּעטער האָט גערן שלום, ער איז טאָלעראַנט און זייער נאָכגיביק. ער דערלויבט מיר אים צו זאָגן מער ווי ער וואָלט עס דערלויבט זיין אייגענער מוטער, און ער האָט אַ טבע אָפּצוהיטן מיט גרויס עקשנות אָרדנונג אין זיינע ענינים. און דאָך — פאַרוואָס בלייבט זיין נשמה פאַרשלאָסן פאַר מיר, און פאַרוואָס קאָן איך נישט אַריינדרינגען אין איר? ער איז פיל מער פאַרשלאָסן ווי איך; דאָס איז ריכטיק, אָבער כ׳ווייס — פון פּראַקטיק — אַז אפילו זייער פאַרשלאָסענע מענטשן לעכצן פון צייט צו צייט נאָך אַ נאָענטן מענטשן.

פּעטער און איך, ביידע האָבן מיר דורכגעמאַכט אונזערע טרוים־יאָרן אין באַהעלטעניש. נישט איינמאָל ריידן מיר וועגן דער צו־קונפט, פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט; אָבער, ווי געזאָגט, דער עיקר פעלט מיר נאָך, און איך בין דאָך זיכער אַז ער עקזיסטירט.

דיין, אַנאַ

דאָנערשטיק, 15 יוני 1944

טייערע קיטי,

צי צוליב דעם וואָס כ׳בין שוין אַ לאַנגע צייט נישט געווען אין דרויסן, האָב איך אַנגעהויבן אַזוי ליב האָבן די נאַטור? איך

געדענק גוט, אַז אַמאָל פלעג איך מיך נישט קיין סך אינטערעסירן מיט בלויע, לויטערע הימלען, צוויטשערן פון פויגעלעך, לבנה־נעכט און שיינע בלומען; איצט איז עס גאַנץ אַנדערש.

שבועות, למשל, ווען עס איז געווען אַזוי הייס, האָב איך מיך בעצוואונגען נישט איינצושלאָפן אין אָוונט, כדי איך זאָל קאָנען האַלב צוועלף אַזייגער זיצן אַליין ביים אָפענעם פענצטער און קוקן אויף דער לבנה. אָבער דער קרבן איז געווען אומזיסט — די לבנה האָט צו שטראָק געלויכטן, און כ'האָב נישט געוואָגט אויפצועפענען דאָס פענצטער. אַן אַנדער מאָל, צוריק מיט אייניקע חדשים, בין איך געווען צופעליק אויבן אין איינעם אַן אָוונט און דאָס פענצטער איז געווען אָפען; איך בין ערשט דעמאָלט אַרונטערגעגאַנגען ווען מ'האָט באַדאַרפט צומאַכן דאָס פענצטער. דער מרה־שחורהדיקער און רעגענדיקער אָוונט, דאָס געוויטער, די פון ווינט געיאָגטע וואָלקנס האָבן מיך געפאַנגען מיט זייער צויבער; דאָס ערשטע מאָל, נאָך א הפסקה פון אַנדערטהאַלבן יאָר, האָב איך דעמאָלט געזען דעם אָוונט פנים־אל־פנים. מיין באַגער צו זען נאָכאַמאָל די דאָזיקע לאנדשאַפט איז געווען, נאָך דעם אָוונט, שטאַרקער ווי מיין שרעק פאַר גנבים, פאַר דעם אין פינצטערניש פאַרזונקענעם הויז וואָס איז פול מיט שטשורעס, פאַר אַ מעגלעכן איינברוך. איך בין אַראָפּגעגאַנגען איינע אַליין און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון פריוואַטן ביוראָ און קיך. פיל באַגייסטערן זיך מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור, פיל נעכטיקן אַמאָל אונטערן פרייען הימל, אַ סך מענטשן אין די תפיסות אָדער שפיטעלער לעכצן נאָך דעם טאָג ווען זיי וועלן ווידער אַרויס אויף דער פריי און קאָנען הנאה האָבן פון דער נאַטור — אָבער ווייניקע זענען אַזוי איזאָלירט און אָפּגעשניטן פון דעם וואָס איז געגעבן פאַר יעדן מענטש, אָרעם אָדער רייך.

עס איז נישט קיין פּראָדוקט פון מיין פאַנטאַזיע, ווען איך זאָג, אַז דאָס זען דעם הימל, וואָלקן, לבנה און שטערן, אַז דאָס אַלץ באַרואיקט מיך און פילט מיך אָן מיט דערוואַרטונג. דאָס איז אַ פיל בעסער באַרואיקונגס־מיטל ווי וואַלעריאַן אָדער בראָם. די נאַטור באַצווינגט מיך און פלאַנצט איין אין מיר מוט קעגן יעדן נייעם קלאַפּ.

ס'איז אויף מיר נגזר געוואָרן נישט צו זען אַנדערש די נאַטור ווי דורך פאַרשטויבטע פענצטער, וואָס זענען פאַרדעקט מיט שמוציקע פאָרהאַנגען — און אויך דאָס זייער זעלטן. עס איז נישט קיין גרויסער תענוג צו קוקן אויף דער נאַטור דורך אַזעלכע פענצטער — ווייל ס'איז נישט ווי די נאַטור — וואָס ליידט נישט קיין ערזאַץ.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 16 יוני 1944

טייערע קיטי,

נייע פּראָבלעמען: פרוי וואן דאן איז פאַרצווייפלט, זי רעדט וועגן אַ קויל אין קאָפּ, תפיסה, אויפהענגען זיך און זעלבסטמאָרד. זי איז אייפערזיכטיק אויף מיר, וואָס פּעטער האָט צו מיר צוטרוי און נישט צו איר. זי פילט זיך באַליידיקט, וואָס דיסעל ווייזט נישט אַרויס גענוג קעגנזייטיקייט לגבי איר סימפּאַטיע צו אים; זי האָט מורא, אַז איר מאַן וועט אָוועקלאָזן מיט ציגאַרעטן־רויך דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר איר פוטער־מאַנטל; זי קריגט זיך, זידלט זיך, וויינט, קלאָגט זיך, לאַכט און קריגט זיך ווידער.

וואָס קאָן מען טון מיט אַזאַ פאַרוויינט און צעמישט באַשעפעניש? קיינער באַציט זיך נישט צו איר ערנסט. זי איז אַ כאַראַקטערלאָזע פרוי און פאַרקלאָגט זיך פאַר יעדן מענטשן. און דאָס ערגסטע פון אַלץ: פּעטער איז געוואָרן חוצפּהדיק, הער וואן דאן איז געוואָרן אַ כעסן, און די מוטער איז געוואָרן ציניש. אוי, וואָס פאַר אַ מצב! עס איז דאָ איין כלל וואָס איך היט אים אָפּ: לאַך פון אַלעמען און מאַך דיר גאָרנישט פון די אַנדערע! דאָס איז, אין פלוג, עגאָיסטיש, אָבער פאַקטיש איז עס די איינציקע רפואה פאַר דעם וואָס געפינט נישט קיין טרייסט, נאָר ביי זיך אַליין.

קראַלער האָט ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג אַרויסצוגיין אויף אַרבעט ביי אַקאָפּעס אויף פיר וואָכן.

ער באַמיט זיך צו באַפרייען פון דעם מיט דער הילף פון אַ דאָקטאָר־צייגניש און אַ בריוו פון געשעפט. קאָפּהויז האָלט

ביים אַריינגיין אין שפּיטאָל, כדי צו מאַכן אַן אָפּעראַציע אויפן מאָגן. נעכטן 11 אַזייגער האָט מען איבערגעריסן דעם טעלעפאָן אין אַלע פּריוואַטע דירות.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 23 יוני 1944

טייערע קיטי,

דאָ ביי אונז איז נישט געווען קיין שום נייעס. די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסן אַנגריף אויף שערבורג, און ווי עס זאָגען פּים און הער וואן דאַן, איז קיין ספק נישט, אַז דעם 10טן אָקטאָבער וועלן מיר זיין פרייע מענטשן! די רוסן טוען אויך זייערס; נעכטן האָבן זיי אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע ביי וויטעבסק, גענוי דריי יאָר נאָך דער דייטשער אינוואַזיע.

עס זענען כמעט שוין נישט געבליבן קיין קאַרטאָפל. פון היינט אָן וועלן מיר צוטיילן אַ צאָל קאַרטאָפל יעדן איינעם, און ער וועט אַליין קאָנען באַשליסן וואָס ער זאָל טון מיט זיי.

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 27 יוני 1944

טייערע קיטי,

די שטימונג האָט זיך געענדערט צום גוטן. אַלץ גייט ווי עס געהער צו זיין. היינט זענען געפאַלן שערבורג, וויטעבסק און זשלאָבין. גרויסע טראָפייען און אַ סך געפאַנגענע. איצט קאָנען די ענגלענדער אַרויפברענגען אויפן ברעג וואָס זיי ווילן. זיי האָבן אַ האַפן, גאַנץ קאָטאַנטען איז אין זייערע הענט, דריי וואָכן נאָך דער לאַנדונג! אַ געוואַלטיקע דערגרייכונג. אין די דריי וואָכן זינט דעם טאָג פון דער לאַנדונג איז נישט געווען קיין איין טאָג אָן רעגן און שטורעמס, סיי דאָ סיי אין פראַנקרייך, אָבער אָט דאָס בייזע מזל האָט נישט אָפּ די ענגלענדער און אַמעריקאַנער צו מאַניפעסטירן זייער כח, און נאָך ווי! אמת, די דייטשן באַנוצן זיך מיט זייער „וואונדער־וואָפן”, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען

אָזאַ באָמבע, אַחוץ אַביסל שאָדן אין ענגלאַנד און פולע צייטונגען אין דייטשלאַנד? ווען די דייטשן וועלן אַנטדעקן, אַז „די באָלשע־וויסטישע סכנה" דערנענטערט זיך באמת, וועלן זיי נאָך מער ציטערן.

אַלע דייטשע פרויען און קינדער וואָס אַרבעטן נישט פאַר דער ווערמאַכט, ווערן אַרויסגענומען פון די ברעג־געביטן און אַריבערגעפירט קיין כראָנינגען, פריזלאַנד און כעלדערלאַנד. מיסערט* האָט געזאָגט, אַז אויב די אינוואַזיע וועט קומען, וועט ער אַליין אָנטון אַ זעלנער מונדיר. צי האָט דער דיקער בויך באַקומען חשק צו שלאָכטן? ער האָט דאָך געקאָנט נאָך פריער מלחמה האַלטן אין רוסלאַנד. פינלאַנד האָט אין זיינער צייט אָפּגעוואָרפן דעם שלום־פאָרשלאָג, און איצט האָבן זיך די אונטער־האַנדלונגען ווידער איבערגעריסן — זיי וועלן נאָך חרטה האָבן, די דאָזיקע נאַראָנים!

ווי מיינסטו? ווו וועלן מיר שטיין דעם 27 יולי?

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 30 יוני 1944

טייערע קיטי,

אַ שלעכט וועטער אָדער: Bad Weather at a stretch to the 30th of June.

איז עס נישט פיין? אָך, יאָ, כ'קען שוין אַביסל ענגליש; כדי דיר עס צו באַווייזן, לייען איך איצט דאָס ענגלישע בוך „אַן אידעאַלער מאַן" מיט דער הילף פון אַ ווערטער־בוך. די לאַגע אין דער מלחמה איז אויסגעצייכנט! באָברויסק, מאָהילעוו און אָרשא זענען איינגענומען געוואָרן. פיל געפאַנגענע.

דאָ איז אַלץ אין אָרדנונג, די שטימונג האָט זיך געבעסערט. די אויסגעשפּראָכענע אָפּטימיסטן אונזערע האָבן די אויבערהאַנט. עלי האָט געענדערט די פריזור, מיפּ האָט באַקומען אַ וואָך אור־לויב. דאָס זענען די לעצטע נייעס.

דיין, אַנאַ

---

* פירער פון די האָלענדישע נאַציס.

דאָנערשטיק, 6 יולי 1944

טייערע קיטי,

איך האָב גרויס שרעק ווען איך הער פּעטערן זאָגן, אַז ער וועט זיין אָדער אַ פאַרברעכער אָדער אַ שוואַרץ־הענדלער; הגם ער האָט עס געזאָגט אין אַ שפּאַס. האָב איך דאָך דאָס געפיל, אַז ער אַליין האָט מורא פאַר זיין שוואַכן כאַראַקטער. שטענדיק הער איך סיי פון מאַרגאָטן און סיי פון פּעטערן: „יאָ, ווען איך וואָלט געווען אַזוי שטאַרק און מוטיק ווי דו, ווען איך וואָלט געקאָנט דורכזעצן מיין ווילן ווי דו, ווען איך זאָל פאַרמאָגן אין מיר אַזוי פיל ענערגיע און אויסדויער ווי דו, דעמאָלט....!"

צי איז עס באמת אַזאַ גוטע אייגנשאַפט, וואָס איך לאָז מיך נישט לייכט באַאיינפלוסן פון אַנדערע? צי איז עס גוט וואָס איך פאָלג נאָך מיין אייגן געוויסן אַליין?

דעם אמת גערעדט, קאָן איך נישט פאַרשטייך, וויאַזוי קאָן אַ מענטש זאָגן „איך בין שוואַך" און דאָך טאַקע בלייבן שוואַך. אויב דער מענטש ווייסט עס, פאַרוואָס זשע טוט ער גאָר נישט קעגן דעם, פאַרוואָס שטאַרקט ער נישט זיין כאַראַקטער? דער ענטפער איז געווען: „ווייל אַזוי איז עס באַקוועמער". דער ענטפער האָט מיך אַביסל נידערגעשלאָגן. באַקוועם? צי איז אַ לעבן פון פוילקייט און אָפּנאַרעריי אַ באַקוועם לעבן? אַך, ניין, דאָס איז אוממעגלעך, עס טאָר אַזוי נישט זיין, אַז מאַנגל פון ווילן און... געלט זאָל קאָנען אַזוי לייכט איבערעדן אַ מענטשן.

איך האָב פיל נאָכגעקלערט אין דעם ענין, וואָס פאַר אַן ענטפער מ׳קאָן געבן דערויף, און וויאַזוי זאָל איך באַוועגן פּע־טערן, אַז ער זאָל גלויבן אין זיך, און באַזונדערס ער זאָל זיך אויסבעסערן; איך ווייס נישט צי מיין געדאַנקען־גאַנג איז אַ ריכטיקער.

נישט איינמאָל האָב איך געקלערט, ווי גוט וואָלט געווען, אַז עמיצער זאָל מיר שענקען פאַרטרויען, אָבער אַז איך האָב עס דערגרייכט, זע איך ווי שווער עס איז צו טראַכטן וועגן די מח־שבות פון אַ צווייטן און אויך צו געפינען די ריכטיקע תשובה. ווייל די באַגריפן „באַקוועם" און „געלט" זענען פאַר מיר גאַנץ נייע באַגריפן. פּעטער הויבט אָן זיך אַביסל צו פאַרלאָזן אויף

מיר, און דאָס קאָן איך בשום אופן נישט דערלויבן. עס איז שווער פאַר אַ מענטש פון דעם סאָרט ווי פּעטער צו שטעלן זיך און לעבן אויף די אייגענע פיס, אָבער עס איז נאָך שווערער פאַר אַ מענטשן צו שטיין אויף די אייגענע פיס אַלס אַ לעבעדיק וועזן מיט אַ רייפן באַוווסטזיין. ווייל דעמאָלט איז דאָפּלט שווער צו געפינען דעם וועג אינם ים פון פּראָבלעמען, און דאָך שטיין בלייבן פעסט. איך שווים אָביסל איבער דעם אויבערפלאַך פון לעבן, און שוין אַ לאַנגע צייט זוך איך אַ גוט הייל־מיטל קעגן דעם שרעקלעכן וואָרט „באַקוועם”.

ווי קאָן איך דען אים אויפקלערן, אַז דאָס וואָס זעט אים אויס צו זיין אַזוי באַקוועם און לייכט, קאָן אים אַריינשלעפּן אין אַן אָפּגרונט, אין אַן אָפּגרונט ווו עס זענען נישטאָ קיין פריינט, נישטאָ קיין טרייסט, נישטאָ קיין שום שיינע זאַך, אין אַן אָפּגרונט, פונוואַנען מ׳קאָן זיך שוין כמעט נישט מער אַרויסבאַקומען?

אַלע לעבן מיר, אָבער מיר ווייסן נישט צו וואָס און נאָך וואָס. אַלע לעבן מיר כדי גליקלעך צו זיין; יעדער איינער לעבט זיין אייגן לעבן, און דאָך זענען אונזערע לעבנס־וועגן ענלעך צו זיך. אַלע דריי זענען מיר דערצויגן געוואָרן אין אַ גוטער אומגעבונג, מיר קענען לערנען, מיר האָבן אַ מעגלעכקייט עפּעס צו דערגרייכן, מיר האָבן אַ סך טעמים צו האָפן אויף גליק, אָבער... מיר מוזן עס ווערט זיין. און דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס מ׳קאָן עס לייכט באַקומען. צו זיין ווערט גליק, הייסט — צו אַרבעטן פאַר דעם, צו טון דאָס גוטע, און נישט זיין קיין פוילער. פוילקייט איז אין פלוג אנגענעם, אָבער נאָר די אַרבעט גיט אַ ממשותדיקע צופרידנקייט.

איך קאָן נישט פאַרשטיין די מענטשן וואָס האָבן נישט ליב צו אַרבעטן, אָבער דאָס קאָן מען נישט זאָגן וועגן פּעטערן; די צרה איז, וואָס ער האָט נישט קיין ציל פאַר זיינע אויגן; ער קלערט, אַז ער איז אַ נאַר און ער איז נישט בכח עפּעס צו דערגרייכן. אַרעמער, קיינמאָל האָט ער נישט געשפּירט דאָס געפיל וואָס שפּראָצט אַרויס פון געבן גליק אַ צווייטן, און דאָס קאָן איך אים נישט אויסלערנען. ער האָט נישט קיין רעליגיע, ער רעדט מיט שפּאָט וועגן יעזוסן, ער לעסטערט גאָטס נאָמען; אויך איך

בין נישט פרום, און דאָך פיל איך מיך געטראָפן יעדעס מאָל ווען איך זע ווי ווייט ער איז פאַרוואָרלאָזט, פול מיט פאַראַכטונג און הילפסלאָז.

גלויביקע מענטשן דאַרפן זיין פריילעך, נישט יעדער האָט דעם זכות צו קאָנען גלויבן אין זאַכן וואָס זענען איבערנאַטירלעך; מ׳דאַרף נישט מורא האָבן פאַר אַ שטראָף נאָכן טויט; גיהינום און גן־עדן זענען זאַכן וואָס אַ סך קאָנען אין זיי נישט גלויבן, און דאָך דאַרף דער מענטש האָבן אַ רעליגיע, און ס׳איז נישט וויכטיק וועלכע, כדי ער זאָל ווייטער קאָנען גיין אין גראַדן וועג. ווי גוט וואָלט געווען דער מענטש, ווען ער וואָלט זיך נוהג געווען יעדן אָוונט, איידער ער לייגט זיך שלאָפן, צו דערמאָנען זיך אַלע מעשים וואָס ער האָט געטון אין משך פון טאָג, כדי צו קאָנטראָלירן וואָס איז געווען גוט און וואָס איז געווען שלעכט אין זיי. נישט ווילענדיק פּרובירט דער מענטש יעדן טאָג אויפסנייַ זיך אויסצובעסערן, און אַזוי איז מעגלעך אין משך פון דער צייט זער פיל צו דערגרייכן. דאָס איז אַ מיטל, וואָס יעדער איינער קאָן זיך מיט דעם באַנוצן; ער קאָסט גאָרנישט און דער נוצן זיינער איז גרויס. ווער עס ווייסט עס נישט דאַרף לערנען, אַז „אַ ריין האַרץ און אַ רואיק געוויסן שטאַרקן דעם מענטשן״.

דיין, אַנאַ

שבת, 8 יולי 1944

טייערע קיטי,

דער הויפּט־פאַרשטייער פון געשעפט, הער ב. איז געווען אין בעווערוויק און געקויפט טרוסקאַווקעס אויף אַן עפנטלעכער ליציטאַציע. די פרוכט איז געווען פאַרשטויבט, פול מיט זאַמד, אָבער אין גרויסע קוואַנטום׳ס. נישט ווייניקער ווי פיר און צוואַנציק קעסטלעך פאַרן ביוראָ און פאַר אונז. דעם זעלבן אָוונט נאָך האָבן מיר אָנגעפילט זעקס סלויעס מיט קאָנסערוון און מיר האָבן צוגעגרייט אַכט סלויעס מאַרמעלאַד. אויף צומאָרגנס אינ־דערפרי האָט מיפּ געוואָלט קאָכן מאַרמעלאַד פאַר די ביוראָ־אַרבעטער.

האַלב איינס זענען שוין נישט געווען קיין פרעמדע אין הויז. מ׳האָט גלייך פאַרשלאָסן די אויסגוווייניקסטע טירן און אָנגעהויבן אַרויפטראָגן די קעסטלעך. פּעטער, דער פאָטער און וואַן דאַן זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ שווער אָנגעלאָדן; אַנאַ האָט געבראַכט הייס וואַסער פון קראַן, מאַרגאָט האָט אָנגעגרייט אַן עמער — אַלע זענען מאָביליזירט געוואָרן צו דער אַרבעט! איך האָב געהאַט אַ משוגעהדיק געפיל אין מאָגן, ווען איך בין אַריין אין קיך פון ביוראָ, וואָס איז געווען פול מענטשן. מיפּ, עלי, קאָפּהויז, הענק, דער פאָטער, פּעטער: די אויסבאַהאַלטענע און די פּראָוויאַנטירונגס־בריגאַדע, אַלע צוזאַמען, און דאָס אין מיטן העלן טאָג!

דורך די פאָרהאַנגען קאָן מען נישט אַריינקוקן פון דרויסן אינווייניק אַריין, מ׳קאָן אָבער הערן אין גאַס די שטימען, דעם גערויש פון די טירן וואָס פאַרמאַכן זיך אַלעמאָל; איך האָב געציטערט פון גרויס אויפרעגונג. יאָ, אָבער מיר באַהאַלטן זיך אַלץ; אָט דאָס געפיל וועלן מיר נאָך אודאי האָבן אפילו דאַן, ווען מיר וועלן זיך ווידער קאָנען באַווייזן פאַר דער וועלט. דער טאָפּ איז געווען פול; איך בין גלייך אַרויף. אין אונזער קיך, ביים טיש, זענען געשטאַנען די איבריקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע און האָבן געריייניקט די טרוסקאַווקעס. ס׳הייסט: זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל אַז זיי טוען עס, דער אמת איז, אַז מער ווי עס איז אַריין אין די עמערס איז אַריין אין די מיילער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳דאַרף האָבן נאָך אַן עמער. פּעטער איז אַראָפּ אונטן אין קיך אַריין — מ׳האָט צוויי מאָל געקלונגען. דער עמער איז געבליבן אויף זיין פּלאַץ, פּעטער איז שנעל אַרויף אויבן, די שראַנק־טיר איז צוגעשלאָסן געוואָרן. מיר האָבן געטופּעט מיט די פיס פון אומגעדולד; מ׳טאָר נישט עפענען קיין קראַן. די האַלב אָפּגעוואַשענע טרוסקאַווקעס האָבן געוואַרט אויף אַ וואַנע, אָבער מיר האָבן זיך געפירט לויט דעם רעגולאַמין פון באַהעלטעניש: „אַ פרעמדער אין הויז, פאַרשליסט מען אַלע קראַנען — מ׳קאָן דערהערן ווי דאָס וואַסער גיסט זיך".

איינס אַזייגער איז אָנגעקומען הענק און מודיע געווען, אַז דער בריוו־טרעגער האָט געקלונגען. פּעטער איז ווידער אַראָפּ

פון די טרעפּ. ווידער אַ קלונג, און פּעטער איז ווידער דאָ צוריק. איך בין געגאַנגען זיך צוהערן, צי עמיצער איז אַריינגעקומען, פריִער ביי דער טיר פון שאַנק, נאָכהער נעבן די טרעפּ. און שפּע־טער זענען מיר געשטאַנען, פּעטער און איך, ווי צוויי גנבים ביים אנלען פון די טרעפּ און צוגעלייגט אַן אויער צום גערויש אונטן. מ'האָט נישט געהערט קיין פרעמדע שטים. פּעטער איז שטיל אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, געבליבן שטיין אויף האַלבן וועג און גערופן: „עלי!" ס'איז נישט געקומען קיין תשובה. נאָכאַמאָל: „עלי!" אָבער דער גערויש אין קיך האָט פאַרטויבט פּעטערס שטימע. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און אַריין אין קיך. „אַרויס פון דאַנען פּעטער! גיי אַרויף, דער בוכהאַלטער איז דאָ, פאַר־שווינד!". דאָס איז געווען קאַפּהויז'ס שטים. פּעטער האָט אַ זיפץ געגעבן און איז אַרויף, און די טיר האָט זיך צוגעשלאָסן. האַלב צוויי אַזייגער איז ענדלעך דערשינען קראַלער. „מיין גאָט! איך זע נישט קיין אַנדער זאַך אויסער טרוסקאַווקעס; פרישטיק טרוס־קאַווקעס, הענק עסט טרוסקאַווקעס, קאַפּהויז עסט טרוסקאַווקעס, מיפּ קאָכט טרוסקאַווקעס, אומעטום שפּירט מען דעם ריח פון טרוסקאַווקעס, און ווען איך וויל פון דעם ריח פּטור ווערן און קום אַרויף אַהער, רייניקט מען דאָ... טרוסקאַווקעס".

דעם רעשט טרוסקאַווקעס וועלן מיר קאָנסערווירן. אין אָוונט: מ'האָט געעפנט צוויי סלויעס. דער פאָטער גרייט צו גיך פון זיי מאַרמעלאַד. אויף מאָרגן אינדערפרי: ווידער געעפנט צוויי סלויעס, צו מיטאָג פיר אָפענע סלויעס. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז וואַן דאַן האָט נישט גענוגענד אַנגעוואַרעמט די טרוסקאַווקעס פאַר סטעריליזאַציע. איצט קאָכט דער פאָטער יעדן אָוונט מאַר־מעלאַד.

מיר עסן קאַשע מיט טרוסקאַווקעס, מאָגערע מילך מיט טרוס־קאַווקעס, ברויט מיט טרוסקאַווקעס, טרוסקאַווקעס אַלס נאָכשפּייז, טרוסקאַווקעס מיט צוקער, טרוסקאַווקעס מיט זאַמד. צוויי טעג האָבן מיר נישט געזען עפּעס אַנדערש ווי טרוסקאַווקעס, ביז די זאַפּאַסן זענען אויסגעגאַנגען, און דער רעשט איז געבליבן קאָנ־סערווירט אין סלויעס.

„הער נאָר, אַנאַ", האָט מיר געזאָגט מארגאָט. איך האָב באַ־

קומען גרינעם אַרבעס פון גרינס־הענדלער אין עק גאַס, 19 פונט. „דאָס איז שיין פון זיין זייט", האָב איך געענטפערט. יאָ, דאָס איז פיין, אָבער די אַרבעס... פוי!

„שבת אינדערפרי דאַרפט איר אַלע העלפן אַרויסנעמען די אַרבעס פון די שויטן", האָט געמאָלדן די מוטער בעת דעם עסן. און ווירקלעך, היינט, נאָכן פרישטיק, איז דערשינען דער גרויסער עמייל־טאָפּ אויפן טיש, פול מיט אַרבעס־שויטן. דאָס אָפּשיילן די אַרבעס־שויטן איז אַ לאַנגווייליקע אַרבעט, אָבער פּרווו נאָר אַרויסנעמען דאָס דינע הייטל וואָס איז אין דער שויט. איך מיין, אַז דער רוב מענטשן ווייסן נישט ווי גוט עס איז דער טעם פון אַרבעס־שויטן נאָכדעם ווי מ׳נעמט אַראָפּ דאָס אינעווייניקסטע הייטל. אָבער אָט די מעלה איז גאַרנישט מיט גאַרנישט קעגן אַן אַנדער מעלה: ווער עס עסט אויך די אַרבעס־שויטן, עסט דריי מאָל אַזוי פיל פון דעם וואָס עסט די אַרבעס אַליין.

דאָס אָפּשיילן דאָס הייטל איז זייער אַ פּרעציזע און לאַנגדויערנדיקע אַרבעט, וואָס איז גוט אפשר פאַר פּעדאַנטישע צאָן־דאָקטוירים אָדער פאַר פּינקטלעכע ביוראָ־אַרבעטער; פאַר אַ יונג אומגעדולדיק מיידל איז עס אַ שרעקלעכע אַרבעט. האַלב צען האָבן מיר אָנגעהויבן, האַלב עלף בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין פּלאַץ, עלף אַזייגער האָב איך מיך צוריק געזעצט צו דער אַרבעט. ס׳האָט געזשומעט אין מיינע אויערן: אָפּברעכן ביים עק, אַרויסציען דאָס הייטל, אָפּרייסן דעם פאָדעם, אַוועקוואַרפן דעם שויט און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דער קאָפּ דרייט זיך מיר שוין — גרין, גרין, ווערעמדיק, אַ פאָדעם, פאַרפוילטער שויט, גרין, גרין, גרין.

פון פיל לאַנגווייליקייט, און כדי עפּעס צו טון, רייד איך דעם גאַנצן פרימאָרגן אַלערליי נאַרעשקייטן, איך מאַך אַלעמען לאַכעדיק און פיל אַז איך שטאַרב שיר פון טעמפּקייט. מיט יעדן פאָדעם וואָס איך רייס אַרויס, שטאַרקט זיך אין מיר דער באַשלוס אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך נישט וועלן זיין בלויז אַ בעל־הביתטע!

צוועלף אַזייגער גייען מיר ענדלעך עסן, אָבער פון האַלב איינס ביז אַ פערטל נאָך איינס דאַרפן מיר ווידער אַראָפּנעמען די

היטלעך. ווען איך רייס איבער די אַרבעט, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין קראַנק געוואָרן אויף אַ ים־קראַנקהייט, און אויך אַנדערע שפּירן אַזוי אין אַ געוויסער מאָס. איך לייג מיך שלאָפן ביז פיר אַזייגער, און ווען איך שטיי אויף, בין איך נאָך אַלץ צעמישט פון דאָזיקן שרעקלעכן אַרבעס.

דיין, אַנאַ

שבת, 15 יולי 1944

טייערע קיטי,

מיר האָבן באַקומען פון דער ביבליאָטעק אַ בוך, וואָס זיין פּיקאַנטער נאָמען איז: „וואָס איז דיין מיינונג וועגן מאָדערנעם מיידל?" היינט וועל איך שרייבן אויף דער דאָזיקער טעמע.

די אויטאָרין פון בוך געפינט פעלער אויף פעלער ביי „דער יוגנט פון אונזער צייט", אָבער זי פאַראורטיילט נישט די גאַנצע יוגנט און זאָגט נישט, אַז זי איז נישט מסוגל צו טון קיין שום גוטע זאַך. פאַרקערט, זי האַלט, אַז אויב די יוגנט וועט עס וועלן, וועט זי קאָנען בויען אַ גרויסע וועלט, פיל שענער און בעסער ווי זי איז איצט; ווייל די יוגנט באַזיצט די מיטלען וואָס זענען דערצו נויטיק, נאָר זי באַשעפטיקט זיך מיט אויבערפלעכלעכע זאַכן און ווידמעט נישט אפילו איין געדאַנק פאַר די באמת שיינע זאַכן.

בעתן לייענען פון עטלעכע פראַגמענטן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי די אויטאָרין וואָלט געצילט אין מיר די פיילן פון איר קריטיק, און דעריבער וויל איך פאַר דיר אויפדעקן דאָס גאַנצע האַרץ און זיך פאַרטיידיקן קעגן דעם דאָזיקן אנגריף.

עס איז פאַראַן אין מיין כאַראַקטער איין שטריך, וואָס איז זיכער בולט פאַרן אויג פון יעדן איינעם וואָס קען מיך: איך קען מיך גוט. אין יעדער זאַך וואָס איך טו, בין איך מסוגל מיך אַליין צו אָבסערווירן, — גלייך ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדע. איך שטיי פנים אל פנים פאַר אָט־דער אַנאַ פון אַ גאַנץ יאָר, — אָן איינזייטיקייט, אָן פניות און אָן פאַרדעקן אייגענע שוואַכקייטן מיט תירוצים. איך זע וואָס עס איז גוט און וואָס איז שלעכט אין אירע

מעשים. דאָס דאָזיקע „זעלבסטגעפיל" לאָזט מיך נישט אָפּ, — אפילו אַ רגע. מיט יעדן וואָרט וואָס גייט אַרויס פון מיין מויל ווייס איך גלייך: „דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַנדערש", אָדער „עס איז גוט ווי עס איז". איך אורטייל וועגן מיר אַליין זייער שטרענג אין אַ סך זאַכן, און יעדעס מאָל פאַרשטיי איך מער, ווי דער פאָטער איז געווען מער גערעכט פון מיר ווען ער האָט געזאָגט, אַז „יע־דעס קינד דאַרף זיך זעלבסט דערציען". די עלטערן קאָנען העלפן בלויז מיט אַ גוטע עצה און אָנווייזונג, אָבער דאָס אויסבילדן דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן ליגט אין זיינע אייגענע הענט.

אויסער דעם האָב איך זייער אַ סך מוט, און איך פיל מיך זייער שטאַרק און גרייט צו טראָגן דעם עול, אַזוי פריי און יונג! ווען איך האָב עס צום ערשטן מאָל דערפילט, האָב איך מיך זייער דערפרייט — ווייל איך קלער נישט, אַז איך וועל מיך לייכט אונטערגעבן אונטער די קלעפּ פונעם גורל פון יעדן מענטשן.

אָבער וועגן די דאָזיקע זאַכן האָב איך דיר שוין געשריבן אַ סך מאָל. איצט וויל איך ריידן אויף דער טעמע: „דער פאָטער און די מוטער פאַרשטייען מיך נישט". מיין פאָטער און מוטער האָבן מיך תמיד געפּיעשטשעט, זיי זענען געווען זייער ליב צו מיר, זיי האָבן מיך געשיצט און געטון אַלץ וואָס עלטערן קאָנען טון. און דאָך האָב איך מיך אַ לאַנגע צייט געפילט אַזוי איינזאַם, פאַרלאָזן, פאַרנאַכלעסיקט און אַ נישט פאַרשטאַנענע. דער פאָטער האָט געפּרוּווט טון אַלץ וואָס עס איז אים געווען מעגלעך, כדי אויס־צולעשן אין מיר מיין בונטאַרישקייט, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט; איך האָב מיך אַליין געהיילט דורך דעם וואָס איך האָב אין מיינע אייגענע אויגן געשטעמפּלט מיינע טאָטן וואָס זענען נישט געווען קיין ריכטיקע.

ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס דער פאָטער איז קיינמאָל מיר נישט בייהילפיק געווען אין מיינע ראַנגלענישן, און שטענדיק האָט ער פאַרפעלט דעם ציל ווען ער האָט געוואָלט מיר אויסשטרעקן אַ העלפנדיקע האַנט? דער פאָטער האָט אַ טעות געהאַט ביים אויסוויילן די מיט־לען; תמיד האָט ער גערעדט צו מיר ווי מ׳רעדט צו אַ מיידעלע, וואָס אַלע אירע ראַנגלענישן זענען בלויז קינדישע געראַנגלען. אין פלוג זעט אויס די זאַך משונהדיק — ווייל קיינער האָט מיר

נישט געשענקט אַזוי פיל צוטרוי ווי דער פֿאָטער, און קיינער האָט נישט אַזוי ווי ער אין מיר איינגעפּלאַנצט דאָס באַוווסטזיין אַז איך בין אַ פֿאַרשטענדיקע. ער האָט אָבער איין זאַך פֿאַרגאַכלע־סיקט: ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַז מיין געראַנגל בייצוקומען מיין אינערלעכן קאַמף איז פֿאַר מיר וויכ־טיקער ווי יעדע אַנדערע זאַך. איך האָב נישט געוואָלט הערן וועגן „דערשיינונגען וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן עלטער", וועגן „אַנדערע מיידלעך", וועגן „זאַכן וואָס וועלן זיך ענדערן אַליין פֿון זיך". איך האָב נישט געוואָלט מען זאָל זיך באַציִען צו מיר ווי צו אַ מיידל — ווי אַלע אַנדערע מיידלעך. איך האָב געוואָלט זיין פֿאַר אים אַן אַנאַ מיט איר אייגענעם ווילן. פּים האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען. און איך קאָן נישט שענקען קיין פֿאַר־טרויען אַ מענטשן, וואָס דערציילט מיר נישט זייער אַ סך וועגן זיך; און אַזוי ווי איך ווייס זייער ווייניק וועגן פּים, וועל איך נישט געפֿינען קיין וועג צו אַן אינטימע באַציִאונג צווישן אונז.

פּים, זיין באַציִאונג איז תּמיד ווי פֿון אַן אַלטן פֿאָטער וואָס האָט לעבנס־פּראַקטיק, וואָס האָט אויך אַמאָל געהאַט אַזעלכע פֿאַריבערגייענדיקע נייגונגען, אָבער טראָץ זיינע אַלע אָנשטרענ־גונגען קאָן ער דאָך נישט זיין פֿאַר מיר קיין פֿריינט און שותּף צו מיינע איבערלעבונגען.

צוליב דעם אַלעמען בין איך געקומען צום באַשלוס אויפֿצו־דעקן נאָר פֿאַרן טאָגבוך, און אַמאָל אויך פֿאַר מאַרגאָטן, מיין וועלט־אָנשויאונג און די אידייען אין וועלכע איך האָב אינוועס־טירט אַ סך געדאַנק. איך האָב אויסבאַהאַלטן פֿאַרן פֿאָטער אַלץ וואָס עס איז מיך אָנגעגאַנגען; קיינמאָל אים נישט פֿאַרטרויט מיט מיינע אידעאַלן, בכּוונה האָב איך אים דערווייטערט פֿון מיר.

איך האָב נישט געקאָנט אַנדערש האַנדלען; איך האָב מיך געלאָזט פֿירן פֿון מיין געפֿיל, לויט דעם ווי עס איז בעסער פֿאַר מיין נשמה׳דיקער רו. ווייל איך וואָלט געקאָנט פֿאַרלירן מיין נישט סטאַבילע רו און מיין וואַקלדיקע זעלבסטזיכערקייט, ווען איך וואָלט געמוזט אויסהאַלטן די קריטיק קעגן אַן אַרבעט וואָס איז פֿאַרענדיקט נאָר אין די העלפֿט. דאָס בין איך נישט גרייט צו טון אַפֿילו פֿאַר אים, און הגם די זאַך קאָן אויסזען ווי אַ האַרטהאַר־

ציקייט. ווייל נישט בלויז וואָס איך האָב נישט באַטייליקט פּים אין מיין אינערלעך לעבן — נאָר צייטנווייז שטויס איך אים אָפּ אין מיין אויפרעגונג און דערווייטער אים פון מיר.

ס׳איז פאַראַן איין פראַגע, וואָס איך קלער אַריין אַ סך אין איר: פאַרוואָס רעגט מיך פּים אַזוי אויף? פאַרוואָס קאָן איך כמעט נישט לערנען מיט אים, און זיין גלעטן זעט מיר אויס אַזוי געקינסטלט, און איך וויל האָבן רו? און איך וואָלט געוואָלט אַז ער זאָל מיך אַביסל צורו לאָזן, ביז איך וועל ווידער קאָנען שטיין פאַר אים מיט אַ געוויסער זעלבסטזיכערקייט? ווייל דאָס געוויסן לאָזט מיך נאָך אַלץ נישט צורו צוליב דעם געמיינעם בריוו, וואָס איך האָב געהאַט די העזה צו אים צו שרייבן אין אַ מאָמענט פון כעס. אָך, ווי שווער איז עס צו זיין שטאַרק און געוואַגט אין אַלעמען!

אָבער נישט דאָס איז געווען מיין שווערסטע אַנטוישונג. ניין, פיל מער ווי איך קלער וועגן פּאַטער, קלער איך וועגן פּעטערן. איך ווייס גוט, אַז איך האָב אים דעראָבערט, און נישט פאַרקערט: איך האָב מיר געשאַפן אַ פאַנטאַזיע־סילוועטקע פון אים, איך האָב אים געזען אין מיין טרוים ווי אַ יינגל אַ שטילער, עמפּפינדלעך און ליב. וואָס האָט אַזוי נויטיק ליבע און פריינטשאַפט. איך האָב באַדאַרפט האָבן עמיצן פאַר וועמען דאָס האַרץ זיך אויסצורעדן. איך האָב געוואָלט געפינען אַ פריינט, וואָס זאָל מיר בייהילפיק זיין אויף מיין וועג, און איך האָב געטון די שווערע אַרבעט, און ביסלעכווייז איהם צוגעצויגן צו מיר. און צום סוף, ווען איך האָב אים געבראַכט צו פריינטשאַפט־געפילן פאַר מיר, זענען מיר ממילא געקומען צו אַן אינטימער באַציאונג, וואָס איצט זע איך עס ווי אַ זאַך וואָס איז נישט אויף איר פלאַץ.

מיר האָבן געשמועסט וועגן די סאַמע אינטימסטע זאַכן. אָבער איבער די אַלע ענינים וואָס דאָס האַרץ מיינס איז פול מיט זיי אויך היינט, זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען מיט שווייגן. איך קען נאָך אַלץ נישט פּעטערן גרונטלעך. צי איז ער אויבערפלעכלעך, אָדער אפשר איז עס שעמעוודיקייט וואָס קרעמפּירט אים אפילו אין זיין באַציאונג צו מיר? אָבער לאָמיר דאָס צורו לאָזן. איך האָב געמאַכט איין פעלער, וואָס איך האָב לכתחילה אָפּגעוואָרפן

אַלע אַנדערע מעגלעכקייטן צו געווינען זיין פריינטשאַפט, און געפּרווט זיך דערנענטערן צו אים דורך אינטימקייט. ער לעכצט נאָך ליבע, און איך געפּעל אים מער פון טאָג צו טאָג; איך זע עס זייער גוט. ער איז צופרידן פון אונזערע באַגעגענישן, בעת ביי מיר באַגייען זיי יעדעס מאָל די נייגונג צו מאַכן מיט אים נאָך און נאָך אַן עקספּערימענט. און דאָך קומען מיר נישט צו קיין גע־שפּרעך אויף יענע טעמעס, וואָס איך האָב אַזאַ שטאַרקן באַגער זיי צו באַהאַנדלען. איך האָב פּעטערן דערנענטערט צו מיר מיט געוואַלט, און ער אַליין ווייסט עס נישט. איצט האָט ער זיך אָנגע־קלאַמערט אין מיר, און פּאַרלויפיק זע איך נישט קיין מעגלעכקייט אים ווידער צו דערווייטערן און אים צווינגען זיך צו שטעלן אויף זיינע אייגענע פיס. ווייל ווען איך האָב מיך איבערצייגט אין אַ צייט אַרום, אַז ער קאָן נישט זיין פאַר מיר אַ פריינט לויט מיין אייגענעם געשמאַק, האָב איך געשטרעבט וויניקסטנס אַרויסצוהייבן אים פון זיין ענגן האָריזאָנט און אים דורכדרינגען מיט דער דער־קענטניש פון זיין יוגענטלעכן גלאַנץ.

„ווייל אין דער טיפעניש פון איר האַרץ איז די יוגנט אייג־זאַמער ווי די עלטער" — דאָס וואָרט האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון עפּעס אַ בוך, און איך האָב מיך איבערצייגט אַז ס'איז ריכטיק.

ציי איז באמת ריכטיק די זאַך, אַז די לאַגע פון די דערוואַק־סענע דאָ איז שווערער פון דער לאַגע פון די יוגנטלעכע? ניין, עס איז נישט ריכטיק. די דערוואַקסענע האָבן זייער מיינונג וועגן אַלץ, און זיי וואַקלען זיך נישט, גייען מיט פעסטע טריט. מיר, יונגע האָבן דאָפּעלטע ראַנגלענישן — ווייל מיר מוזן זיך האַלטן ביי אונזערע מיינונגען אין טעג פון חורבן און צושטערונג פון יעדן אידעאַליזם, אין דער תקופה אין וועלכער די מענטשן דעקן אויף די גאַנצע העסלעכקייט זייערע, אין אַ צייט ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן צווייפלען אין אמת, גערעכטיקייט און גאָט.

ווער עס האַלט זיך אַלץ ביי דער מיינונג, אַז דאָס לעבן פון די דערוואַקסענע דאָ אין באַהעלטעניש איז שווערער, קוקט אודאי אַוועק פון דעם מעכטיקן דרוק פון די דאָזיקע פּראָבלעמען. אפשר זענען מיר נאָך צו יונג צו קאָנען לעזן די דאָזיקע פּראָב־

לעמען, אָבער זיי דריקן אויף אונז אַזוי שטאַרק, אַז נאָך פיל ראַנגלנישן דאַכט זיך אונז אַז מיר האָבן זיי געלעזט — אָבער צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז די לעזונג קאָן נישט בייקומען די ווירקלעכקייט וואָס מאַכט זי צונישט. דאָס זענען די שוועריקייטן פון אונזערע טעג: אַקאָרשט האָבן זיך דערוועקט אין אונז אידעאַלן, טרוימען, האָפענונגען — און שוין זענען זיי געשעדיקט געוואָרן דורך דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט און צעשמעטערט געוואָרן ביז צום גרונט.

עס איז אַ גרויס וווּנדער, וואָס איך האָב מיך נאָך נישט מיאש געווען פון אַלע מיינע האָפענונגען, ווייל אין פלוג זענען זיי אַלע אַן אַבסורד און לאָזן זיך נישט פאַרווירקלעכן. דאָך האַלט איך מיך אין זיי, ווייל טראָץ אַלעמען גלויב איך נאָך, אַז דער מענטש איז אינערלעך גוט. איך קאָן נישט, ווען איך וואָלט אפילו געוואָלט, שטעלן אַלץ אויפן טויט, ליידן און ווירוואַר. איך זע ווי די וועלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מדבר, איך הער דאָס הילכן פון שטורעם און דונער וואָס דערנענטערן זיך, וואָס וועט אויך אונז טויטן. איך פיל די יסורים פון מיליאָנען מענטשן — און דאָך, איז מיר גענוג איך זאָל אויפהויבן די אויגן צום הימל און ווידער קערט זיך אום צו מיר מיין גלויבן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט, אַז אויך די צרה וועט אַוועק פון דער וועלט, און שלום און רו וועלן ווידער זיך אומקערן צו דער מענטשהייט.

און דערווייל מוז איך גוט היטן מיינע אידייען: אפשר וועט נאָך מעגלעך זיין זיי צו פאַרווירקלעכן אין די טעג וואָס וועלן קומען.

דיין, אַנאַ

פרייטיק, 21 יולי 1944

טייערע קיטי,

איצט גייט אויף אין מיר אַ האָפנונג; ענדלעך פירט זיך אַלץ ווי עס געהער צו זיין. יאָ, ווירקלעך, אַלץ איז גוט! דערפרייענדיקע בשורות! געווען אַן אַטענטאַט אויף היטלערן, און דאָס מאָל נישט דורך יידישע קאָמוניסטן אָדער ענגלישע קאַפּיטאַליסטן, נאָר דורך

אַן אַריסטאָקראַטישן דייטשן גענעראַל, וואָס איז אַלס צוגאָב נאָך אַ גראַף און אויך יונג. די השגחה האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון פירער, און צו אונזער באַדויערן איז ער אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע לייכטע וווּנדן. אייניקע אָפיצירן און גענעראַלן פון זיין סוויטע זענען דערהרגעט אָדער פאַרווונדערט געוואָרן, דער הויפּט־שולדיקער איז דערשאָסן געוואָרן.

דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז אַ סך אָפיצירן און גענע־ראַלן איז שוין די מלחמה נמאס געוואָרן און זיי וואָלטן געוואָרן געוואָלט, אַז היטלער זאָל אומקומען. זיי שטרעבן אויפצושטעלן נאָך היטלערס טויט אַ מיליטערישע דיקטאַטור, שליסן פרידן מיט די פאַרבינדעטע, אויפסניי זיך צו באַוואָפענען, און אין צוואַנציק יאָר אַרום אָנהויבן אַ פרישע מלחמה. אפשר איז עס אויך אַ באַשערטע זאַך, אַז היטלער זאָל נאָך נישט באַזייטיקט ווערן; פאַר די פאַרבינדעטע איז באַקוועמער און אַ סך נוצלעכער, אַז די „עכטע" דייטשן זאָלן זיך איינער דעם אנדערן אַליין ליקווידירן — ס'וועט זיין וויניקער ארבעט פאַר די רוסן און ענגלענדער, און זיי וועלן זיך קאָנען פריער אָפּגעבן מיט ווידער אויפבויען די חרוב־געוואָ־רענע שטעט.

אָבער מיר האַלטן נאָכנישט דערביי, און איך וויל זיך נישט פאַרשפּילן אין האָפענונג, נאָך איידער מ'זעט די גרויסע טאַטן. יעדנפאַלס זעסטו, אַז דאָס וואָס איך זאָג איצט באַזירט זיך אויףווירקלעכקייט — „מיטביידע פיס אויף דער ערד". דאָס מאָל (אַן אויסנאַמס־פאַל!) פלוידער איך נישט וועגן הויכע אידעאַלן. היטלער איז געווען אַזוי ווייט ליבנסווירדיק, אַז ער האָט געלאָזט וויסן זיין געטריי און איבערגעגעבן פאָלק, דאָס פון היינט אָן און ווייטער זענען אַלע מיליטער־לייט פאַרפליכטעט צו פאָלגן די געסטאַפּאָ, און יעדער זעלנער וואָס ווייסט, אַז זיין עלטסטער איז געווען פאַרמישט אין דעם פּחדנותדיקן און געמיינעם אַטענטאַט, האָט אַ רעכט אים צו שיסן אָן יעדן משפט.

באמת, ס'וועט זיין אַ פיינער עסק. איינעם אַ זעלנער טוען וויי די פיס פון פיל גיין, און דער אָפיציר זידלט אים אויס. כאַפּט יענער זיין ביקס און שרייט: „דו האָסט געוואָלט הרגנען דעם פירער — אָט האָסטו די באַצאָלונג!" איין שאָס — און דער הויכ־

געשטעלטער קאָמאַנדיר, וואָס האָט געהאַט די העזה אַנצושרייען אויף אַ זעלנער, קויפט זיך דאָס אייביקע לעבן (אָדער דעם אייביקן טויט?). דער סוף וועט זיין, אַז די הערן אָפיצירן וועלן מאַכן אין די הויזן יעדעס מאָל ווען זיי וועלן האָבן עפּעס אַן עסק מיט אַ זעלנער אָדער זיי וועלן דאַרפן געבן באַפעלן; די קאָמפּעטענץ פון די זעלנער וועט זיין גרעסער ווי די פון זייערע באַפעל־געבער.
צי פאַרשטייסטו וואָס איך זאָג, אָדער איך האָב ווידער פאַרביטן די יוצרות? ס'איז נישט מיין שולד. איך בין אַזוי פריילעך, אַז איך קאָן נישט ריידן לאָגיש — ס'איז דאָך פאַראַן אַן אויסזיכט, אַז אין אָקטאָבער וועל איך ווידער קאָנען זיצן אויף דער שול־באַנק! אָך, צי האָב איך דען אַקאָרשט נישט געזאָגט, אַז איך וויל נישט לאָזן פאַרוויסלויפן די האָפנונגען פאַר די געשעענישן? זיי מיר מוחל, נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז איך בין אַ קנויל פון סתירות!

דיין, אַנאַ

דינסטיק, 1 אויגוסט 1944

טייערע קיטי,

„אַ קנויל פון סתירות”. מיט דעם האָב איך פאַרענדיקט מיין פריערדיקן בריוו, און מיט דעם הויב איך אָן מיין איצטיקן בריוו. „אַ קנויל פון קעגנזאַצן” — צי קאָנסטו מיר אויפקלערן גענוי וואָס דאָס איז אַזעלכעס? וואָס איז דער טייטש פון וואָרט „סתירה”? אויך דאָס וואָרט, ווי אַ סך אַנדערע, האָט צוויי באַדייטונגען: אַן אויסערלעכע סתירה און אַן אינווייניקסטע סתירה.

דער ערשטער באַדייט איז דער געוויינלעכער: „נישט מסכים צו זיין צו דער מיינונג פון אַ צווייטן, זיך אַנטקעגן צו שטעלן אַלע, און שטעלן פעסט אויף זיך” — דאָס אַלץ זענען אומאַנגענעמע אייגנשאַפטן, און אַלע וויסן אַז דאָס זענען מיינע אייגנשאַפטן. דער צווייטער באַדייט איז נישט באַקאַנט — עס איז מיין סוד.

נישט איינמאָל האָב איך דיר דערציילט, אַז מיין נשמה איז ווי געשפּאָלטן. איין טייל איז מיין אומגעצוימטע פריילעכקייט, מיין

אַפּשפּאַטן פון אַלעמען, מיין ליבע צום לעבן, און באַזונדערס מיין אייגענשאַפט צו זען אין אַלעמען די גוטע זייט; און אויך דאָס, וואָס איך האַלט מיך נישט צוריק פון אַ פלירט, אַ קוש, אַ גלעט, אַ געפּעפּערטן וויץ. דער טייל אין מיר לויערט שטענדיק און רייסט זיך אַריין אין תחום פון צווייטן, וואָס איז אַ סך שענער, זויבער און טיף. נישט אַזוי? די דאָזיקע שיינע זייט פון אַנאַ קען קיינער נישט, און דעריבער זענען פאַראַן אַזוי ווייניק מענטשן וואָס האָבן מיך ליב.

געוויס, איך בין אַ פריילעך־מאַכנדיקער קלאון אויף אַ האַלבן טאָג, אָבער נאָכהער קאָן מען מיך נישט ליידן במשך פון אַ גאַנצן חודש. אייגענטלעך איז עס גענוי ווי אַ ליבע־פילם פאַר טיף־דענקנדיקע מענטשן; סתם אַביסל פאַרווילונג, אַן איינמאַליקע שפּיל, עפּעס אַזעלכעס וואָס מ׳פאַרגעסט באַלד, עפּעס וואָס איז נישט שלעכט, אָבער אויך נישט גוט. עס איז מיר נישט אנגענעם דיר עס צו דערציילן, אָבער פאַרוואָס זאָל איך דיר נישט אויפ־דעקן דעם אמת? דער לייכט־וואַגיקער און אויבערפלעכלעכער טייל אין מיר איז תמיד רירעוודיקער פון דעם טיפערן טייל, און דעריבער האָט ער תמיד די אויבערהאַנט. דו האָסט נישט קיין באַגריף, וויפיל מאָל איך האָב שוין געפּרווט אָפּצושטויסן, צוימען און באַהאַלטן די דאָזיקע אַנאַ, וואָס איז נישט מער ווי אַ העלפט פון אַנאַ; איז עס מיר נישט געלונגען, און איך וויים פאַרוואָס עס איז מיר נישט געלונגען.

איך האָב שטאַרק מורא, טאָמער וועלן חלילה מיינע באַ־קאַנטע אַנטדעקן, אַז עס איז פאַראַן אין מיר אויך אַן אַנדער טייל, אַ שענערער און אַ בעסערער. איך האָב מורא, אַז מ׳וועט פון מיר חוזק מאַכן, מיך האַלטן פאַר לעכערלעך און סענטימענטאַל, מ׳וועט זיך נישט באַציען צו מיר ערנסט. איך בין געוווינט, אַז מ׳זאָל זיך צו מיר באַציען נישט ערנסט, אָבער בלויז די „לייכטע״ אַנאַ איז געוווינט דערצו און קאָן עס אויסהאַלטן; אַנאַ די „שווער־וואַגיקע״ איז צו שוואַך. ווען איך מאַך אַן אָנשטרענגונג און צווינג די גוטע אַנאַ אַפּצודעקן אויף אַ וויילע איר געזיכט, פאַרשליסט זי זיך אין זיך ווי „ריר־מיך־נישט־אָן״, אין מאָמענט ווען זי דאַרף

ריידן, גיט איבער דאָס וואָרט צו אַנאַ איינס, און איידער איך האָב עס נאָך באַמערקט, ווערט זי פאַרשווונדן און איז נישטאָ.

די דאָזיקע גוטע אַנאַ האָט זיך דעריבער נאָך נישט ענטפּלעקט אפילו איין מאָל אין דער געזעלשאַפט, אָבער ווען איך בין אַליין, איז זי כמעט תמיד די הערשערין. איך ווייס גענוי, וואָס איך וואָלט געוואָלט זיין און וואָס איך בין... אינערלעך; אָבער צו מיין באַדויערן קאָן איך זיין אַזוי, בלויז פאַר מיר אַליין. און דאָס איז אפשר — ניין, דאָס איז זיכער די סיבה, וואָס איך אַליין זאָג, אַז פון מיין נאַטור אויס בין איך גליקלעך אינערלעך, בעת אַנדערע זאָגן, אַז פון מיין נאַטור אויס בין איך גליקלעך אויסערלעך. אינערלעך איז די ריינע אַנאַ אַ וועג־ווייזערן פאַר מיר, בעת אויסערלעך בין איך בלויז אַ קליין ציגעלע, וואָס האָט פון גרויס האפערדיקייט זיך אָפּגעריסן פון שטריקל.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם וואָס איך פיל און דעם וואָס איך זאָג, און אַזוי אַרום האָב איך באַקומען אַ שם פון אַ יינגלעך־יעגערין און אַ פלירט־זוכערין, אַן אַלץ־וויסערין און אַ ראָמאַנען־לייענערין. די פריילעכע אַנאַ לאַכט פון דעם, ענטפערט אָפּ חוצפהדיק, פאַרציט גלייכגילטיק די אַקסלען, מאַכט דעם אָנשטעל אַז עס אַרט איר נישט; אָבער, אוי ווי, די שטילע אַנאַ רעאַגירט אַנדערש אויף דעם, אַבסאָלוט דעם היפך דערפון. אויב זאָגן דעם גאַנצן אמת, דאַרף איך מיך מודה זיין, אַז עס אַרט מיך דווקא זייער, אַז איך מאַך אַ גרויסע אָנשטרענגונג מיך צו ענדערן, אָבער איך שטויס מיך אָן יעדעס מאָל אין אַ פיל שטאַרקערן פיינט.

אין געהיים וויין איך: „אָט זע וואָס דו האָסט אויסגעפירט: אַלע האָבן וועגן דיר אַ שלעכטע מיינונג. שפּעטן און זענען בייז אויף דיר, מ׳האָט דיך נישט ליב — און אַלץ דערפאַר, ווייל דו הערסט נישט דאָס קול פון דיין גוטע העלפט". אַך, איך וואָלט זייער געוואָלט הערן די דאָזיקע שטים, אָבער איך קאָן נישט; ווען כ׳בין שטיל און ערנסט, קלערן אַלע אַז דאָס איז עפּעס אַ נייע קאָמעדיע, און דעמאָלט מוז איך מיך ראַטעווען מיט אַ וויץ — שוין נישט ריידנדיק וועגן די מיטגלידער פון מיין פאַמיליע, וואָס זענען איבערצייגט אַז איך בין קראַנק, צווינגען מיך צו שלינ־

געז פילן קעגן קאַפּ־ווייטיק און טאַבלעטן אויף צו באַרואיקן די נערוון, טאַפּן מיר דעם שטערן און האַלז צו זען, צי האָב איך נישט קיין היץ, פרעגן מיך צי לייד איך נישט אויף עצירות און בייזערן זיך אויף מיר, הלמאי איך בין אין אַ שלעכטער שטימונג. דאָס קאָן איך נישט איבערטראָגן: ווען מ׳פּאַסט אויף און מ׳זאָרגט אַזוי שטאַרק וועגן מיר, ווער איך תחילת אויפגערעגט און נאָכהער באַפאַלט מיך אַן אומעט, און לסוף ווער איך ווידער האַרט־האַרציק, כ׳שיק אַרויס דאָס שלעכטע אין דרויסן און באַהאַלט דאָס גוטע ביי מיר אינערלעך. און איך זוך בלויז אַ וועג צו זיין ווי כ׳וואָלט גע־וואָלט זיין און ווי כ׳וואָלט געקאָנט זיין, ווען נישט... ווען נישט דאָס, וואָס עס זענען דאָ נאָך מענטשן אויף דער וועלט אַ חוץ מיר.

דיין, אַנאַ

עפּילאָג

דאָ ענדיקט זיך אַנאַ׳ס טאָגבוך. דעם פערטן אויגוסט 1944 האָט זיך אַריינגעריסן אין באַהעלטעניש די „גרינע פּאָליציי". אַלע באַהאַלטענע, ווי אויך קראַלער און קאָפּהויז זענען אַרעסטירט גע־וואָרן און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד.

די געסטאַפּאָ האָט אויסגערויבט דאָס באַהעלטעניש. אין אַ הויפן אַלטע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס זענען געבליבן ליגן אויפן דיל, האָבן מיפּ און עלי געפונען אַנאַ׳ס טאָגבוך. דער אָריגי־נעלער טעקסט פון טאָגבוך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ חוץ עט־לעכע פראַגמענטן וואָס האָבן אַ קליינעם ווערט פאַרן לייענער.

פון די אויסבאַהאַלטענע איז צוריקגעקומען בלויז אַנאַ׳ס פאָטער. קראַלער און קאָפּהויז האָבן אויסגעהאַלטן די יסורים פון לאַגער אין האָלאַנד און זיך אומגעקערט צו זייערע פאַמיליעס.

ווי אַזוי איז געשטאָרבן אַנאַ פראַנק

דאָס טאָג־בוך פון דער פינפצן־יאָריקער אַנאַ פראַנק איז איבער־געריסן געוואָרן אינמיטן, בעת די נאַציס האָבן זיך אַריינגעריסן אינם באַהעלטעניש פון דער פאַמיליע פראַנק אין אמסטערדאַם. וואָס איז געשען דערנאָך? וועגן די לעצטע טעג פונעם יידישן מיידל, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדע פון דער מאָדערנער וועלט, — איז ביז איצט געווען באַקאַנט בלויז זייער ווייניק. מען האָט געוווסט, אַז זי איז געשטאָרבן — ווי מיליאָנען פון אירע ברודער — אין אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

כדי צו דערגאַנצן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון איר קורץ לעבן, האָט מיט אַ יאָר צוריק דער מערב־דייטשער פאַרלעגער, ס. פישער געשיקט דעם שריפטשטעלער ערנסט שנאַבעל, צו פאָרשן אין דייטשע און האָלענדישע אַרכיוון. דער ציל איז געווען אַרויסצוגע־פינען, דורך דאָקומענטן און לעבעדיקע עדות פון איבערגעבליבענע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, וויאַזוי אַנאַ פראַנק האָט געפונען איר טויט. לעצטנס האָט דער „פיגאַראָ ליטערער" אין פּאַריז פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אויסדערווײַלטע קאַפּיטלען פון שנאַבעלס פאָרש־באַריכט.

דאָס איז דער תמצית פון די זאַכן וואָס שנאַבעל האָט אויס־געפונען:

אַנאַ און איר שוועסטער מאַרגאָט, ווי אויך זייערע עלטערן, זענען צוערשט געוואָרן פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה פון וועסטער־ברוק, אין האָלאַנד. נאָכדעם זענען זיי פאַרשיקט געוואָרן אין בהמות־וואַגאָנען קיין אוישוויץ. אַ פרוי וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט זיי אין תפיסה זאָגט עדות: „די טירן פון וואַגאָן זענען געעפנט גע־וואָרן, און די ערשטע זאַך וואָס מיר האָבן געזען אין אוישוויץ זענען געווען די ליכט־פּראָזשעקטאָרן וואָס האָבן פאַרפלייצט די וואַגאָנען אַ שטימע פון אַ מעגאַפאָן, וואָס האָט פאַרהילכט דאָס גערויש, האָט

גערופן: „פרויען — לינקס, מענער — רעכטס!" איך האָב געזען ביים אַרויסגיין די הערן: וואַן דאַן, דיסעל, פעטער און פראַנק".

מער האָבן זיך שוין די מענער נישט געזען מיט זייערע פרויען. די פרויען האָט מען געזאָגט, אַז לאַסט־אויטאָס וועלן ברענגען די קינדער און קראַנקע צום לאַגער. אָבער די וואָס האָבן זיך דורכ־געריסן צו די אויטאָס בכוח זענען שוין קיינמאָל נישט צוריקגע־קומען אין לאַגער: זיי זענען „פאַרשוווּנדן" געוואָרן פון דער ערד־אויבערפלאַך.

אין אוישוויץ האָט מען אַנאַ'ן באַפוילן צו פאַרבינדן אירע לאַנגע האָר. עס האָט זיך געדוכט אַז אירע גרויסע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן, ווייל דאָס קינד איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג מאָגערער. איר פריילעכקייט איז פאַרשוווּנדן, אָבער עס איז געבליבן איר דינאַמישער גייסט, וועלכן מען האָט נישט געקאָנט צוימען. די פרויען זענען איינגעטיילט געוואָרן אין גרופּעס פון פינף, און נישט געקוקט אויף דעם וואָס אַנאַ איז געווען די יינגסטע אין איר גרופּע, — איז זי געוואָרן אַ וואָרט־זאָגערין ביי אירע שוועסטער אין גורל. בעת זיי זענען פאַרבליבן כמעט אָן אַ קליידל אין די שווערע ווינטער־טעג, — האָט אַנאַ אַנט־דעקט אַ זאַפּאַס פון לאַנגע אונטערהויזן. זי האָט אפילו באַוויזן צו פאַרבערייטן — אויף אַ מיסטעריעזן אופן — אַ טעפּל קאַפע פאַר אַן אַרעסטאַנטין וואָס די כוחות זענען איר אויסגעגאַנגען.

די מערהייט פון די דערוואַקסענע האָבן זיך באַמיט נישט צו זען די ווירקלעכקייט. „ווער האָט זיך מטריח געווען — זאָגט די עדות — צו קוקן אויף די פלאַמען, וואָס האָבן אַרויסגעריסן זיך פון דער קרעמאַטאָריע, בעת עס איז פּלוצים אָנגעקומען אַ באַפעל אַרומצורינגלען דעם שכנותדיקן בלאָק — ווער האָט זיך מיט דעם איבערגענומען? מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז מען גרייט צו אונזערע שכנטעס פאַר דער קרעמאַטאָריע. מיר זענען אָבער געווען אַזוי איינגעוווינט מיט די איבערלעבענישן, אַז דער דאָ־זיקער פאַקט איז שוין נישט געווען אימשטאַנד משפּיע צו זיין אויף אונז. מיר האָבן שוין מער גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט".

אָבער אַנאַ פראַנק האָט געזען און געהערט, — ממש ביזן טאָג פון איר טויט. איינע פון די געראַטעוועטע האָט עדות גע־זאָגט: „איך קאָן זי נאָך איצט זען אין מיין פאַנטאַזיע, ווי זי שטייט נעבן דער טיר און קוקט אויף אַ גרופּע פון יינגע ציגיי־נערינס, בעת זיי ווערן נאַקעטע, געפירט צו דער קרעמאַטאָריע. אַנאַ האָט אַהין געקוקט — און טרערן זענען איר גערינען פון די אויגן. זי האָט אויך געוויינט, ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנ־גען נעבן אַ גרופּע אונגאַרישע קינדער, וואָס האָבן, נאַקעטע, געוואַרט צוועלף שעה, — אין אַ גאָס רעגן, — אויף זייער ריי אין דער קרעמאַטאָריע. אַנאַ האָט אויסגערופן מיט אַ געוויין: „קוקט זיך איין אין זייערע אויגן!“ זי האָט געוויינט, בעת די מערהייט פון אונז האָט שוין מער קיין טרערן נישט געהאַט“.

דעם דרייסיקסטן אָקטאָבער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „סעלעקציע“ פון די שטאַרקסטע און יינגסטע, כדי זיי אַוועק־צושיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, בעלזען. די נאַקעטע פרויען זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ זאַל, אין וועלכן אַ דאָקטאָר האָט, ביי דער ליכט פון פּראָזשעקטאָרן, אויסגעוויילט די קאַנדי־דאַטינס: איינע — קיין בעלזען, די אַנדערע — אין די גאַז־קאַמערן. אַנאַ׳ס פּנים איז געבליבן פאַרגליווערט, — אפילו אונטערן פאַרבלענדענדיקן ליכט פונעם פּראָזשעקטאָר. זי האָט אַנגענומען מאַרגאָטביים אָרעם און צוזאַמען מיט איר זיך גע־שטעלט צו דער „אונטערזוכונג“. נאָך איצט זע איך איר קליינע געשטאַלט, ווי זי שטייט נאַקעט: זי האָט אויסגעדרייט צו אונז איר ערנסט פּנים.

דערנאָך האָבן די נאַציס אַוועקגעטריבן די וואָס זיי האָבן נישט געשיקט אין די גאַז־קאַמערן, עס איז געווען אוממעגלעך צו זען וואָס עס טוט זיך הינטער די פּראָזשעקטאָרן. מאַדאַם פראַנק האָט מיט שרעק אויסגעשריען: „קינדער מיינע! גאָט, מיין גאָט!“

אין גיהנום פון בערגען־בעלזען זענען אַנאַ און איר שוועס־טער מאַרגאָט געבליבן בלויז פינף חדשים. ביידע זענען קראַנק געוואָרן. מאַרגאָט איז געווען אָן באַוווסטזיין אייניקע טעג, דער־

נאָך האָט מען זי געפינען טויט. אַנאַ איז געווען אַזוי קראַנק אַז קיינער האָט איר נישט דערציילט, וואָס עס איז געשען מיט איר שוועסטער. אַ ליידנס-חברטע פון ביידע שוועסטערן האָט עדות געזאָגט: „עטלעכע טעג שפּעטער איז אַנאַ רואיק געשטאָרבן, — מיטן גלויבן, אַז דער טויט וועט זי אויסלייזן פון אירע יסורים".

אינקורצן דערשיינט אין אונזער פארלאג

דאָס לאַנג דערוואַרטעטע בוך:

„טאגבוך פון לאָדזשער געטאָ"

פון שלמה פראַנק

— צווייטע אויפלאַגע —

וועגן שרייבער און וועגן דער היסטאָרישער אויטענטישקייט פון טאָג-בוך שרייבט דער באַקאַנטער היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל:

אַ סך יידן האָבן אין די פינסטערע געטאָ-יאָרן געשריבן זכרונות, אָבער ווייניק מחברים זענען געבליבן לעבן און נאָך ווייניקער זכרונות זענען צו אונז דערגאַנגען. איינער פון די, וואָס האָבן זוכה געווען איבערצולעבן דעם היטלער-גיהנום און אָפּצוגעפינען, נאָך דער באַפרייאונג, זיינע כתבים, איז דער לאָדזשער זשורנאַליסט שלמה פראנק. איך דערמאָן זיך ווי ער איז געקומען צולויפן אין דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע, וואָס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן צו שטעלן אירע ערשטע טריט אין דער נאָר וואָס באַפרייטער שטאָט לאָדזש, — בעת די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, — מיט דער פריילעכער בשורה: „איך האָב געפינען מיינע נאָטיצן, וואָס איך האָב באַהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך פון געטאָ, אין די זומער חדשים פון יאָר 1944, איידער דאָס געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן און איידער איך אַליין בין אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן רעשט ביסל לאָדזשער יידן אין דעם לאַגער, פון וועלכע ס'איז נישטאָ קיין צוריק". איך האָב זיך גע־וואָרפן לייענען די האַלב צעריסענע העפטן, אין וועלכע די טינט־

שריפט איז צעשווומען געווען פון פייכטקייט און איך בין אויפגע־
ציטערט געוואָרן פון דעם בילד פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנ־
גענהייט, וואָס היינט דאַכט זיך עס אונז אויס ווי אַ נישט־רעאַלער
קאָשמאַר.

שלמה פראַנק איז נישט קיין היסטאָריקער, ער גיט אונז
אויך נישט קיין געשיכטלעכע באַשרייבונג, דאָס האָט ער אפילו
נישט געקאָנט טאָן אין יענער צייט און גוט וואָס ער האָט אפילו
נישט געפּרוווט דאָס צו טאָן, ער גיט אונז דערפאַר אַ שטיק פון
געטאָ־לעבן גופא, ווו אַזוי די יידן האָבן אין יענעם צייט־אָפּשניט
געלעבט, ווי אַזוי האָט „די גאַס" רעאַגירט אויפן גאַנצן אַרום,
וואָס זיי האָבן געטראַכט, וואָס גערעדט צווישן זיך, ווי אַזוי זיך
געוויצלט און געלאַכט מיט יאַשטשערקעס און ווי אַזוי ביטער גע־
וויינט אויפן אייגענעם גורל און אויפן גורל פון די נאָנטסטע.

שלמה פראַנק באַנוצט זיך נישט מיט קיין געשיכטלעכע
מקורות, נישט מיט קיין וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־מעטאָדן, א.
א. וו. דאָס פולע געשיכטלעכע בילד פון יענער עפּאָכע וועט אונז
געבן, מיט דער צייט, די געשיכטע־פאָרשונג, וואָס וועט זיך באַנוצן
מיטן געהעריקן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט און שעפּן פון די אַלע
קוואַלן, וואָס זענען באַקאַנט פון יענער צייט און וואָס זענען ערשט
באַקאַנט געוואָרן נאָך דער מלחמה.

שלמה פראַנק איז ווייט פון צו געבן אַזאַ פול היסטאָריש
בילד און ער האָט זיך אויך נישט אַריינגעלאָזט אין פאָרשן און אין
באַשרייבן אַלע פּרטים פון געטאָ־לעבן. ער גיט אונז אָבער דאָס
וואָס ער האָט אַליין געזען, אַליין געהערט און אַליין מיטגעמאַכט,
אָפּלעבנדיק קאַרגע פינף יאָר אין לאָדזשער געטאָ. זיינע נאָטיצן,
מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאָנט אין אָריגינאַל, געבן אַן אויס־
שניט פון אַ געוויסער ווירקלעכקייט און אַן אויטענטישקייט פון אַ
צייט־אָפּשניט וואָס איז איינמאַליק אין לעבן פון אַ פאָלק. אַזאַ
אויסשניט קען געבן נאָר דער יעניקער, וואָס האָט אַליין מיט זיין
אייגן לייב און לעבן דאָס מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט.

דער מחבר שלמה פראַנק האָט געשאַפן די ציגל מיט
וועלכע דער היסטאָריקער וועט אַמאָל זיך באַנוצן ביים שרייבן זיין

געשיכטע, אָבער, אויב דאָס ווערק פונם געשיכטע־פאָרשער האָט אַ פאַרבייגייענדיקן ווערט, איז אָפּהענגיק פון צייט און סביבה און קאָן האָבן אַזאַ צי אַנדערע סוביעקטיווע באַפאַרבונג, האָבן די ציגל (די מאָמענט־אויפנאַמען — אויב מיר וועלן זיי אַזוי אָנרופן) אַן אייביקן ווערט.

זיי לאָזן זיך נישט איבערפאָרשן. דאָס אויסטייטשן די געשעענישן וועט געטאָן ווערן דורך דעם געשיכטע־פאָרשער, צי וועט ער דאָס טון היינט צי מאָרגן, צי גאָט ווייסט ווען — איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס עס זענען פאַראַן אומבאַרירלעכע יסודות, אויף וואָס עס וועט געבויט ווערן די פאַרטייטשונג פונם היסטאָריקער. איינע פון אָט די יסודות, וואָס שייך דער געשיכטע פון דער לאָדזשער געטאָ, איז דאָס טאָג־בוך פון שלמה פראַנק.

נחמן בלומענטאל

דאָס בוך וועט אַנטהאַלטן בערך 350 זייטן

פאַרלאַג „מנורה", תל־אביב, רח' זנגביל 24